STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01125

DI BRIDER ASHKENAZI

Israel Joshua Singer

Permanent preservation of this book was made possible by Howard & Betty Smigel

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. זינגער

די ברידער אשכנזי

ערשטער טייל

געבורט

• •

הויפּטפּארקויף:
מאַקס נ. מייזיל
ניו - יאָרק
1937

DI BRIDER ASHKENAZY

Copyright 1937

— By —

I. I. SINGER

New York

Manufactured in the

UNITED STATES OF AMERICA

געווידמעט דעם אָנדענקען פון
מיין היים געליבטען און
אונפאַרגעסליכן זון

יאַשאַ

וועלכער איז אין זיין בליהענדער
יוגענט אַוועק פון דער וועלט.

אויף די זאמדיקע וועגן פון זאקסן און שלעזיע קיין פוילן, דורך וועלדער, דערפער און שטעטלעך, חרובע און אָפּגעברענטע נאָך דער נאַפּאָלעאָנישער מלחמה, האָבן זיך געצויגן איינס נאָך ס'אַנדערע פורן מיט מענער, ווייבער, קינדער און זאכן.

די פוילישע פויערים, די לייב-שקלאַפן פון די פריצים, האָבן אָפּגעשטעלט זייערע אקערס אין מיטן פעלד און, פארהויבנדיק די הענט צו די אויגן פאר דער זון און שטויב, האָבן זיי מיט צעצויגענע, בלויע אפּלען לאנג באטראכט די פרעמדע וואָגנס און מענטשן. די פויערטעס האָבן אָנגעשפּארט זיך מיט די הענט אויף די „מאָטיקעס" און פאררוקט די רויטע טיכלעך פון די קעפּ, כדי צו זען. די פלאַקס-האָריקע קינדער אין בלויזע גראָב-לייוונטענע העמדלעך זענען, צוזאמען מיט די הינט, ארויס פאר די געפּלאָכטענע דאָרפישע פּלויטן פון די ערד-שטיבלעך און מיט א געבילעריי און געשריי באגעגנט די דורכרייזנדע. פאר אידישע דאָרפישע קרעטשמעס זענען אידישע אינגעלעך מיט שווארצע, געקרייזלטע פּאהלעך און אין ציצית-כנפותלעך אויף די צעריסענע הויזלעך געשטאַנען פאר די טירן און מיט אויפגעריסענע שווארצע און פארחידושטע אויגן באטראכט די וואָגנס, וואָס האָבן זיך געצויגן אין א לאנגער ריי, לאנגזאם און פאַראויס.

— מאַמע! — האָבן זיי גערופן זייערע מוטערס, די שענקערינס פון די קרעטשמעס. — קום זען, מאַמע!

מאָדנע פורן און מענטשן זענען איבער די פוילישע וועגן געפאָרן, אזעלכע, וואָס מען האָט אין פוילן זעלטן געזען. די פורן זענען נישט געווען פריציש-שיינע; נישט קיין דאָרפיש-לאַנגע און שמאָלע, מיט לייטערס אין ביידע זייטן, ווי עס נוצן די פויערים; נישט קיין אידיש-באַלעגאָלישע מיט פארלאטעטע זייטן און נאָכגעהענדיקע עמערס; נישט קיין פּאָסט-וואָגנס מיט פיר פערד און טרומייטערס. אויך די פערד אין די וואָגנס זענען געווען

אנדערש געשפּאַנט, מיט א סך לעדערלעך, פּאַסן און רימענס, וואָס אין פּוילן זעט מען עס נישט. אָבער גאָר אַנדערש זענען געווען די מענטשן, וואָס זענען אויף די פורן געפאָרן.

פאַרשידן זענען זיי געווען, די פורן: פורן ברייטע, מיט שווע-רע הויכע רעדער און אין גוטע פערד געשפּאַנט, און פורן לייכטע, שלעכט-צוזאַמענגעשטעלטע, פון איין פערדל געשלעפּט; פורן-היי-זער, מיט ווענט און א דאך, ווי עס האָבן אַזעלכע וואַנדערנדיקע קאָמעדיאַנטן און צירק-לייט, און פורן מיט לייוונט באַדעקט אויף רייפן, ווי עס נוצן ציגיינער. צווישן די פורן האָבן זיך אויך דורכ-געוואָרפן קליינע וועגעלעך, געפירט פון צוויי גרויסע הינט, און אַנדערע, צו וועלכע עס זענען געווען בלויז איינגעשפּאַנט מאַן און ווייב און קינדער האָבן אונטערגעשטופּט פון הינטן.

ענלעך צו די פורן זענען געווען די באַלעבאַטים זייערע. עס זענען געלעגן פאַנאַנדערגעלייגט אויף די פורן-הייזער פעטע, ביי-כיקע דייטשן מיט בלאָנדע בערד, וואָס פון פאָרנט זענען זיי גע-גאָלט און אויפן האַלז וואַקסן זיי, מענער מיט לולקעס אין די מיי-לער און מיט זייגערלעך אין די טאַשן. נעבן זיי האָבן זיך געפּאַרעט באַלייבטע דייטשקעס, ווייבער אין הויבן אויף די קעפּ און אין הילצערנע שיך אויף די רויט-וואָלענע זאָקן, אויסגעפּילט מיט פיס. דידאָזיקע וואָגנס זענען געווען פול מיט זאַכן, בעטגעוואַנט, קליי-דער, שטיקער וועבערייען, קופערשטיכן פון דייטשע קעניגן און זיגרייכע קריגן, אַזוי אויך מיט א ביבל און מיט עטלעכע געבעט-ביכלעך. גענז, הינער און קאַטשקעס האָבן נישט אויפגעהערט קאַרדאַטשען אין זייערע שטייגן. קראָליקעס האָבן געפּישטשעט און געשפּרונגען אין היי. ים-חזרימלעך האָבן געקוויטשעט. פון דרויסן מיט שטריק צוגעבונדענע צום וואָגן פון הינטן זענען מיטגעגאַנגען צו עטלעכע קי, דיקע און גרויס-אייטערדיקע.

אין די קלענערע וואָגנס זענען די מענטשן געווען אַזוי מאָגער און פאַרהאָרעוועט, ווי די איינצעלנע פערדלעך זייערע, וואָס האָבן זיי, געבויגענע ביז דער ערד, געשלעפּט איבער די שווערען וועגן. די איינצלנע קי, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען, זענען געווען דאַר און ווײ-ניק-מעלקיק. אין די וואָגנס זענען בלויז די קליינע קינדער געזעסן.

טאטע-מאמע און די עלטערע קינדער זענען מיטגעגאנגען ביי דער זייט, אונטערגעשטופט א ראָד, געשריגן אויפן פערד.

פארמאטערט, האלב-הונגעריק און באָרוועס זענען געווען די אָרעמסטע, וואס האָבן זייערע קליינע וועגענער געפירט אין הינט געשפאנט, אָדער זיי גאָר אליין געשלעפּט. אויסער קינדער און עט-לעכע אָרעמע פעקלעך, האָבן זיי בלויז געהאט צו עטלעכע הינער און קראָליקעס. זעלטן, אז אימיצער האָט אויך פארמאָגט א ציג. די ווייבער מיט די מענער זענען גלייך געגאנגען אין שפאַן, מיט שטריק צום וואָגן געבונדן.

דאָס איינציקע, וואס יעדער פון די וואנדערער האָט געהאט, אַלצאיינס א רייכער צו אן אָרעמער, דאָס איז געווען א הילצערנע וועב-שטול פון גלאטיקע העלצער, שטאנגען און שטריק צוזאמענ-געבונדן.

— זאָל זיין געלויבט דער נאָמען פון יעזוס כריסטוסן! — האָבן פארבייגייענדיקע פויערים און פויערטעס די דורכפאָרער באַ-גריסט. — וואוהין פאָרט איר דאָס, מענטשן?

די פרעמדע האָבן נישט געענטפערט אויף דער באגריסונג, אויך נישט געזאָגט, וואוהין זיי פאָרן.

— גוטען טאג! — האָבן זיי בלויז געזאָגט. — גרים גאָט!

די פוילישע פויערים האָבן קיין וואָרט נישט פארשטאנען און אויסגעשפיגן.

— געצנדינער! — האָבן זיי געברומט בייז און זיך איבערגע-צלמט. — קיין קאטויליש וואָרט פארשטייט עס נישט.

די אידישע קרעטשמארעס האָבן זיך יאָ מיט די פרעמדע צו-נויפגערעדט. זיי האָבן זיי אין אידיש איינגעלאדן אין די קרעטש-מעס אָפּצורוען, אונטערצוהאלטן זיך. אָבער די פרעמדע האָבן די איינלאדונג נישט אָנגענומען, נישט אפילו קיין קוואטירל אָקאָוויט, ווי די פוילישע פויערים, אויסגעטרונקען. זיי האָבן אַלץ געהאט מיט זיך אייגנס, געגעבן די פורן און נישט אויסגעגעבן קיין גראָשן אין וועג.

דאָס זענען וועבער פון דייטשלאנד, טייל פון מערן, קיין פוילן געפאָרן זיך באזעצן.

וואָרום אין דייטשלאַנד זענען מענטשן אַ סך געווען און ברויט ווייניק. אין פּוילן איז ברויט אַ סך געווען, אָבער קיין סחורות זענען נאָרנישט געווען. די פּויערים האָבן אַליין פון פלאַקס זיך גראָבע לייוונט אויסגעשפּונען. אָבער די שטאָטישע מענטשן, וואָס טראָגן ביינוולענע, וואָלענע און זיידענע שטאָפן, האָבן געמוזט אויסלענדישע סחורות קויפן. אַלץ, וואָס דאָס לאַנד האָט געדאַרפט אויף קליידונג, געוואַנד פאַר דער באַפעלקערונג, פאַר דער אַרמיי, האָבן די אידן געבראַכט פון אויסלאַנד, איבערהויפּט פון דאַנציק מיט דער ווייסל. דאָס געלט איז אין לאַנד נישט געבליבן. און אַגענטן זענען פון פּוילן קיין דייטשלאַנד אַרויסגעשיקט געוואָרן און צוגערעדט די דייטשע וועבער, צו קומען קיין פּוילן, וואו זיי וועלן קריגן ערד אומזיסט, זיי וועלן די סחורות, וואָס זיי וועלן אויסוועבן, גוט פאַרקויפן און זיי וועלן האָבן ברויט צו דער זעט.

די וועבער, האַלבע פּויערים דערצו, האָבן אַלץ מיט זיך מיטגעפירט אין נייעם לאַנד, פון אַ הון ביז אַ קאַץ, פון אַ קאַנטשיק צו שמייסן קינדער ביז אַ שפּינדל, פון אַ האַרמאָניקע צו שפּילן אין זונטיק ביז אַן אַקער-אייזן צו באַאַרבעטן די ערד. אין בעסערע וואָגנס זענען נאָכגעפאָרן לאַנג-געקליידעטע פּאַסטאָרן מיט ווייב און קינדער, צו דערהאַלטן ביים פּראָטעסטאַנטישן גלויבן זייערע שאָף אין פרעמדן קאַטוילישן לאַנד און צו דערציען די קינדער אין גלויבן און אין אונטערטעניקייט צו גאָט און צום קייזער.

געצויגן האָבן די פרעמדע צום פלאַך-לאַנד, צו דער געגנט פון וואַרשע, פון זשיראַרדאָוו ביז קאַליש, פון פּאַביאַניץ און זגערזש ביז פּיעטראָקאָוו.

אַ טייל פון זיי האָט זיך באַזעצט אין שטעטל לאָדזש, וואָס ליגט ביים שמאָלן שטייענדיקן וואַסערל לודקאַ. אין אַ זייט פון שטעטל, אויפן וועג, וואָס פירט צו סאָסנע-וועלדער, האָבן די פרעמדע זיך אויסגעבויט הייזלעך, פאַרפלאַנצט גערטנער, פאַרזעצט קאַרטאָפל, אויסגעגראָבן ברונעמער, פאַרזייט תבואה און אוועקגעשטעלט זייערע הילצערנע וועב-שטולן.

דערפאַר האָט די פּוילישע רעגירונג, וואָס איז געווען אונטערגעוואָרפן דעם רוסישן צאַר, דעם קעניג פון פּוילן, געגעבן זיי אַלע

פריווילעגיעס, וואָס נאָר זיי האָבן געפאָדערט: נישט צו מאָנען ביי זיי די ערשטע יאָרן קיין שטייערן, נישט צו נעמען זיי אין מיליטער, נישט צו שטערן זיי אין זייער פּראָטעסטאַנטישער רעליגיע, זיטן און שפּראַך, און אויך נישט צו לאָזן וואוינען קיין אידן אין זייער נייעם וואוין-אָרט ביי לאָדזש, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן „ווילקי", וואָס באַטייט אין פּויליש — וועלף. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל דאָרט האָבן זיך אָפּט וועלף אין די פּראָסטיגע טעג געוויזן.

די עטלעכע מנינים אידן האָבן געוואוינט אין שטעטעלע, אין אַ זייטיק געסעלע צווישן די „מיעשטשאַנעס". געווען זענען זיי ס׳רוב שניידערס, וואָס צוליב דעם טאָקע, ווייל די גוים האָבן געדאַרפט זיך לאָזן נייען ביי זיי מלבושים, האָט מען זיי אַריינגעלאָזט אין שטעטל, כאָטש אנדערע אידן האָט מען דאָרט נישט געלאָזט וואוינען.

זיי האָבען געהאַט אַ צעך, אַן אייגן שטיבל, וואו זיי זענען זיך צונויפגעקומען, כדי צו באַראַטן זיך וועגן יעדער צרה, וואָס די גוישע צעכן ווילן זיי טאָן. אין דעם שטיבל איז אויך געשטאַנען אויף אַ טיש אַ געווייינלעך-הילצערנער ארון-קודש, ענלעך צו אַ קעסטל, אין וועלכן עס האָט גערוט אַן אַלטע ספר תורה. דאָרטן האָבן די אידן אויך געדאַוונט. קיין רב האָבן זיי נישט געהאַט, אויך נישט קיין מקוה און בית-עולם. שאלות האָט מען געפרעגט ביים דאָרפישן מלמד, וואָס מען האָט געהאַלטן צו די קינדער. ווען אַ שניידערין האָט געדאַרפט גיין אין מקוה, האָט זי דער מאַן אַרויס-געפירט הינטער דעם שטעטל צום טייך און אכטונג געגעבן אויף איר, אַז שקצים זאָלן זי נישט טשעפּען. ווינטער האָט מען אויפגע-האַקט דאָס אייז מיט אַ האַק און די ווייבער האָבן זיך אין קאַלטן אייז-לאָך געטובלט. אַ מת האָט מען געפירט אויף אַ פּויערשער פור צו דער קהלה לענטשיץ, צו וועלכער די אידן אין שטעטעלע לאָדזש האָבן געהערט.

זיי האָבן שלעכט געלעבט מיט דער לענטשיצער קהלה, די שניידערס פון לאָדזש, וואָרום אין לענטשיץ זענען געווען אַ סך אידן אָרעמעלייט, איבערהויפּט שניידערס, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין ברויט, געהונגערט פון איין זמן ביזן צווייטן, ווען אידן מאַכן זיך נייע קאָפּאָטעס. די שניידערס אין לאָדזש איז עס בעסער געגאַנגען,

און די לענטשיצער שניידערס האָבן זיך אריבערגעכאַפּט בגנבה קיין לאָדזש ארבעטן פאר ביליקער. די לאָדזשער שניידערס, וואָס האָבן מורא געהאט פאר זייער ברויט, האָבן געמסרט פאר דעם אונטער-פּרעפעקט אין שטעטל אויף די נייע, אז זיי זענען פּארטאַ-טשעס, לאַטוטניקעס, וואָס מאכן קאַליע די פּרנסה פון די איינגע-זעסענע צעך-ארבעטער, וואָס צאָלן שטייערן. אין דער אַלאונטער-טעניקסטער בקשה, וואָס זיי האָבן אָנגעגעבן, האָבן זיי אויך מנדב געווען חלב אויף ליכט פאר דעם קלויסטער און פארענדיקט, אז זיי וועלן תמיד בעטן גאָט פארן געזונט פון ליכטיקן האר דעם פּרע-פעקט. דער אונטער-פּרעפעקט האָט געשיקט צו די פרעמדע שניי-דערס זיינע סטראַזשניקעס און צוגענומען ביי זיי שער און אייזן. די, וואָס זענען נאָך אמאָל געקומען בגנבה אין שטעטל, האָט מען געלאָזט בינדן אין שטריק, אָפּגעשמיסן און ארויסגעשיקט.

דערפאר האָט די לענטשיצער קהלה נישט געוואָלט באַגראָבן קיין מת, וואָס מען האָט געבראכט צו פירן פון לאָדזש, ביז די שניידערס האָבן נישט באַצאָלט א רענדל פאר טאָן אים די רעכט. די לאָדזשער שניידערס האָבן פאר כעס אויפגעהערט צו צאָלן קהלה-עטאַט קיין לענטשיץ. האָבן לענטשיצער קהלה-לייט געפּועלט ביים מלכות, מען זאָל אריינשטעלן זעלנער צו די לאָדזשער שניידערס אין די שטובן.

די גויאישע זעלנער האָבן זיך באַזעצט אין די אידישע היימען, גענעסן טריפות, געכאַפּט א כשר מעסער און געשניטן חזיר דערמיט, גערערט מיאוסע רייד, געטשעפּעט מיט די נקבות און נאָכגעשפּאָט די אידן, ווי זיי שאָקלען זיך ביים דאַווענען. דערצו האָט זיך צו-גערוקט פּסח, ווען מען טאָר נישט האלטן קיין גוים אין שטוב, ווייל זיי קאָנען מאכן חמצדיק. די לאָדזשער שניידערס האָבן גע-מוזט אוועקלייגן די ארבעט, כאָטש זיי האָבן א סך קליידער גע-דארפט פארטיק מאכן פאר די גוים צו חגא, און אוועק קיין לענ-טשיץ בעטן דעם רב, מען זאָל צונעמען די זעלנער פון זייערע שטובן.

די לענטשיצער קהל-לייט האָבן נישט אנדערש געוואָלט צו-נעמען די זעלנער, ביז די שניידערס וועלן נישט בעטן מחילה אין

די בלויזע זאָקן. די שניידערס האָבן אויסגעטאָן די שטיוול, געבליבן שטיין אין די צעריסענע זאָקן און געבעטן מחילה ביי די קהל-לייט. דערנאָך האָבן זיי אָפּגעצאָלט די ציגזן פאר דער קהלה און געגעבן תקיעת-כף דעם רב פאר דער ספר-תורה און עדות, אז זיי וועלן מער די לענטשיצער שניידערס נישט איבערגעבן אין גויאישע הענט.

דעמאָלט האָט מען זיי ארויסגענומען די זעלנער. לענטשיצער שניידערס האָבן אָנגעהויבן ציען קיין לאָדזש.

אָבער אויף די „ווילקעס" וואו די דייטשן זענען געזעסן, האָבן זיי זיך נישט געטאָרט באַזעצן. ווען א איד פלעגט אמאָל פאַרביי-גיין די „ווילקעס", האָבן פלאַקס-האָריקע שקצימלעך זיי נאָכגע-וואָרפן שטיינער, אָנגערייצט די הינט און נאָכגעשריגן:

— העפּ, העפּ, יודע!...

קאַפּיטל איינס

דער לאָדזשער סוחר און ראש הקהל ר׳ אברהם הערש אשכנזי, וואָס מען האָט אים גערופן ר׳ אברהם הערש דאַנציקער, ווייל ער פלעגט פאָרן קויפן וואָלנס און זיידנס קיין דאַנציק, איז געזעסן ביי דער גמרא זבחים זייער א פארזאָרגטער און געצויגן האָר פון זיין לאַנגער, שווארצער, געדיכטער באָרד.

ער האָט נישט געזאָרגט צוליב פרנסה, ניין. וואָרום כאָטש די דייטשן אין לאָדזש האָבן, נאָך עטלעכע צענטליק יאָר וואוינען אין שטאָט, נישט אריינגעלאָזט קיין אידן צו זיך אין די „ווילקעס" און נישט צוגעלאָזן זיי צום וועבערישן צעך, איז פונדעסטוועגן אינגיכן דאָרט א היפּשע אידישע קהלה אויסגעוואקסן, א קהלה מיט א רב, א דיין, שוחטים, שולן, א מקוה און א בית-עולם. אידן אין לאָדזש האָבן געהאַנדלט, פאַרדינט און געלעבט.

זיי האָבן זייער שלעכטע און גראָבע ארבעט געמאַכט, די דייטשן אין פּוילן, שווערע געוואַנט, וואָס זענען נישט געפעלן געוואָרן די פּריצים פון די גיטער, אויך נישט די אָפיצירן, דיגני-טאַרן און רייכע לייט. גוטע, פיינע סחורות, דינע וואָלנס, גלאַנציקע זיידנס און סאַמעט האָט מען נאָך אַלץ געמוזט ברענגען פון אויס-לאַנד. אידן-נגידים זענען געפאָרן מיט פּאָסט-וואָגנס, אויך מיט די ערשטע באַנען, קיין דאַנציק, לייפּציק, און טייערע שטאָפן גע-בראַכט. אָרעמע האָבן, צוזאַמען מיט די גרענעץ-זעלנער, גע-שמוגלט סחורות דורך די דייטשע גרענעצן, פארקויפט און זייער גוט פאַרדינט. אידישע דאָרפס-גייער, לויפער, זענען ארומגעגאַנ-גען באָרוועסע איבער די זאַמדיקע פּויערישע וועגן, אויפגעקויפט ביי די פּויערים די וואָל פון זייערע שעפסן און פארקויפט זי אין לאָדזש צו די סוחרים, וואָס האָבן זי קיין אויסלאַנד געשיקט אויף גאַרן אויסצואַרבעטן. די פּויערים, וואָס האָבן פריער גע-לאָזט ארומקריכן זייערע שעפסן באַוואַקסענע און פאַרקאָלטנטע, האָבן זיי איצט אָפּט געשוירן און געוואַשן אין די טייכלעך, זייער

וואָל זאָל זיין קלאָר און ווייס. אַרענדאַרן און אויפקויפער האָבן אין די פּריצישע הויפן אָפּגעקויפט די וואָל פון טויזנטער שאָף פּריעראוים.

די דייטשע מייסטערס האָבן געמסרט די אידן, וואָס ברענגען פרעמדע סחורות פון דייטשלאַנד. אויך האָבן זיי נישט געדולדעט, וואָס די אידישע ביינוול-הענדלער גיבן ארויס ביינוול צו די אָרעמע דייטשע באַלמעלאָכעם אויף אויסצואַרבעטן און זיי וואַרפן דערמיט דעם פּרייז פון די סחורות. די אידישע ביינוול-אַרויסגעבער, וואָס האָבן נישט געקריגן, ווי די דייטשן, קרעדיט פון דער פּוילישער באַנק און דערפאַר געוועזן געענגט אין געלט, האָבן נישט אַלעמאָל געקאָנט צאָלן די באַלעמלאָכעם אין מזומן. זיי האָבן דעריבער געמאַכט איינענע צעטעלעך, געשריבן אין לשון-קודש, געחתמעט מיט א שוואַרצן שטעמפּל פון אן אָפּגעריבענעם שטיין, וואָס האָבן פאַרטרעטן געלט.

די אידישע געוועלבלעך, די שניידערס און שוסטערס, אויך די שענקען האָבן די צעטלעך גענומען ווי געלט ביי די דייטשע אָרעמע וועבער. יעדן שבת-צו-נאַכטס פלעגן די דייטשע וועבער אָפּברענגען זייער ארבעט צו די אידישע אַרבעטס-געבער. זיי האָבן באַקומען דערפאַר די לשון-קודשדיקע צעטעלעך, פאַרוואָס זיי האָבן אין די געוועלבלעך געקריגן אַלץ, וואָס זיי האָבן געוואָלט: שפּייז, פליייש, אויך ביר און בראָנפן. די דייטשע מייסטערס האָבן אָנגעקלאָגט פאַר די באַאַמטע די אידן, וואָס האָבן זיך געמאַכט אייגן אידיש געלט. די הויכע באַאמטע האָבן פאַרווערט די אידן ארויסצוגעבן די אייגענע צעטעלעך. אויך האָט מען אוועקגעשיקט קיין ענגלאַנד א באַאַמטן, וואָס האָט אָנגעקויפט א סך ביינוול, כדי אַרויסצושטויסן די אידן פון ביינוול-האַנדל. אָבער דער איינגעקויפטער ביינוול איז צעגנבעט געוואָרן דורך די באַאמטע. די באַאמטע האָבן אויך גענומען שטעק-געלט ביי די אידן, און די דייטשע באַלעמלאָכעם האָבן ווידער אויסגעאַרבעט סחורות פאַר די אידן און גענומען ביי זיי די לשון-קודשדיקע צעטעלעך. די איינענע באַאמטע, וואָס האָבן ארויסגעגעבן די געזעצן קעגן ברענ-גען סחורות פון אויסלאַנד, האָבן גערן געקויפט ביי די אידן די

פרעמדע פיינע סחורות, פונקט ווי זיי האָבן גערן גענומען כאַבאַר ביי די שמוגלערס, וואָס האָבן די פרעמדע סחורות געבראַכט אין לאַנד אַן צאָל.

פון די אָנגעזעענסטע נגידים אין שטעטל לאָדזש איז געווען ר׳ אברהם הערש דאַנציקער. עטלעכע מאָל אין יאָר איז ער גע־פאָרן קיין דאַנציק. ער האָט די טייערסטע וואָלנס און זיידנס גע־בראַכט און פאַרקויפט צו די קליינע סוחרים און דאָרפס־גייער. גראָד איצט, נאָך פורים, איז ער געקומען צו פאָרן פון וועג, וואו ער האָט זייער גוטע געשעפטן געמאַכט. ער האָט שיינע מתנות געקויפט פאַר זיין ווייב און טעכטערלעך. אויך האָט ער געקויפט אַ גרויסן זילבערנעם בעכער אויף קידוש פאַר זיין רבין, דעם וואָרקער, אַ מתנה. אין שטוב האָט ער געטראָפן אַלץ בשלום. פון דעם אַלעם האָט ר׳ אברהם הערש געהאַט אַ סך נחת.

עגמת־נפש האָט ער געהאַט פון קהל־זאַכן. כאָטש ער איז נאָך געווען אַ גאַנץ יונגער מענטש, איז ער שוין, צוליב זיין נגידישקייט, למדנות און פרומקייט, געווען דער ראש הקהל פון שטאָט. אין דער קהלה האָבן זיך אַ סך דאגות און קלאָפּאָטן אָנגעזאַמלט פאַר דער צייט, וואָס ער איז געווען אין וועג צוליב מסחר.

ערשטנס, האָט מען געדאַרפט שאַפן מעות־חיטין, געלט אויף פסח פאַר די אָרעמעלייט אין שטאָט. נישט נאָר די הייזער־גייער, נאָר אויך אַ סך באַלעמלאָכעס האָבן, נאָך דער גאַנצער האָרע־וואַניע זייערער אַ גאַנץ יאָר, נישט געהאַט מיט וואָס אריינצו־פירן דעם פסח אין שטוב אריין. מען האָט געדאַרפט שאַפן פאַר זיי מצות, ווייַן, אייער, פלייש און שמאַלץ. ר׳ אברהם הערש האָט גענומען די רויטע קעשענע־פאַטשיילע אין האַנט און מיט עט־לעכע חשובע באַלעבאַטים געגאַנגען איבער נגידישע שטובן זאַמ־לען געלט. אָבער וואָס מער מען האָט צונויפגענומען, אַלץ מער האָט מען געדאַרפט. די אָרעמעלייט אין דער קהל־שטוב האָבן די טירן אָפּגעריסן, געוויינט און געהאַט טענות.

צווייטנס, האָט מען געדאַרפט אויסלייזן געפאַנגענע, וואָס זע־נען געזעסן געבונדענע אין תפיסה. אויף די פוילישע וועגן און שטעגן האָבן די קאָזאַקן געשלאָגן זיך מיט די פריצים, וואָס האָבן

מורד געווען אין רוסישן מלכות און געוואָלט צוריק ארויפזעצן א פוילישן מלך אויף דעם טראָן. די מורדים האָבן זיך אויפגע-האַלטן אין די וועלדער. די קאָזאַקן האָבן זיי געיאָגט, געטריבן, געכאַפּט, געהאַנגען. אָבער עס זענען געווען אידן-ארענדאַרן, וואָס האָבן צו די מורדים, זייערע פּריצים, פּולווער געפירט. די, וואָס מ׳האָט געכאַפּט, האָבן די קאָזאַקן אויפגעהאַנגען אויף די בוימער ביי די וועגן. גראָד פאַר פּסח האָט מען אין לאָדזשער תפיסה געבראַכט עטלעכע דאָרפישע אידן. זיי זענען געפאָרן אויף די וועגן מיט פעסלעך עפּל, און וועלכע זיי האָבן געהאַט פּאַרפאַקט פּולווער. די קאָזאַקן אויפן וועג האָבן דורכגעשטאָכן מיט די פּי-קעס דאָס שטרוי אין די וואָגנס און קיין זאַך נישט געפונען. נאָר מיטאַמאָל האָבן זיי גענומען רויבן די עפּל אויף עסן, און זיי האָבן אינמיטן פון א פעסל געפונען דעם באַהאַלטענעם פּולווער. עטלעכע אידן האָבן די קאָזאַקן גלייך אויפגעהאַנגען. די איבעריקע האָבן זיי געבראַכט געבונדענע קיין לאָדזש און אריינגעזעצט אין תפיסה. איצט זענען די ווייבער זייערע און קרובים געשטאַנען אין דער קהלה און געוויינט, מען זאָל די געהאַנגענע ברענגען צו קבר ישראל און די אַרעסטירטע אויסלייזן פון גויאישע הענט, ווייל אנישט וועט מען זיי הענגען.

די קהלה האָט דערפאַר א סך געלט געדאַרפט. אויך האָט מען פאַר די אַרעסטאַנטן געדאַרפט אַנגרייטן מצות, זיי זאָלן נישט עסן קיין חמץ אין תפיסה.

דרויסנס, זענען באַגאַנגען געוואָרן זינד אין שטאָט. א חברה אויפגעקלערטע לייט, נגידים, וואָס זענען צו-פעט געוואָרן און גע-וואָלט אראָפּוואַרפן דעם עול פון אידישקייט פון זיך, האָבן גע-בעטן ביים מלכות, מען זאָל זיי לאָזן עפענען א שקאָלע פאַר זייערע קינדער, וואו מען וועט זיי לערנען גויאיש, זיי וועלן דאָרט זיצן אין די בלויזע קעפּ און אוועקגיין פון די חדרים און פון אי-דישקייט. דאָס מלכות איז נישט לייכט איינגעגאַנגען דערויף, אָבער די נגידים, די אויפגעקלערטע לייט, האָבן זיך געלאָזט קאָסטן א סך געלט, און מיט געלט קאָן מען אַלץ דערגרייכן. אויך האָט מען געזאָגט, אז דיזעלביקע לייט וועלן אויסבויען זיך אַן

איינענע שול, ווי די דייטשע אידן אין אויסלאַנד, אריינשטעלן דאָרט אַן אָרגעל, ווי אין א טומאה און דער חזן וועט בלעקערצן ווי א גלח. ר׳ אברהם הערש האָט געוואוסט, אז אזא שול איז ער־גער ווי א טומאה. ווייל אין א טומאה גייען נאָר גוים אָדער משומדים, אָבער אין אזא שול וועט מען נאָך אריינשטעלן ספר־תורהס, מען וועט אריינציען פּראָסטע אידן און אראָפּפירן זיי פון גלייכן וועג, וואָס ברענגט צו שמד.

אויך איז געשען אַן אַנדער זינד:

אידן, דאָרפס-גייער, וואָס גייען איבער די דערפער אויסקויפען ביי די פויערים וואָל, פעלכלעך און חזיר-האָר, האָבן זיך דער־וואוסט פון די גוים, אז דער לאַדזשער בחור נפתלי „משומד", וואָס מען האָט אים שוין נישט איין מאָל פאַרטריבן פון שול-הויף פאַר נישט-אָפּגעהיט-זיין אין אידישקייט, האָט זיך גאָר פאַרדונגען צו א דייטש, א וועבער, אויסצולערנען זיך וועבעריי. דערביי האָט מען געזאָגט, ארבעט דער יונג אום שבת און ער עסט ביי דעם גוי טריפות.

ר׳ אברהם הערש האָט דעם יונג געשיקט רופן אין דער קהלה אריין און אים מתרה געווען, אז אויב ער וועט נישט אוועקגיין פון דעם גוי, וועט אים קהל איבערגעבן צו די זעלנער. אָבער דער בחור האָט נישט געוואָלט הערן און גערעדט עזות, אז ער וויל זיך אויס־לערנען וועבעריי. די באַאמטע האָבן גאָרנישט געוואָלט נעמען דעם נפתלי צו די זעלנער, ווי קהל האָט געבעטן. דאָס האָט גע־בראַכט דערצו, אז אויך אַנדערע אידן, גרינגע אין אידישקייט, האָבן גענומען זיך דערנענטערן צו די גוים. אזוי האָט דער יונגערמאַן מענדל פלידערבוים, וואָס האָט געהאַלטן עטלעכע וועב־שטולן און אויסגעלערנט זיך ביי זיינע ארבעטער, די דייטשן, די ארבעט, אָנגעגעבן א בקשה צו דעם גויאישן צעך, מען זאָל אים אריינגעמען צווישן די מייסטערס. די באַאמטע האָבן אים צוגע־האָלפן, ווייל ער האָט זיך אָנגעטאָן קורצע קליידער, אָפּגעשוירן זיך די באָרד און אויסגעלערנט זיך שרייבן און רעדן גויאיש. צווישן די פּראָסטע לייט און די באַלמעלאָכעס האָט עס געוועקט קנאה און א חשק נאָכצוטאָן די אָפּטריניקעס. גלייך דערויף איז

אויסגעבראָכן אַן אומטערגאנג אין שטעטל, קינדער זענען גע-שטאָרבן פון שאַרלאַך און עס איז געווען צו זען, אַז דאָס איז גאָטס שטראָף פאַר די זינד פון די פּושעי-ישראלים.

נאָר די גרעסטע עגמת נפש האָט ר׳ אברהם הערש געהאַט דערפון, וואָס זיין ווייב האָט אים נישט געלאָזט פאָרן אויף יום-טוב צום רבין. ער פלעגט זיך פירן צו פאָרן אויף אַלע יום-טובים קיין וואָרקע, נישט נאָר אויף ראש-השנה, יום-כיפּור און שבועות, נאָר אויך אַפילו אויף פּסח. זיין ווייב האָט געוויינט, אַז ער פאַרשטערט איר דעם יום-טוב און אַז זי מוז אהיימפאָרן צו איר טאַטן, דעם דיין, קיין אָזאָרקאָוו, ער זאָל איר אָפּריכטן דעם סדר, ווי אַן אַלמנה, חלילה. ר׳ אברהם הערש האָט זיך פון ווייבערשע טרערן נישט געמאַכט קיין סך. דערויף איז זי אַ אידענע, האָט ער גע-וואוסט, זי זאָל וויינען. אָבער דאָס מאָל איז געווען עפּעס אַנדערש. זי האָט זיך געריכט אַ ליאַדע טאָג אין קימפּעט. זי האָט געשפּירט, אַז עס וועט געבוירן ווערן אַ אינגל, וואָרום זי פלעגט פילן שטויסן אין דער רעכטער זייט בויך. און זי האָט נישט געוואָלט, אַז דער ברית זאָל געפּראַוועט ווערן אָן דעם פאָטער.

— איך וועל זיך, שונאי ציון, אַ מעשה אָנטאָן, — האָט זי געוויינט, — כ׳וועל נישט איבערלעבן די חרפּה.

זי איז פון וויינען קראַנק געוואָרן, היץ געקריגן, און ר׳ אברהם הערש האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען. ער האָט אַלעמאָל אויפסניי באַטראַכט דעם שיינעם זילבערנעם בעכער, וואָס ער האָט געקויפט פאַר זיין רבין אַ מתנה אויף אַ כוס של אליהו, און ער האָט זיך געביסן די שוואַרצע באָרד פאַר פאַרדראָס.

אויך זענען די וועגן קיין וואָרקע נישט געווען רואיק. די קאָזאַקן זענען אומעטום ארומגעריטן און געשלאָגן די דורכ-רייזנדע. אַ סך מאָל האָבן זיי אומשולדיקע מענטשן געשמיסן און אַפילו געהאַנגען. מענטשן האָבן אים אָפּגערעדט פון פאָרן אין אַזאַ סכנותדיקער צייט.

אָבער ר׳ אברהם הערש האָט נישט געוואָלט הערן, וואָס מענטשן זאָגן. פאַר דער לעצטער נסיעה ביים רבין אויף סוכות, האָט ער דערמאָנט אין קוויטל זיין ווייב, וואָס איז געהאַט פאַר-

גאנגען אין טראָגן מיט עטלעכע חדשים צוריק. דער רבי האָט אויסגעהערט און געזאָגט:

— אברהם הערש, דיינע דורות וועלן זיין נגידים.

ר׳ אברהם האָט פארצויגן דעם שטערן.

— רבי, — האָט ער געזאָגט מיט מורא, — כ׳וואָלט וועלן, זיי זאָלן זיין יראי-שמים.

דער רבי האָט אים גאָרנישט געענטפערט דערויף. ר׳ אברהם הערש האָט נישט איבערגעפרעגט, נאָר געדענקט האָט ער אין דעם און געזען דערין א שלעכטן סימן. גראָד איצט, איידער דער נייער דור קומט אויף דער וועלט, האָט ער געטראַכט, וואָלט ער געדאַרפט פאָרן צום רבין און רעדן מיט אים וועגן דעם, אז ער וויל, דאָס זיינע קינדער זאָלן זיין אידן. וועגן דער מורא צו פאָרן האָט ער נישט געטראַכט. ער איז נישט געווען קיין מוראדיקער, ר׳ אברהם הערש. אין די וועגן האָט ער שוין געגוג געהאַט דורכגעמאַכט, געפאָרן אַלערליי, שרעק. אָפּגעהאַלטן האָט אים דאָס קינד, וואָס דאַרף קומען אויף דער וועלט. עס וועט זיין פאַר דער אידענע א גרויסער צער צו בלייבן אליין אין קימפּעט, האָט ער געטראַכט. זי וועט קיין סדר נישט קאָנען אָפּריכטן. אויך וועט ער אויפן ברית נישט קאָנען זיין, אויב עס וועט מיט גאָטס הילף זיין א אינגל. דער שווער זיינער, דער דיין, וועט אים פאַרשילטן פאַר אַזאַ פירעכץ.

פון דער אַנדערער זייט האָט אים געצויגן צום רבין. אויף אים האָבן געוואַרט אָרעמע חסידים פון שטיבל, ער זאָל זיי מיט-נעמען אויף זיינע הוצאות און אויסהאַלטן זיי מיט עסן. זיי וועלן לאַכן פון אים, וואָס ער וועט זיך לאָזן איבעררעדן פון א אידענע און בלייבן אין-דערהיים. צוליב אים וועלן אידן האָבן א פאַר-שטערטן יום-טוב. דערצו האָט ער געקויפט דעם רבין אַזאַ שיי-נעם זילבערנעם בעכער. וואָסער פּנים וועט ער האָבן, ווען ער וועט געבן דעם רבין א פּסחדיקן כוס של אליהו אין שבועות ערשט? און דער עיקר טאָקע וועגן די קינדער. דער רבי האָט געזאָגט, אַז זיי וועלן זיין נגידים. אָבער ער וואָלט וועלן, דער רבי זאָל אים ווינטשן, זיי זאָלן זיין אָפּגעהיטענע אידן. אויב, חלילה, עס איז

באשערט, אז צוליב זייער נגידישקייט זאָלן זיי קיין אידן נישט זיין, איז ער מוחל דאָס נגידות, זאָלן זיי ליבערשט זיין מלמדים, אָבי ערלעכע אידן. ער מוז רעדן מיטן רבין וועגן דעם, ווי לאַנג ס׳איז נאָך צייט. ווען זי, דאָס ווייב זיינס, וואָלט נישט געווען קיין אי־דענע, נאָר א בר־דעת, וואָלט זי אים אליין געדאַרפט איצט טרייבן צום רבין, איידער נאָך ס׳קינד קומט אויף דער וועלט. נאָר וואָס פאַרשטייט א אידענע, א חוץ טרערן? אָבער דערויף איז ער א מאַנסביל, וואָס פאַרשטייט בעסער, וואָס דאַרף נישט ווייך ווערן צוליב ווייבערשע געוויינען.

און ער האָט גענומען פּאַקן די וואַליזעס, די גרויסע לעדערנע רייזע־טאַשן, מיט וועלכע ער פאָרט קיין דאַנציק. ער האָט איינגע־פּאַקט טלית און תפילין, די אַטלעסענע קאַפּאָטע, ספרים, א גמרא צו לערנען שיעור אין וועג, דעם זילבערנעם בעכער, העמדער. ווי אַן אמתער וואָרקער חסיד האָט ער אויך נישט פאַרגעסן איינצו־פּאַקן עטלעכע פלעשער פּסחדיקן ריינעם שפּירט, אָקאָוויט. און ער האָט געשיקט לאה־שרה די דינסט נאָך דעם באַלעגאָלע.

— אברהם הערש, — האָט דאָס ווייבל מיטן פאַררייסענעם בויך געוויינט, — איך וועל נישט איבערלעבן דעם בזיון!

ר׳ אברהם הערש האָט זיך נישט אומגעקוקט. ער האָט גע־קושט די מזוזה און ארויס. ערשט אין דער טיר שטייענדיק, האָט ער צוגעוואונטשן דעם ווייב א גרינג האָבן. דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט צוצוגעבן, אז אויב עס וועט זיין א אינגל, מיט גאָטס הילף, זאָל מען אים א נאָמען געבן שמחה בונם.

— הערסט, למען השם, שמחה בונם, נאָכן פּשיסכער רבין, זכרונו לברכה, — האָט ער אריינגעשריגן פון דער אָפענער טיר. — אזוי וויל איך.

קאַפּיטל צוויי

ר׳ אברהם הערשס ווייב האָט קיין טעות נישט געהאַט אין אירע סימנים ביים טראָגן. די שטויסן אין א זייט, וואָס זי האָט אין די לעצטע חדשים געפילט, זענען נישט געווען אומזיסט. זי האָט געוואוסט, אז דאָס איז א סימן פון טראָגן מיט א אינגל, און אזוי איז עס טאַקע געווען. נאָר אָנשטאָט איין אינגל, זענען געקומען צוויי, א צווילינג.

נאָך א שווערער סדר-נאַכט אין ווייען איז פארטאָג געקומען א קינד. די שכנטעס פון הויף האָבן גיך געכאַפּט דאָס ניי-געבוי-רענע נפשל, א פּאַטש עס געגעבן, ס׳זאָל שטארקער וויינען, וואָס עס איז גוט פאר א ניי-געבוירענעם, און אויפהויבנדיק עס צום לאָמפּ, האָבן זיי אויסגערופן מיט שמחה צו דער געווינערין:

— מזל-טוב, א אינגל!

די געווינערין האָט נישט אויפגעהערט שרייען און די ווייבער האָבן זי בארואיקט.

— נו, שוין, שוין, קימפּעטאָרין, — האָבן זיי איר געגלעט דאָס פארשוויצטע פּנים. — שוין אלץ אריבער בשלום. נישט קרעכצן!

אָבער לאה שרה די דינסט, א געניטע קינדלערין, האָט גלייך מיט איר געניט אויג דערזען, אז עס איז נאָך נישט אלץ אריבער, אז עס גייט נאָך א קינד.

— האַלט זיך אָן, באַלעבאָסטע קרוין, מיט די הענט ביים קאָפּ פון בעט, — האָט זי געגעבן אן עצה, — וועט איר לייכטער געבוירן.

נאָך עטלעכע מינוטן איז געקומען א צווייט קינד, א גרויס און א שווערס.

מען האָט עס נישט געדארפט געבן קיין פּאַטש, עס זאָל בע-סער וויינען. עס האָט געשריגן אויפן גאַנצן קול.

לאה שרה האָט עס גיך געכאַפּט אין די הענט, צוגעטראָגן צום לאָמפּ און אויסגערופן מיט גרויס שמחה:

— מזל-טוב, נאָך א אינגל, א יונג א ריז, קיין בייז אויג.

די ווייבער האָבן אויסגעזוכט אויף גיך צוויי בענדלעך, א רויטס און א בלויס, ארומגעבונדן דעם ערשטן א רויט בענדעלע ארום הענטעלע און דעם צווייטן — א בלוי בענדעלע, כדי צו האָבן א סימן, אז דער מיטן רויטן בענדעלע איז דער עלטערער און מיטן בלויען — דער אינגערער. אָבער דאָס איז נישט געווען נויטיק. זיי וואָלטן זיך סיי-ווי-סיי נישט געלאָזט פארבייטן. דער עלטערער אויף עטלעכע מינוט איז געווען א קליינער, א מאָגערער, מיט שיטערע, העלע הערעלעך אויפן שפּיציקן קעפּל און מיט גרויע אויגן, ענלעך צו דער מוטער. דער אינגערער איז געווען א גרויסער, א שווערער, מיט א קיילעכדיקן קאָפּ גרויסע, שווארצע, האָר און מיט אָפענע, פרייליכע, שווארצע אויגן. אויך די שטימען זייערע זענען געווען פארשידענע. דער עלטערער האָט געוויינט קוויטשיק, פארגאַנגען זיך אזש; דער יונגערער האָט געוויינט הויך, געזונט און גראָב.

— איינס אינגאנצן די מאמע און איינס דער טאטע מיטן אויג, — האָט לאה שרה געזאָגט, דערלאַנגענדיק דער קימפּעטאָרין ביידע אויסגעבאָדענע קינדער אין בעט אריין.

די מוטער האָט ביידע באַטראַכט און צום ערשטן צוגעטוליעט צו דער ברוסט דאָס קלענערע און דאָס שוואכערע.

— שאַ, שאַ, קאָך נישט אזוי, — האָט זי געמוסרט דעם אנדערן, וואָס האָט געוואלדעוועט, ווי ער וואָלט נישט פארגונען זיין ברודער, וואָס די מוטער נעמט אים פריער.

איינס נאָכן צווייטן האָט זי באַשפּריצט מיט דער מילך פון דער ברוסט די מיילעכלעך, זיי זאָלן דערפילן דעם טעם און זיך לערנען זויגן. דער גרעסערער האָט גלייך גענומען ציען דעם וואָרצל, גראָבן זיך מיטן מיילעכל אין דער מוטערס ברוסט. דער מאָגערער האָט נישט גיך אָנגעכאפּט און מער געקלעמט ווי געזויגן.

— נו, שאַ, שאַ, נשמה מיינע, — האָט די מוטער געזאָגט מיט רחמנות צום עלטערן, וואָס האָט געוויינט, פארגאנגען זיך אזש פון נישט קאָנען אָנכאַפּן די ברוסט.

פאר די גאַנצע אַכט טאָג ביזן ברית, איז די קימפּעטאָרין

געלעגן אן אומרואיקע אויף די פיל קישנס צוקאָפּנס. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט די נעמען פון די קינדער. ביי דער גאנצער צייט פון טראָגן האָט זי געוועדט מיט איר אברהם הערשן, אז אויב עס וועט, מיט גאָטס הילף, זיין א אינגל, זאָל מען אים א נאָמען געבן נאָך איר זיידן, דעם וואָידיסלאַווער רב ר' יעקב מאיר. נאָר ר' אברהם הערש האָט נישט געוואָלט הערן. ער האָט דורכאויס געוואָלט האָבן א שמחה בונם, א נאָמען נאָכן פּשיסכער רבין.

— מיידלעך, — האָט ער געזאָגט, — וועסטו קאָנען א נאָמען געבן נאָך דיינע. אינגלעך געהערן צו מיר.

אז דער מאן איז נישט געווען אין דער היים, איז זי געווען די באַלעבאָסטע. אבער זי האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן, זי האָט אמת געהאט איצט, דאנקען גאָט, צוויי אינגלעך, אזוי, אז זי האָט געקאָנט זיי געבן פיר נעמען, יעדן צו צוויי. אָבער זי איז געווען אומרואיק. זי האָט נישט געוואוסט, ווי אזוי זיך איינצו-טיילן. זי האָט געקענט איר אברהם הערשן, זיין גרויסע עקשנות. זי האָט מורא געהאט, אז וואָס זי וועט נישט טאָן, וועט אים נישט געפעלן ווערן. זי האָט געוואוסט, אז ער וועט נישט וועלן לײדן אפילו קיין איין נאָמען פון איר צד, אז ער וואָלט א בעלן געווען ביידע צו געבן נעמען פון זיין צד. וואָרום אינגלעך, האָט ער גע-זאָגט, געהערן צו אים.

ווייבער האָבן זי צוגערעדט, זי זאָל אין חול-המועד אַוועקשיקן א שליח צום מאן און אים בעטן אויפן ברית. נאָר זי האָט נישט געוואָלט. זי איז געווען אין כעס אויף איר מאן. זי האָט קיינמאָל ביי אים קיין גרויס מזל נישט געהאט, זינט זי האָט מיט אים חתונה געהאט. אָדער ער איז געווען אין וועג צוליב מסחרים, אָדער ער איז אוועקגעפאָרן צום רבין. און אפילו אז ער איז גע-ווען אין דער היים, האָט זי אים אויך נישט געזען, ווייל אָדער ער איז געזעסן מיט די חסידים אין שטיבל און געפּראַוועט סעודה-לעך, אָדער ער פלעגט זיצן ביי זיך אין שטוב און לערנען. זי האָט קיין סך נישט פארלאנגט. זי איז אליין געווען א חסידישע טאָכטער און זי האָט געוואוסט, אז אזוי פירט זיך אין אידישע

שטובן. אויך איר טאטע האט זיך אזוי געפירט, זעלטן זיך מיט דער מוטער געזען, אויסער אין די נעכט, קיינמאל נישט געגאנגען צוזאמען, קיינמאל נישט פארבראכט צוזאמען. זי האט געוואוסט, אז א איד א למדן האט נישט וועגן וואס צו רעדן מיט א ווייב, וואָרום א נקבה דארף קיין תורה נישט לערנען, טאָר מיט קיין פרעמדע מאנסבילן זיך נישט באגעגענען, נישט ווייזן זיך אפילו אין שטוב, ווען פרעמדע מאנסבילן קומען צום מאן. וועגן וואס קאָן זי רעדן מיט איר מאן דעם למדן?

זי האט דאס אלץ געוואוסט, געוואוינט געווען דערצו, ווי אלע חסידישע ווייבער, און געטראָגן דעם יאָך פון געבוירן ווערן א נקבה. ווי אלע ווייבער, האט זיך אויך אינדערפרי ביים דאווענען נאָך געלויבט גאָט דערפאר, וואס ער האט זי באשאפן א נקבה, ווי זיין ווילן איז. אבער געליטן האט זי דערפון. יאָ, זי איז, דאנ־קען גאָט, געווען א נגידיתטע, מענטשן האבן זי מקנא געווען, אויך האט זי יעדעס יאָר געבוירן איר מאן קינדער, און געראָטענע קינדער. דער מאן פלעגט איר אויך ברענגען מתנות פון דאנציק. אמאל א שיינע טערקישע שאל, אמאל א צירונג. אבער קיין עסקים האט ער מיט איר נישט געהאט. אין די שבתים האט ער שטענדיק געהאט אן אורח ביים טיש, א מלמד אָדער אן אָרעמען חסיד. ער איז דעריבער מיט איר קיינמאל נישט געזעסן ביים טיש. ער האט דאָך נישט געקאָנט נעבן דעם אורח אוועקזעצן א אידענע ביים טיש. זי איז בלויז אריינגעקומען, צוזאמען מיט דער דינסט, אויס־צוהערן קידוש. ער האט איר געגעבן צו פארזוכן אביסל פון בע־כער, נאָכדעם ווי ער האט אויסגעטרונקען מער ווי א העלפט, ווי דער דין איז, דערנאָך האט ער איר און דער דינסט אָפגעשניטן גלייכע מוציאם חלה פון דער ברכה, און זי איז אוועק אין קיך אריי־עסן, צוזאמען מיט לאה שרהן.

געגאנגען צוזאמען ערגעץ זענען זיי נישט. נישט ער האט געקאָנט רעדן מיט אירע ווייבער, נישט זי האט געטאָרט רעדן מיט זיינע מאנסבילן. און טאָמער איז מען שוין יאָ אמאל געגאנגען צו קרובים אויף א שמחה, איז דער מאן מיט איר נישט געגאנגען צוזאמען. ער — פאָראויס, און זי — מיט עטלעכע טריט פון

הינטן. ווי נאָר זיי זענען אריינגעקומען אין שטוב, איז ער אוועק צו די מאַנסבילן און זי צו די ווייבער. אין די שבתים פלעגט ער קומען שפּעט פון דאַווענען. דאָס הארץ איז איר צען מאָל פאַר־גאַנגען, ביז זי האָט זיך געקאָנט דערוואַרטן אויף זיין קידוש, זי זאָל מעגן עסן. אָבער נאָך מער פון אַלץ האָט איר ווי געטאָן זיין גדלות קעגן איר. ער האָט קיינמאָל מיט איר נישט גערעדט וועגן זיינע מסחרים, ווי אַנדערע חסידישע אידן רעדן מיט זייערע ווייבער. ער האָט זי קיינמאָל נישט געפרעגט קיין עצה, נישט דער־ציילט איר, ווען עס גייט אים גוט, און נישט אויסגערעדט זיך פאַר איר דאָס הארץ ביי עגמת־נפש, אַז עס מאַכט זיך. ער האָט בלויז ארויסגעצויגן פון דער הויזן־קעשענע דעם גרויסן נגידישן בייטל, אויסגעציילט איר אַ פּעקל באַנקנאָטן צו פירן דאָס באַלעבאַטיש־קייט, און דאָס איז געווען אַלץ. ער האָט זי אַפילו ביים נאָמען נישט גערופן, בלויז „דו" איר געזאָגט, ווי ביי די גאָר שאַרפע חסידים. אַפילו, ווען ער פלעגט קומען פון די וועגן, האָט ער מיט איר ווייניק גערעדט. ער האָט בלויז אַ קוש געטאָן די מזוזה, געזאָגט:

— גוט מאָרגן, וואָס הערט זיך אין שטוב?

און איר אויסגעשטרעקט אַ מתנה פון וועג. אויב זי האָט עס גענומען פון זיין האַנט, איז עס געווען אַ סימן, אַז זי וועט אים מעגן זיין אַ ווייב נאָך דער לאַנגער נסיעה. אויב נישט, האָט ער אַ פאַרכמורעטן בליק געטאָן און גלייך אוועק אין שטיבל אריין צו זיינע חסידים, צו הערן נייעס פון רבין.

זי האָט פאַר אים מורא געהאַט, מורא געהאַט פאַר זיין שווייגן, פאַר דעם ברומענדיקן ניגון ביים לערנען גמרא, פאַר זיין צעוואַקסענער מאַנסבילשקייט און הדרת־פּנים. זי האָט קיין סך נישט פאַרלאַנגט, בלויז אַ מאָל אַ גוט וואָרט, אַ פריילעך פּנים, וואָס זאָל איר זיין אַ באַלוינונג פאַר איר אָרעם ווייבעריש לעבן אין דער קיך צוזאַמען מיט דער דינסט. אָבער איר מאַן, ר׳ אברהם הערש, האָט דאָס פאַר קיין אידענע נישט געהאַט. יאָ, ער איז איר געווען אַ מאַן, זי האָט אים אויך קינדער געבראַכט אויף דער וועלט און אויף זיין שטייגער האָט ער זי אַפילו ליב געהאַט, אָבער

נאָר אין די נעכט, ווי דער דין איז. ווייטער האָט ער מיט איר נישט גערעדט, קיין פריי פּנים נישט געוויזן. ער איז געווען אַ איד אַ תּקיף, ר׳ אברהם הערש, געהאַלטן, אַז אַ אידענע דאַרף זיך נישט מישן אין קיין מאַנסבילישע ענינים. זי דאַרף בלויז האָבן קינדער, אויפהאָדעווען זיי, אָפּהיטן אידישקייט אין שטוב און טאָן, וואָס דער מאַן הייסט. ער האָט טאַקע געשאַפן זיך מיט איר, ווי מיט דער דינסט. ווען נאָר די חסידים זיינע האָט זיך פאַרגלוסט אריינ־צופאַלען שפּעט ביינאַכט אויף אַ סעודהלע, אַ הוליאַנקע, האָט ר׳ אברהם הערש געהייסן קאָכן אַ גריץ.

— פלוניתטע, — האָט ער זי גערופען אין קיך אריין, — ס׳מאַכען אַ גריץ פאַר אידן!

זי האָט געמוזט אָפּזיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין און צוזאַמען מיט דער דינסט מאַכן גריץ.

אין די יום־טובים איז ער קיינמאָל נישט געווען אין דער היים. גראָד ווען אין אַלע אידישע שטובן איז פריילעך, איז ר׳ אברהם הערש אַוועק פון שטוב, געפאָרן צום רבין. אַליין, ווי אַן אַלמנה, חלילה, האָט זי געמאַכט זיך אַ ווייבערישן קידוש און געגעסן צו־זאַמען מיט די קינדער אין קיך. אָן באַלעבאָס האָט דאָס יום־טוב־דיקע עסן קיין טעם נישט געהאַט. און אַפילו פּסח, ווען די אָרעמ־סטע אידענע זיצט ביי דער זייט פון איר מלך, האָט זי געמוזט פאָרן צו איר טאַטן דעם דיין קיין אָזאָרקאָוו, ער זאָל איר אָפּריכטן דעם סדר. זי איז שוין געוואוינט געווען צו איר לעבן, צו דעם גרויען און איינזאַמען, און שוין גאָרנישט גערעדט. זי האָט איבע־ריקנס געקענט איר מאַנס עקשנות און געוואוסט, אַז רעדן צו אים האָט קיין פּעולה נישט. ער הערט נישט. אָבער דאָס מאָל האָט זי זיך געריכט אין קימפּעט. זי האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם בזיון, צו בלייבן אַליין אין קימפּעט, ווי אַן אויסגעלאַסענע, חלילה. זי האָט אים געבעטן, געוויינט פאַר אים, ער זאָל בלייבן. נאָר ער האָט זי נישט געהערט און אַוועק קיין וואָרקע. אַ ווייטאָק, צוזאַמען מיט אַ כעס, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט פאַר דער גאַנצער צייט פון איר ווייבערישן לעבן, האָט געברענט אין איר לייב, וואָס האָט צוויי אינגלעך, אַ צווילינג, געבראַכט אויף דער וועלט. און

זי האָט נישט געהערט די ווייבערס רייד און נישט געוואָלט שיקן קיין שליח צו אים, צו בעטן אים אויפן ברית. זי איז, אגב, נישט געווען גאַנץ זיכער, צי ער וועט קומען און איבערלאָזן דעם רבין מיט די חסידים.

איר גאַנצער ווייבערישער שטאָלץ, וואָס איז יאָרן געטרעטן געוואָרן דורך דעם מאַנס שטיוול, האָט אויפגעבליט אין איר קימפעט־בעט, וואָס איז פאַרהאַנגען מיט ליילעכער און באַשיצט מיט שיר־המעלותן קעגן שלעכטע כוחות. מיט זיכערע און ענערגישע אמנס אויף די פסוקים פון קריאַת־שמע־לייענען, וואָס די חדר־אינגלעך האָבן פון יענער זייט ליילעך פריילעך געזאָגט, מיט זיכער־קייט און ווירדע צו איר מוטערלעכן חוב. האָט זי דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אַליין צוגעגרייט אַלץ צום ברית פון די ניי־געבוירע־נע, געגעבן באַפעלן, ווי אַ מאַן אַ הערשער. און אויך וועגן נעמען פאַר די קינדער האָט זי אַליין געטראַכט, איינגעשטעלט זיך קעגן דעם ווילן פון איר מאַן און נעמען זיי געגעבן, ווי זי אַליין האָט געוואָלט.

אינגאַנצן אַ נאָמען געבן נאָך איריקע האָט זי מורא געהאַט, דערויף האָט איר אויסגעפעלט מוט. האָט זי גענומען און זיך איינ־געטיילט מיט די נעמען. דעם עלטערן האָט זי אַ נאָמען געגעבן איין נאָמען נאָכן מאַנס צד — שמחה — און דעם צווייטן נאָמען פון איר צד, דעם וואָידיסלאַווער רב — מאיר. דעם אינגערן האָט זי צוגעגעבן די ביידע פאַרבליבענע נעמען פון ביידע צדדים — יעקב בונם.

ווי נאָר ר' אברהם הערש איז צוריקגעקומען נאָך די לעצטע טעג פסח פון וואָרקע, האָט ער זיך געהייסן ווייזן די אינגלעך.

— וועלכער איז דער עלטסטער? — האָט ער געפרעגט ביי זיין ווייב, קוקנדיק מיט איבערראַשטע אויגן אויף די צוויי קינדער, געבונדערע שטייף אין וויקעלעך.

— דער קלענערער, — האָט די קימפעטאָרין געזאָגט, אראָפּ־לאָזנדיק דעם קאָפּ.

— ווי הייסט ער? — האָט דער פאָטער געפרעגט.

— שמחה, — האָט די מוטער געזאָגט, ציטערנדיק אינגאַנצן.

— איין נאָמען ? — האָט זיך ר׳ אברהם הערש געוואונדערט.

— ניין, אויך מאיר, נאָכן זיידן, דעם וואָידיסלאַווער רב, זכרונו לברכה, — האָט זי געמורמלט, אראָפּלאָזנדיק די אויגן.

— נאָ, נעם עס צו, — האָט ר׳ אברהם הערש געזאָגט מיט כעס.

לאה שרה די דינסט האָט אונטערגעטראָגן דעם פאָטער דאָס אַנדערע קינד.

— יעקב בונמל, — האָט זי עס גערופן, — גיי צום טאַטן.

ר׳ אברהם הערש האָט געכאַפּט א בליק אויף דעם אַנדערן קינד, וואָס האָט געקוקט אויף אים מיט גלאַנציקע, אָפענע אויגן, און פון זיין פּנים איז אראָפּ עטוואָס דער כעס. דאָס, וואָס דעם פּשיסכערס צווייטער נאָמען איז אויך דאָ צווישן די קינדער, האָט אים אביסל בארויקט. אָבער אינגאַנצן צופרידן איז ער נישט געווען. אים האָט געבריט, וואָס מען האָט אים דעם רבינס נאָמען פונאַנדערגעטיילט, צוגעטשעפּעט פרעמדע נעמען פון עפּעס א וואָידיסלאַווער רב צו זיין פאָטערס רבין, דעם פּשיסכער.

— אינגאַנצן דער באַלעבאָס מיטן אויג, — האָט לאה שרה די דינסט פּרובירט ווייכער מאַכן זיין געמיט. — א יונג ווי א ליכט, קיין בייז אויג.

— מ׳נע, נעמט עס צו, — האָט ר׳ אברהם הערש אויך דאָס אַנדערע קינד צוריקגעגעבן א גערייצטער.

ער האָט עס זיך נישט געקאָנט מוחל זיין. ער האָט מער קיין איין בליק אויף די קינדער נישט געוואָרפן.

די מוטער האָט מיט טרערן אין די אויגן צוגעטוליעט דעם עלטערן צו איין ברוסט און דעם אינגערן צו דער צווייטער ברוסט.

— נאַ, מאירל, זויג, נשמה מיינע, — האָט זי גערעדט צום עלטערן, וואָס זי האָט אים גערופן בלויז ביי איין נאָמען, נאָך איר זיידן, דעם וואָידיסלאַווער רב.

דער אינגערער האָט אַליין געזויגן. דער עלטערער האָט מער געקלעמט ווי געצויגן.

— מאַמעלעך ! — האָט זי גערופן פון ווייטאָק די דינסט — לאה שרה !

לאה שרה האָט פּלינק און גענייט אָפּגעריסן דעם עלטערן פון דער מוטערס ברוסט און אים באַטראַכט מיט בייזע אויגן.

— דו שייגעץ! — האָט זי זיך געבייזערט, דראָענדיק אים מיט אַ פינגער פאַרן נעזל. — אַ קינד טאָר נישט קלעמען אַ מאַמען די ציץ. זויג, ווי יעקב בונמל. אָט אַזוי.

זי האָט באַטראַכט דער באַלעבאָסטעס ברוסט און געשאָקעלט מיטן קאָפּ.

— ס'ערשטע מאָל אין לעבן זע איך, אַז אַזאַ עופהלע זאָל קלעמען אַזוי שטאַרק אַ ברוסט. אַ שלעכט שטיק, — האָט זי געברומט. — נאָר עס שרייט און קלעמט, דער פעלד-גזלן.

דער קליינער האָט זיך קוויטשיק צעשריגן, וואָס מען האָט אים אָפּגעריסן פון דער ברוסט, פאַרגאַנגען זיך אַזש אין וויינען. ר' אברהם הערש האָט נישט געקאָנט הערן.

— לאה שרה, — האָט ער זיך געבייזערט, — פאַרמאַכט די טיר, כ'קאָן נישט לערנען איבער די געוואַלדן.

ניין, עס איז אים נישט באַקומען די שמחה, נאָכדעם ווי דאָס ווייב זיינס האָט אים אַזוי צעפּטרט די נעמען פון פּשיסכער רבין. ער האָט שוין געדענקט וועגן דעם, ווי די קינדער וועלן מיט גאָטס הילף אונטערוואַקסן, מען וועט זיי דאַרפן נעמען אין שטיבל אריין, צום רבין, און עס וועט זיין אַ חרפּה פאַר אידן אָנצורופן זיי ביי די נעמען — שמחה מאיר און יעקב בונם. נישט אַהין, נישט אַהער. ער האָט עטלעכע מאָל אַליין אַרויסגערעדט די נעמען. זיי האָבן זיך אין זיין מויל נישט געקלעפּט. ער האָט דאָס איר, דעם ווייב זיינעם, נישט געקאָנט מוחל זיין, און כאָטש זי איז געווען נאָך אַ קימפּעט, שוואַך נאָך, איז ער גאָרנישט אַריינגעגאַנגען צו איר, קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, ווייניקער נאָך ווי אַלעמאָל.

ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין אַרבעט, געווען פאַרנומען מיט מסחר און מיט תורה.

ער איז מער קיין דאַנציק נישט געפאָרן. ער האָט גענומען פירן געשעפטן אויפן אָרט. אין שטאָט אַליין.

אין לאָדזש זענען די געשעפטן זייער גוט געגאַנגען. דאָס שטעטל איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

נאָך די ערשטע אידן, וואָס האָבן געקריגן פּריווילעגיעס צו עפענען וועבערייען צוליב זייער גויאישן הילוך און דערנענטערן זיך צו די גוים, האָבן א סך אידן, פּראָסטע, באַלעבאַטישע, גענומען פאַרלייגן וועבערייען איינער נאָכן אַנדערן. די רוסישע באַאַמטע, וואָס זענען איצט אריינגעזעצט געוואָרן אין לאַנד, נאָכדעם ווי די קאָזאַקן האָבן דעם אויפשטאַנד פון די פּריצים דערדריקט, האָבן זייער גערן גענומען כאַבאַר און מתנות פון די אידן, וואָס האָבן געוואָלט ארבעטן און לעבן. זיי האָבן געקוקט דורך די פינגער אויף די אידישע וועבערייען, וואָס האָבן געקלאַפּט פרייַלעך אויף אַלט־שטאָט, כאָטש די דייטשן האָבן די אידישע וועבער נישט אריינגענומען אין צעך.

צום ערשט האָבן זיך די אידן געשטיקט אין אידישן פּערטל. איבער נאכט האָט מען צוגעבויט הייזער, שטאָקן, גאַניקעס, בוידעם־שטיבלעך, עס זאָל זיין גענוג פאַר די, וואָס זענען זיך אָנגעפאָרן פון אַלע ארומיקע שטעטלעך קיין לאָדזש, צו דעם אָרט פון ארבעט און פּרנסה. מען האָט געבויט און געמויערט ביינאַכט, אָן דערלויבעניש, אָן א סדר און אָרדענונג, א הויז אריינגערוקט, א הויז ארויסגערוקט, קרום, צעדרייט, ווי ס׳האָט זיך געלאָזט. מען האָט נישט געקאָנט וואַרטן. דאָס שטעטל אין געוואַקסן גיך. ביסלעכווייז האָבן אידן גענומען זיך אַרויסרוקן פון דער ענגער אידישער געגנט אין די ברייטערע „ווילקעס" אריין, וואו עס איז זיי פאַרווערט געווען צו באַזעצן זיך. פריער האָבן זיך ארויסגערוקט די רייכערע, די מוטיקערע, אריינגעשאַרט זיך מיט איין פוס אין פאַרבאָטענעם אָרט אריין. באַלד האָבן אָנגעהויבן נאָכגיין די קלענערע, די מער פאַרזיכטיקע.

ווי א טייך צו פרילינג, וואָס גיסט אריבער זיינע ברעגן און שווענקט אָפּ אַלע וואַלן און שויץ־ווענט, וועלכע ווילן אים פאַרהאַלטן אין זיין גאַנג, אזוי האָבן די אידן פון לאָדזש און פון די ארומיקע שטעטלעך און דערפער איבערגעריסן אַלע צוימען, וואָס זענען געשטעלט געוואָרן צו פאַרהאַלטן זייער לעבנס־וועג, אויפגעבראָכן אַלע גזירות און געזעצן, וואָס זענען דורך דער פּאָליציי

און דורך די ניי־איינגעוואנדערטע דייטשן געמאכט געוואָרן קעגן זיי.

טויזנטער אידישע ארענדאַרן, שענקערס, וואָס האָבן זיך אויפ־געהאַלטן אין די דערפער ביי די פּריצים, האָבן איצט, נאָך דער מפּלה פון די פּריצים אין זייער אויפשטאַנד, געמוזט ארויסוואַנדערן פון די היימען זייערע און זוכן זיך ברויט אין שטעטל און אין שטאָט. אין די שטעטלעך האָבן זיך געמערט מיט יעדן טאָג די קרעמלעך פון שניט־סחורה, אין וועלכע עס זענען געזעסן פּוסט־און פּאַס די זעכצן־יאָריקע ווייבלעך, כדי צו שפּייזן זייערע מענער, די וואויל־לערנער. די פּריצים זענען צעשלאָגן געווען, ארויסגעשיקט פון לאַנד. די באפרייטע פּויערים פון שקלאַפעריי זענען געווען אָרעם. מען האָט נישט געזען קיין קונה פאַר די אויגן. און אידן האָבן פארלייגט וועב־שטולן אין די שטעטלעך ארום לאָדזש. מערסטנס זענען געגאַנגען קיין לאָדזש אליין, וואָס האָט מער פון אַלע ארומיקע שטעטלעך זיך ארויסגערוקט. ארבעטס־לייט, גע־וואוינט שטענדיק אין די דערפער ביי די פּריצים צו יעדער עוולה, צו יעדער ריזיקע, האָבן זיי, די אָנגעקומענע דאָרפס־אידן, נישט אָפּגעשטעלט זיך פאַר קיין פּארבאָט און פארלייגט וועבערייען, פּונקט ווי די דייטשן ארום.

אין אָנהויב האָבן זיי צוגענומען דייטשן צו דער ארבעט. די דייטשע אָרעמע וועבער, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט אליין דער־שלאָגן צו קיין וועבערייען, זענען גערן געגאַנגען צו די אידן אר־בעטן, גערנער ווי צו די דייטשע מייסטערס. די אידן האָבן נישט פארלאַנגט פון די ארבעטער, זיי זאָלן זיי קושן אין האַנט יעדן פרימאָרגן, ווען זיי קומען צו דער ארבעט, און יעדן פארנאַכט, ווען זיי גייען אוועק פון דער ארבעט. זיי האָבן נישט געשלאָגן, ווען זיי האָבן געפּאַקט ביי אַן ארבעטער אין קעשענע אביסל אראָפּ־געגנבעטע וואָל. זיי האָבן עס בלויז ארויסגענומען און אוועקגעוואָרפן צוריק אויפן אָרט. אין די שבת־צו־נאַכטסן זענען די דייטשע אר־בעטער געזעסן אין די קיכן פון אידישע מייסטערס, געוואַרט אויף לוין, גערויכערט ליולקעס, געשפּיגן און דורכגערעדט זיך מיט די ווייבער און קינדער אין ריינסטן אידיש.

— ר' באַלעבאָס, — האָבן זיי געיאָגט די באַלעבאַטים, וואָס האָבן גאָרנישט געקאָנט ארויסקריכן פון שבת אין דערוואָכן אריין, — גיט די עטלעכע גולדן. באַלד וועט מען פאַרמאַכן די שענקען.

ביסלעכווייז האָבן אידישע אינגלעך, בחורים און אפילו באַ־ווייבטע גענומען קומען פון די שטעטלעך און אויסגעלערנט זיך די ארבעט. טאַטעס זענען געגאַנגען מיט זייערע אינגלעך איבער די וועגן, וואָס פירן קיין לאָדזש. זיי האָבן געטרעטן באָרוועסע אין די זאַמדן, אָפּגעיאָגט זיך מיט שטעקנס פון די דאָרפישע הינט. דאָס האָבן זיי געפירט זייערע זין, וואָס טויגן נישט צו דער תורה, אויף אָנצודינגען זיי אויף דריי יאָר אויף דער לער צו די לאָדזשער וועבער. נאָנט צו דער שטאָט האָבן זיי ארויפגעצויגן די שטיוול אויף די פיס און אָנגעזאָגט זייערע זין, זיי זאָלן זיין לייט, זיין גוט צו גאָט און צו לייטן, פאָלגן דעם באַלעבאָס, זיין אונטערטע־ניק, וועט זיי זיין גוט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. פון טיפע קעשענעס אין שפּאַנצערס, פון שווערע טייסטערס האָבן זיי ארויסגעצויגן פאַרהאָרעוועט געלט, פאַרפעטסטע באַנקנאָטן, איינגעצאָלט די מייסטערס פאַר מאַכן א קאָנטראַקט. די אינגלעך האָבן דערפאַר געקריגן ביי די מייסטערס עסן און שלאָפן און גע־לערנט זיך די מלאכה.

אין די הונדערטער זענען זיי איצט געשטאַנען ביי די שטולן. מיט יאַרמולקעס אויף די קעפּ, מיט טלית־קטנס איבער די ציינגענע הויזן, מיט צויטן ביינוול אין די געקרייזלטע האָר און אין די שפּראָצנדיקע בערדלעך, האָבן זיי מיט פלינקע הענט געוועבט וואָ־לענע און ביינוולנע סחורות און וויבערישע טיכער פון פאַרטאָג ביז אין דער נאַכט אריין. זיי האָבן געזונגען חזנישע שטיקלעך, געציקלט זיך ביי „יעלות", געגאָרגלט זיך ביי „כבקרת רועה עדרו", די באַלעבאַטים זענען אַרומגעגאַנגען מיט פערפעדערטע יאַרמול־קעס, האָבן נאָכגעקוקט צו דער ארבעט, געהאַלטן די סחורה אופן אויג, מען זאָל נישט גנבענען, און אונטערגעיאָגט די געזעלן יעדעס מאָל. ווען איינער פון זיי האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפּווישן דעם שוויים פון שטערן אָדער פאַרדרייען א פּאַפּיראָס.

ביי די קיכן זענען געזעסן די ווייבער מיט די טעכטער און געשיילט קארטאָפל, געפרעגלט ציבעלעס אין גרויסע בראָטפאנען און געגרייט עסן פאר די געזעלן. די לערן־אינגלעך האָבן געוויגט מיט איין פוס אַ קינד אין וויג און מיט די הענט געוויקלט וואָל אויף שפולעס.

אויף די מערק האָבן אידן געהאנדלט מיט סחורות, רעשטלעך, וואָל, ביינוול. קרעמלעך האָבן געלייזט געלט ביי די ארבעטער. שמאטניקעס האָבן געפירט אין שטאָט אריין שמאטעס, אלערליי אָפפאל פון סחורות און פארקויפט צו אידן, וואָס האָבן דערפון וואטע געמאכט, נייעם ביינוול אויסגעארבעט. ווייבער און מיידלעך זענען געזעסן ביי די שפולעס און ארויפגעצויגן די פעדעם אויף רויטע הילצערנע קאָלערס. שניידערס און נייטאָרינס האָבן געקלאפט אויף די מאשינען. זאָקן-מאכערס האָבן אויסגעארבעט זייער גראָבע און זייער פארביקע ווייבערישע זאָקן פאר ווייבער. אומע־טום האָבן געקלאפט מאשינען, באגלייט פון חזנישע שטיקלעך און פון מיידלערישע ליבע־לידער.

אז די שטאָט האָט זיך שוין צופיל גענומען שטיקן אין דער ענגשאפט, האָבן אידן גענומען בויען אַ פאָרשטאָט ביי לאָדזש.

אין אַ זייט ביי דער שטאָט זענען געלעגן פעלדער, גרויסע און זאמדיקע, אויף וועלכע תבואה איז זייער שלעכט געוואקסן. אויך דאָס גראָז איז געווען שיטער און זאמדיק, אזוי, אז די בהמות, וואָס האָבן זיך אויף זיי געפאשעט, זענען געווען דאַר, קליין־איי־טערדריק און ווייניק מילך געגעבן. די פויערים, וואָס האָבן די ערד באארבעט, מערסטנס געוועזענע לייב־שקלאפן פון די צוויי ברידער די פריצים קאָנארסקי, האָבן נישט געקאָנט, נאָך זייער באפרייאונג, אָפקויפן די ערד ביי זייערע הארן. נישט זיי האָבן געהאט געלט דערויף, נישט זיי האָבן געקאָנט זיך פון דער ערד דערנערן, ווייל זי איז געווען זאמדיק און נישט־פרוכטבאר. זיי זענען ווייטער גע־בליבן ביי זייערע פריצים, געלעבט אָרעם און נאקעט, דערנערט זיך בלויז מיט קארטאָפל און געהונגערט לאנג פאר יעדער שניט־צייט.

דער רייכער ארענדאר, דער קאָצקער חסיד ר׳ שלמה דוד

פרייס, וואָס פלעגט פירן פוילישן ווייץ און קאָרן קיין פרייסן, האָט איין מאָל אין א נאַכט, ווען ער האָט נישט געקאָנט שלאָפן, דער־טראַכט זיך, צווישן אַלערליי אנדערע מחשבות, אַז מען דאַרף ביי די פּריצים, די ברידער קאָנאַרסקי, אָפּקויפן די שלעכטע ערד און אויפבויען א שטעטל ביי לאָדזש, וואו עס זאָלן זיך קאָנען באַזעצן די אָרעמעלייט, די באַלעמעלאַכעס און באַלעגאָלעס, וואָס שטיקן זיך אין שטאָט. באַלד אינדערפרי נאָכן דאַווענען האָט ער גע־הייסן זיין משרת שפּאַנען די ברישקע און אריבערפירן אים צו די קאָנאַרסקים אין זייער גוט.

ווי א געניטער געשעפטסמאַן, איז ער נישט גלייך פאַרפאָרן צו די פריצים אליין, נאָר אָפּגעשטעלט זיך נעבן פריצס עקאָנאָם צו רעדן וועגן קאָרן, וואָס ער האַלט ביים קויפן. קייענדיק אַזוי די ווייצן אין שייער, האָט ער אויסגעפרעגט זיך וועגן די פריצים קאָ־נאַרסקים, וועגן זייערע געשעפטן, מסחרים. דער עקאָנאָם האָט גע־צויגן די לאַנגע וואָנסעס און געזיפצט איבער די האַרן זיינע, וואָס זענען פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ, נאָר זיי אַליין טוען גאָרנישט דערויף, וואַרפן מיט געלט, פאָרן קיין פּאַריז הולטאַיען און דעם גאַנצן עול לאָזן זיי אויף אים, דעם עקאָנאָם.

ר' שלמה דוד האָט רואיק אויסגעהערט און א צופרידענער אוועק צום הויף.

ניין, ער איז נישט געווען אַזוי נאַריש צו דערציילן די פּרי־צים, אַז ער גרייט זיך בויען א שטעטל אויף זייערע פעלדער. ער האָט גאָר גענומען רעדן וועגן א גלאָז-הוטע, וואָס ער האָט בדעה אויסצובויען אויף א זאַמדיקן אָרט, און ווען עס זאָל זיך אים מאַכן א געלעגנהייט צו קויפן ביליק זאַמדיקן באָדן, וואָלט ער א טראַכט געטאָן. ביי ביידע פריצים האָבן גלייך אויפגעלויכטן די אויגן.

— פּאַניע שלאָמקאָ, — האָבן זיי גענומען אים רופן מיט א טיטול, פאַרגעסנדיק גאָר אין זייער פריצישקייט, וואָס פאָדערט צו רעדן צו א איד אויף „דו“, — אונזער מאַיאָנטעק „באַלוטי“ האָט אַזויפיל זאַמד, אַז מען קאָן דאָרט צען הוטעס אוועקשטעלן...

ר' שלמה דוד האָט זיך נישט געאיילט, גוט אויסגעדונגען זיך און די ריזיקע זאַמדיקע פעלדער אָפּגעקויפט פאַר צוואַנציג טויזנט

רובל במזומנים. אז די פריצים האָבן אין פּאַריז זיך דערוואוסט פון זייער עקאָנאָם, אז דער איד בויט א שטעטל אויף זייערע פעלדער, זענען זיי געקומען צו לויפן און גענומען זוכן מבטל צו מאַכן דעם פאַרקויף. זיי האָבן אויסגעפונען, אז דער איד האָט געקויפט ביי זיי אויף בויען א הויז, נישט קיין שטעטל, און דעריבער איז דער קאָנטראַקט נישט גילטיק. די ריכטער און די אַסעסאָרס, וואָס זענען געווען מיט די פריצים פריינט, האָבן געזוכט אין די געזעצן און געוואָלט ארויסשטופּן דעם איד. ר׳ שלמה דוד פּריים האָט נישט געהאַט קיין פּלאַץ אויף צו מאַכן בעלער פאַר ריכטער און אַסע־סאָרן, אויך האָט ער נישט געקאָנט רעדן מיט זיי וועגן הינט און האָזן, וואָס זיי האָבן אַזוי ליב. אָבער ער האָט געהאַט געלט, רענד־לעך גאָלדענע, אויף וואָס די ריכטער און אַסעסאָרן זענען גרויסע בעלנים. און זיי האָבן שוין אַזוי געזוכט אין די געזעצן, אז זיי זאָלן זיין פאַר דעם איד, נישט פאַר דעם פּריץ. אז די פּריצים האָבן געזען, אַז זיי האַלטן שלעכט, האָבן זיי אָנגעגעבן אַן אָנ־קלאַגע צו דער מאַכט, וואָס פאַרווערט אידן צו באַזעצן זיך אין א דאָרף. באַמטע זענען געפאָרן אין קאַרעטעס צו די קאָנאַרסקים אין שלאָס, ווייַן געטרונקען, אויף יאַגד געגאַנגען, מיט זייערע טעכטער געטאַנצט, און צוגעזאָגט די פּריצים אַליץ. אָבער ר׳ שלמה דוד האָט געשאָטן מיט געלט, מיט גאָלדענע רענדלעך אויף רעכטס און לינקס, און די הויכע באַאַמטע האָבן גענומען שלעפּן מיט די געזעצן, שיקן זיי קיין וואַרשע, אָנשרייבנדיק אַזויפיל פּאַפּירן, קאָמענטאַרן און יורידישע דריידלעך, אז די באַאַמטע אַליין האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין זיי, נישט ארויסגעקראָכן.

דערווייל האָט מען אויף די זאַמדיקע פעלדער גענומען בויען, מויערן, פּלאַץ נאָך פּלאַץ, געסל נאָך געסל. די פּלעצער זענען גע־שטיגן, געוואַקסן איבער נאַכט. געבויט האָט מען גיך, איילנדיק, קרום, צעדרייט, ווי ווער עס האָט געוואָלט, ווי וועמען עס איז געפעלן — א הויז אריינגערוקט, א הויז ארויסגערוקט, געדרייט, געשלענגלט. איידער נאָך מען האָט פאַרענדיקט אויסשמירן מיט קאַלך די ווענט פון א ניי הויז, האָט מען שוין דאָרט געוואוינט. פויערים האָבן געפירט זאַמד, ציגל, אויסגעריסן וואָרצלען פון

דער ערד, געלאָשן קאַלך, געשניטן האָלץ, געדעקט דעכער. אידישע סטאָליאַרעס, טעסלערעס, מוליאַרעס, בלעכער, גלעזער האָבן געאַרבעט, געיאָגט, געטריבן. די פּאַפּירן האָבן זיך געוואַלגערט אין סענאַט, נאָר דאָ איז דערוויייל אויסגעוואַקסן א שטאָט מיט הייזער, גאַסן, מערק, וואָס קיין שום געזעץ וועט זיי נישט קאָנען אַראָפּרייסן.

איידער די נייע שטאָט באַלוטי, וואָס אידן האָבן זי גערופן באַלוט, האָט נאָך געקומען צוטראַכטן נעמען פאַר די נייע גאַסן און געסלעך, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויף אירע זאַמדן, האָבן שוין די אידן אליין, די וועבער, שניידער און באַלעגאַלעס, אייגענע נעמען זיי געגעבן, נעמען היימישע, אידישע, לויט די באַלעבאַטים פון די הייזער, לויט די נעמען פון שולעכלעך און בתי־מדרשים, וואָס זיי האָבן דאָרט אויסגעבויט. עס זענען אויסגעוואַקסן די שול־גאַס, פּעפּער־געסל, פייפער־געסל, יונה פילצערס פּלאַץ, גראַסמאַנס געסל, אלערליי אַנדערע געסלעך מיט היימישע נעמען.

ביי די עקן זענען נאָך אלץ פאַרבליבן די פּויערים מיט זייערע הייזלעך מיט שטרויענע דעכער, דאַרע קיעלעך, געגז, חזירים און הינט. אָבער מיט יעדן טאָג איז זייער דאָרפישקייט פאַרשוואונדן. זיי זענען אריינגעשלעפּט געוואָרן אין שטאָט, ווער עס האָט געמויערט, ווער עס האָט געשלעפּט ציגל צו די מויערן, זאַמד געפירט, ליים געגראָבן, די וואָרצלען פון דער ערד אַרויסגעריסן. ביסלעכווייז האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פּויערשע קליידער, אריינגעקראָכן אין טאַנדעט־שטאָטישע, געקויפט אין די קרעמלעך, פאַרדינט געלט און אויסגעגעבן געלט. די קינדער זייערע האָבן זיך גענומען דרייען אין די אידישע געסלעך, אויסגעלערנט זיך א וואָרט אידיש, געכאַפּט שבת א שטיקל חלה פאַר אַראָפּנעמען די לייכטער אין א אידישער שטוב, פאַר איינהייצן ווינטער אין אויוון, פאַר פאַרלעשן די לאָמפּן. אָרעמע דייטשע וועבער האָבן זיך אריינגעצויגן אין די פּויערשע הייזלעך. באַלד דערנאָך האָבן די דייטשע אַגענטן גענומען גיין איבער די דערפער, דינגען פּויערים, פּויערטעס און יונגע מיידלעך צו זיין אין שטאָט אויף ארבעט אין די

דאמף־פאבריקן, וואס האבן גענומען זיך ווייזן אין שטאט, קריכנ־דיק מיט די הויכע קוימענס אין קלארן הימל אריין.

אין דער זייט פון די „ווילקעס“, נאנט צו די פעלדער שוין, האט דער דייטשער מייסטער היינץ הונצע, וואס האט פארדינט א סך געלט ביי זיינע האנט־שטולן און געווען פארוואָרפן מיט ארבעט, אויסגעבויט א דאמף־פאבריק, א רויטע און א פיל־פענ־סטערדיקע. פארטאג האט דער ארויפשיסידיקער קוימען געריסן זיך מיט באנומענע קולות און אויפגעריסן מענטשן פון שלאף, גע־וועקט צו דער ארבעט. באלד נאך אים האט דער קאצקער חסיד, ר׳ שלמה דוד פרייס, וואס האט געמאכט א פארמעגן ביי זיינע פלעצער אין באלוט, געלאזט זיך מאכן א נייע ריפסענע קאפאטע, א הויך זיידן היטל באשטעלט זיך ביי א היטל־מאכער, א שירעם א זיידענעם זיך איינגעהאנדלט, און פארנייענדיק זיין געלט, אין הוילע באנקנאטן, אין דער בוזים־קעשענע פון זיין סאמעטענער וועסט, וואס ער האט אויף קיין רגע פון זיך נישט אראפגענומען, אפילו אין שלאף — האט ער זיך געלאזט איבער גרענעצן און לענדער, ביז ענגלאנד. אן וועלכער פרעמדער שפראך, בלויז מיט א דייטשמערישן אידיש, האט ער גרויסע מאשינען איינגעהאנדלט, אן אינזשינער א גוי געדונגען, אויך א כעמיקער, און זיי צוזאמען מיט די מאשינען קיין לאדזש אראפגעבראכט. אויף א גרויסן פלאץ, וואס ער האט פאר ביליק געלט אפגעקויפט, האט ער א דאמף־פאבריק אוועקגעשטעלט און מיטן צווייטן קוימען אין ריינעם הימל פארקראכן, איבערשרייענדיק הונצעס קוימען.

ער האט קיין אידישע וועבער אין דער פאבריק נישט גענומען, ווארום די גוים, די ענגלענדער, האבן נישט געוואלט ארבעטן זונטיק, בלויז פון מאנטיק ביז שבת־צו־נאכטס. אבער אזוי ווי אויך די גוים טארן אום שבת נישט ארבעטן ביי קיין איד, דען עס שטייט געשריבן: עס זאל רוען דיין קנעכט, דיין אקס און דיין אייזל, איז ר׳ שלמה דוד פרייס, וואס איז געווען א איד א למדן, אוועק צום רב, געלאזט אנשרייבן א גרייזיקע שטר־מכירה, א לשון־קודש־פאפיר, אין וועלכן עס איז אין א געמיש פון העברעאיש און אראמיש אנגעשריבן, אז שלמה דוד פרייס, פון דער הייליקער

קהלה לאָדזש, וואָס איז ביים טייכל לודקא, פאַרקויפט די פאַבריק זיינע צו זיין משרת וואָיטשעך סמאָליוך. דער גוי מיט די ריזיקע שטרויענע וואָנסעס איז זייער א דערשראָקענער געשטאַנען אין דער רבנישער בית־דין־שטוב. ווען דער באַלעבאָס זיינער האָט אים „פאַרקויפט" די פאַבריק זיינע.

— פאַניע, — האָט ער זיך געבעטן ביי זיין באַלעבאָס, וואָס האָט אים איבערגעזעצט דעם העברעאיש־אַראַמישן קאָנטראַקט, — איך בין אָרעם, ווי קאָן איך קויפן א פאַבריק?

— גלופיש, וואָיטשעך! — האָט אים דער באַלעבאָס זיינער געזאָגט. — טו, וואָס מען הייסט. וועסט מיר באַצאָלן בלויז א רובל פאַר דער פאַבריק...

— אָבער איך האָב נישט, — האָט זיך דער דערשראָקענער גוי געבעטן.

— נאָ דיר, איך ליי דיר א רובל, וואָיטשעך, — האָט ער געזאָגט, — באַצאָל אים מיר איצט פאַר דער פאַבריק. וואָס איך פאַרקויף דיר, און ווען דו וועסט האָבן, וועסטו אים מיר צוריקגעבן.

דער גוי האָט נישט פאַרשטאַנען, מורא געהאַט, צו די אידן ווילן אים נישט אָפנאַרן, כשוף אָפטאָן, דעם טייוול פאַרקויפן. נאָר אַז דער באַלעבאָס זיינער האָט זיך אויף אים אָנגעבייזערט און געהייסן טאָן, וואָס מען הייסט אים, האָט דער גוי זייער פאַרזיכטיק אָנגערירט די שפיץ רויטע קעשענע־פּאַטשיילע, וואָס דער רב האָט אים דערלאַנגט, מקבל־קנין צו זיין, אַז ער קויפט טאַקע אָפּ די פאַבריק ביי זיין באַלעבאָס. דער רב האָט פאַרלאַנגט, אַז דער גוי זאָל זיך אויך אונטערשרייבן, נאָר דער גוי האָט נישט געקענט. ער האָט בלויז אוועקגעשטעלט דריי צלמלעך. סיי דער רב, סיי ר' שלמה דוד פּריים זענען געווען אומצופרידן, אי פון גוים דערשראָקנקייט, וואָס ער פאַרשטייט גאָרנישט אין אידישע זאַכן, אי פון זיין אוועקשטעלן אַזש גאַנצע דריי צלמלעך אויף א לשון־קודשדיקער שטר־מכירה. אָבער טאָן קענען דעם האָט מען גאָרנישט נישט געקאָנט. ר' שלמה דוד האָט דעם גוי געגעבן גאַנצע צען גראָשן אויף א שנאַפּס צוזאַמען מיט דעם לשון־קודשדיקן כתב. דער גוי האָט דאָס

פאפיר באהאלטן אין היטל און א דערפרייטער אוועק אין שענק. ר׳ שלמה דוד האט באצאלט א גאנץ דרייער־קערבל דעם רב פאר זיין כתב און אוועק אהיים א צופרידענער, וואס די פאבריק וועט קאנען ארבעטן אין שבת און ער וועט נישט האבן קיין זינד אויף זיך. ווארום די פאבריק איז נישט מער זיינע. זי געהערט צו זיין משרת וואיטשעך סמאליוך, און וואיטשעך סמאליוך דארף נישט היטן די תורה און אירע געבאטן, וואס גאט האט נאר געגעבן צו זיין אויסדערוויילט פאלק, אידן.

די פאבריק האט געקלאפט, געציטערט מיט אלע רויט־גע־מויערטע ווענט. רויכן האבן זיך הויך געצויגן צום הימל, גע־שווארצט די לויטערע לופט. סירענעס האבן טויב געמאכט מיט זייערע קוויטשיקע פייפערייען. די דייטשע האנט־וועבער האבן דער־זען א געפאר אין די קוימענס, וואס פאריאגן די מענטשן פון זייער ארבעט, און גענומען קוקן מיט טרויער אויף זייערע אדערדיקע הענט. די דייטשע מייסטערס האבן מורא געקריגן פאר קאנקורענץ און געהעצט די ארבעטער קעגן די אידישע טייוולאנישע מאשינען. פאר צארן האבן זיך די וועבער געזאמלט אין די שענקען און פאר־טרונקען די לעצטע גראשנס. און אין איינעם א שבת־צו־נאכטס זענען זיי ארויס מיט פאקעלן, אייזנס און מעסערס און די מאשינען ביי דעם איד צעבראכן, נאפט אויף די ווענט געגאסן און געצונדן. פאראויס זענען געגאנגען די דייטשע מייסטערס מיט די צעך־־פאנען אין די הענט. שיכורע, צעלאזענע, זענען זיי דערנאך מיט געזאנגען און קללות אין דער אידישער גאס אריין און, ווי זייערע פאטערס און זיידעס אין די דייטשע שטעט, זענען זיי די אידן, די וועבער און די קרעמער, באפאלן, שויבן געהאקט, געשלאגן, גערויבט און קולות געמאכט:

— העפ, העפ, יודע!...

נאר קאזאקען מיט הוילע שווערדן האבן זיי ארומגערינגלט, ביז צום טייכל „לודקא“ ארייגעטריבן און מיט נאהייקעס איבער די קעפ געשלאגן.

ר׳ שלמה דוד פריים האט נאך גערדיכטערע רויכן גענומען לאזן פון זיין קוימען. די סירענעס האבן נאך גרילציקער גערופן

פאַרטאָג. דייטשע רייכע וועבער, וואָס האָבן אַ סך געלט פאַרדינט ביי זייערע וועב־שטולן און זענען פאַרוואָרפן געווען מיט אַרבעט פאַר רוסלאַנד, האָבן אין דער פוילישער באַנק געלט געליהען און פאַבריק נאָך פאַבריק אוועקגעשטעלט. אידישע גבירים, וואָס האָבן אַ סך יאָרן מיט דאַנציק געהאַנדלט, האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון מסחר און פאַר די געלטער פּלעצער געקויפט און דאַמף־פאַבריקן געשטעלט.

אויף די פעלדער אַרום לאָדזש זענען ציגל־רויטע פאַבריקן אויסגעוואַקסן. שמוציקע אויספלוס־וואַסערלעך האָבן פאַראומרייניקט די לופט. פון די דערפער אַרום האָבן פויערים געפירט וואָגנס מיט ליים, זאַמד און ציגל איבער די זאַמדיקע וועגן. אידן האָבן ציגל־פאַבריקן אויסגעמויערט, וואו נאָר ס'האָט זיך ליימיקע ערד געוויזן. וואַלד־סוחרים האָבן געשניטן בוימער. פויערים האָבן קלעצער געזעגט, געטעסעט, באַלקנס געמאַכט. מוליאַרעס האָבן קאַלך געלאָשן. אידישע באַלעמלאָכעס האָבן געאַרבעט, סטאָליאַרעס האָבן טיר און פענסטער געמאַכט, שינדל־מאַכער האָבן שינדלען געפיגעוועט, בלעכער האָבן דעכער געדעקט, שמידן האָבן אייזנס און שלעסער געשמידט, גלעזער האָבן שויבן אַריינגעשטעלט. פון אַלע שטעט און שטעטלעך האָבן אידישע באַלעמלאָכעס געצויגן מיט זייערע כלים קיין לאָדזש. פויערים, וואָס האָבן אַ סך קינדער און ווייניק ערד, האָבן זייערע דערפער פאַרלאָזן און געצויגן צו די פאַבריקן אויף אַרבעט. פון רוסלאַנד זענען סוחרים געקומען און אַ סך סחורה געפאָדערט. עס איז גאַרנישט געווען אָנצויאָגן.

די וועב־שטולן האָבן געקלאַפּט גאַנצע נעכט. די שטאָט איז געוואַקסן שנעל, גיך.

צוזאַמען מיט דער שטאָט איז געוואַקסן דאָס הויז פון ר' אברהם הערש אשכנזי, וואָס מען האָט אים גערופן דאַנציקער.

קאַפּיטל דריי

אין אָפּגעזונדערטער, אַ זייטיקער, ווייט פון די קינדער אין הויף, אָפּגעטיילט פון דעם אייגענעם צווילינג־ברודער און די שוועס־טערלעך, פרעמד אפילו פון אייגענע טאַטע־מאַמע, האָט געלעבט און געוואַקסן דער קליינער שמחה מאיר אין זיין פּאַטערס מויער אויף דער אַלטער שטאָט.

פון קינדווייז אָן גייט ער זיך זיין באַזונדערן גאַנג. ער שפּילט זיך קיינמאָל נישט צוזאַמען מיט די קינדער פון הויף.

דער הויף זייערער איז אַ גרויסער, אָן אומגעלומפּערטער, ווי מערסטנס הויפן אין נייעם לאָדזש, צוגעמויערט און צוגעשטוקע־וועט פון אַלע זייטן. פון דעם פליגל אין הויף, וואו די דירות זענען קליינע און אָרעמע און פאַרדונגען צו באַלעמלאָכעס, קלאַפּן דאָרט וועב־שטולן. דורך אָפענע פענסטער שיט זיך שטויב. דאָס מאַכן אידן וואַטע פון דעם אָפּפאַל, וואָס זיי קויפן אויף אין די פאַבריקן, און תמיד פליען דורך די פענסטער ווייסע פליטערלעך. איבער דער גאַנצער לענג פון הויף דרייט אַ איד שטריק. אַ טאַטע מיט דריי זין הערן נישט אויף אַרומלויפן הין און צוריק, דרייען קאַנאַפּליעס, איבעררופנדיק זיך מיט רויע קולות:

— צי, צי, פעסטער האַלט!

די קינדער אין הויז האָבן זייער ליב דעם הויף. איבערהויפּט גייט אויס נאָך אים שמחה מאירס צווילינג־ברודערל יעקב בונם.

— שמחה מאיר, — רופט ער אַ פרייליכער, מיט אַ הויך קול, וואָס איז פול מיט געלעכטער, — קום זיך שפּילן אין יאַגעלעך.

— כ'וויל מיך מיט דיר נישט שפּילן, — ענטפערט שמחה מאיר שאַרף און ברוגז און דרייט זיך אָפּ אין אַ זייט.

זיי לעבן נישט בשלום, די צוויי ברידערלעך.

יעקב בונם וויל לעבן בשלום. ער איז אַ גרויסער, אַ פעסט־געבויטער, אַ לוסטיקער און לאַכעדיקער. תמיד לאַכט ער כאָטש עס איז נישטאָ פאַרוואָס.

— יעקב בונם, פאַרוואָס לאַכסטו? — פרעגט מען אים.

— ס׳גלוסט זיך מיר, — ענטפערט דער קליינער און לאַכט נאָך מער, אַזוי, אַז אויך אַנדערע מוזן מיטלאַכן.

ער איז פאַרקאָכט אין שפּילן זיך. ער איז דער בעסטער לויפער אין הויף, ווען מען שפּילט אין פערדלעך. אויך קאָן ער זיך זייער קונציק אַרונטערקריכן אונטער די גרונט-זיילן פון די קאַמערן אין הויף, ווען מען שפּילט זיך אין באַהעלטעניש, אַזוי, אַז קיינער זאָל אים נישט געפינען. פלינקער פון אַלע לויפט ער נאָך דעם שטריק, וואָס דער שטריק-דרייער ציט איבער דער לענג פון הויף. אויך קאָן ער די שווערע שטיינער אַרויסציען פון זאַמד און אויפהויבן מיט די הענט. א גאַנצן טאָג ווערט אים נישט מיאוס זיך צו שפּילן, ווי די מיידלעך אין הויף. נישט בלויז האָט ער זיך אַליין ליב צו שפּילן און פרייען, נאָר ער וויל, אַז אַלע זאָלן זיך מיט אים מיטשפּילן און מיטלאַכן. אויך מיט זיין ברודערל, שמחה מאיר, וויל ער זיך שפּילן. נאָר שמחה מאיר וויל נישט.

ער איז זייער אַן אַמביציעזער דער קליינער שמחה מאיר. אים שטייט נישט אָן, וואָס דאָס ברודערל זיינס, וואָס איז אינגער פון אים, איז א סך העכער פון אים, שטאַרקער, מער בריה און נעמט־אויס ביי די קינדער אין הויף מער פאַר אים. ער קאָן קיינמאָל נישט דעריאָגן יעקב בונמען, ווען מען שפּילט אין יאָגעלעך. ער קאָן נישט אַזוי גוט זיך שטעלן אויפן קאָפּ, נישט איבערקוליען זיך הין און צוריק אויף דער ערד און נישט בייקומען דאָס ברודערל זיינס, ווען זיי ראַנגלען זיך און פּרובירן די כוחות. תמיד כאַפּט מען אים דעם ערשטן, תמיד פאַלט ער ביים שפּרינגען איבער די קלעצער אין הויף, צעדראַפּעט זיך די הויט און צעבלוטיקט זיך דאָס נעזל. ער האָט זייער מורא פאַרן בלוט, וואָס לויפט באַלד פון נאָז.

— בלוט, בלוט, — שרייט ער מיט שרעק אויף די טראָפּנס, וואָס רינען אים אַראָפּ אויף דעם זאַמד אין הויף.

יעקב בונם רעדט אים אויס. ער לויפט־צו צום פּלומפּ אויפן הויף, נעמט־אָן צוויי הענטלעך מיט וואַסער און הייסט דעם ברודערל אַריינציען.

— ציִ גוט אַריין — זאָגט ער אים, — וועט אויפהערן.

אז שמחה מאיר שרעקט זיך ווייטער, ווישט אים יעקב בונם אפ דאס בלוט מיט אן עק ציצה-כנפות און לאכט, כאטש עס באַ-רירט אים.

— אז מען צעבלוט זיך, דארף מען נישט מורא האָבן, — לערנט ער אים. — איך וויין אויך נישט.

דערביי נעמט ער א שטיקל גלאז, וואס א גלעזער האָט אוועק־געוואָרפן אין הויף, צעקראַצט זיך דערמיט די האַנט, אז בלוט גייט, און קייכט דערביי פון געלעכטער.

די קינדער אין הויף באַוואונדערן אים. איבערהויפּט די מיידלעך.

— ביזט א שטאַרקער, — לויבן זיי אים.

שמחה מאירן פאַרדריסט עס צו הערן. ער איז אייפערזיכטיק אויף יעקב בונעמען און ער גייט א ברוגזער אוועק אין א זייט.

אין שטוב, ווען די קינדער זעען נישט, האָט ער ליב צו שפּילן זיך מיטן ברודערל. יעקב בונם מאַכט זיך פאַר א פערד, לייגט זיך אוים אויף אַלע פיר אויף דער ערד און שמחה מאיר זעצט זיך אוועק אויף זיין רוקן רייטן.

— וויאָ! — רופט ער, קלאַפּט דאָס פערד מיט די פיס און שלאָגט אים מיט א ריטל פון בעזים. אויך נעמט אים יעקב בונם אויף די פּלייצעס, ווי א שעפּס, גייט־אום צו אַלע אין שטוב און לייגט פאַר א שעפּסעלע צו פאַרקויפן.

— גולם, — בייזערט זיך אויף אים לאה שרה די דינסט, וואָס האָט אים ליבער פאַר שמחה מאירן, — וועסט דיר די קיש־קעס אָפּרייסן.

—כ'קאָן נעמען נאָך איינעם אויף זיך, — באַרימט זיך יעקב בונם און לאַכט.

שמחה מאיר האָט פון די שפּילערייען הנאה. א שטיק געזונט קומט אים צו דערפון. אָבער דאָס איז אַלץ אין שטוב. אויפן הויף, צווישן די קינדער, מיידט ער אוים אַלעמען.

ער איז אַן אַמביציעזער, א גרוים־האַלטער, ער וויל אומעטום זיין דער גרעסטער, דער פירער. אָבער ער קאָן עס נישט אויפן הויף. דאָרט איז יעקב בונם דער קייזער. אַלע אינגלעך שאַרן זיך ארום

אים, נאָך מער די מיידלעך, ווי די הינער אַרום א גרויסן פאַרביקן האָן. מער פון אַלע קלעפּט צו אים די קליינע דינהלע, דאָס טעכ־טערל פון ר׳ חיים אַלטער, וואָס האָט זיין הויז אין שכנות מיט ר׳ אברהם הערשס הויף, א פולנקע, א פולכנע, מיט ברוינע קאַשטאַן־האָר, געדרייטע אין לאָקן, לעקעלעך און רינגעלעך, פאַרקניפּט מיט א גרויסער בלויער שלייף, א פריילעכע, א פאַרשפּילטע, האָט זי געוואַלדיק ליב דעם לאַכנדיקן יעקב בונם. ער טראָגט זי אויף די אַקסלען. ער זעצט זי אַריין אין דער טאַטשקע, אין וועלכער דער הויז־וועכטער פירט מיסט, און שלעפּט זי איבערן גאַנצן הויף.

שרה לאה די דינסט קוועלט יעדעס מאָל, ווען זי טראָגט אַראָפּ א מוציא ברויט מיט האָניק יעקב בונמען אין הויף.

— וועמען ווילסטו פאַר א חתן? — פרעגן די ווייבער ביי דער קליינער.

— דעם טאַטעשי, — זאָגט די קליינטשיקע, שאָקלענדיק מיט אַלע לעקעלעך פון קאָפּ.

— און וועמען נאָך, דינהלע?

— אים, — ווייזט די קליינע אָן מיט א פולכנע הענטעלע אויף יעקב בונמען.

שרה לאה שנייצט די נאָז אין אַן עק פאַרטוך פאַר גליק.

אַלע קינדער קוקן מיט פאַרערונג אויף יעקב בונמען, זייער עלטסטן.

שמחה מאיר ליידט דערפון. ער קאָן נישט הערן, ווי מען לויבט אימיצן, ער איז פול מיט קנאה, בייז און ברוגז. ער וואַרפט די מיידלעך זאַמד אין די האָר. די מיידלעך אַנטלויפן פון אים און זוכן שוץ ביי יעקב בונמען.

— שמחה מאיר דרייער, נאַדיר א צווייער און גיב מיר א מייער... — זינגען זיי אויף אים א לידל.

אויפן הויף איז פריילעך. פון די אָפענע פענסטער ביי די באַל־מעלאָכעס טראָגן זיך חזנישע שטיקלעך, וואָס די געזעלן זינגען. ביי די וואַטע־מאַכערס זינגען די אַרבעטער־מיידלעך. זייערע שוואַר־צע צעקרייזלטע קעפּ, איינגעטונקען אין שטויב, פאַרוועבט מיט שטיקער וואַטע, זענען פול מיט פרינצן און בת־מלכהס, ווענן וועל־

כע זיי לייענען אין די טייטש־ביכלעך, און זיי הערן נישט אויף צו זינגען ליבע־לידער, לידער וועגן אידישע מיידלעך, וואָס אַפּיצירן האָבן זיך אין זיי פאַרליבט און דערשאָסן, לידער פון פאַרליבטע משומדתטעס, וואָס זענען אנטלאָפן מיט שקצים און דערנאָך גע־מוזט גיין וואַשן וועש... דאָס אַלץ איז זייער גוט צו הערן. אָבער מער פאַרגעניגן פון אַלעס האָט מען פון דעם שטריק־דרייער.

א צעוואַקסענער איז ער, דער שטריק־איד, מיט א גדריכטער באָרד און וואָנסעס, וואָס זעען אויס, ווי זיי וואָלטן אויך געווען פון קאַנאַפּליעס, מיט ריזיקע ברעמען און מיט בינטלעך האָר אין די אויערן און אין די נאָז־לעכער. אויך זיינע באָרוועסע פאַרקאַשערטע פיס ביז די קני זענען האָריק. אויף די ציצית פון זיין לאַנגען טלית־קטן הענגען נאָך בינטלעך שטריק. אָבער פונקט ווי גרוים זיי זענען, דער טאַטע מיט די זין זיינע, אזוי גוט זענען זיי. זיי טרייבן קיינמאָל נישט אוועק די קינדער אין הויף, וואָס קוקן זיך צו מיט גרויסע אויגן און אָפענע מיילער צו דער ארבעט. אויך ווען א אינגל וויל אמאָל א דריי טאָן ביים רעדל אָדער לויפן מיט שטריק לענגאויס דעם הויף, טרייבט דער אלטער נישט אוועק מיטן רימען פון די הויזן, ווי אַנדערע טוען עס.

— האַלט, האַלט, — זאָגט ער מיט געלעכטער, צעציענדיק פון נחת דאָס גאַנצע האָריקייט זיינס, — לאָז נישט אָפּ דעם שטריק, ס'עט דיר נאָך אָנכאַפּן די פאות...

די קינדער ווילן גאָרנישט אָפּטרעטן פון הויף. די מאַמעס קאָנען זיי קוים ארייננבעטן אין שטוב אריין אָפּצועסן. דער הויף איז נישט איינגאַנצן אויסגעפלאַסטערט מיט שטיינער. מען קאָן גראָבן ערד, ביז מען דערגראָבט זיך צו געל זאמד, אפילו צו וואַ־סער. די שענסטע פעסטונגען מאַכן די אינגלעך פון זאמד. די מייד־לעך קנעטן טייג פון דער פייכטער, געלער ערד, מאַכן חלות, קוכנס, שניידן אויס קיכלעך מיט בלעכערנע דעקלעך פון שאַכטלען. אויפן נידעריקן דאַך פון קליינעם הייזעלע, וואו דער גויאישער הויז־וועכ־טער וויינט, איז דאָ א טויבנשלאַק. טויבן פון אַלערליי פאַרב און קאָליר פליען אריין און ארויס, שאָקלען זיך אין דער ברייט, פּיקן ארבעס און וואָרקען שטיל. קעץ לויערן תמיד אויף די טויבן, ווילן

זיי כאַפּן. די טויבן קריכן זיי אונטער די פיס, נאָר תמיד, ווען די קאַץ גיט זיך גיריק א צי־אויס און וויל אָנכאַפּן ביים עק, גיט די טויב פלינק זיך א דריי־אַרויס און פליט־אַרויף אויפן דאַך.

יעקב בונם קוועלט פון גליק.

— שמחה מאיר, — רופט ער, — קום, עט מע געבן די טויבן קרישקעלעך ברויט. פון די הענט וועלן זיי עסן, ס'טזען.

— מ'דאַרף נישט, — ענטפערט שמחה מאיר און קוקט א זייטיקער אין ווינקל.

א מאָגערער, א שאַרף־געשניצטער, לייכט באַשיט מיט זומער־שפּרענקעלעך, מיט זייער רויטע און דינע ליפּן און מיט אויגן גרויע, וואָס בייטן זיך אין גרין, ווען זיי ווערן שלעכט. גייט ער זיך אָן א זייט, תמיד מיט עטלעכע טריט אָפּגערוקט פון אַלעמען. די הענט־לעך האַלט ער שטענדיק אין די קעשענעס פון זיין שוואַרץ, נגידיש, ריפּסן כאַלאַטעלע, דאָס זיידענע היטעלע ליגט פאַרקאַשערט הויך איבערן קאָפּ, אזוי, אַז דער גאַנצער גרויסער שטערן, באַזוימט מיט א דין־געשווירן שפּיצל האָר און מיט צוויי פלאַקסענע געקרייזלטע פּיאות אין די זייטן, זעען זיך אַרויס. די אויערן זיינע, אויפגעשטעל־טע, אויפגעשפּיצטע, הויך אויפגעהויבענע, ווי ביי א העזל, זענען שטענדיק וואַך אויף אַלעס, קיין קלאַנג גייט פאַר זיי נישט פאַר־לאָרן. פּונקט אזוי זענען אומעטום פול די גרויע אויגן זיינע, וואָס אויפן ערשטן אויגנבליק זעען זיי אויס צו זיין ווייך, נאָר אין דער אמתן קוקן זיי פאַרביסן און מיט אומצוטרוי און די אַפּלען אין זיי לויפן גיך, פלוטעוואַטע און אביסל משוגע. קיין איין־איינציק געשעעניש, קיין איין באַוועגונג, סיי פון די דערוואַקסענע, סיי פון די קינדער אין הויף, לאָזן זיי נישט דורך. אַן אַלץ־זעעוודיקער, אַן אַלץ־הערענדיקער, א וואַכנדיקער תמיד, ווי די קעץ אויפן הויף ביים טויבנשלאַק, קוקט זיך דער קליינער שמחה מאיר צו צו אַלץ, באַטראַכט אַלע שפּילערייען פון די קינדער, אַלע זייערע בריה־שאַפטן, זייער שטעלן זיך אויפן קאָפּ, שלאָגן זיך, ראַנגלען, לויפן, נאָר מיטשפּילן זיך וויל ער נישט.

— מאירל, — רופט אים דורכן אָפענעם פענסטער די מוטער

ביים נאָמען פון איר זיידן, — קרוין מיינע, שפּיל זיך מיט די קינ־דער.

— כ׳וויל נישט, — ענטפערט דער קליינער שאַרף און טרוקן.

וויפיל די מוטער זאָל אים נישט בעטן, וויפיל די קינדער זאָלן נישט אויסשטרעקן צו אים די הענטלעך, רופן אים, וויל ער נישט דערנענטערן זיך צו זיי.

— כ׳האָב מיך נישט ליב צו שפּילן, — זאָגט ער א ברוגזער.

אים ציט דאָס שפּילעריי, ס׳חיות גייט אים אויס מיטצולויפן מיט די קינדער, שפּילן זיך אין יאַגעלעך, גראָבן גריבער, נעמען זיך פאַר די הענטלעך און טאַנצן. נאָר עפּעס אַן עקשנות, א זייטיקער כח, א פרעמדער, אַן איינעסנדיקער, האַלט אים אָפּ, לאָזט אים נישט צו. דוקא, ווייל די קינדער רופן אים, וויל ער נישט צוגיין. ער קאָן קיינמאָל נישט טאָן דאָס, וואָס יענער וויל, וואָס מען פאַר־לאַנגט פון אים. ער איז זיי מקנא, די קינדער, ס׳הערצל ציטערט אים פאַר קנאה אויף זייערע שפּילערייען, געלעכטערן, פרייד. אי־בערהויפּט איז ער מקנא דעם אינגערן ברודער זיינעם, יעקב בונם, פאַר אַלע זיינע בריהשאַפטן, וואָס ער באַווייזט, פאַר דעם שטעלן זיך אויפן קאָפּ, גיין אויף די הענט, שפּרינגען אויף די ברעטער, טאַנצן לאַנג אויף איין פיסל, און איבערהויפּט פאַרן גיכן לויפן, וואָס ער, שמחה מאיר, כאָטש אַן עלטערער, קאָן נישט נאָכיאָגן. און ער האָט זיי פיינט דערפאַר, די קינדער אין הויף. יעדעס מאָל, וואָס אימיצער פאַלט און צעקלאַפּט זיך דאָס נעזל, אַז בלוט רינט, אָדער אַז מען דרייט זיך איבער אין לויפן, פּאַטשט ער מיט די הענטלעך, קוועלט־אָן.

שפּילן שפּילט ער זיך באַזונדער, אליין. אָדער ער זאַמלט אָן פּאַפּירלעך, פּאַרביקע עטיקעטן, וואָס ער רייסט אָפּ פון די סחורות, אָדער ער ציט צונויף אויף א שטריקל קלעצלעך פון גאָרן, אָדער ער ציילט די מטבעות, וואָס ער האָט ליגן אין א לײמענעם האָן. פון די סוחרים, וואָס קומען צו זיי אין שטוב, קריגט ער לעק־געלט, דרייערס, צענערלעך און אפילו זילבערנע גילדנס. ער באַהאַלט די מטבעות אין א ליימענעם האָן, וואָס האָט א לאָך פון אונטן, אין סאַמע עק. אָבער ער האָט ליב יעדעס מאָל אויף ס׳ניי

איבערצוציילן די מטבעות. ער שאָקלט שטאַרק מיטן ליימענעם האַן, קלינגט, קלאַפּט, אַזוי אַז אַלע קינדער זאָלן דערהערן און אים מקנא זיין. ער וואַרפט אַרויס די מטבעות, ציילט זיי פיל מאָל, רעכנט אויף די פינגער פון ביידע הענטלעך זיין פאַרמעגן און באַהאַלט זיי צוריק אין האַן אַריין.

ער קאָן זיך נישט שפּילן מיט די קינדער גלייך, ווי עס זאָל אים נישט ציען דערצו. ער קאָן נישט זיין איינער פון אַלע. ער מוז זיין אַן עלטסטער. אָדער ער וויל זיך חברן מיט עלטערע פון זיך, וואָס ווילן אים נישט, אָדער ער וויל הערשן איבער קלענערע פון זיך. זיינס־גלייכן פאַראַכטעט ער, שטעט אים נישט אָן צו חברן זיך. אַז עס ציט אים שוין גאָר שטאַרק צו די קינדער, שאַרט ער זיך פאַרזיכטיק צו צו זיי, אָבער נישט צו שפּילן זיך, ווי מיט חברים, זיינס־גלייכן, נאָר צו הערשן, צו קיניגן איבער זיי. ער צווינגט אַלעמען צו מאַכן אים פאַר אַ קייסער, פאַר אַן עלטסטן. ער נאַרט אויס ביי זיי שפּילעכלעך, אַלע קנעפּ און בלעכלעך, ער צעוואַרפט מיט די פיס די זאַמדיקע פעסטונגען, ער צעשאַרט די קוכנס און חלות, וואָס די שוועסטערלעך מיט די חברטעס מאַכן אין דער פייכטער ערד, ער כאַפּט אַרויס זאַכן פון די הענט און אַנטלויפט. קיין זאַך פאַרשאַפט אים נישט אַזאַ הנאה, ווי צו צע־שטערן, ווי אַרויסכאַפּן און אַנטלויפן.

איבערהויפּט דערגייט ער די יאָרן די שוועסטערלעך, אויך זייער חברטע דינהלע. ער בינדט זיי אויף די שלייפלעך אין די צעפּלעך, ער גליט אָן אַ האָר־נאָדל אין קיך אין פייער און דערלאַנגט זיי מיט דער אָנגעגליטער זייט, זיי זאָלן זיך אָפּבריען. ער וואַרפט זיי אין האַלז אַריין פליגן און ווערעם, פאַר וועלכע זיי האָבן שרעק־לעך מורא. אַז ער אַליין קויפט זיך צוקערלעך, וויל ער קיינעם נישט געבן קיין צוקערל, אפילו קיין לעק צו טאָן גיט ער נישט.

— אַ, ס׳גוט, — טשמאָקעט ער מיט די רויטע ליפּן דאָס נאַש־וואַרק, קוקנדיק דערביי מיט שלעכטע בליקן אויף די אַרומיקע, וואָס זענען אים מקנא.

יעקב בונם לאָזט זיך נישט. אַ נאַשער אַ גרויסער, אַ בעל־תאוהניק, קאָן ער נישט קוקן, ווי דער ברודער נאַשט און ער נישט.

— גיב א לעק, שמחה מאיר, — זאָגט ער.

— כ׳וויל נישט, — ענטפערט שמחה מאיר און לעקט נאָך העכער דאָס צוקערל, כדי אים צו רייצן.

יעקב בונם ווערט בייז.

— פאַרוואָס, אז איך האָב צוקערלעך, גיב איך דיר שטענדיק איינס? — פרעגט ער מיט האַרץ.

נאָר אז שמחה מאיר מאכט זיך נישט פון זיין גערעכטער טענה און רייצט זיך ווייטער:

— דו מיר גיסט און איך דיר נישט, אבע!...

נעמט יעקב בונם פאַנאַנדער די הענט און רייסט אַרויס ביי שמחה מאירן דאָס צוקערל צוזאַמען מיט עטלעכע נעגל הויט פון די באַקן. ער איז אן איינשטעלער, דער יעקב בונם, א ריזיקאַנט. וואָס וואַרפט זיך אויף פיל עלטערע פון זיך, אויף שטאַרקערע אפילו. ער איז א גוטער און וויל, אז אַנדערע זאָלן צו אים אויך זיין גוט. ווער עס וויל ניט זיין גוט, דעם שלאָגט ער. ער וואַרפט זיך אויף שמחה מאירן מיט אזא ברען, מיט אזא קאַמפּסלוסטיקייט, אז איידער יענער קוקט זיך אום, ליגט ער שוין אן אויסגעצווייגענער אויף דער ערד. שמחה מאירן פּאַסט נישט פאַר די אינגלעך. ער האָט תמיד ליב צו זיין דער גרעסטער, דער אָנגעזענסטער, און ווייל ער קאָן נישט קיין עצה זיך געבן מיט יעקב בונמען, לאָזט ער אויס דעם כעס צו די שוועסטערלעך. ער שטעלט זיי אונטער א פוס אין וועג, צעקראַצט זיי די הענט מיט די שאַרפע נעגל.

יעקב בונעם וויל זיך איבערבעטן. אזוי גיך ווי ער צעשלאָגט זיך, אזוי גיך שטרעקט ער אויס א קליין פינגערל, א צייכן, אז ער וויל ווערן חבר.

— שמחה מאיר, — זאָגט ער, האַלטנדיק אויסגעשטרעקט דאָס קליינע פינגערל, — לאָמיר זיך איבערבעטן. נאַדיר אַוועק צוויי זעלנערישע קנעפּ, נייע נאָך.

ער קאָן נישט זיין ברוגז. ער קאָן כאַפּן א קלאַפּ, געבן א קלאַפּ און גלייך פאַרגעסן. ער האָט פיינט זיין ברוגז. וואָרום ברוגז הייסט: גיין באַזונדער, אָפּעסן זיך דאָס האַרץ, נישט שפּילן זיך, נישט פרייען זיך. און קיין זאַך האָט יעקב בונם נישט אזוי פיינט,

ווי זיין אומעטיק. די פרייד שפּראָצט אים פון די אויגן, פון די רויטע באַקן, פון די ווייסע ציין און אָפענעם פולן מויל. אַז שמחה מאיר שפּאַרט זיך איין, נעמט ער אַרויס אַלע זאַכן פון די קעשענעס און גיט אים אַוועק. ער איז גרייט אָפּגעבן אַלע זעלנערישע קנעפּ, אַלע שוועבעלעך, וואָס ער נעמט אַרויס פון דער קיך אויף צו שיסן מיט א צעבראָכענעם שליסל.

אָבער שמחה מאיר וויל נישט נעמען און ער לויפט פאַרמסרן פאַרן טאַטן.

ר' אברהם הערש האַלט פון כלל, אַז אינגלעך זענען שטענדיק אומגערעכט און א טאַטע איז תמיד גערעכט. דעריבער טאָקע דער-לאַנגט ער ביידן גלייך מיטן רימען, וואָס ער נעמט זייער געלאַסן אַראָפּ פון די הויזן. יעקב בונם כאַפּט אַריין די שמיץ רואיק, ווי א חוב, וואָס קומט. באַלד פאַרגעסט ער זיי. ווען די ריי קומט אויף שמחה מאירן, לייגט ער זיך אַוועק אויף דער ערד און נעמט וואַרפן מיט די פיסלעך ווי אין קראַמפּן. די מוטער פאַלט-צו צו אים, האַלזט אים, קושט אים און לייגט אים אין בעט.

— מאירל, אוצר מיינער, — מורמלט זי, — מיר זאָל זיין פאַר דיר, דער מאַמען פאַר דיין קלענסטע נעגעלע.

זי גיט אים איר גאָלדן זיינערל זיך צו שפּילן, אַלע ברילאַנטענע פינגערלעך און אויריננגלעך. דער פאָטער טוט אים גאָרנישט, זאָגט אים קיין קרום וואָרט נישט, נאָר קיין צוטרוי צו זיינע קראַמפּן האָט ער נישט.

— פאַרוואָס קריגט ער קראַמפּן נאָר ווען ער ריכט זיך אויף שמיץ? — פאַרשטייט ער נישט.

די מוטער פאַרריכט דעם אינגל דאָס קישן צוקאָפּנס און זי וואַרפט בייזע בליקן צום מאַן.

— גזלן, — ברומט זי, — שטיינערן האַרץ.

קאַפּיטל פיר

די דיקע ווענט אין גרויסן יוסטן קאַבינעט פון פאַבריקאַנט היינץ הונצע אין לאָדזש זענען באַהאַנגען פון אויבן ביז אונטן מיט אַ סך פּאָרטרעטן, מעדאַלן און טאַבעלן.

אויבנאָן, איבערן מאַסיוון דעמבענעם שרייב־טיש, הענגען צוויי מאָנאַרכן, פון רעכטס דער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער, דער זעלבסטהערשער פון רוסלאַנד, קעניג פון פּוילן, גרויספירשט פון פינלאַנד און אַזוי ווייטער און ווייטער; פון לינקס — דער דייטשער קייזער ווילהעלם דער ערשטער. אונטער זיי, טאַקע אונ־טער ביידע הערשער, הענגט דער פּאָרטרעט פון אים אַליין, דעם פאַבריקאַנט היינץ הונצע, וואָס האָט אויסגעבויט די גרויסע פאַב־ריק פון היינץ־הונצע־מאַנופאַקטור.

ער איז נישט אַזוי פייערלעך, היינץ הונצעס פּאָרטרעט, ווי די פּאָרטרעטן פון די צוויי מאָנאַרכן איבער זיך. זיין ברוסט באַצירט נישט אַזוי פיל קרייצן און מעדאַלן. אויך זיין פּנים איז נישט אַזוי גלאַטיק און רונד ווי די אויסגעפּיעשטשעטע מאָנאַרכישע געזיכטער. זיין רונדער קאָפּ, מיטן האַרטן בערשטעלע האָר פון פאָרנט, גלייך געשוירן ווי אַ חזיר־רוקן, דערמאָנט נאָך זייער שטאַרק דעם אַמאָליקן וועבער היינץ, וואָס איז אַראָפּגעקומען בלויז מיט צוויי וועב־שטולן פון זאַקסן קיין לאָדזש. אויך די קנייטשן אין זיין פּנים, וואָס דער פאָטאָגראַף האָט זיך געגעבן די מי צו פאַררעטושירן און אויסגלעטן, זאָגן פונדעסטוועגן פון אַ סך מי, זאָרג און אָנגעשטרענגטער אַרבעט. זיין שוואַרצער סור־דוט און די שטאַרק־שטייפע וועש, איבערהויפּט דער הויכער קראַגן, דער „פאָטער־מערדער“, דערמאָנען ביי זייער גאַנצער פייערלעכקייט דעם אַרבעטס־מענטש, דעם מייסטער, וואָס האָט זיך אויסגעפּוצט צופיל לכבוד עפּעס אַ היימישער פייערלעכקייט, צו אַ גאָלדענער חתונה אָדער צו אַן אַנדער וויכטיקער שמחה. אָ, ער זעט גאָר־נישט אימפּאַזאַנט אויס, דער גרויסער פּאָרטרעט פון היינץ הונצע

אין זיין גאנצער נאַטירלעכער גרויס. די צוויי מאָנאַרכישע פּאָרטרעטן איבער אים שטרייכן נאָך ספּעציעל אונטער זיין פּלע-בעאישקייט. דאָך איז דער מאַן מיטן פּראָסטן פּנים נישט אָן אויסצייכענונגען.

אמת, אז זיין ברוסט באַצירן נישט אַזויפיל מעדאַלן און קרייצן, ווי די ברוסטן פון די מאָנאַרכן איבער אים, אָבער אינ-גאַנצן גלאַט איז זיין ברוסט אויך נישט. ערשטנס, הענגט איבער זיין ווייסע וועסט א באַנד פון דער הייליקער אַננע, אָן אויסצייכענונג, וואָס דער גובערנאַטאָר פון פּיעטרקאָוו האָט אויסגעפּועלט פאַר אים אין פּעטערבורג פאַר די גרויסע פאַרדינסטן, וואָס ער האָט געבראַכט דעם לאַנד מיט זיין וועב-פאַבריק. זי האָט נישט ביליק געקאָסט, די באַנד. דער גובערנאַטאָר האָט דערפאַר גענו-מען פון הינצן הונצעס טעכטער א סך טייערע מתנות פאַר זיך און שנירלעך פּערל פאַר זיין פרוי. אָבער עס איז ווערט. הינצן הונצעס אליין, וואָס האָט זיך דערויף קיין גראָשן נישט געוואָלט לאָזן קאָסטן, מוז מודה זיין, אז זיינע טעכטער זענען נישט געווען אינגאַנצן אומגערעכט. זייער שיין זעט זי אויס, די באַנד פון דער הייליקער אַננע, איבער זיין שניי-ווייסער וועסט אויפן בילד. צווייטענס, האָט זיין פאַבריק באַקומען א סך מעדאַלן, גאָלדענע, זילבערנע און בראָנזענע, פאַר דער גוטער אַרבעט און קוואַליטעט. פון ביידע זייטן הונצעס פּאָרטרעט הענגען זיי, די אַלע מעדאַלן, אין גרויסן פאָרמאַט, פון עכטן גאָלד, זילבער און בראָנז, מיט די אויסגעקריצטע קעפּ פון קיסריים און קייסערינעס.

אויך דער דינער פון פאַבריק, דער ריזיקער רויט-האָריקער מעלכיאָר, מיט וואָנסעס און באַקן-בערד, מיט גרינע קליידער פון א דייטשן יעגער, מיט לאַמפּאַסן, שנורן, גאָלדענע קנעפּ און אין ליאַקירענע שטיוול מיט זילבערנע נאָכהענגענדיקע טראָלבן פון די געפּאַסטע הויכע כאָליעוועס — שטייט ביי דער טיר פון הונ-צעס קאַבינעט אויסגעצויגן ווי א סטרונע, מיט ביידע רויט-האָ-ריקע לאַפּעס אויף די נעט פון די שמאָלע הויזן, שטייט מיט גרויס דינסטפאַרטיקייט און דרך-ארץ, גרייט אויף יעדן וואונק פון זיין האַר, גאָרנישט אַנדערש ווי עס שטייען די גענעראַלן פאַר זייערע

מאַנאַרכן, אַט די מאַנאַרכן, וואָס הענגען איבער אים.

דאַ, אין דער גרויסער פאַבריק, איז היינץ הונצע מאַנאַרך. אין זיין האַנט איז דער גורל, אמת נישט פון מיליאָנען מענטשן ווי ביי די מאַנאַרכן, אבער פון עטלעכע טויזנט מענטשן, וואָס אַרבעטן ביי אים. זיי, די אַרבעטער, זייערע ווייבער, קינדער, זענען ביי אים אין די הענט. ווען ער וויל, מוזן זיי אַרבעטן ביי אים ביז אין דער נאַכט אַריין, און ווען ער וויל, באַפרייט ער זיי פריער, זיי זאָלן קאָנען גיין אין די שענקען טרינקען ביר, אויסציִען זיך אויפן גראָז אַרום דער פאַבריק אָדער גאָר לאָזן זיך אין געזאַנג-פאַריין, אויסצוזינגען און אויסטרומייטערן זייערע דייטשע היימאַטס-, קירכע- און ליבע-לידער. פון אים איז געווענדט, צי אַ יונגער אַרבעטער, וואָס האָט טראָגנדיק געמאַכט אַן אַרבעטערין, זאָל די טראָגנדיקע נעמען פאַר אַ ווייב און פאַרדעקן פאַר מענטשן איר שאַנד, אָדער ער זאָל זי לאָזן מיט איר ממזר צו שפּאָט און שאַנד פון אַלע. פון זיין גוטן ווילן איז געווענדט צו לאָזן די פאַבריק אַרבעטן ביי־טאָג און ביינאַכט, אַזוי אַז די אַרבעטער זאָלן פאַרלירן די כוחות, אָבער דערפאַר זאָלן זיי אויסאַרבעטן אַ גאַנצן רובל אַ וואָך מער און די ווייבער זייערע זאָלן קאָנען שמעלצן די זופּן נישט מיט אייל, נאָר מיטן חזיר-שמאַלץ. און פון אים איז געווענדט, אָפּצושטעלן די פאַבריק אויף ווי לאַנג ער וויל און לאָזן די אַרבעטער אַרומגיין מיט אויסגעטריקנטע צונגען אין די מיילער און די ווייבער פאַרקויפן זייער לייב פאַר אַ ביסל קאַרטאָפל אָדער פאַר אַ לאַבן ברויט.

צו אים קומען מוטערס בעטן, ער זאָל זיין אַ טויף-פאָטער צו זייערע ניי-געבוירענע קינדער, וועלכע זיי רופן אָן מיט זיין נאָמען — היינץ; צו אים קומען יונגע בחורים בעטן אַ דערלויבעניש חתונה צו האָבן מיט די, וואָס האָבן געפאַנגען זייער האַרץ; צו אים קומען פאַרשעמטע טאַטעס דערציילן וועגן אַ ניי-געבוירן קינד, כדי צו קריגן אַ קליינע לוין-העכערונג.

אַלץ איז זיין. די פאַבריק, די רויט-געמויערטע אַרבעטער-הייזער, וואָס זעען אויס ווי די קאַזאַרמעס און אין וועלכע די אַרבעטער וואוינען; די פעלדער אַרום, וועלכע די וועבער פאַרזעצן

מיט קאַרטאָפּל און קרויט; די וועלדער, אין וועלכע די ווייבער זאַמלען זומער קאַרע און אָפּפאַל אויף הייצן אין ווינטער; די קירכע, אין וועלכע זיי בעטן אין זונטיק און אין פייער-טעג; דער לאַזאַרעט, אין וועלכן מען פירט אָפּ די, וואָס פאַרלירן ביי די מאַ-שינען א פינגער, א האַנט אָדער דאָס לעבן; דער בית-עולם, צו וועלכן מען פירט אַוועק די געשטאָרבענע; דער געזאַנג-פאַראיין, אין וועלכער מען זינגט היימאַטס און ליבע-לידער.

דאָ איז ער מאָנאַרך, דער אַלטער היינץ, מער מאָנאַרך פון די מאָנאַרכן, וואָס הענגען איבער אים. וועגן אים רעדן די ציינ-לאָזע זקנים וועבער, וואָס לאָזן נישט ארויס פון זייערע מיילער די ליולקעס און פון זייערע ליפּן די מעשיות, ווען דער אַלטער היינץ איז נאָך אליין ביי דער וועב-שטול געשטאַנען און ער פלעגט נישט איינמאָל מיט זיי רעדן, פאַרברענגען און אויסטרינקען אפילו א ביר. וועגן אים רעדן שטיל די יונגע מענער, די ווייבער, די קינדער אין די וויגן. יעדער טריט זיינער, יעדעס וואָרט זיינס, יעדע באַוועג-גונג ווערט געשאַצט, געוואויגן, איבערגערעדט, איבערגעקייט.

און ווי יעדער מאָנאַרך, האָט ער פיינט, היינץ הונצע, וואָס אַנדערע ווילן גלייך זיין צו אים, נאָך אים אַריבערשטייגן. פון צאָרן ברענט ער אויף פריץ געצקע, דעם אמאָליקן וועבער-יונג זיינעם, וואָס האָט גלייך, נאָך אים, אויך אַוועקגעשטעלט א פאַב-ריק איינגאַנצן ענלעך צו זיינער. אויך סחורות אַרבעט ער אויס דיזעלבע. וואָסער נייעם מוסטער ער, היינץ הונצע, זאָל נישט אַרויסלאָזן, לאָזט דער שורקע געצקע אויך באַלד ארויס דעמזעלבן. און נאָך ערגער איז, וואָס דער הונט, דער געצקע, לאָזט זיך גאָרנישט אומברענגען פון אים, הונצען. ער האָט שוין א סך געלט געפּטרט, גאָר אַ סך, אַבי דעם שוויין-קערל אַראָפּצואוואַרפן פון פּלאַץ. ער האָט געוואָרפן דעם פּרייז פון סחורה, אַראָפּגעוואָרפן אַפילו פון קרן-פּרייז, אַבי אים אָפּצורוימן. אָבער יענער האַלט אויס די קאָנקורענץ. דער טייוול נעמט אים נישט. און היינץ הונ-צע טרייסלט זיך פון צאָרן.

— איך ווערדע דען הונד טאָט-שלאַגען, — שרייט ער אין זיין זאַקסישער אויסשפּראַך, פאַרגעסנדיק גאָר, אז די טעכטער זיינע

לאָזן אים מער אזא פֿאָלקס־דייטש נישט רעדן. — נעין, זאָ געהטס ניכט...

נעבן אים ביים טיש, אָן א היטל, בלויז אין א יארמולקע אויפֿן שפּיץ קאָפּ, זיצט ר׳ אברהם הערש אשכנזי און שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— הער הונצע, — בעט ער זיך, — גענוג, דאָס בעסטע איז מאַכן מיט אים שלום. די הייליקע שריפֿטן זאָגן, אז אויף שלום שטייט די וועלט.

ער דערמאָנט זיך באַלד, אז „שלום" איז א לשון־קודש־וואָרט, וואָס הונצע, דער דייטש, דאַרף עס נישט פֿאַרשטיין, און ער זוכט אין קאָפּ א וואָרט, איבערצוזעצן דאָס וואָרט „שלום", נאָר הונצע שפּרינגט אויף פֿון אָרט.

— וואָס, שרייט ער, — שלום? שלום מיט דיזען שוויין־קערל? מיט דיזען לאַוז־בוב? אָ, נעין, איך מעכטע ליבער קרא־פּירן, ר׳ אברהם הערש.

ר׳ אברהם הערש איז זייער גערירט פֿון דעם דייטשס פֿאַרשטיין לשון־קודש און פֿון זיין רופֿן אים ביים נאָמען „ר׳ אברהם הערש". דאָך איז ער נישט מסכים מיטן אַלטנס פּלאַן צו באַגראָבן געצקען. ער גלעט די שוואַרצע באָרד און באַרואיקט דעם אויפֿגעקאָכטן דייטש.

ער פֿאַרשטייט זייער גוט, אז אים, הער הונצע, דעם גרויסן פֿאַ־בריקאַנט און דעם בויער פֿון דער גרעסטער פֿאַבריק, מעג פֿאַר־דריסן, וואָס אזא גאָרנישט, אזא געוועזענער געזעלן־יונג נעמט זיך נאָכמאַכן אַלץ זיין געוועזענעם באַלעבאָס. דאָס איז נישט שיין פֿון אים, נישט דאַנקבאַר. אָבער געשעפֿט קאָן זיך נישט רעכענען מיט אַזעלכע זאַכן. געשעפֿט איז געשעפֿט. ווער עס האָט די מאה, דער האָט די דעה. און געצקע האָט די מאה. אוי, האָט ער זי! ער איז שטיין־רייך. דערצו האָט ער פּראָצענטניקעס, וואָס גיבן אים געלט. ער וועט זיך נישט לאָזן אַרויסשלאָגן פֿון מאַרק. וויפֿיל הער הונצע זאָל נישט וואַרפֿן די פּרייזן פֿון די סחורות, וועט יענער, געצקע, נאָכוואַרפֿן. וואָרום עס איז אָן אַמביציע־זאַך. פֿון דער קאָנקורענץ געווינען נאָר די קרעמער, וואָס קויפֿן סחורות פֿאַר גראָשנס. אויך

גיט מען אויף וועקסלען יעדן שלעפער. דער סוף וועט זיין, אזביידע פאבריקן וועלן גיין צו גרונט. גלייכער שלום צו מאכן, פאראייניקן ביידע פאבריקן, שותפות מאכן, איין פירמע — היינץ הונצע עט פריץ געצקע.

היינץ הונצע שפרינגט אויף פון פאטעל.

— איך וועל דען קוואטש יא נישט הערען, — קלאפט ער אין טיש.

— שווייגט, ר׳ אברהם הערש, — גייט ער אריבער אין לאָדזשער אידיש און פארהאלט אים דאס מויל מיט דער האנט. — ניע ווערדע איך מיט דיזען זאושוויין קאמפאניע מאכן!

ר׳ אברהם הערש גלעט זיך אוים די שווארצע באָרד און גייט זיך רואיק ארוים. ער פארהאלט זיך א ווײלע ביי דער טיר. ער וויל נאָך פארן אוועקגיין ברענגען פאר דעם דייטש א משל. ווי שלעבט עס איז כעס, ווי צוליב אזעלכע זאכן זענען וועלטן חרוב געוואָרן. ער האט שטארק חשק אים צו דערציילן די מעשה פון דער גמרא וועגן קמצא און בר קמצא, וואס צוליב זייער שנאה איז ירושלים חרוב געוואָרן. אָבער ער קאָן די ווערטער נישט ארויסברענגען אין דייטש. ער גלויבט נישט, אז דער גוי וועט אין אידיש די שווערע זאכן פארשטיין. און ער מאכט אוועק מיט דער האנט. בלויז עטלעכע געוויינלעכע ווערטער ווארפט ער צו שוין אין דער טיר שטייענדיק.

— הער היינץ, — זאָגט ער פאמיליאר, — אז זי וועלן זיך, מיט גאָטס הילף, בארואיקן, טראכטן זי איבער מיינע רייד. נאָר דאס קאָן ראטעווען די פירמע.

דער אלטער הונצע איז אזוי אויפגעקאָכט, אז ער קאָן מיט די ציטערדיקע הענט אליין נישט אָנשטופן די ליולקע מיט טאבאק.

— דו, — רופט ער דעם דינער אין גרינעם יעגער-קאָסטיום, — שטאָפע מיר די פייף אָן, שנעל, דו ראָץ-הונד!

פון גרוים כעס זידלט ער און רעדט אין פאָלקס-דייטש גאָר ווי אין די יאָרן, ווען ער איז נאָך אליין געשטאנען ביי דער וועבשטול.

קאַפּיטל פינף

ר׳ אברהם הערש האָט זיינע אינגלעך צעטיילט, אָפּגעגעבן יעדן באַזונדער פון זיי צו אַן אַנדער מלמד.

כאָטש איינער פון צוווייטן איז בלויז גערוקט מיט עטלעכע מינוט, זענען זיי אָבער אין תורה גאָר ווייט אוועק איינער פון אַנ־דערן. יעקב בונם איז א אינגל, ווי אַלע אינגלעך אין זיינע יאָרן. ער לערנט שוין גמרא, אָבער קיין גרויסע פּעולה זעט מען נישט פון אים. קוים מיט גרוים מי פּאַקט אין אים אריין דער מלמד זיינער דעם דף גמרא, וואָס דאָס אינגל פאַרשטייט נישט גוט, אָבער ער לערנט זיך עס אוים איבערצוזאָגן וואָרט אין וואָרט שבת בייטאָג, ווען דער פאָטער זיינער פאַרהערט אים נאָכן שלאָף.

— מילא, זאָל זיין אזוי, — זאָגט ר׳ אברהם הערש, נישט קיין איבעריק צופרידענער. — גיי צו דער מאַמען און זאָג, זי זאָל דיר געבן שבת־אויבסט, און לייג בעסער צו דעם קאָפּ צום לערנען.

יעקב בונם זעט, אַז דער פאָטער איז פון אים נישט איבעריק צופרידן און א שאָטן באַדעקט זיין פריילעך ברייט פּנים. אָבער בלויז אויף א ווייַלע. ווי נאָר די מאַמע זיינע שטעלט פאַר אים אוועק קיכלעך מיט פלוימען־צימעס, נעמט אים צוריק ארום זיין שטענדיקער פרייד. ער האָט הנאה פון עסן, ווי פון אַלץ אין דער וועלט, און באַלד גלוסט זיך אים אפילו לאַכן, אליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס.

גאַנץ אַנדערש איז עס מיט שמחה מאירן.

שמחה מאיר איז אַן עלוי. ביי זיינע צען יאָר, איז שוין דער מלמד זיינער געוועזן פאַר אים צו קליין. און דער פאָטער האָט אים צעשיידט פון ברודער, צוגענומען פון זיין חדר און אוועקגעגעבן צו ר׳ ברוך וואָלף לענטשיצער, וואָס לערנט מיט בר־מצוה־אינגלעך, אפילו שוין מיט חתן־בחורים. יעדן שבת קומט ר׳ ברוך וואָלף צו ר׳ אברהם הערשן פאַרהערן דעם תלמיד. ער טרינקט אוים א וועלט מיט שבתדיקע טיי, וואָס מען גיסט אים אָן פון א שטיינערנער באַניע,

אַן אַרומגעהילטע מיט שמאַטעס, זי זאָל האַלטן היץ. ער דרייט מיט שמחה מאירן, וואַרפט אים אָן קשיות, פּשטלעך, וואָס דער קליינער כאַפּט שנעל אויף און שלאָגט אָפּ. ר׳ ברוך וואָלף שוויצט פון דער הייסער טיי און פון אינגל׳ס לומדות.

— ר׳ אברהם הערש, — רוימט ער איין דעם פאָטער אין אויער אַזוי, אַז שמחה מאיר דערהערט עס, — דער קליינער וואַקסט אַן עלוי, אַ פייערדיקן קאָפּ האָט ער.

ר׳ אברהם הערש איז גליקלעך, נאָר רואיק איז ער נישט.

— זעט, ער זאָל זיין אַ ירא-שמים, ר׳ ברוך וואָלף, — בעט ער אים, — אַ איד.

ער געדענקט שטענדיק אין דעם, וואָס דער וואָרקער רבי האָט אים געזאָגט, אַז די דורות זיינע וועלן זיין נגידים; קיין יראי-שמים — האָט ער נישט געזאָגט. און זיין האַרץ איז נישט רואיק, מער נאָך איבער שמחה-מאירן, ווי איבער יעקב בונמען. טאַקע דער-פאַר, וואָס דער קליינער האָט אַזאַ פייערדיקן קאָפּ, וואָס אַלע האַלטן אים פאַר אַן עלוי, האָט ער מורא פאַר אים. דערצו האָט ער זיינע אייגענע געננג, דער קליינער, אַלץ וויל ער וויסן, אומעטום שטעקט ער אַריין די נאָז, אַלץ כאַפּט ער, פאַרשטייט, תמיד איז ער אומרואיק. ר׳ אברהם הערש ווייסט, אַז דאָס איז צוליב זיין קאָפּ, דעם פייערדיקן און גוטן. אַלע עלוים, ווייסט ער, זענען אַזוי. אָבער רואיק דעריבער איז ער נישט. ער ווייסט, אַז אידישקייט איז גרעסער ווי תורה, אַז ס׳איז בעסער אַ פּראָסטער איד אַ פרומער, איידער אַ שאַרפער למדן אַ נישט-אָפּגעהיטענער. און ער שיקט אַוועק שמחה מאירן אין קיך אַריין נאָך שבת-אויבסט, כדי צו קאָנען רעדן מיטן מלמד זיינעם וועגן אידישקייט.

— געדענק, מאַך אַ ברכה, — זאָגט ער אים אָן, — און זאָג וואָרט ביי וואָרט, כאַפּ נישט אָפּ.

ער רעדט צו ברוך וואָלפן מיט טיפע זיפצן.

— ר׳ ברוך וואָלף, האַלט אים אין די הענט! — זשאַלעוועט אים נישט דעם קאַנטשיק!

ער האָט אים ספּעציעל אָפּגעגעבן צו ר׳ ברוך וואָלף לענטשי-צער, ר׳ אברהם הערש. די מוטער האָט זיך קעגנגעשטעלט אָפּצו-

נעבן איר קינד מאירל צו ברוך וואָלפן. וואָרום ער שמט אין לאָדזש פאַר א גזלן. ער מאַכט אינגלעך פאַר קאַליקעס ביים לערנען. אויך לערנט ער צופיל מיט די אינגלעך. ער לאָזט גאָרנישט אָפּ פון חדר, פון באַלד אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין. דאָנער-שטיק ביינאַכט איז ביי אים א וואָך-נאַכט. ער לערנט נישט נאָר גמרא מיט תוספות, נאָר אויך פּשטלעך, פּרעמדע, און נאָך מער אייגענע. אָבער ר׳ אברהם הערש האָט, ווי שטענדיק, נישט געוואָלט הערן, וואָס א אידענע רעדט דאָרטן, און אים דוקא אָפּגעגעבן צו ברוך וואָלפן. ער האָט געוואָלט, אז דאָס אינגל זאָל האָבן אויף זיך אַן עול, א יאָך, איינשפּאַנען אים אין תורה און אין אידישקייט, און קיינער קאָן נישט אזוי האַלטן א אינגעל אין יאָך, ווי ר׳ ברוך וואָלף לענטשיצער.

ער איז שוין נישט קיין יונגערמאַנטשיק, ר׳ ברוך וואָלף, נישט קיין נעכטיקער. ער איז א קנאַפּער זיבעציקער שוין, אָבער א קרעפּ-טיקער נאָך, א בייניקער, א קנאָכיקער, מיט פינגער, ווי די צוואַנ-גען. זיין פּנים איז אביסל אויסגעקרומט פון א פּאַראַליז, וואָס ער האָט געכאַפּט אמאָל פון א פאַרקילונג, ווען ער איז געגאַנגען צו-פוס אין א גרויסן פראָסט צום רבין זיינעם פון לענטשיץ קיין קאָצק. די רעכטע זייט פּנים הויבט זיך ביי אים א ביסל ארויף. איין שפּיזיקע ברעם גייט ארויף, די צווייטע אראָפּ; איין וואָנסע רייסט זיך ארויף האָפּערדיק, די צווייטע גייט ברוגז אראָפּ. פּונקט אזוי קרום, ווי זיין פּנים, איז זיין מוח. ער לערנט קיינמאָל נישט מיט די קינדער די אגדתות, די מעשיות אין דער גמרא. ער האַלט דאָס פאַר ווייבערישע זאַכן, וואָס עס דאַרפן לייענען די מתנגדים און קליינע לומדים, וואָס שטייט נישט אָן פאַר א איד א למדן און שאַרפן חסיד צו לערנען אזעלכע. אויך האָט ער נישט ליב צו לער-נען קיין תנ״ך אין חדר, אפילו קיין חומש נישט. דאָס דאַרפן די אינגלעך לערנען אליין אין שבת, ווען מען גייט נישט אין חדר, אפילו פון די לייכטסטע מסכתות, די פריילעכע, וואָס רעדן פון מנהגים און יום-טובים, האַלט ער נישט. ער האָט ליב צו לערנען די שווערע מסכתות, די שכלדיקע, וואָס רעדן וועגן מסחר, וועקסלען, שאָדנס. נאָך גערנער האָט ער די מסכתות, וואָס רעדן וועגן טומאה און

טהרה, וועגן אומרייניקייט און ריינקייט אין ארץ-ישראל און אין חוץ-לארץ; אזוי אויך וועגן קרבנות, שעכטן, אלץ אזעלכע גמראס, וואָס האָבן כסדר צו טאָן מיט כהנים, ברענען שעפסן און רינדער, דעמפן פעטס און חלב. זיין ליולקע מיטן שארפן שטינקנדיקן טאַ-באַק לאָזט כסדר רויך, וואָס פרעסט זיך איין די תלמידים אין די אויגן און אין די העלזער און וואָס דערמאָנט אינגאנצן מיט איר ריח אין די פארצייטיקע מזבחות, פרעגלערייען און רויכערן.

פונקט אזוי טרוקן, קנאָכיק און קניפיק, ווי עס איז זיין אלטער דארער קערפּער, איז קנאָכיק, אָדערדיק און טרוקן זיין לערנען. ער האָט קיינמאָל נישט ליב צו נעמען א זאַך גלייך, ווי עס ליגט זיך אויפן שכל, נאָר פארדרייט. ער זאָגט נישט ארויס קיין גאנצע ווער-טער, ווייל ער האלט, אז א גוט אינגל דארף פארשטיין פון וואונק, פון אָנצוהערעניש. נאָך איידער מען זאָגט עפּעס, דארף א אינגל ארויסכאפּן די ווערטער פון מויל. ער רעדט דערפאר בלויז האלבע ווערטער, וואָס ווערן נאָך דערצו פארשלונגען פון זיין געדיכטער באָרד און וואָנסעס און פון דער ליולקע, וואָס ער לאָזט קיינמאָל נישט ארויס פון מויל. ער שיט מיט דריידלעך, פרעגעניש, אָפּ-פרעגעניש. ער פארדרייט זיך אזוי אין די אייגענע קרומקייטן, אז ער קאָן דערנאָך אליין פון זיי נישט ארויסקריכן. און ער קלאַפּט מיטן גרויסן ציבעק איבערן טיש און איבער די אינגלערישע פּליי-צעס, ווי א באלעגאָלע אויף פערד, וואָס קאָנען דעם וואָגן נישט ארויסציען פון בלאָטע.

— נו, גויעצעס, — קריצט ער מיט די עטלעכע פארבליבע-נע געלע ציין אין מויל, — נו, יאריד-פויערים, וואָיטעקס, עשיוס, האָב אייך אכט און אכציק שווארצע יאָר!

ער שלאָגט, ר׳ ברוך וואָלף, קוילט מיטן גרויסן הארטן ציבעק פון דער ליולקע, ממיתט אָן רחמנות. ער קוקט נישט, ווי אנדערע מלמדים, אויף יחוס. ער שלאָגט גלייך נגידישע אינגלעך, ווי אָרעמע; אפילו חתן-בחורים מיט גאָלדענע זייגערס אין די קעשענעס שוינט ער נישט. די אינגלעך שאָקלען זיך, רייבן די שטערנס, רייסן זיך, ווי די פארמאטערטע פערד, וואָס ווילן זיך ראטעווען פון באלעגאָ-לעס פייפנדיקער בייטש איבער זייערע צעשמיסענע פעלן. אָבער עס

גייט נישט, ס׳איז נישט פון אָרט צו רירן. צום ווייפלטן מאָל הויבן זיי אָן:

— ארץ דחוץ־לארץ מטמא, די ערד אין חוץ־לארץ מאַכט אומ־ריין. פרעגט תוספות די קשיא...

ר׳ ברוך וואָלף פּאַטשט מיט ציבעק, נאָר עס גייט נישט. זיי נעמען נישט, די גוים. דעמאָלט נעמט ער זיך צו שמחה מאירן, דעם בעסטן אינגל פון חדר, דעם עלוי. ער שלאָגט אים קיינמאָל נישט, נאָר ער דראָט אים בלויז מיט דעם ציבעק איבערן קאָפּ.

— נו, שמחה מאיר, — שרייט ער און קוקט אויף אים גזלניש מיטן רעכטן אויג, מיט דעם, וואָס הויבט זיך אויף ביי אים אין דער הויך, — זאָג זיי, די וואַיטעקס!

שמחה מאיר איז דער אינגסטער אין חדר. צווישן די בר־מצוה־יונגען איז ער דער איינציקער, וואָס האָט נאָך קנאַפּע דריי יאָר צו אָנהויבן לייגן תפילין. אָבער אויף אים לייגט דער מלמד אַלע האָפענונגען, ער איז דאָס שיינדל אין חדר.

שמחה מאיר ווייסט נישט איין וואָרט פון לערנען. וואָרום די גאַנצע צייט, וואָס דער רבי לערנט וועגן קרבנות, וואָס מען דאַרף ברענגען, און וועגן דעם, ווי א איד, וואָס שטעלט אַרויס דעם פוס פון ארץ־ישראל אויף פרעמדער ערד, ווערט ער אומריין, זיצט ער זיך גאַנץ געשמאַק און שפּילט מיט די אינגלעך אין קוויטלעך אונטערן טיש. שאָקלענדיק זיך איבער דער גרויסער צעריסענער גמרא, וואַרפנדיק מיט די העל־פלאַקסענע צעקרייזלטע פאות, וואָס קריכן אַרויס פון זיין חסידיש־נגידיש זיידן היטל, וויקלט ער דערווייל די קוויטלעך מיט זיינע שנעלע רירעוודיקע פינגער. ער נעמט צו גראָשן איינשטעל־געלט און ער געווינט אָפּ ביי די אינגלעך אַלע גראָשנס. כאָטש ער איז אינגער פון אַלע, כאָטש אַלע האַלטן אים פאַר א דרייער, א שקרית־מאַכער, א פאַלשן שפּילער, פּירט ער פונדעסטוועגן אָן מיט דער שפּיל, וואַרפן זיך אים אַלע אונטער, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס. מען ווייסט, אז ער שווינדלט, נאָר קיינמאָל כאַפּט מען אים נישט ביי דער האַנט. ער איז תמיד אין אָרדענונג. פּונקט אַזוי באַשווינדלט ער דעם רבין ביים לערנען,

פארדרייט אים און בלייבט דערביי תמיד פון אויבן. קיינמאָל טרעפט נישט, אז דער מלמד זאָל אים פּאַקן ביי דער האַנט.

ער טוט פאַרשידענע שפּיצלעך, ר׳ ברוך וואָלף, צו כאַפּן די תלמידים זיינע אויף דער הייסער מינוט, ווען זיי ווייסן נישט, וואו זיי האַלטן אין דער גמרא. מיט א מאָל, אין מיטן בעסטן לערנען, גיט ער א כאַפּ פּלוצלונג א אינגל און גיט האַסטיק א פרעג:

— וואו האַלט מען? האַ?...

מיט א ווילדער הנאה צעציט זיך זיין אויסגעקרימטע פּנים, ווען דאָס דערשראָקענע אינגל ווייזט אָן מיט א פינגער נישט אויף דעם ריכטיקן אָרט.

— אָט דאָ, — גיט ער א קנאַק מיטן ציבעק דעם אינגל אויפן פינגער.

ספּעציעל וויל ער פּאַקן שמחה מאירן. אָבער קיינמאָל געלינגט עס אים נישט. ווי ער זאָל נישט זיין פאַרטאָן אין די קוויטלעך, דער קליינער, האַלט ער שטענדיק אָן אויג וואך אויף דער גמרא. איין בליק זיינער פון די פּלוטעוואַטע אויגן אין דער גמרא איז גענוג, אָנצופּאַקן אויפן לעצטן וואָרט, וואו מען איז געבליבן שטיין. ר׳ ברוך וואָלף מאַכט פאַרשידענע קונצן אריינצונארן זיינע תלמי-דים. ער פּראָוואָצירט זיי, פירט זיי ווי א בלינד פערד אין גרוב אריין. מיט א מאָל ווערט ער גוט, א צדיק, און העלפט אַרויס די אינגלעך.

— מוז מען דאָך זאָגן, — דרייט ער מיט א ניגון, — אַז ראובן איז שול....

— שולדיק, כאַפּן זיך די אינגלעך אָן, ווי א שטרוי.

— ניין, גויעץ, — פאַלט דעם רבינס בייז געלעכטער צווזא-מען מיט א קנאַק פון ציבעק, — טאַקע נישט שולדיק...

די אינגלעך כאַפּן זיך אויף זיינע קונצן און זאָגן שוין פונקט פאַרקערט פון דעם, וואָס ער רוקט זיי אונטער. אָבער ר׳ ברוך וואָלף זאָגט זיי ספּעציעל אונטער דעם ריכטיקן ענטפער, כדי זיי זאָלן אים אויסבייטן אויף א פאַלשן. אממייסטן וויל ער פּאַקן שמחה מאירן. דוקא דערפאַר, וואָס דער קליינער האָט אַן אייזער-נעם קאָפּ, טאַקע ווייל יענער לאָזט זיך קיינמאָל נישט כאַפּן אין

נעץ, ווייל אים דער אלטער דורכאויס פאנגען. אָבער שמחה מאיר דרייט זיך געשיקט אַרוים. נישט ווייסנדיק קיין איין וואָרט אין דער גמרא, קאָן ער אָבער אויסגעבונדן אַלע שפּיצלעך דעם רבינס, אַלע זיינע באַהאַלטענע קונצן, כיטרעקייטן און הינטער-געדאַנקען. מיט אָנגעשטרענגטע בליקן כאַפּט ער אויף יעדן קנייטש, יעדער הינטערליסטיקן שפּיל אין רבינס צעקנייטשטן פּנים, ער ווייסט צו דער רגע, צו וואָס דער אלטער צילט, און ער דרייט זיך אַרויס פלינק, געשיקט און גליטשיק.

אַז ס׳האַלט שוין גאָר שלעכט, נעמט ער אָנגרייפן דעם רבין, אָנשטאָט לאָזן זיך פון אים אַטאַקירן. מיט די דינסטע ביטרעקייטן רייסט ער ביי אים אַרויס מיט געוואַלט די ערשטע עטלעכע ווערטער, ווי מען וויל אָנכאַפּן אַן עק פון אַ פאַרפּלאָנטערטער קנויל, און אַבי ער פּאַקט נאָר דעם עק, דרייט ער שוין, פּלאָנטערט, כאַפּט אויף יעדער קניפּ און וויקלט לייכט און קונציק. דערביי שרייט ער, מאַכט קולות, פּאַרטויבט, אַזוי אַז דער אַלטער ווערט פאַרטומלט, פאַרשריגן, פאַרלוירן, אין דער אייגענער נעץ, וואָס ער האָט פאַר דעם אינגל אויסגעשפּרייט, און ער איז אינגאַנצן צעחושט. זיין רעכט אויג הויבט זיך ביי אים אויף אַזוי הויך, אַז עס פאַרקריכט שיעור נישט ביז דער גרינער סאַמעטענער יאַרמולקע, די אויפגעהויבענע וואָנסע שפּיזט ווי ביי אַ קאָטער, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט אַ מייזל פון די נעגל אַרוים. אים איז אַ בושה פאַר די תלמידים, וואָס דער קליינער האָט זיך אים אַזוי גיך אַרויסגעדרייט פון די הענט, אויסגעלאַכט אים פאַר אַלע אינגלעך. ער איז אינגאַנצן געפּלעפט. ער וויל שוין אָפּהאַלטן, אַרויס מיט כבוד, נאָר איצט לאָזט שמחה מאיר נישט אָפּ, ווי אַ שפּין כאַפּט אַריין אַ פליג אין שפּינוועבס, אַזוי פאַרדרייט דער קליינער דעם רבין זיינעם, ער לאָזט אים אָפּ אַ ווײַלע, שפּילט זיך מיט אים, כדי דערנאָך אים נאָך פעסטער צו פאַרוועבן. מיט שקאָצישער הנאה ציט ער ווייטער דאָס פּשטל, וואָס נישט ער, נישט דער רבי זיינער ווייסן עפּעס דערין. ער וואַרפט אָן קשיות, דריידלעך, פרעגט זיך אַליין, פאַרענטפערט זיך אַליין און פרעגט אָפּ די תרוצים. ווי דער רבי פריער, אַזוי פאַוואָצירט ער איצט דעם רבין, ער טראָגט

אים אונטער האַלבע ווערטער, אין וועלכע דער אַלטער כּאַפּט זיך אָן, ווי אַ טרינקענדיקער אין אַ שטרוי, נאָר ער פּאַלט דורך. די אינגלעך קנייפּן זיך, אַבי נישט אַרויסצולאַכן. דער אַלטער קאַר־טשעט זיך אין ווייטאָק.

דערנאָך זיצט שוין שמחה מאיר מיט די חברים עטלעכע טעג פריי און שפּילט אין קוויטלעך אָפּן. ער באַמיט זיך גאָרנישט צו באַהאַלטן פאַרן רבין.

— חלב ושלמים, פּעטס און אַ גאַנץ אָפּער — יקטיר, זאָל מען דעמפּן — לערנט ער מיט אַ ניגון — איך האָב אַן איין־און־דרייסיק....

די אינגלעך זענען אַלע עלטער פון אים. פאַראַן צווישן זיי איינער אַפילו אַ חתן־בחור, מיט אַ גאָלדענעם זייגער אין דער קעשענע פון אַטלעסענעם וועסטל, וואָס ער טראָגט אין דער וואָכן. זיי האָבן אים נישט ליב, דעם קליינעם, זיי פאַרגינען אים נישט דעם גוטען קאָפּ. עס פּאַסט זיי גאָרנישט מיט אַזאַ ראָצער זיך צו חברן. זייערע טאַטעס האַלטן זיי אין איין אַרויסשטעלן שמחה מאירן פאַר אַ מוסטער, פאַרשעמען זיי צוליב אים. אָבער זיי מוזן אָנקומען צו דעם קליינעם. יעדן דאָנערשטיק מוזן זיי אים אויפסניי בעטן, ער זאָל זיי אויסלערנען דעם שיעור גמרא פון דער וואָך. ער טוט עס נישט אומזיסט, שמחה מאיר, ער האָט נישט ליב צו טאָן קיין זאַך אומזיסט. מען מוז אים קויפן אייז־קרעם ביים קאַצאַפּ, וואָס טראָגט אַרום אַ פּעסל „סאַכאַרמאַראָזש" אויפן קאָפּ און כאַפּט דעם אָנבליק פון מלכי צדק אין טייטש־חומש, ווען ער גייט אַנטקעגן אברהם אבינו מיטן פּעסל ווייַן. ווער עס האָט אַ זייגערל, מוז אים לאָזן עפענען דאָס געוועריק און מייסטערעווען ביי די רעד־לעך און דער האָרפעדער, כּדי צו דערגיין דעם שכל דערפון, וואָס ער האָט זייער גערן. אָרעמע אינגלעך, וואָס האָבן גאָרנישט וואָס צו געבן, דערציילן אים וועגן מאַן־און־ווייב־זאַכן. צווישן די דער־וואַקסענע תלמידים אין חדר האָט זיך דער קליינער שמחה מאיר זייער פרי וועגן באַהאַלטענע זאַכן דערוואוסט, און ער שפּיצט אויף די האָזישע אויערלעך יעדעס מאָל, וואָס די אינגלעך דערציילן אים אויפסניי וועגן דעם, ווי די טאַטעס זייערע קריכן אַרויס פון די

בעטן, ווען זיי, די אינגלעך, וואָס שלאָפן מיט זיי אין איין בעט, מאַכן זיך שלאָפן.

אַמאָל טוט ער אַפילו אַ שקאַצעריי, דער קליינער שמחה מאיר. ער טייטשט שלעכט אויס אַ אינגל אַ בלאַט גמרא און ער קוועלט פון נחת, ווען יענער זאָגט דערנאָך פאַלש דעם שיעור פאַרן מלמד און כאַפּט מיטן ציבעק איבער די פּלייצעס. זיי ווייסן, די אינגלעך, אַז דאָס האָט ער צופּלייסיק געטאָן. אָבער ביי דער האַנט כאַפּט מען אים נישט. פאַרשידנס האָבן זיי קענגן דעם קליינעם מזיק. אָבער קיינער אין חדר קאָן נישט אַזוי פאַרדרייען דעם קאָפּ דעם בייזן מלמד ווי שמחה מאיר; קיינער קאָן נישט אַזוי קונציק איינטיילן די קוויטלעך אונטערן טיש ווי ער; קיינער קאָן נישט אָפּטאָן אַזעלכע שטיקלעך אין חדר ווי ער; קיינער קאָן נישט אָנמאַכן אַזעלכע מחלוקות צווישן רבין מיט דער רביצין, ווי ער מאַכט עס.

ער האָט דאָס צווייטע ווייב, דער רבי, אַ סך אַ אינגערע פון זיך, אָבער אַ שלימאַזעלניצע איז זי אַ גרויסע און אַן עקרה, וואָס דערפאַר טאַקע האָט זי דער ערשטער מאַן אירער געגט. זי דערזעט נישט, דערהערט נישט, דרייט אַלץ איבער, פאַרטשעפּעט זיך איבער אַ שטרוי. דער רבי קאָן מיט איר נישט אויסקומען. זי פאַרשטייט זיך נישט אויף זיינע קרומקייטן, וואָס עס דערצערנט אים אינגאַנצן. וואָס זי פרעגט אים, געפעלט אים נישט.

— ברוך וואָלף, — פרעגט זי מיט אַ ניגון, געצויגן יעדער וואָרט, ווי עס וואָלט געווען פון גומע, — ברוך וואָלף, וועסט גיין עסן?

— וואָס דען, ס'עסן וועט גיין צו מיר, בהמה? — פרעגט ברוך וואָלף צוריק.

— ברוך וואָלף, וואָס זאָל איך דיר געבן עסן?

— לאָקשן מיט יויך, — זאָגט ר' ברוך וואָלף.

— וואָס רעדסטו? — פרעגט ס'ווייבל. — וואו זאָל איך דיר נעמען אין מיטן דער וואָך לאָקשן מיט יויך?

— וואָס דען פרעגסטו מיך פערד? — בייזערט זיך ר' ברוך וואָלף.

— ברוך וואָלף, וועסט זיך גיין וואַשן צום עסן?

— וואָס דען האָסטו געמיינט אָקס כ׳על עסן אומגעוואַשן?

זי שווייגט אים ס׳ווייבל. זי קען אים שוין אַז ער קאָן אויף קיין זאַך נישט ענטפערן גלייך. אָבער אַז ער נעמט זיך שטאַרק בייזערן אויף איר וויינט זי און ווישט זיך מיט אַן עק פאַרטוך די אויגן. דעמאָלט פאַלט ר׳ ברוך וואָלף אַריין אין אַ גוואַלטיקן כעס. קיין זאַך דערצערנט אים נישט אַזוי ווי טרערן. אפילו די אינגלעך טאָרן ביי אים נישט וויינען ווען ער שלאָגט זיי. און ער קנאַקט מיטן ציבעק אין טיש, שאַרט אַוועק די גמרות און הייסט די אינגלעך אַהיימגיין.

— כ׳וויל נישט זיין קיין מלמד, — שרייט ער צום וויינענדיקן ווייבל, — איך דאַרף נישט האָרעווען פאַר דיר, זאָלסט מיר נאָך אָנוויינען אַ קאָפּ, אַז איך וועל זיצן אין שטיבל, וועלן מיר אידן אויך געבן עסן... אינגלעך אַהיים!

נאָך איידער דער רבי האָט פאַרענדיקט דאָס וואָרט, זענען שוין אַלע אינגלעך אין דרויסן און גליטשן זיך פלינק אַראָפּ איינער נאָכן אַנדערן איבער די באַריערן פון די צוויי שטאָק געדרייטע טרעפּ. זיי פליען גיך, פאַרשווינדן, נאָך איידער דער רבי וועט חרטה קריגן און צוריקרופן לערנען.

די רביצין מיידט אויס צו דערצערנען איר מאַן. זי שלינגט אַראָפּ די טרערן. אָבער שמחה מאיר טוט שוין אַלץ, אבי צו דערפירן צו אַ מחלוקת צווישן רבין מיט דער רביצין, אַזוי אַז דער רבי זאָל ווערן אויס מלמד. ווען ער גייט צוריק פון הויף און שטעלט זיך אַוועק אין ווינקל ביים פאַס וואַסער, צו וואַשן די הענט און זאָגן אשר-יצר, מאַכט ער געשיקט אַ שאָדן. אָדער ער דרייט איבער אַ קרוג מיט באָרשטש, אָדער ער פאַרטשעפּעט דאָס קליינע אייזערנע טעפּעלע עסן, וואָס קאָכט זיך אויף אַ הינקעדיקן דרייפוס אויף דער קיך.

די רביצין, וואָס זיצט אין אַ ווינקל אַ פאַרטראַכטע, אַ פאַרטוענע אין שטריקן אַ זאָק אַרויפגעצויגן אויף אַ גלאָז, אַ שלימעזאַלניצע, אַ ליימערנע, דערזעט נישט, אַז דאָס איז דעם קליינעמס אַרבעט. איבריקנס, איז ער אומגעהויער פלינק, דער קליינער,

שוין שטייט ער אינמיטן חדר, ווישט זיך די הענט מיט א שפּיץ פּאָלע פון דער קאַפּאָטע און זאָגט זייער פרום אשר-יצר. זי פאַר-ברעכט מיט די הענט, דערהערנדיק דאָס לעשן זיך פון איבערגע-קערטן טעפּל. מיט די ליימיקע פיס לאָזט זי זיך לויפן צו דער קיך, אויפצוהויבן דאָס וואַרעמעס. זי וואָלט עס ווען אַפּראַטעווען, נאָך איידער דער מאַן וועט דערהערן.

— אפשיק, א מיתה-משונה אויף דיר, — שעלט זי די קאַץ פאַרן שאָדן.

נאָר שוין האָט דער רבי אין מיטן שווערסטן פּשטל דערהערט, אַז מיטן עסן איז געשען אַן אומגליק, און ער הויבט אָן מאַכן קולות:

— אין די הייזער וועל איך גיין צוליב דיר, שלימזל, ברענגסט מיר אוים אויף פונט און קווינט.

פון גרויס איילעניש און דערשראָקנקייט וואַרפט די רביצין אַראָפּ א ליימענע שיסל, וואָס צעקנאַקט זיך מיט א טעמפּן הילך. דער רבי ווערט ווילד. זי מוז שוין וויינען. זי קאָן נישט איינהאַלטן די טרערן. און דער רבי קנאַקט מיטן ציבעק אין טיש און שרייט:

— איינגלעך, אהיים, כ'בין אוים מלמד!

שעהן לאַנג שלעפּן זיך די איינגלעך אַרום איבער די גאַסן. שמחה מאיר, דער קלענסטער, גייט אין דער מיט, די חברים בויגן זיך אַראָפּ צו אים, פאַרלייגן די הענט אויף זיינע אַקסלען און לויפן איבער אַלע זייטיקע מערק, גאַסן און געסלעך, פריי פון לער-נען און פון עול. זיי לאָזן זיך איבערן מאַרק, וואו פויערים שטייען מיט פערד און וואָגן, בהמות, חזירים, הינער, זעקלעך תבואה. ווייבער אין שלאָף-קאָפּקעס אויף די געשווירענע קעפּ דרייען זיך אַרום די פורן, בלאָזן אין הינערשע הינטערלעך, קריכן אפילו אריין מיט א פינגער אין די געדערעם פון די עופות, צו דערגיין, צי עס איז דאָ דאָרט אַן איי. אידן פּאַטשן איין אין גויאישע הענט, דינגען זיך, עסן קערנער ווייץ. פון מאַרק לאָזט זיך חברה צו די הינטער-גאַסן, וואו מוליאַרעס שלעפּן ציגל, לעשן קאַלך. מען בויט אין לאָדזש, גאַס נאָך גאַס, די שטאָט וואַקסט, געוועלבער, מאַגאַזינען, סקלאַדעס עפענען זיך. זיי לאָזן זיך אויך אַראָפּ צום באַלוט, צו די

קליינע געסלעך, וואו פון אַלע זייטן קלאַפּן וועב-שטולן און נײ-מאַשינען, לידער רייסן זיך אין דער לופט, חזנישע שטיקלעך. זיי קויפן קלעפּעדיקע מאַנדלען אין קליינע שפּייז-קרעמלעך, וואו עס ראַיעט מיט פליגן, אַלערליי זיסע קיכלעך און צוקערלעך. שמחה מאיר נעמט ביי די אינגלעך צונויף צו גראָשן, ער כאַפּט זיך אריין צום טערק מיט דער רויטער יאַרמולקע, וואָס פאַרקויפט ראַזשינקע-ברויט, און קויפט א מוציא. די אינגלעך ווייסן נישט, צי דאָס ברויט איז כשר און זיי קווענקלען זיך צו פאַרזוכן. נאָר שמחה מאיר קלערט נישט, ער ברעכט שטיקער און קייט מיט הנאה. ביי יעדער ראָזשינקע, וואָס ער טרעפט אָן, גיט ער א פרייליכן בליץ מיט די פּלוטעוואַטע אויגן. מען לאָזט זיך אויך אַרויס צום אַפּגעגעסענעם פעלד, וואו מחנות ציגן פּאַשען זיך. מ'צעלייגט זיך אויפן גראָז און מען שפּילט אין קוויטלעך. ווי שטענדיק געווינט שמחה מאיר אָפּ ס'גאַנצע געלט.

דער טאָג ציט זיך לאַנג, נאָר פאַר די חדר-אינגלעך איז ער אַלץ צו ווייניק. זיי קריכן אַרויס צו די זאַמדן, וואו די דראַגאָנער מושטירן זיך און די אונטער-אָפיצירן שלאָגן זיי מיט די שיידן פון די שווערדן איבער די פּיס. זיי זאַמלען זיך אין די מערק, וואו דער שטאָטישער פּויקער פּויקט און רופט אויס אַלע אמטלעכע נייעסן, ביי וועמען עס איז געשען א גנבה, ביי וועמען עס איז פאַרלוירן געגאַנגען א חזיר, ווער עס דאַרף אָפּזיצן אין תפיסה און ביי וועמען מען פאַרקויפט די לייכטער אָדער דאָס בעטגעוואַנט פאַר נישט איינצאָלן צינז דער מלוכה.

צום סוף לאָזט מען זיך דורך דעם שמאָלן זונות-געסעלע, וואָס מיט עטלעכע יאָר צוריק זענען נאָך דאָרט קיין הייזער נישט געווען, בלויז פון אַלע גאַסן אַרום זענען דאָרט מענטשן געקומען אָפּטאָן זייער מענטשלעך געברויך. איצט שטייען דאָרט הייזלעך קליינע, לייכטע, מיט קרומע גאַניקלעך און נידעריקע פענסטערלעך. טאָמער קומט אימיצער נאָך אהער, פון אַלטער געוואוינהייט, טאָן א מענטשלעך געברויך, קריגט ער אָנגעשלאָגן פון די באַלעבאַטים פון די הייזלעך. אָבער דערפאַר האַלטן זיך דאָ זונות אויס, גאַסן-מיידלעך פאַר זעלנער און אָרעמע פויערים, וואָס האָבן געלאָזט די

ווייבער אין די דערפער און געקומען ארבעטן אין די פאבריקן; אויך פאר אידישע געזעלן, וואס ארבעטן ביי מייסטערס פון האנט-שטולן.

די אינגלעך ווייסן, אז מען מיידט אוים דאס געסעלע און דערפאר טאקע ציט עס זיי אהין. זיי לויפן שנעל פארביי דאס שמאלע געסעלע, קוקן מיט גנבישע בליקן אויף די צעשויבערטע שיקסעס און מיידן, וואס זיצן אויף די שוועלן פון די הייזלעך און קנאקן קערלעך. זיי גייען נישט צו די מיידן, וואס ווינקען צו זיי, חלילה! זיי אנטלויפן פארפלאמטע, פארשעמטע. דאך האבן זיי ליב יעדעס מאל אויפסניי פארבייצולויפן און הערן, ווי די מיידן שרייען זיי נאך:

— אינגלעך, קומט אהער, ס'עט הנאה האבן...

און אהיים לויפט מען שוין פארנאכט צו מנחה, ווען איבער די שלעכט-געפלאסטערטע גאסן גייען ארום די שווארצע לאמ-טערן-צינדער מיט לאנגע שטעקנס אין די הענט און צינדן די נאפט-לאמטערנעס, וואס זענען שיטער פונאנדערגעווארפן איבער די גאסן.

זייער פאנטאסטיש זעען זיי אוים, די לאמטערן-צינדער, סיי מיט די לאנגע שטעקנס, מיט וועלכע זיי ציען אראפ די שטריק פון די נאפט-לאמטערנעס, סיי מיט די שטורקאצן, מיט וועלכע זיי צינדן די פייערן. די אינגלעך קאנען גארנישט אפרייסן די אויגן פון יעדער באוועגונג זייערער. זיי קוקן זיך צו, ווי זיי רייניקן די פאררויכערטע גלעזלעך, ווי זיי גיסן דעם נאפט פון די קענדלעך, פארשנייצן די קנויטן און ציען ביי די שטריק ארויף און אראפ די לאמפן פון די קלעצער.

— גוט-וואך! — רופן זיי מיט קולות, ווען דער לאמטערן ווערט אנגעצונדן, — גוט-וואך!

דעם גוי פארדריסט עס. ער פארשטייט נישט, וואס זיי רעדן, און ער מיינט, אז מען שפאט פון אים, יאגט ער זיך נאך די אינגלעך, כאפט ביי דעם ערגסטן לויפער אראפ דאס היטל פון קאפ און פארווארפט עס אויפן שפיץ לאמטערן.

די אינגלעך פליען, פלאטערן מיט די פאלעס פון זייערע כא-

לאַטלעך און מיט די ציצית פון זייערע טלית קטנס.

— פלעדערמויז! — רופן זיי צום נאָכיאָגנדיקן צינדער. — מלאך-המות!

צוזאַמען מיט די בר-מצוה-אינגלעך, לויפט מיט אַ פאַרפלאָמ-טער דער קליינער שמחה מאיר.

אין שטוב טרעפט ער יעקב בונמען, ווי ער קריכט אויף אַלע פיר און די שוועסטערלעך רייטן אים אויפן רוקן. אויך דינהלע איז דאָ אין רעדל. כאָטש זי ווייגט שוין אין אַן אַנדער גאַס, קומט זי דאָ אָפּט אַהער צו די חברטעס אירע, צו ר׳ אברהם הערשס טעכטערלעך, נאָך מער צו יעקב בונמען. ער קאָן זיך זייער גוט שפּילן, דער יעקב בונם. כאָטש ער איז שוין אַ גמרא-אינגל, האָט ער זיך ליב צו שפּילן מיט די שוועסטערלעך. עס פאַרגעסט אפילו, אַז אַזאַ חתן-בחור דאַרף זיך האַלטן פון דערווייטנס פון מיידע-לעך. ניין, ער קאָן זיך נישט האַלטן אין דער מעלה, דער יעקב בונם. ער לייגט זיך אויס אויף אַלע פיר, ווען די מוטער זייַנע זעט נישט, און מאַכט פון זיך אַ פערד. אַלע שוועסטערלעך הייסט ער אַרויפקריכן צו זיך אויפן רוקן, אויך דינהלען. ער לויפט גיך איבער דער פּאָדלאָגע, טראָגנדיק די גאַנצע כאַליאַסטרע אויף זיך. ער שפּרינגט אפילו אונטער, ווי אַן אמת פערד. די מיידלעך קריגן מורא, זיי זאָלן נישט אַראָפּפאַלן. דינהלע כאַפּט אים אַרום מיט ביידע פולכנע הענטלעך פאַרן האַלז, זי זאָל נישט אַראָפּפאַלן, און קלאַמערט זיך אין אים, לאַכנדיק ביז טרערן. יעקב בונם צע-שפּרינגט זיך אין התלהבות, הירזשעט ווי אַ יונג פערדל.

— יעקב בונם, — פרעגט אים דינהלע, — פאַר אַ לייב האָסטו מורא?

— ניין, — זאָגט יעקב בונם פעסט.

אַז שמחה מאיר קומט אַריין און דערזעט דעם ברודער זיי-נעם מיט די מיידלעך אויף דער ערד, נעמט ער אים פאַרשעמען.

— חמור-אייזל, — רופט ער אים, — כ׳וועל שוין דערציילן דעם טאַטן, אַז דו שפּילסט זיך מיט מיידלעך. פּויערן-קאָפּ, וועסט פאַרגעסן ס׳לערנען!

יעקב בונם איז רויט פון בושה. עס פּאַסט אים נישט פאַר

דינהלען. איבערהויפּט דאָס, וואָס מען רופט אים פּויערן-קאָפּ, וואָס אין אַן אמת.

— מסור, מ'עט דיך הענגען אויף יענער וועלט אויף דער צונג, — זאָגט אים יעקב בונם.

א ווײַלע פּירט יעקב בונם מיט אים פּאַרהאַנדלונגען. ער האָט מורא, ער זאָל נישט דערציילן דעם פאָטער. ער ווייסט, אַז דער פאָטער וועט אים נישט שוינען, און ער גיט פון זיך אַלץ אַוועק שמחה מאירן, אַלע זאַכן, ער זאָל נישט דערציילן. אָבער שמחה מאיר וויל נישט.

אַז קיין זאַך פּועלט נישט, נעמט יעקב בונם שפּילן מיט אים אין קוויטלעך. מיט קיין זאַך נעמט מען אים נישט, דעם שמחה מאיר, ווי מיט קוויטלעך. שמחה מאיר שפּילט שנעל, גיך, און ער געווינט אָפּ ביים ברודער דאָס גאַנצע געלט.

די שוועסטערלעך, נאָך מער זייער חברטע דינהלע, קוקן אויף אים מיט בייזע בליקן.

— שמחה מאיר, דרייער, נאַ דיר א צווייער און גיב מיר א מייער, — זינגען זיי אויף אים א לידל, ווי אַמאָל אין הויף.

קאַפּיטל זעקס

ר' אברהם הערש אשכנזי האָט דורכגעפירט זיינס.

היינץ הונצע האָט געשריגן, געזידלט, געטופּעט מיט די פיס, אַז ער זאָל אפילו דאַרפן גיין בעטלען, וועט ער נישט וועלן קענען דעם שוויין-הונט, דעם ראָץ-בוב פּריץ נעצקע. אָבער ר' אברהם הערש האָט זיך געטאָן זיינס. ער איז געגאַנגען פון הונצען צו נעצקען, פון נעצקען צו הונצען, ער האָט גערעדט צום שכל, געבראַכט משלים פון די הייליקע ספרים, אַז כעס איז א מיאוסע מידה, אַז אויף שלום שטייט די וועלט, און ער האָט דערפירט צו א שותפות פוןביידע פאַבריקן, וואָס טראָגן זינט דעמאָלט אָן דעם נאָמען פון היינץ הונצע און פּריץ נעצקע.

איבער דעם נאָמען איז שיער דאָס שותפות אין דער לעצטער

מינוט נישט צושטאנד געקומען.ביידע שותפים זענען געווען גלייך איינגעשפארט, איינער האט נישט געוואלט אפטרעטן דעם צווייטן דעם כבוד צו פיגורירן דער ערשטער. ר' אברהם הערש האט גע־מוזט א סך גלייכווערטלעך און ציטאטן פון די הייליקע ספרים ברענגען, ביז געצקע האט ענדלעך אפגעטרעטן און איינגעגאנגען אפצוגעבן הונצען די בכורה. אזוי איז טאקע געבליבן: היינץ הונצע עט פריץ געצקע.

א באלוינונג דערפאר האט ר' אברהם הערש געקריגן פון דער שותפותדיקער פאבריק די גענעראל - פארטרעטונג. אויף די אמאליקע „ווילקעס", וואו א איד האט נישט געטארט וואוינען און וואס איצט רופט זי זיך די פיעטראקאווער גאס, האט הונצע אויס־געבויט פאר זיין פארטרעטער א גרויסע מויער מיט שווערע אייזן־באשלאגענע טיר און פענסטער, מיט טיפע קעלערס, שפייכלערס און הויכע בוידעמס. אין דער דאזיקער דיק־ווענטיקער שווערער מויער ליגן אנגעלייגט פון אויבן ביז אראפ באלן סחורות פון היינץ הונצעס עט פריץ געצקעס אויסארבעטונג. אלע גאלדענע, זילבערנע און בראנזענע מעדאלן פון דער פאבריק באצירן די שילד, צוזאמען מיט די נעמען פון די שותפותדיקע פאבריקאנטן און מיט דעם נאמען פון דער גענעראל־פארטרעטער אברהם הערש אשכנזי. דער שילדן־מאלער האט אפילו געהאט אויך אויסגעמאלט די פאבריק־מארקע אויף דער שילד — צוויי בערדיקע נאקעטע גערמאנער מיט פייגנבלעטער אויף דער שאנד און מיט שפיזן אין די הענט. אבער ר' אברהם הערש האט דאס געהייסן אויס־מעקן, ווייל א איד טאר נישט אויסמאלן קיין פיגורן און געמשלעך. פאר אים זענען גענוג געווען די מעדאלן און דער טיטול גענע־ראל־פארטרעטער.

שוין לאנג האבן הונצעס טעכטער, וואס לאזן דעם פאטער זייערן נישט רעדן קיין פאלקס־דייטש, נאר האך־דייטש, געקרימט מיט די נעז, וואס אין פאבריק־הויף, אין קאנטאר ביים פאטער דרייען זיך ארום די אידישע סוחרימלעך, קרעמער און מעקלערס, וואס קומען קויפן סחורה. זיי טומלען שטארק, די קרעמער, רעדן אידיש מיטן אלטן, נעמען אים ביי די לאצן, ציען אים היימיש ביי

א קנעפּל. ווען מען זאָל נישט אַרויסקומען פון פּאַלאַץ, וואָס איז אויסגעבויט ביי דער פאַבריק, איז פול מיט אידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס, וואָס שרייען, טומלען. שוין לאַנג האָבן זיי געפּאָדערט איבערגעבן די סחורות צו א פאַרטרעטער. דער אַלטער האָט נישט געוואָלט. אים איז א שאָד געווען געלט, ער האָט ליב געהאַט שפּאָרן. נאָך מער האָט ער הנאה געהאַט פון מסחרן, פון דינגען זיך, קאָבן זיך. ער האָט גערן געהאַט איבערצוכיטרעווען די אידן, איבערצוקליגלען זיי. אים האָט כסדר געצויגן צו פּראָסטע זאַכן, צו טרינקען א ביר מיט א קאָלעגע, צו רויכערן די ליולקע, נישט קיין ציגאַרן, צו רעדן אידיש מיט די סוחרים, אריינצומישן א לשון־קודש־וואָרט און פילן זיך היימיש, פריי. אָבער די טעכטער זענען אים דערגאַנגען די יאָרן, ער זאָל האַלטן שטאַט. דערצו איז דאָס געשעפט געוואַלטיק אויסגעוואַקסן. אויך האָט מען גענדאַרפט דעם איד, דעם אשכנזי, באַלוינען פאַר זיין דורכפירן דאָס שותפות, וואָס האָט די פאַבריק אָפּגעראַטעוועט פון א רואין. און ביידע שותפים האָבן ר׳ אברהם הערשן געמאַכט פאַר זייער גענעראַל־פאַרטרעטער.

אין גרויסן לאַגער אויף פּיעטריקאָווער גאַס איז איצט געווען טומלדיק, ראַשיק. אידן קרעמער, סוחרים, מעקלערס האָבן זיך געדרייט צווישן די שווערע פּעק און באַלנס סחורות, וואָס זענען געלעגן אָנגעשטופּט פון דער ערד ביזן באַלקן, אין אַלע קעלערס, שפּייכלערס, בוידעמס. אַלע האָבן זיך געריסן צום אָפּגעצווימטן ברוין־געפאַרבטן קאַנטאָרל, וואו ר׳ אברהם הערש איז געזעסן אין דער יאַרמולקע איבער גראָבע, שווערע האַנדלס־ביכער, ענלעכע צו גמרות.

— ר׳ אברהם הערש, — האָט מען זיך געבעטן, — ווען וועט איר שוין קאָנען מיט מיר רעדן עטלעכע ווערטער? די צייט ברענט מיר אונטער די פיס.

די משרתים, יונגעלייטלעך מיט געהאַקטע קאַפּאָטעס און מיט בלייפעדערס פאַרשטעקט הינטער די אויערן, האָבן אליין געוואָלט באַזאָרגן די קלענערע סוחרים.

— דער אַלטער איז פאַרנומען, — האָבן זיי געטענהט, —

מיר וועלן אַליין באַזאָרגן.

נאָר די סוחרימלעך האָבן זיך געריסן דורכאויס צום באַלע־באָס אַליין.

— וואָס דאַרף איך גיין צום ווײַדל, — האָבן זיי געזאָגט, — אַז איך קאָן גיין צום קאָפּ.

פון צײַט צו צײַט האָט זיך אַ פרעמדער איד אַ סוחר דער־מאָנט, אַז ער האָט אין גרויס אײַלעניש פאַרגעסן אָרײַנצוכאַפּן אַ קדיש נאָך געשטאָרבענע עלטערן, און טאַקע אין געשעפט, צווישן אַלע אָנגעוואָרפענע סחורות, האָט ער גיך אַ רײַב געטאָן די הענט אין דער טרוקענער שטויב און אַרײַנגעכאַפּט אַ קדיש פאַר אַ מנין אידן, קרעמער, משרתים און באַלעבאָס פון געשעפט. די אידן האָבן אומגעדולדיק נאָכגעברומט אמן, אײַלנדיק זיך צו מסחרן. די משרתים האָבן געוואָרטשעט, וואָס מען דרייט זיי אַ קאָפּ מיט די קדושות אין מיטן מעסטן און וויקלען סחורות, נאָר זיי האָבן נישט געוואַגט צו רעדן. וואָרום ר׳ אברהם הערש אַליין האָט שטענדיק אָוועקגעלייגט די ביכער ביי אַזאַ קדיש, ער האָט זיך גיך געוואַשן די הענט און נאָכגעזאָגט הויך אמן. בלויז גאָלד־לוסט דער בוכהאַלטער, אַ איד מיט אַ סורדוט, מיט אַ געשוירן בערדל און מיט אַ פּיצעלע יאַרמולקע אויפן קאָפּ, האָט געבייזערט זיך הויך און אויף דייטשמעריש אויף די קדישים־זאָגערס.

— זי, — האָט ער זיך געקאָכט אויף די אידן, — איין גע־שעפט איזט קיין חסידים-שטיבל. זי, קליינשטעטלדיקע חיה...

אין דער היים ביי ר׳ אברהם הערשן זענען די שטובן תמיד געווען פול מיט פרעמדע. קאָמיסיאָנערן ליטוואַקעס, רוסישע אידן סוחרים, וואָיאַזשאָרן זענען אין די הונדערטער געקומען קיין לאָדזש אײַנצוקויפן ביליק סחורות, וואָס זיי האָבן געפירט איבערן גאַנצן, גרויסן, ברייטן רוסלאַנד, ביז דער כינעזישער און פּערסישער גרענעץ. קורץ־געקליידעטע, מיט געשוירענע און אפילו מיט גע־גאָלטע בערד, נישט־איבעריקע צדיקים, וואָס לאָזן דורך אַ דאַווע־נען, אַ ברכה און כאַפּן אפילו אַ פּאָר אין שבת אַרײַן, האָבן זיי נישט ליב געהאַט די פּוילישע אידן מיט זייערע לאַנגע קאַפּאָטעס, קליינע היטעלעך, צעצויגענער שפּראַך און פרומקייט, פּונקט ווי די

פוילישע אידן האָבן זיי פיינט געהאַט, געהאַלטן זיי פאַר צלם-קעפּ, חזירים, אַפּיקורסים, גאָר קיין אידן נישט. אָבער געהאַנדלט האָט מען פונדעסטוועגן. האָטעלן זענען נאָך אין לאָדזש געווען ווייניק, בלויז איינפאָר־הייזער און אכסניות. מערסטנס אָנגעפאָרענע זע־נען איינגעשטאַנען טאַקע ביי די סוחרים אליין, געגעסן דאָרט, געשלאָפן.

צו מיטאָג זענען איצט שטענדיק ביי ר' אברהם הערשס טיש אַ סך פרעמדע געזעסן, אידן אין האַרטע קאַפּעליושן, וואָס האָבן געריבן אויף ביידע באַקן די פעטע פוילישע נעבראַטענע גענזלעך און די זיסע געפילטע פיש, וואָס אין ליטע זעט מען גאָרנישט אַזעלכע. צוליבן כבוד פון באַלעבאָס האָבן זיי זיך געוואַשן צום עסן, געמורמלט ברכות, געטונקען ברויט אין זאַלץ און אפילו אַריינגעוואָרפן שטיקלעך תורה, דער עיקר פּסוקים פון תנ"ך, אויף וואָס זיי זענען גרויסע בריות געווען. נאָך מער האָבן זיי גערעדט פון מסחר, פון רוסלאַנד, פון ברייטע רוסישע סוחרים. זיי האָבן דערציילט מעשיות פון אַלערליי ווייטע שטעט, מענטשן, געוואוינ־הייטן. אין די נעכט זענען אַלע שטובן געווען אויסגעשטעלט מיט קאַנאַפּעס, וואו די פרעמדע זענען געשלאָפן.

ר' אברהם הערש האָט שטאַרק געוואָלט אויסהיטן זיינע אינגג־לעך פון די פרעמדע לייט, די אַפּיקורסים, אויסהיטן זיי סיי פון זייערע מעשיות, געשיכטן, סיי אפילו פון זייער תורה מ'שטיינס געזאָגט. ער האָט זיי אַוועקגעשיקט וואָס פריער פון טיש. יעקב בונם איז אַוועק צו זיינע שפּילעכלעך, צו זיינע מעסערלעך, ביי־טעלעך און שניצערייען, פון וואָס ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּגעוואוינען, כאָטש ער איז שוין געווען אַ גמרא־בחור. שמחה מאיר איז געזעסן מיט אויפגעשפּיצטע אויערן, ווי אַ העזל, און מיט גרוים לוסט אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט, מעשה און פּאַסירונג פון די ווייטע, פרעמדע און צוציענדיקע שטעט און געגנטן.

— שמחה, — האָט דער פאָטער אים גערופן בלויז ביים ערשטן נאָמען פון פשיסכער רבין, — גיי לערנען, בטל נישט!

נאָר שמחה מאיר האָט זיך נישט געאיילט צו פאַרלאָזן דעם טיש. פאַרשידענע תירוצים און פאַררעדענישן, אויף וואָס ער איז

געוועזן אזא בריה, האָט ער זיך אויסגעזוכט, צו פאַרדערן דעם פאָטער און צו בלייבן נאָך אביסעל מיט די פרעמדע און ווייטע פאַרשווינגען. אָן פאָטערס וויסן, האָט ער אויך די געסט זייערע אַרומגעפירט איבער דער שטאָט, אַנגעוויזן זיי דעם וועג צו גאַסן, מערק, קראָמען, סוחרים, פאַרוואָס די פרעמדע האָבן אים מיט אָנערקענונג געקנייפט אין די באַקן און איבערגעלאָזט אים האַלבע רובלס און אַפילו קערבלעך. זיי האָבן אים אויך צוגערעדט צו בילדונג, צו ווערן א מענטש.

— נאָר „פּראָסוויעשטשעניע“, — האָבן זיי אים אָנגעזאָגט, — הערסט, בחור!

דער קליינער האָט נישט רעכט צעקייט דעם טייטש פון דעם שווערן רוסישן וואָרט, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען דעם מיין דערפון, גוט אין קאָפּ אריין עס זיך גענומען.

אויך צום פאָטער אין געשעפט האָט ער זיך אָפט אריינגעכאַפּט, כאָטש דער פאָטער האָט אים געהייסן דאָרט דעם פוס נישט איבערטרעטן. אונטער פאַרשידענע אויסריידן איז ער אַלעמאָל אויפסניי אריינגעפאַלן און געוואונקען צו די משרתים, זיי זאָלן נישט זאָגן דעם פאָטער, אז ער איז דאָ. ר׳ אברהם הערש האָט אָנגעזאָגט די מענטשן זיינע, זיי זאָלן אים נישט אריינלאָזן, זיי זאָלן אים טרייבן אין חדר אריין, נאָר שמחה מאיר האָט זיי שטאַרק געבעטן, זיי זאָלן אים נישט פאַרמסרן פאַרן פאָטער, און זיי האָבן אים אויסבאַהאַלטן, פאַרשטעקט אים צווישן די באַלן סחורות. בגניבה איז ער געזעסן צווישן די פּעק סחורות, ער האָט געלייענט די פאַבריק-עטיקעטן פון די באַלן. ער האָט אָפּגעריסן די פלאָמבעס, באַטראַכט אַלע מוסטערן, פאַרבן, צוהערנדיק זיך צום גערויש פון געשעפט, צום טומל פון די קונים, וואָס ער האָט גיריק געשלונגען, גיריקער ווי נאַשערייען, געשמאַקער ווי דאָס טערקישע ראָזשינקע-ברויט.

ווען דער פאָטער איז נישט געווען אין געשעפט, איז ער אריינגעקראָכן אין זיין אָפּגעצוימט קאָנטאָרל, ער האָט אריינגעקוקט אין די גראָבע ביכער, ער האָט זיך וועגן אַלץ אויסגעפרעגט ביי גאָלדלוסטן דעם בוכהאַלטער, פאַרנודיעט די משרתים. אַלץ

האָט ער געמוזט וויסן, אַלץ דערגיין. מיט דער גרעסטער קנאה, מיט אַ געוואַלטיקן אייפער האָט ער געקוקט אויף די דערוואַקסענע, די גרויסע, וואָס דאַרפן נישט גיין אין חדר, וואָס זענען פריי, קאָנען טאָן, וואָס זיי ווילן און ווען זיי ווילן. ווי אַ יונג הינטל, האָט ער אומעטום גענישטערט, געשנאָפט, אַריינגעשטעקט דאָס לאַנגע נעזל, אַריינגעדרונגען מיט די פּלוטעוואַטע אויגן, וואָס זענען אויס אין ערשטן אויגנבליק ווייך, מילד, נאָר אין דער אמתן קוקן זיי אויף אַלץ שאַרף, מיט עקשנות, פאַרביסנקייט און אומצוטרוי.

— דער קנאַבע וועט מיך קעלביק מאַכן מיט זיינע פראַגן, — זאָגט גאַלדלוסט דער בוכהאַלטער בייז, וואָס דער קליינער קוקט אים אין זיינע ביכער אַריין.

— ער וואַקסט אַ פויגל, — מורמלען די משרתים, פאַר־קוועטשנדיק מיט די ליפּן, — האַ, האַ!

שמחה מאיר מאַכט זיך נישט פון זייערע רייד און ער איז אומעטום פול. אַז ער וועט זיין אַ גרויסער, מאַכט ער אָפּ ביי זיך, וועט ער אויך זיצן אין אַזאַ אָפּגעשלאָסן קאַנטאָרל, ווי דער פאָ־טער זיינער, נאָר ער וועט נישט טראָגן קיין יאַרמולקע. ניין, ער וועט זיצן אין בלויזן קאָפּ, ווי די דייטשן די סוחרים, וואָס האָבן זייערע קאַנטאָרן קעגנאיבער זייער לאַגער. אויך וועט ער נישט אַריינלאָזן צו זיך די אַלע קרעמער, ווי דער פאָטער. דאָס היטל וועט מען מוזן פאַר אים אַראָפּנעמען, ווען מ׳וועט עפּעס דאַרפן צו אים. און רעדן וועט ער דייטש.

קאפיטל זיבן

אין דעם גרויסן עס־צימער ביים פאבריקאנט פון ווייבערישע טיכער ר׳ חיים אַלטער איז ליכטיק און וואַרעם.

ס׳איז שבת־צו־נאַכטס, שוין לאַנג אייגנטלעך נאָך דעם אויפ־גיין פון די דריי ערשטע שטערן, אָבער ר׳ חיים אַלטער מאַכט ערשט איצט הבדלה. ער האָט ליב לאַנג צו זיצן אין חסידים־שטיבל צום שלוש־סעודות, ר׳ חיים אַלטער. ער איז א בעל־מנגן און ער האָט געגרן א סך זמירות צו זינגען פאַרן עולם. ער איז אויך א בעלן אויף מצוות, ער קויפט שטענדיק דאָס בענטשן פאַר עטלעכע פלאַשן ביר; דערנאָך דאַוונט ער מעריב פאַרן עמוד, אזוי, אז ער קומט אהיים מאַכן הבדלה שוין היפש שפּעטלעך.

— גוט־וואָך, גוט־וואָך, — זאָגט ער ברייט, מיט א זיסן שמייכל צו דער משפחה זיינער, צו דעם ווייב, זיין טאָכטער און קרובים, וואָס זענען פאַרזאַמלט אין גרויסן געדיכט־באַמעבלטן עס־צימער. די שטוב איז העל באַלויכטן פון די פיל ליכט אין די זיל־בערנע לייכטער און פון גרויסן קופּערנעם בליץ־לאָמפּ, וואָס הענגט אויף דיקע קייטן פון באַלקן איבערן ריזיקן דעמבענעם טיש.

געלאַסן גיסט ער אָן א גרויסן זילבערנעם געשניצטן בעכער מיט וויין, פאַרגיסנדיק דערביי אויפן טעצעלע, א סימן, אז עס זאָל זיך איבערגיסן פון הצלחה און שפע. מיט א ניגונדל אונטערברו־מענדיק, נעמט ער ארויס פון דער זילבער אָנגעפּאַקטער סערוואַנט־קע דעם הויכן זילבערנעם געשניצטן בשמים־ביקס, מיטן גרינעם טורעם און מיט די זילבערנע פענדלעך און גלעקלעך. ער פאַר־בויגט די ארבל פון זיין גלאַנציק זיידענער קאַפּאָטע איבער די האָ־ריקע, פליישיקע, נגידישע הענט, ער זאָל זיי נישט פאַרגיסן מיט וויין, און ער הייסט דינהלען, זיין בת־יחידה, האלטן די הבדלה.

— נו, אָ, העבער, דינהלע, — זאָגט ער זיס צום דרייצן־יאָריקן מיידל מיט די ברוינע קאַשטאַן־צעפּ, — וועסט האָבן דערפאַר א הויכן חתן.

די רויטע פארבן אין דעם מיידלס קלאָרע באַקן צעגיסן זיך איבער דעם גאַנצן פּנים. זי פאַרקרימט זיך אויפן פאַטערס רייד, נאָר פונדעסטוועגן האַלט זי די הבדלה הויך. ר' חיים הויבט אויף דעם בעכער אין דער הויך, ער כאַפּט אַ בליק איבער דער גאַנצער שטוב, צי אַלע זענען דאָ, אפילו הדס די דינסט. זיי זענען דאָ אַלע. ער איז דערפון צופרידן און ער נעמט מאַכן הבדלה הויך, מיט אַ ניגון, מיט אויסציקלען יעדעס וואָרט, אַז עס זאָל זיך צעגיין אין די ביינער פון זיסקייט. ער באַלויכט ביי דער פלאַטערנדיקער הבדלה די פליישיקע האַריקע הענט און ער לויבט גאָט דערפאַר וואָס ער האָט באַשאַפן פייער. ער שאָקלט לאַנג מיטן בשמים־ביקס, כדי אַרויסצורופן מער געשמאַק פון די נעגעלעך, און ער ציט מיט תענוג אַריין אין דער פליישיקער נאָז די גוטע ריחות, וואָס גייען דורך דעם געעפנטן טירל.

— אַ, אַ, — קוויקט ער זיך און ער לויבט גאָט דערפאַר, וואָס ער האָט באַשאַפן שמעקעדיקע געווירצן. ער גיט איבער דעם בשמים־ביקס צו ווייב און קינדער, זיי זאָלן אויך שמעקן דערפון. ער וואַרט אויס, ביז ער הערט, ווי אַלע מאַכן די ברכה.

— נו אַ, — מאַכט ער לייכט אַ פאַרוואָרף זיין טאָכטער, וואָס וויל די ברכה איבער די בשמים מאַכן גיך, אַבי יוצא צו זיין. — עי, בורא מיני בשמים.

אפילו דער דינסט הדס מוז מען דערלאַנגען צום סאַמע סוף דעם בשמים־ביקס. יעדעס מאָל אויפסניי ווייסט נישט הדס, פון גרויס צעטומלטקייט, ווי אַזוי אַריינצושטעקן די נאָז אין זילבערנעם טירעלע. דער עולם לאַכט דערפון. ר' חיים אַליין האַלט זיך קוים איין נישט אַרויסצולאַכן. דערנאָך פאַרענדיקט ער די הבדלה. ער פאַרבויגט אַן עק טישטוך, ער גיסט אָן אַ סך ווײַן אויפן טיש, פאַרלעשט אין דעם די פלאַקערנדיקע הבדלה, דערנאָך טונקט ער איין ביידע הענט אין ווײַן, ער לייגט אַריין די נאַסע פינגער אין אַלע קעשענעס, נישט בלויז אין די הינטערשטע קעשענעס פון דער זיידענער קאַפּאָטע נאָר אויך אין די קעשענעס פון די נגידיש־טוכענע הויזן און פון דער סאַמעטענער וועסט. דאָס איז אַ סגולה צו פרנסה, צו אַ גוטער וואָך, אַ סימן, אַז אין אַלע קעשענעס וועט רינען און שווימען

און עס וועט זיין פול, מיט גאָטס הילף. ער וואַשט זיך אויך אויס מיט וויין פון דער הבדלה די שוואַרצע, גלאַנצעדיקע אויגן פאַר א רפואה און ער ווינטשט פון אַלע זייטן ברייט, זיס, שמייכלענדיק און מיט א ניגון:

— גוט וואָך, א פריילעכע וואָך, א לוסטיקע וואָך, א פּרנסה־דיקע וואָך, א מזלדיקע וואָך.

ער טוט אויס די זיידענע קאַפּאָטע און ער רופט הויך:

— שמואל לייבוש, דערלאַנג מיר דעם שלאַפראָק!

שמואל לייבוש דער משרת, א יונגערמאַן מיט א בלאָנד צוגע־שוירן בערדל און מיט א פּאַפּירן קעלנערל, לויפט צו גיך, געשיקט, ער כאַפּט די זיידענע קאַפּאָטע, וואָס ר׳ חיים אַלטער טוט אויס, און ער טוט אים אָן דעם טוכענעם געבלומטן שלאַפראָק.

— די ציגאַרן, ר׳ חיים, — זאָגט ער מיט א שמייכל און ער טראָגט אונטער זיין באַלעבאָס דאָס קעסטל אויסלענדישע ציגאַרן.

ער ווייסט, וויפיל ר׳ חיים ליידט זיך אָן איבער דעם שבתדיקן טאָג אָן א ציגאַר. ער גרייט אים דעריבער אָן די ציגאַרן באַצייטנס, גלייך נאָך הבדלה. ר׳ חיים אַלטער שמעלצט זיך פון צופרידנקייט איבער זיין מענטשנס גוטער באַדינונג. גיך בייסט ער אָפּ דאָס שפּיצל פון ציגאַר און ער ציט מיט גיריקייט דאָס פייער, וואָס דער משרת טראָגט אים אונטער. רויכערנדיק אזוי דעם געשמאַקן ציגאַר, זאָגט ער בעת־מעשה ויתן־לך. ער צעקייט מיט טעם די זיסע רייד פון דעם האָפערדיקן שבת־צו־נאַכטיקן געבעט. ער פילט דעם גוטן ריח פון די טויען פון הימל, פון דער פעטקייט פון דער ערד, פון פול קאָרן, ווייץ, וויין און בוימל, וואָס גאָט וועט געבן די אידן, ווען זיי וועלן גיין אין די גוטע וועגן. זאָגנדיק אזוי די מחיהדיקע געבעטן, עפנט ער דערווייל אויף די בריוו און טעלעגראַמעס, וואָס זענען אָנגעקומען איבער שבת און מען האָט זיי נישט געטאָרט אויפרייסן. אז ער קומט שוין צו צו די אל־תיראס, יאָגט ער צו, מאַכט עס גיך, ווייל ער חלשט שוין אויסטרינקען א גלאָז פרישע, שמעקעדיקע שבת־צו־נאַכטיקע טיי, נאָך וואָס ער האָט א גאַנץ שבת געבענקט.

— פריוועשי, — רופט ער זיין ווייב, — פריווע־לעב, וועסט

זאָגן דער דינסט, זי זאָל מיר אריינברענגען טיי און מיט ציטרין, הערסט פּריוועשי?

פּריווע, א שיינע, קלאָרע און אויסגעפּילטע אידענע, אויסגע־פּוצט אין א זיידן קלייד מיט א שלעפּ, באהאנגען מיט פּערל אויפן פּעטן, גלוסטיקן האלז, מיט בריליאַנטן אויף אַלע רונדע, אויסגע־צערטלטע פינגער און מיט א העל־געלאַקט שייטל אויפן קאָפּ, וואָס מאכט זי ענלעך צו אן אָפּערע־אַקטריסע, דערנענטערט זיך צום מאַן מיט קורצע טריטעלעך, פּלאָנטערנדיק זיך אין לאַנגן שלעפּ. מיט דעם סאַמע זיסטן שמייכעלע אויף די בלוט־רויטע ליפּן חנדלט זי זיך פאַר אים, פּיעשטשעט זיך און שטרעקט אויס דאָס פולכנע ווייבע־רישע הענטל נאָך געלט, אויף דער פולער וואָך.

— געלט, געלט, — ברומט ר׳ חיים, — וואָס טויג דיר, פּרי־וועשי, אזויפיל געלט, הע?

פּריווע פאַרלירט אין איין אויגנבליק דאָס זיסע שמייכעלע פון אירע רויטע ליפּן.

— פיר דו די ווירטשאַפט, — וואַרפט זי צו איר מאַן א פאַר־אַכטנדיקן בליק, צוזאַמען מיט דעם בינטל שליסעלעך פון אַלע שאַ־פעס און קאַמאָדעס, און גייט אַוועק מיט די סאַמע שטאָלצסטע טריט פון א באַליידיקטער קעניגין.

ר׳ חיים צעגיסט זיך שיר נישט פון צרות.

— פּריוועשי, פּריווע־לעב, — בעט ער זיך, נאָכלויפנדיק איר, — איך האָב גאָרנישט נישט געמיינט, כ׳האָב עס געזאָגט אויף א געלעכטער...

פּריווע לאָזט זיך נישט איבערבעטן. זי ווייסט, אז איר חיים גייט נאָך איר אויס, אז ער שטאַרבט פאַר אירע טריט, און זי וויל אים אָנלערנען, אז ער זאָל וויסן, ווי אזוי צו רעדן צו איר, צו ר׳ אנשל וואַרשעווערס טאָכטער. ר׳ חיים ווייַנט שיער נישט פאַר איר. ער האָט זיך פיינט קוועלן אין לעבן. ער פאַרטראָגט נישט קיין זאָרג, קיין ברוגז. ער האָט ליב וואוילטאָג, געניסן. זיין ווייב פּריווע האָט גראָד זיך ליב ברוגזן. פאַר א ליאַדע וואָס הייסט זי הדם דער דינסט, זי זאָל אויסבעטן דעם באַלעבאָס א געלעגער אין עס־שטוב אויף דער קאַנאַפּע און זי לאָזט אים נישט צו צו זיך. ר׳ חיים ליידט

דעמאָלט, ליידט שטאַרק. ער בענקט נאָך איר פּולכנע וואַרעם לייב, נאָך איר פּעטן באַטעמטן האַלז. ער פּרובירט קיינמאָל נישט אויס־האַלטן קיין ברוגז, ער איז צו שוואַך, צופיל ליבהאָבער פון גוטס און באַקוועמליכקייט, און ער גיט גלייך נאָך. ער בעט זי איבער מיט אַ טייערער מתנה, אויף וואָס פּריווע איז אַ גרויסע בעלנטע, מיט אַ ניי קלייד אָדער גאָר מיט אַ שטיקל צירונג. ער עסט זיך שיער נישט אויף אַ לעבעדיקן, וואָס גראָד איצט, צו דער נייער וואָך, האָט ער אַרויסגערעדט אַ נאַרישקייט און זיך אָנגעאַרבעט אַ שלעכטע וואָך. אמת, אַז פּריווע נעמט ביי אים אַ סך געלט אויף דער הוצאה, גאָר אַ סך. ער ווייסט גאָר אַליין נישט, צו וואָס זי דאַרף אַזויפיל. אָבער ער האָט נישט געדאַרפט זאָגן וועגן דעם, די צונג האָט ער זיך געדאַרפט פריער אָפּבייסן, שונאי ציון. און ער בעט זי איבער, ער גלעט אַלע בלאָנדע לעקעלעך פון איר אָנקאַרבירטע שייטל און ער וואַרפט צו אירע פיס דעם גאַנצן אָנגעשטאָפּטן בייטל געלט, וויפיל נאָר ער האָט ביי זיך.

— נאַ, פּריוועשי, נעם, וויפיל דו ווילסט, — בעט ער זיך, — איידער דו זאָלסט זיך אָפּעסן ס׳האַרץ, זאָל ס׳גאַנצע געלט אַ שיינע ריינע כפרה זיין...

פּריווע ווערט ווייכער און זי נעמט ענדלעך צו דעם פּאַק באַנקנאָטן, וואָס ר׳ חיים שטופּט איר אַריין אין האַנט אומגעציילט.

— נו, שוין גוט? — פרעגט ער זי אַ גליקלעכער, און אין קעגנוואַרט פון משרת גיט ער איר אַ גלעט איבערן פולן פּנים.

— טרינק די טיי, חיימשע — זאָגט ענדלעך פּריווע אַ לייטזעליקע, — ס׳וועט קאַלט ווערן.

ר׳ חיים טרינקט די טיי מיט גרויסע שלונגען, גליקלעך דערפון, וואָס ווידער וועט זיין אין שטוב גוט, וואויל און גליקלעך, און ער נעמט זיך איבערקוקן די רעכענונגען און די ביכער פאַר דער גאַנצער וואָך. שמואל לייבוש דער משרת העלפט אים אין דער אַרבעט. אַ היפּשע צייט זיצן ביידע ביי דעם פּאַק פּאַפּירן, זוכן, חשבונען, פּלאָנטערן און קאָנען נישט אַרויסקריכן. ער פירט אַליין די ביכער, ר׳ חיים, אויף דעם לאָדזשער אידישן סוחרישן שטייגער, אין דייטשמעריש און אין גרייזיקן לשון־קודש, מיט אָפּטיילונגען פון „לקח"

און „נתן". אָבער קיין גרויסער בעל־חשבון איז ער נישט. אויך זיין משרת קען נישט קיין סך אין די קליינע אותיות. א פּוילער, א געניסער, א צעטראָגענער, פּירט ער, ר' חיים, די חשבונות אָפּגע־לאָזן, אויף יוצא זיין. ער וואַרפט אַן אין אַלע קעשענעס פּאַפּירן, רע־כענונגען, וואָס ער דאַרף אַריינציען אין די ביכער, נאָר ער ליגט עס אָפּ אַלעמאָל אויף שפּעטער. די ביכער זענען נישט גלייך, נאָר פאַרקרומט, פאַרלאַטעט, מיט אַריינגעקוועטשטע ציפערן, באַמער־קונגען, וואָס ער אַליין קאָן שפּעטער פון זיי נישט אַרויסקריכן. פאַר דער וואָך זאַמלט זיך אָן א מאַסע חשבונות, וואָס דאַרפן פאַרנעמען שעהן לאַנג, ביז מען זאָל זיי דערפירן צו אַן אָרדנונג, נאָר ר' חיים איז פויל, די פּאַפּירן זענען צעפּלאָנטערט, מען דאַרף גוט צולייגן קאָפּ. און קיין זאַך מאַטערט אים נישט אַזוי, ווי צוצולייגן קאָפּ צו א זאַך. ער קאָן נישט טראַכטן. און נאָך אַביסל מאַטערן זיך אין די חשבונות, לייגט ער אַלץ אַוועק און ער הייסט דעם משרת נעמען די לאַמטערנע און גיין מיט אים אין דער וועבעריי, וואָס ליגט טיף אין הויף.

— וואָס ווייניקער חשבון, אַלץ מער מזל־ברכה, — זאָגט ער צום משרת. — נישט אַזוי, שמואל ליבוש?

— אודאי, ר' חיים, — שאָקלט אים דער משרת צו חניפהדיק און ער צינדט אָן א ליכט אין דעם האַנט־לאַמטערן.

אויפן הויף אין דער פאַבריק קלאַפּן איצט כסדר די וועב־שטולן. ער האָט ליב די וועבעריי זיינע. דאָס זענען נישט קיין חשבונות און פאַרדרייטע רעכענונגען, וואָס מאַטערן, צו וועלכע מען דאַרף צולייגן קאָפּ. דאָס איז א גלייכע זאַך, וואָס מער די שטולן קלאַפּן, ווייסט ר' חיים, אַלץ מער ריוח ברענגען זיי אַריין, וואָס מער די וועבער אַרבעטן, אַלץ בעסער איז פאַרן געשעפט.

אין שבת־צו־נאַכטס אַרבעטן די וועבער לענגער, ווי אין די נעכט פון דער וואָכן. זיי דאַרפן צויאָגן די אַרבעט, וואָס זיי האָבן דורכגעלאָזט שבת. ביי חלבנע ליכטלעך, וואָס זענען צוגעטריפט צו די שטולן, זיצן זיי, די פּופּציק וועבער, און וועבן פליסיק ווייבער־שע טיכער, אונטער דעם טריבן טונקעלן שיין פון די שמעלצנדיקע ליכטלעך. די ליכטלעך צו דער אַרבעט דאַרפן די אַרבעטער קויפן

פאר איינן געלט. אזוי האָבן איינגעפירט די באַלעבאטים, די ערשטע קליינע מייסטערס, וואָס האָבן געהאַלטן צו צוויי־דריי געזעלן. און כאָטש ר׳ חיים אַלטערס וועבעריי איז אַ גרויסע, איז נאָך אַלץ דאָ געבליבן דער אַלטער מנהג. ער האָט פיינט נייקייטן, ר׳ חיים. ער האָט ליב צו פירן זיך אַזוי ווי טאַטעס און זיידעס האָבן זיך גע־פירט — אידיש. צוליב דעם טאַקע גייט ער נישט איבער אויף קיין דאַמף־מאַשינען, נאָר האַלט זיך ביי די האַנט־שטולן. מענטשן רעדן אים צו צו מאַשינען, מען זאָגט אים, אַז מען קאָן ווערן דערביי שטיין־רייך. נאָר ער וויל עס נישט.

ער האַלט זיין וועבעריי אידיש. ביי די טירן זענען צוגעשלאָגן מזוזות. אין דער פאַק־קאַמער, צווישן די פעק וואָל און קאַסטנס, האָט ער אפילו אַ קליין שטענדערל געלאָזט אַוועקשטעלן, אַ בלעכער־נע מנורה אויף ליכט צוגעשלאָגן, כדי די אַרבעטער זאָלן קאָנען דאָרט דאַווענען מנחה און מעריב מיט מנין. אַז די אידן קאָנען דאַווענען בציבור, אַז זיי דאַרפן נישט פטרן אומזיסט קיין צייט אויף צו גיין אין בית־מדרש. ווינטער, ווען מען קומט צו דער אַרבעט פאַרטאָג, אַ שטיק פאַרן מאָרגנשטערן, און מען טאָר נאָך דעמאָלט נישט דאַווענען קיין שחרית, דאַווענט מען טאַקע אויך אין דער פאַק־קאַמער.

ער גיט אויך אַכטונג, ר׳ חיים, אַז די אַרבעטער זיינע זאָלן אָפּהיטן אידישקייט. ביי אים טאָר קיין יונגער אַרבעטער נישט זיצן ביי דער אַרבעט אָן אַ היטל אפילו אין די גרעסטע היצן, מען דאַרף טראָגן אַ יאַרמולקע, מעג זיין אַ פאַפירענעם שקאַרמיץ אויפן קאָפּ, אַבי נישט בגילוי־ראש. אויך מוז מען ביי דער אַרבעט גיין אין ציצה־כנפות. ער גיט אויך אַכטונג, אַז די בחורים זאָלן זיך נישט אָפּקראַצן די בערדלעך, נישט אָנטאָן זיך קיין רעקלעך. ר׳ חיים ווייסט, אַז צוליב דריי זאַכן זענען אידן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים, ווייל זיי האָבן נישט געביטן זייערע מנהגים, זייער לשון און זייערע קליידער. ער ווייסט פון די הייליקע ספרים, אַז אַן עבירה איז אָנ־שטעקנדיק, ווי די פעסט, אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן, אַז איין קרעציקע שאָף קאָן אַ גאַנצע סטאַדע פאַראומריייניקן. און ער דערלאָזט נישט אפילו קיין איינעם פון די יונגע געזעלן אָנטאָן זיך דייטש.

— ווען איך זאָל וועלן האָבן גוים, — זאָגט ער צו די ארבע־טער זיינע, — קאָן איך דאָך צונעמען אמתע גוים, ערלים און אַר־בעטן אויף דאָמף. ווער עס וויל ארבעטן ביי מיר, מוז זיין א איד.

— א געזונט אייך אין די ביינער, ר' חיים, — חנפהנען אים די עלטערע וועבער, אידן דארע, צעבראָכענע מיט פארבלאָזע בערד, מיט פארמאַטערטע מידע פּנימער און מיט רויטע אויגן פון ביינאכ־טיקער ארבעט.

ער גיט זיי דערפאַר צושטייער אויסצוהאַלטן דאָס וועבערישע שולעכל „אהבת רעים", וואָס איז אויפן באַלוט, אריינגעקוועטשט צווישן נידעריקע וועבערישע הייזלעך און צווישן פארקאַנעס פון האָלץ און קוילן־לאַגערס. אויך האַלט ער א מלמד פאַר זיי, וואָס לערנט מיט זיי יעדן שבת נאָכמיטאָג — פרק אין זומער און ברכי נפשי אין ווינטער. ער איז א וואויל־געלערנטער, דער מלמד, א גרוי־סער קענער אין יענער־וועלט. ער זיצט אין קליינעם שולעכל ענג אריינגעקוועטשט צווישן די שלעפעריקע מידע וועבער און ער לערנט וועגן נאַרישקייט פון מענטשנס לעבן און וועגן דער ניש־טיקייט פון מענטשנס לייב.

— מאין באת, — זאָגט ער מיט א טרויעריקן ניגון, פון וואַנען קומסטו, מענטש? — מטפה סרוחה — פון א פארשטונקענעם טראָפּן. — לאן אתה הולך, — וואוהין גייסטו? — למקום, — צו אן אָרט, — רמה, — פון ווערים, ותולעה — און ווערים...

ארום באַלוט, וויטער אביסל, ציען זיך פעלדער אָפענע, אויף פרייע לאַנקעס פּאַשען זיך פערדלעך פון אידישע באַלעגאָלעס. די באַלעגאָלעס ליגן זיך צעלייגט אויפן גראָז און דרימלען. באַלד נאָך דער לאַנקע גייט א סאָסנע־וואַלד, א שמעקנדיקער און א שאָטנדי־קער. אָבער די וועבער פון ר' חיימס וועבעריי גייען דאָרט נישט. וואָרום ר' חיים פרעגט זיך נאָך ביים מלמד, ווער עס האָט געפעלט ביים לערנען שבת בייטאָג. ווער עס קומט נישט עטלעכע מאָל, גיט אים ר' חיים דעם וועג. וואָרום א איד דאַרף נישט ארומקריכן אין פעלדער און וועלדער אין הייליקן טאָג שבת. אלערליי שקאָצים, מיידן און ערב־רב קומט דאָרט. מ'רעדט נאַרישקייטן, מען איז מחלל שבת. א איד דאַרף לערנען שבת בייטאָג, ווי ער אליין, ר'

חיים, פירט זיך. א גאנצן שבת נאָכמיטאָג זיצט ער ביי זיך אויף דער וועראַנדע פון דער ווילע אויף דער זומער־וואוינונג און קוקט אריין אין א ספר אָדער ער רעדט מיט אידן חסידים וועגן אידישקייט. ווי זאָגט די הייליקע תורה, ההולך בדרך, אז א איד גייט אין וועג און זאָגט, ווי שיין איז דער בוים, ווי גלוסטיק איז דער אקער, מתחייב בנפשו, איז ער זיך שולדיק אין זיין לייב, זאָגט דער ברטנורא, אז ער איז חייב מיתה. ניין, א איד דאַרף נישט פטרן די צייט אויף נאַרישקייטן. דאָס ברענגט קיין גוטס נישט, מען ווערט פויל פון די אַלע שפּאַצירנס, מען האָט דערנאָך דעם קאָפּ נישט צו דער ארבעט, און שבת־צו־נאַכטס דאַרף מען לאַנג ארבעטן, ביז צוועלף אזייגער, כדי אָנצוּיאָגן דאָס, וואָס מען האָט דורכגעלאָזט אין הייליקן טאָג, ווען יעדער איד דאַרף רוען, דיין שאָף, דיין אייזל, דיין דינסט און דיין קנעכט.

ער איז אויך א פאָטער צו זיינע ארבעטער, ר׳ חיים אַלטער. טאָמער ווערט ביי אַן ארבעטער געבוירן א קינד, א אינגל, און דער פאָטער קומט מיט לעקעך און בראָנפן צו אים אין שטוב, כדי אים איינצולאַדן אויפן ברית און מכבד זיין מיט סנדקאות, זאָגט ער קיינמאָל נישט אָפּ, ווי פארנומען ער זאָל נישט זיין. ווארום כאָטש ער איז א נגיד, דאַנקען גאָט, האַלט ער זיך נישט גרויס קעגן זיינע ארבעטער. אַלע אידן זענען חברים, שטייט געשריבן. אויך איז די מצוה פון סנדקאות זייער גרויס. ער באַשיינקט דעם אָרעמען ברית, ער עסט דעם אָרעמען לעקעך, וואָס מען איז אים מכבד, כאָטש ער מיאוסט זיך פון אים און ער שטייט אים אין האַלז. ער לאָזט אויך איבער דעם בעל־ברית א דרייער־קערבל. אויך אז א וועבער מאַכט חתונה א טאָכטער, גיט ער א שיינעם דרשה־געשאַנק. ער גייט נישט אויף די חתונות, ער איז צופיל פארנומען. אָבער דרשה־געשאַנק גיט ער. אויף פסח גיט ער יעדן ארבעטער א פלעשל ראָזשינקע־וויין, וואָס א איד א חסיד פון זיין שטיבל שטעלט אים ביליק צו. אויף סוכות קויפט ער אַן אתרוג פאַר דעם שולעכל „אהבת רעים“, אמת נישט אזא שיינעם אתרוג, ווי פאַר זיך, סך־הכל א ביליקן אתרוג, וואָס מען מעג קוים איבער אים א ברכה מאַכן, אָבער אָן קיין אתרוג לאָזט ער נישט דאָס שולכל פון זיינע ארבעטער. אויף לויהס,

אפגעהיטן זאָל מען ווערן, טאָמער שטאַרבט אַן אַרבעטער פון זיין וועבעריי, גייט ער תמיד, ער לאָזט איבער אַלע געשעפטן און ער גייט מיט ביזן בית-עולם באַגלייטן. וואָרום באַגלייטן צו דער אייבי-קער רו א אידן איז אַ גרויסע מצוה. ער גיט צושטייער אויף תכריכים און ער שיקט אויך צו מיט שמואל לייבושן אַ נדבה צו דער פאַר־בליבענער משפחה, זי זאָל האָבן פאַרוואָס דורכצולעבן די שבעה.

ער טוט אַלץ פאַר זיינע מענטשן. אין חסידים־שטיבל לויבט מען אים טאַקע דערפאַר. מען גיט אים אָפּ כבוד. אויך עלטערע וועבער ווינטשן אים דאָס אייביקע לעבן. ער האָט דערפאַר ליב זיין וועבעריי און ער הערט איצט מיט הנאה ווי עס רוישט דאָרט, עס קלאַפּט אויף אַלע שטולן.

אין שלאָפראָק און אין דער יאַרמולקע לאָזט ער זיך צו דער וועבעריי, אַ קוק טאָן, ווי די אַרבעט גייט דאָרט. פאַראויס גייט שמואל לייבוש מיט דער לאָמטערן און עפנט די טירן פאַר זיין באַלעבאָס.

— שמואל לייבוש, אַלץ איז אין אָרדענונג? — פרעגט ר׳ חיים אין וועג.

— אַלץ, ר׳ חיים, — ענטפערט שמואל לייבוש, קוקנדיק זיין באַלעבאָס אין די אויגן, — צוויי שטולן האָבן נישט געאַרבעט. איצט אַרבעטן זיי שוין.

— ווער האָט זיי פאַררירכט? — וויל ר׳ חיים וויסן.

— „טוביהלע, ס'איז נישט הפקר אַ וועלט" — זאָגט שמואל לייבוש. — ער האָט אַזוי לאַנג געמייסטערעוועט, ביז ער האָט זיי פאַרריכט, איצט גייען זיי ווי געשמירט.

— גאָלדענע הענט האָט דער יונג, — זאָגט ר׳ חיים. — נאָר אַ שייגעץ אַ גרויסער, רייסט יונג און אַלט די אויגן אויס.

— אַז איר מאַכט אים אַ געשמדטן האַלז, ר׳ חיים, — אַ קליינניקייט, פינף רובל אַ וואָך גיט איר אים. — זאָגט שמואל לייבוש מיט חניפה, עפענענדיק ברייט די טיר פון דער וועבעריי פאַר ר׳ חיימען.

— גוט וואָך, — זאָגט ר׳ חיים ברייט צו די אַרבעטער, — גוט וואָך אידן!

אין דער טונקל־באַלויכטענער וועבעריי ווערט א גערודער. די עלטערן אידן, וואָס האָבן צווישן זיך געשמועסט ביי דער ארבעט וועגן חתונה מאכן טעכטער, וואָס קומט ביי היינטיקע צייטן זייער שווער אָן, רייסן איבער זייער שמועס און נעמען ארבעטן גיך. זיי פאַרריכטן אויף די אָפּגעשטאַנענע בלאָסע אויערן די דרעטלעך פון די ברילן, וואָס מערסטנס פון זיי טראָגן, זיי באַוועגן זיך גיך מיט די אָדערדיקע בלייכע הענט, קלאַפּן מיט די מידע פיס און האַצקען זיך אויף די זיץ־ברעטלעך.

— גוט וואָך, ר׳ חיים, גוט וואָך, — טראָגן זיי אַנטקעגן שבת־צו־נאַכטיקע ברכות זייער באַלעבאָס, נישט איבעררייסנדיק די ארבעט.

ביי מאָגערע יונגעלייטלעך, וואָס האָבן געזונגען אַל תירא עבדי יעקב מיט גרויס חזנישע קונצן, איז געבליבן שטעקן א נישט־דער־זאָגטער פסוק אין די מיילער. מיט געוואַלטיקער פלינקייט האָבן גענומען קלאַפּן זייערע שטולן, די פעדעם זענען געלאָפן בליץ־שנעל. זייערע ביינערדיקע פינגער האָבן קונציק געקניפּט פעדעם.

ר׳ חיים איז געגאַנגען פון שטול צו שטול, אומעטום אריינ־געקוקט, א גלעט געטאָן מיט דער האַנט איבער א טיכל, געמאַכט באַמערקונגען, ווען ס׳איז געווען שלעכט געארבעט, גערדראַט מיט א פינגער, וואו ער האָט געפּאַקט א פלעק פון א פארשוויצטער האַנט.

— נישט פושערן, — האָט ער געוואָרנט, — און נישט עסן ביי דער ארבעט. שמואל לייבוש, זאָלסט אכטונג געבן, הערסט?

— כ׳הער, ר׳ חיים, — האָט שמואל לייבוש געזאָגט הויך, וואַרפנדיק בייזע בליקן אויף די וועבער, — וויפיל מאָל האָב איך אייך געזאָגט, די הענט זאָלן זיין ריין!

קיינער האָט עס, אמת, פון אים קיינמאָל נישט געהערט, נאָר מען האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט. אַלץ האָט געארבעט, די שטולן האָבן געקלאַפּט. ר׳ חיים האָט מיט צופרידנקייט אויפגענו־מען דאָס רעגלמעסיקע קלאַפּן. עס איז געווען ביי אים, ווי ער וואָלט הערן דאָס קלאַפּן פון מינצן געלט. ער האָט אריינגעקוקט אין די פאַק־קאַמערן, אין אַלע ווינקעלעך, אומעטום איז געווען פול מיט וואָל, מיט אויסגעארבעטע טיכער. זיין הארץ איז געוואַקסן.

זאָלן מענטשן זאָגן, וואָס זיי ווילן, — האָט ער געטראַכט, — זאָלן זיי דערציילן מעשיות, אַז האַנט־וועבעריי האָט נישט קיין צו־קונפט, אַז נאָר דאַמף איז אַן עסק, ער האַלט נישט דערפון. ער וועט זיך האַלטן ביי שטולן. זיי ברענגען אים אַריין אַ שיינע הכנסה, די שטולן, געלויבט זיין ליבן נאָמען, הלואי ווייטער נישט ערגער, בעסער האָט קיין שיעור נישט. די וויבערישע טיכער זיינע גייען איבער גאַנץ פוילן, איבער רוסלאַנד, די גויעם כאַפּן זיי. מעגלעך, אַז מען וועט נאָך מוזן פאַרלענגערן די אַרבעטס־שעהן, אַזויפיל באַשטעלונגען קומען, קיין עין־הרע, אָן. זיי אַרבעטן זייער גוט, די וועבער זיינע, בעסער ווי די מאַשינען. זאָלן זיך די דייטשן מיט די אידן אפּיקורסים, וואָס מאַכן זיי נאָך, שטעלן מאַשינען און קוימענס. ער וועט זיך בלייבן ביי זיינע האַנט־שטולן. אַ איד דאַרף נישט איינרייסן אַ וועלט, צו וואָס דער טאַראַראַם מיטן גערודער, מיטן רייסן זיך פון די קוימענס, מיטן פייפן פון די סירענעס? ס'איז אַלץ איבעריק, גויאישע דרכים. זיינע וועבער קומען אַזוי אויך צו דער צייט צו דער אַרבעט, אָן פייפן. אויך דאָס אידישקייט שטערט נישט, אַזאַ יאָר זאָל מען שוין האָבן, ווי מען קאָן זיין אַ איד און אַ שיינער נגיד, תורה מיט סחורה צוזאַמען...

ער איז מיט שטאָלץ וועגן זיך און וועגן זיינע מעשים דורכ־געגאַנגען נאָכאַמאָל לענגאויס אַלע שטולן. ער האָט אָנגעשטעלט אומעטום די שוואַרצע גלאַנציקע אויגן, געזען, ווי די טיכער וואַקסן, מיט יעדער מינוט, מיט יעדער רגע. הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן שמואל לייבוש דער משרת. צום סוף איז ער צוגעגאַנגען צו טוביהלען, צו דעם, וואָס מען רופט אים מיטן צונאָמען „טוביה־לע ס'איז נישט הפקר אַ וועלט".

דער איינציקער פון אַלע אין דער וועבעריי איז טוביה געבליבן שטיין ביי זיין שטול און זיך געטאָן זיין אַרבעט, נישט אומקוקנדיק זיך נאָר צום באַלעבאָס פון דער פאַבריק.

מיט אַ געל שפּראָצנדיק בערדל, אַביסל צוגעשוירן אין די זייטן, מיט אַ פּאַפּירן קעלנערל אויפן דאַרן האַלז, אין וועלכן דער שאַרפער קנאָפּ האַלט אין איין לויפן אַרויף און אַראָפּ, אַ דינער, אַ באַוועג־לעכער, מיט צוויי שאַרפע געלע אויגן אונטער געדיכט־צעשויבערטע

ברעמען, מיט א קליין פּיצעלע טלית־קטנדל, נישט געמאכט פון וואָל און מיט תכלת־פּאסן, נאָר אויסגעשטריקט פון קאָלירטער וולוטש־קע, מיט זייער קליינע און דינע ציצית — איז ער געשטאנען ביי דער שטול און גיך דורכגעוואָרפן רויטע פעדעם ביי די ברעגן פון א שוואַרצער שאַל, פליענדיק מיט די פארקאשערטע דארע הענט אזוי קונציק, ווי א קונצנמאכער ביים ציען סטענגעס, און צוזינגענ־דיק א לידל, נישט קיין חזניש שטיקל פון דאווענען, נאָר עפּעס א אידיש לידל, מיט גראמען. דערשפּירנדיק דעם באַלעבאָס נעבן זיך, האָט ער בלויז אויפגעהערט זינגען, אונטערברומענדיק שטיל, אזוי אז מען זאָל יאָ הערן און נישט הערן.

דאָס איז געווען א מאָדנע לידל, וואָס אזעלכעס האָט מען גאָר נישט געהערט אין די ווערקשטאַטן, עפּעס א לידל נישט פון קיין פּור־רים־שפּיל, נישט פון קיין ליבעס אין דייטש, נאָר א פרעמדס און דערביי זייער אָן אייגנס, א נאָנטס און פארשטענדלעכעס. זייט עט־לעכע וואָכן האָט עס טוביה געבראַכט דאָ אהער אין דער ווערקשטאַט. קיינער האָט נישט געוואוסט, פון וואנען עס האָט געשטאַמט, ווער עס האָט עס פארפאסט. מיטאמאָל האָט עס טוביה גענומען זינגען ביי דער ארבעט. א לידל וועגן א רייכן באַלעבאָס, וואָס טרינקט זיך דאָס ביר, רויכערט די ציגאַרן, און ווען די ארבעטער זיינע ווייגען ביי דער ארבעט, וואָרנט ער זיי:

„הער שוין אויף צו גיסן דיינע טרערן,
דו מאַכסט אויף דער אַרבעט אַ פלעק,
ווען דאָס דערזעט נאָך דער מייסטער,
טרייבט ער דיך פונדאַנען אַוועק....“

ר׳ חיים אַלטער האָט שוין פון זיין משרת געהערט וועגן א פארשייט לידל, וואָס מען זינגט אין דער ווערקשטאַט. ער האָט איצט די ברומענדיקע ווערטער פון טוביהלען נישט דערהערט, אָבער פאַר־שטאַנען האָט ער, אז דאָס איז דאָס לידל, אין וועלכן ער, ר׳ חיים אַליין, מיט זיינע ציגאַרן, זאָל דאָרט ווערן דערמאָנט. ער האָט אונ־טערגעשטעלט א האַנט צום אויער.

— וואָס זינגט מען דאָס, טוביהלע? — האָט ער געפרעגט מיט א געמאַכט שמייכעלע.

— א לידל, — האָט טוביה געזאָגט, נישט אוועקנעמענדיק דעם קאָפּ פון דער ארבעט.

— זמירות? — האָט ר׳ חיים זיך געמאַכט תמעוואַטע. — נו, וואָס־זשע האָסטו אויפגעהערט? לאָמיך אויך הערן א וואָרט, ס׳איז דאָך עפּעס שבת-צו-נאַכטס...

טוביה האָט נישט געענטפערט. ער האָט אויפגעהערט ברומען.

ר׳ חיים האָט א בליק געטאָן אויף זיינע ציצית, אויף די קליי־נע דינע ציצית, צונויפגעקלעפּטע פון וואַשן, כמעט פּסולע, און ער איז אַרויס אן אומצופרידענער פון דער וועבעריי.

— איי, טוביהלע, — האָט ער געזאָגט, נישט פאַרענדיקנדיק די ווערטער, — איי!...

אַלעמענס אויגן האָבן מיטאַמאָל זיך אָנגעשטעלט אויף טוב־יהן. שמואל לייבוש דער משרת האָט געקוקט אויף אים מיט גזלני־שע אויגן. ר׳ חיים איז אריין א פאַרוואָלקנטער צו זיך. אין דער גוטער שבת־צו־נאַכטיקער שטימונג איז דער וועבער מיט דעם קליינעם געשטיקטן טלית־קטנדל און ברומענדיקן לידל געווען א שוואַרצער פלעק. אָבער, ווי שטענדיק, האָט ער נישט געקאָנט לאַנג פאַרטראָגן קיין עגמת נפש. דערצו האָט ער געטראָפן אין שטוב ביי זיך אימיצן, וועמען ער האָט געוואָלט זען, און זיין פּנים האָט זיך צוריק אויסגעלייטערט.

— אַ, שייגעצ, ביסטאַ, גוט־וואָך! — האָט ער פריילעך באַ־גריסט דעם גאַסט ביים טיש און אים אָנגעדרייט פּאַטערלעך אן אויער.

דאָס איז געווען שמחה מאיר ר׳ אברהם הערשס. ער איז גע־זעסן מיט ר׳ חיימס אינגלעך און געשפּילט אין קוויטלעך. ר׳ חיימס אינגלעך זענען געווען גרעסער פון אים, פלייִשיקע, צעוואַקסענע, גאַרנישט אויף זייערע יאָרן. אָבער געלערנט האָבן זיי מיט אים אין איין חדר ביי ר׳ ברוך וואָלפן און זייער געקלעפּט צו שמחה מאירן. נאַרישעוואַטע, טעמפּע, פריילעכע, האָבן זיי זיך געלאָזט פירן פון דעם קליינעם פּיפּיקן שמחה מאיר, פאַרשפּילט ביי אים ס׳גאַנצע געלט אין קוויטלעך. ר׳ חיים אַלטער איז זייער צופרידן געווען דערפון, וואָס דער קליינער שמחה מאיר חברט זיך מיט זיי־

נע אינגלעך. ער האָט געשמט פאַר אַ שאַרף קעפּל, שמחה מאיר, ער האָט אַלץ געוואוסט, אומעטום אַריינגעשטעקט דאָס לאַנגע נעזל, צו אַלץ זיך צוגעהערט און גערעדט אײַנגאַנצן ווי אַ דערוואַקסענער. אפילו אין געשעפטן האָט ער זיך שוין פאַרשטאַנען, האָט ליב געהאַט צו חשבונען אַ סך, די שווערסטע פאַרוויקלטע חשבונות אויסצורעכענען. וויפיל מאָל ר' חיים האָט געהאַט אַ שווערן חשבון און נישט געקאָנט אויסרעכענען, האָט שמחה מאיר עם אים געמאַכט איינס און צוויי. רעדנדיק צו זיך אַליין, נעצנדיק דעם שפּיץ בלייפעדער אין דער צונג, האָט ער גיך אָנגעוואָרפן די ציפערן, אַראָפּגענומען, געטאָפּלט, צוגעגעבן, אַלץ אויפן היימישן שטייגער, מיט אַ סך איבעריקע ציפערן, אָבער געשטימט האָט דער סך־הכל צו דער האָר. ר' חיים אַליין, אַ איד מיט אַ שווערן קאָפּ, האָט געמוסרט זיינע אינגלעך פאַר זייערע שווערע קעפּ.

— עטיץ זעט, פּויערים־קעפּ, — האָט ער זיי אָנגעוויזן אויף דעם קליינעם שמחה מאיר, — אַ פּייערדיקער קאָפּ וואַקסט עס. ער וועט נאָך אַמאָל גאַנץ לאָדזש פירן ביי דער נאָז...

אין זיין טאַטעשן קאָפּ האָט זיך שוין איצט געבאָמבלט אַ געדאַנק וועגן אַ תכלית, וועגן אויסכאַפּן דעם קליינעם פאַר אַ חתן פאַר זיין דינהלען דער בת־יחידה.

אמת, ער איז נאָך אַ אינגל, קיין בר־מצוה נישט, און מען וועט מוזן וואַרטן צו דער חתונה עטלעכע יאָר, ביז ער וועט כאָטש אַלט ווערן אַ יאָר זעכצן. אָבער אַ שידוך טאָן מעג מען שוין מיט אים. מ'דאַרף אים כאַפּן באַצייטנס, אַ נישט וועלן אַנדערע אים אויסכאַפּן. און ער איז דעריבער געווען זייער צופרידן, טרעפנדיק דאָ דעם קליינעם.

— דינהלע, — האָט ער גערופן, — טאָכטער מיינע, זיי מכבד דעם גאַסט מיט טיי און מיט שטרודל.

דינהלע האָט נישט מיט קיין איבעריק גוטן ווילן דערלאַנגט טיי דעם קליינעם חסידישן אינגל אין שבתדיקן אַטלעסענעם קאַפּאָטקעלע און אין סאַמעטענעם פאַררוקטן היטעלע, וואָס איז געזעסן ביים טיש און געקוקט אויף איר מיט פלוטעוואַטע חסידישע בליקן. ער האָט נישט אויפגעהערט באַוועגן מיט קאָפּ, ווי אַ פויגל,

וואָס זוכט קערנער, און די העלע געקרייזלטע פּיאות זיינע האָבן קאָמישע שאָטנס געמאַכט אויף דער וואַנט.

זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט צו אים קיין גרויס סימפּאַטיע. נאָך דעמאָלט, ווען ער פלעגט איר אין הויף אויפבינדן די בלויע שלייף אין די האָר און שיטן איר זאַמד אויפן קאָפּ. דערצו איז זי שוין געווען עטלעכע יאָר אַ שילערין פון אַ גויאישער פּענסיע, וואו מען האָט איר אָנגעפּאַקט דעם קאָפּ מיט געשיכטן פון קעניגן, ריטערס און העלדן, וואו מען האָט זי, די חסידישע טאָכטער, דער־צויגן אין צירלעך־מאַנירלעכע געוואוינהייטן, צערעמאָניעס און זיטן. זי האָט שוין אויך געלערנט זיך טאַנצן אין דער פּענסיע, שפּילן אויף דעם קלאַוויר, און אויף די פאָרשטעלונגען, וואָס מען האָט געגעבן, האָט זי תמיד געשפּילט אַ הויף־דאַמע און געטראָגן אַ קרינאָלינע און אַ ריזיקן פעכער.

אַ ברוין־האָריקע, אַ בלוי־אויגיקע, אַ צעפּיעשטשעטע, אַ גע־וויקסיקע און אַ שיינע, האָט זי זייער אויסגענומען ביי די גויאישע חברטעס אירע. ביי קנאַפּע דרייצן יאָר האָט זי שוין געלייענט אַ סך דייטשע און פראַנצויזישע ראָמאַנען וועגן גראַפן, פירשטן און באַראָנען, דועלן און ראָמאַנטישע ליבעס. זי האָט שוין אַליין גע־טרוימט וועגן אַ ריטער, וואָס וועט קומען אויף אַ שוואַרץ פערד צו רייטן, וועט זי אַרויסגנבענען פון די עלטערנס שטוב און אַוועק־פירן זי צו אַן איינזאַמען שלאָס, וואָס שטייט ערגעץ אויף אַ שפּיץ באַרג.

און איר איז געווען קאָמיש צו קוקן אויף דעם חסידישן אינגל, וואָס זיצט קיין רגע אויף קיין אָרט נישט איין, שטעקט אומעטום אַריין די אויגן, קוקט אַריין אין אַלע פּאַפּירן אויפן טיש, זוכט, נישטערט און עס הויבט אים פון אָרט.

אָבער פּונקט ווי זי האָט געקוקט קרום אויף שמחה מאירן, אַזוי האָט דער פאָטער אירער זיך געשפּיגלט אין אים, שטיקער באַקן אים אויסגעקניפּט פון גרויס ליבשאַפט. אַליין אַ שווערער קאָפּ, האָט ער שטאַרק דרך־ארץ געהאַט פאַר עילוים, און שמחה מאיר האָט געשמט פאַר אַן עילוי.

דינהלע האָט גיך אַוועקגעשטעלט דאָס גלאָז טיי פאַר דעם

אינגל און זיך אָפּגערוקט. זי האָט זיך געאײַלט צו די ביכלעך אירע. נאָר דער פֿאָטער האָט זי פֿאַרהאַלטן.

— דערקענסט אים נישט, דינהלע? — האָט ער זיך געוואונדערט. — דאָס איז דאָך ר׳ אברהם הערשס בחור, שמחה מאיר. ער קאָן גאָר גוט שרײַבן.

ער האָט א בליק געטאָן מיט די שוואַרצע לוסטיקע אויגן, אין וועלכן עס האָט זיך שוין באַצײַטנס געשפּיגלט טאַטעשער נחת, און באַפֿוילן:

— ווײַז, שמחה מאיר, ווי שוין דו שרײַבסט א דײַטש בריוול. זאָל זי נישט מײַנען, אַז נאָר אין די שקאָלעס לערנט מען זיך אויס זײַן א מענטש. בײַ דער גמרא, להבדיל, קאָן מען זיך נאָך א סך בעסער אויסלערנען, אַז מען האָט א גמרא־קעפּל...

שמחה מאיר האָט מיט דער שענסטער האַנטשריפֿט צונויפֿגעשטעלט א סוחריש דײַטשיש בריוול אין שפּיציקע גאָטישע בוכשטאַבן, געשריבן צו אײנעם א הער גאָלדמאַן אין לײַפּציק, ווי זײַן שטוב־לערער, גאָלדלוסט דער בוכהאַלטער, האָט אים אויסגעלערנט.

— האָכוואָלגעבאָרען הער סאָלאָמאָן גאָלדמאַן, — האָט ער געשריבן און געפֿלײַסט זיך עס צו מאַכן וואָס בעסער.

דינהלע איז, קוים נישט אויסצושיסן, אַרײַנגעלאָפֿן צו דער מוטער אין שטוב און געוואָרפֿן זיך אויף איר אין אַזא ווילדן געלעכטער, אַז די מוטער האָט אַזש מיט אַלע לעקעלעך פֿון איר בלאָנד אָנקאַרבירט שײַטל גענומען טרײסלען. ר׳ חיים האָט באַוואונדערט דאָס כתב פֿון אינגל, פֿאַטשנדיק אין התפּעלות מיט די פּליישיקע ליפּן, און ער האָט אָפּגעמאַכט באַצײַטנס צו שיקן צום אינגלס פֿאָטער דעם אָפּגעקומענעם נגיד שמואל זײַנוול אַלעקסאַנדערער, ער זאָל רעדן וועגן א שידוך, ווי לאַנג ס׳איז נאָך צײַט.

— שמואל לײַבוש, — האָט ער גערופֿן דעם משרת, וואָס האָט זיך אַלץ געפּלאָנטערט אין די חשבונות און נישט אַרויסגעקראָכן, — מאָרגן, אם ירצה השם, זאָלסטו אַריבערגײן צו שמואל זײַנוול אַלעקסאַנדערער, און זאָלסט אים זאָגן, אַז ער זאָל אַרויפֿקומען צו מיר, כ׳דאַרף אים נויטיק האָבן, הערסט?

— גלייך אינדערפרי וועל איך צו אים אריבערגיין, ר׳ חיים, — האָט דער משרת געזאָגט.

— זאָג כאָטש, אם ירצה השם, גראָבער יונג, — האָט אים ר׳ חיים געשטראָפט, — וואָרום, וואָס ווייסט אַ זינדיקער מענטש, וואָס מאָרגן וועט זיין?

— מערטשישעם, — האָט שמואל לייבוש געזאָגט אַ פּאָר־שעמטער צוליב זיין גראָביונגערישקייט.

קאַפּיטל אַכט

פאַר שמחה מאירס און יעקב בונמס בר־מצוה, וואָס איז אויסגעפאַלן אין פסח, איז ר׳ אברהם הערש אריבערגעפאָרן קיין אַלעקסאַנדער צום רבין. ער האָט מיטגענומען מיט זיךביידע אינגלעך.

דער וואָרקער רבי האָט שוין נישט געלעבט און ר׳ אברהם הערש איז געפאָרן צום אַלעקסאַנדערער, וואָס איז געזעסן טאַקע אין אַלעקסאַנדער, נישט ווייט פון לאָדזש. ווי תמיד, האָט דאָס ווייב זיינס געוויינט און געקלאָגט, אַז ער לאָזט זי איבער אויף פסח אַליין, ווי אַן אַלמנה, שונאי־ציון, און ווי תמיד האָט ר׳ אברהם הערש זי נישט געהערט. ערשטנס, האָט ער זיך געפירט, פּונקט ווי פריער ביים וואָרקער, צו זיין אַלע יום־טוב ביים רבין. צווייטנס, האָט ער געוואָלט ברענגען די אינגלעך צום רבין פאַר דער בר־מצוה, דער רבי זאָל מיט זיי רעדן וועגן אידישקייט און ווינטשן צו זיין ערלעכע אידן. ער האָט זייער גוט געדענקט נאָך די רייד פון וואָרקער, זכרונו לברכה, אַז זיינע קינדער וועלן זיין נגידים. וועגן דעם, אַז זיינע קינדער וועלן זיין פרומע אידן, יראי־שמים, האָט דער רבי נישט דערמאָנט. ר׳ אברהם הערש האָט שטענדיק וועגן דעם געטראַכט, געזען דערין אַ שלעכטן סימן. ביי זיין גאַנצער נגידישקייט, פּאַרנומענקייט אין געשעפטן, האָט ער געוואוסט, ר׳ אברהם הערש, אַז דאָס זענען אַלץ נישט מער, ווי נאַרישע פּוסטע זאַכן קעגן דער תורה, קעגן גאָט אין הימל, וואָס איז אייביק. אַ גרויסע איז זי, די תורה, אַ פּראַקטיקע, אויך גאָט

איז א פּאַרכטיקער, א נוקם ונוטר אין די אַלע, וואָס היטן נישט אָפּ זיינע מצוות. ער האָט מורא געהאַט פאַר גאָט, מורא געהאַט פאַר זיין גרויס גיהנם, און ער האָט נישט איינמאָל געבעטן גאָט, אז אויב, חלילה, עס איז אָנגעשריבן געוואָרן פון הימל, אז זיינע קינדער זאָלן זיין נגידים און נישט אָפּהיטן אידישקייט, זאָלן זיי בעסער זיין קבצנים, מלמדים, און פרומע אידן. זאָלן זיי אפילו, נישט אויסגערעדט אין קיין בייזער שעה, אוועקגיין פון דער וועלט, אבי זיי זאָלן נישט פארלירן יענע וועלט, די אייביקע, די גרויסע, אבי זיי זאָלן אים נישט מבייש זיין, חלילה, אויף דער וועלט און יענער וועלט. איצט, איידער די אינגלעך זענען געוואָרן בר־מצוה, האָט ער וועגן דעם געוואָלט רעדן מיטן רבין זיינעם פון אַלעק־סאַנדער.

דריטנס, האָט ער געוואָלט פרעגן דעם רבין אַן עצה, וואָס צו טאָן מיט שמחה מאירן אין לערנען.

וועגן יעקב בונמען האָט ער זיך נישט געזאָרגט. ער איז נישט געווען קיין גרויסער למדן, דער יעקב בונם. קוים וואָס דער מלמד זיינער האָט אין אים אריינגעפּאַקט דעם בלאַט גמרא. דער פאָטער האָט שוין פון אים קיין גרויסע זאַכן נישט דערוואַרט. ער האָט געוואוסט פריער, אז כאָטש ער וועט אים האַלטן ביז צו דער חתונה ביי מלמדים, וועט ער קיין רב נישט זיין, ער וועט זיין א בן־תורה בלויז. און ער האָט נאָר געזען, אָפּצוהיטן אים אין אידיש־קייט. גאַנץ אַנדערש איז געווען מיט שמחה מאירן. פאַר אים איז שוין ר' ברוך וואָלף לענטשיצער געווען צו קליין. מען האָט אים געדאַרפט אוועקגעבן אין גוטע הענט. ר' אברהם הערש האָט שטאַרק חשק געהאַט אים אוועקצושיקן אין א ישיבה אריין, כדי ער זאָל זיין מיט אָרעמע בחורים צוזאַמען, ער זאָל אפילו עסן טעג ביי באַלעבאַטים, צוגלייך מיט אַלע אָרעמע אינגלעך, ער זאָל פאַר־שוואַרצט ווערן און דאַדורך ווערן א איד. ר' אברהם הערש ווייסט, אז א אינגל דאַרף נישט זיצן אין דער היים, נאָר אין דער פרעמד, ווי זיין פאָטער האָט אים אינגלווייז געהאַלטן, אז נאָר דורך האַרט־קייט און וואָגלעניש קאָן א גוט אינגל קומען צו תורה און יראת־שמים.

דאָס ווייב זיינס האָט שוין גענומען באַצייטנס וויינען, אַז זי וועט איר מאירל, איר בלוט און פלייש, נישט לאָזן פאַרשעמט ווערן ביי פרעמדע טישן. דאָס האָט אים נישט געאַרט. מאַלע וואָס אַ אידענע וויינט! אָבער אויך אידן חסידים האָבן אים אָפּגערעדט דערפון, געדרונגען, אַז אַ אינגל דאַרף זיין נעבן טאַטן. און ער האָט געוואָלט הערן, וואָס דער רבי וועט אים זאָגן. ווי דער רבי וועט הייסן, אַזוי וועט זיין.

פערטנס, האָט געהאַלטן ביי אַ שידוך.

ר׳ חיים אַלטער האָט געשיקט שמואל זיינוולען דעם אָפּגע־קומענעם נגיד זאָגן, אַז ער וויל זיך משדך זיין מיטן עלטערן, שמחה מאירן. ר׳ אברהם הערש האָט זיך נישט געאיילט, ער איז נישט געווען פון די איילִיקע, און האָט געהייסן ענטפערן, אַז ער זאָגט נישט יאָ, אַז ער זאָגט נישט ניין, אַז מ׳וועט זען, און אַז דאָס אינגל איז נאָך אפילו נישט קיין בר-מצוה. אָבער שמואל זיינוול האָט נישט געלאָזט רוען, דערגאַנגען די יאָרן. אַ איד אַ למדן, אַן אָמאָליקער נגיד און אַ גרויסער עזות-פנים, וואָס זאָגט אַלעמען „דו" און האָט נישט קיין ברעקל דרך־ארץ פאַר גבירים, איז שמואל זיינוול נישט נתפעל געוואָרן פון ר׳ אברהם הערשס אויסדרייען זיך און ער האָט נישט אויפגעהערט קומען צו אים. ער איז נישט געווען פון די, וואָס לאָזן זיך אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, דער שמואל זיינוול. ער האָט געקענט אַ וועלט און אַ וועלט האָט אים געקענט, ער האָט געוואוסט אין לאָדזש וואָס ביי יעדן קאָכט זיך אין טעפּל, געקאָנט צונויפפּאָרן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, אויסשייגעצן דעם גרעסטן שיינעם איד און גביר און זאָגן דעם אמת יעדן אין די אויגן.

— איך וויל, אברהם הערש, זאָלסט טאָן דעם שידוך מיט חיים אַלטער, — האָט ער באַפוילן מער ווי צוגערעדט, — איך ביז נישט דיין משה משרת, איך זאָל דיר נאָכקריכן. שרייב תנאים און לאָז מיך נעמען שדכנות, וואָרום איך דאַרף אַליין חתונה מאַכן אַ טאָכטער, כ׳קאָן נישט וואַרטן...

ר׳ אברהם הערש האָט זיך נישט געקאָנט פון אים אויסבאַ־האַלטן, נישט אין שטוב, נישט אין חסידים־שטיבל, נישט אפילו

אין געשעפט. מיט כעס האט שמואל זיינוול אויפגעריסן דאס טירל פון קאנטארל, וואו ר' אברהם הערש איז געזעסן ביי די ביי־כער, מיט כוח האט ער אפגעשטופט די משרתים, וואס האבן אים נישט צוגעלאזט.

— האסט געהערט אן עזות פון שקאצים, — האט ער זיך געבייזערט אין קאנטארל, — זיי לאזן דאך גארנישט צו צו דיר, אברהם הערש, אזוי ווי צו א גוברנאטאר...

ר' אברהם הערש האט שוין געזען, אז ער וועט פון דעם שמואל זיינוול נישט פטור ווערן. אגב איז עם טאקע קיין שלעכטער שידוך אויך נישט געווען. ר' חיים איז א איד א נגיד, דאס מיידל זיינס איז א בת־יחידה, און א נדן וויל ער געבן א בכבודן, אויך שיינע מתנות און קעסט. ער גייט אוים נאכן אינגל און ער וועט זיך לאזן קוועטשן. אמת, אז אויף זיין ווייב מורמלט מען, מען זאגט, אז זי טראגט נישט קיין קאפקע אויפן קאפ, נאר א שייטל, אויך פירט זי זיך פריציש. אבער א שטוב פירט זיך דארט א אידישע, חסידים זענען דארט שטענדיק פול, און ער האט גע־וואלט הערן דעם רבינס ווארט. אן רבינס עצה האט ער קיין זאך נישט געטאן.

און ער האט געהייסן דעם באלעגאלע, דעם דייטש, וואס פירט אים סחורות פון דער פאבריק אין לאגער, ער זאל שפאנען די פאבריק־פערד אין דער בריטשקע און אים פירן אויף פסח קיין אלעקסאנדער.

ער האט איינגעפאקט די שבתדיקע מלבושים זיינע, די אינג־לעכס נייע אטלאסענע קאפאטקעלעך און די סאמעטענע היטלען, וואס ער האט זיי געלאזט מאכן לכבוד דער בר־מצוה. ער האט אין דריי נייע רויטע קעשענע־פאטשיילעס איינגעפאקט מצה שמורה, שווארץ־מעליקע, הארטע און קרומע מצות, פאר יעדן זיין פעקל אויף גאנץ פסח. ער האט מיטגעפירט אין שטרויענע קוישלעך גע־פאקט עטלעכע גוטע פלעשער וויין אויף ארבע כוסות פארן רבין, און ביז אלעקסאנדער האט ער אזויפיל ארעמע חסידים ארויפגע־נומען אויף דער בריטשקע, אז דער דייטש, דער קוטשער, האט שיער נישט די אפאפלעקסיע געקריגן פון כעס.

— אך, דו ליבער יעזו, — האָט ער געגווידערט, — דאָס יודן פּאָק ווירד מיר די פּפערדע קאַפּוט מאַכן. הערונטער!

נאָר די חסידים האָבן זיך אַריינגעקוועטשט וואָס מער און שוין אויף דער פור גענומען פאַרזוכן פון ר' אברהם הערשס פּסח־דיקן בראָנפן און געזונגען א זמרל.

— ווייסעך וואָס א גוי א בהמה רעדט, — האָבן זיי געזאָגט מיט ביטול.

איבער גאַנץ פּסח האָט ר' אברהם הערש נישט אָפּגעלאָזט די אינגלעך פון זיך אויף קיין מינוט, איבערהויפּט שמחה מאירן. ער האָט זיי אַריינגענומען צווישן די חסידים, וואָס זאָגן נאָך דעם רבינס תורה און דערציילן מופתים פון אמאָליקע און היינטיקע צדיקים. ער האָט זיי אַריינגעשלעפּט אין די רעדלעך טאַנצנדיקע אידן, גאָרנישט ווי אינגלעך, נאָר ווי מען נעמט אריין דערוואַקסענע. ער האָט אויף שמחהס שמאָלע פּלייצעס ארויפגעלייגט זיין ברייטע האַנט, געצויגן אים צום טאַנץ, אריינגעקוועטשט צווישן אידן, אריינגעדרונגען אין אים מיט אידישקייט, געצוואונגען אים מיטצו־טאַנצן און מיטצוזינגען מיט די חסידים ביז מיד ווערן, ביז שוויים.

— זעסט, ווי אידן דינען דעם אויבערשטן, — האָט ער אים געמונטערט, — זיי א איד, שמחה.

ביים געזעגענען האָט דער רבי געקניפּט אין באַק יעקב בונמען, אָבער מיט שמחה מאירן דעם עלוי האָט ער גערעדט אין לערנען. ער האָט אים געוואָלט כאַפּן ביי א קשיה, נאָר שמחה מאיר האָט זיך נישט געלאָזט און באַצייטנס אָפּגעשלאָגן. דער רבי האָט אים געלויבט פאַרן פאָטער.

— האָסט א וואוילן בחור, אברהם הערש, — האָט ער גע־זאָגט, גלעטנדיק דעם אינגל איבער דער באַק, — ער האָט א גוט קעפּל. נעם אים שטענדיק מיט צו מיר אויף יום־טוב. און דער שידוך געפעלט מיר. א גאַנץ וואוילער שידוך. און אין קיין ישיבה דאַרפסטו אים נישט שיקן. גיב אים אוועק אין לאָדזש צו ר' נאָס־קע מורא הוראה. ער פאָרט אפילו נישט צו קיין רבין, דער נאָסקע,

אָבער ער איז א איד א למדן א גרויסער, און א צדיק, נאָר פון די גרויסע.

ר' אברהם הערש האָט געגעבן דעם רבין א פּדיון צוויי מאָל חי, זעקס און דרייסיק זילבערנע רובל, און א היים געפאָרן א צופרידענער מיטביידע אינגלעך און מיט די אָרעמע חסידים, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אַרום אים. שוין אויף דער בריטשקע האָט ער מכבד געווען די חסידים מיט לעקעך און בראָנפן און די אידן האָבן געוואונטשן שמחה מאירן מזל טוב.

— מזל־טוב, חתן, דער שידוך זאָל עולה־יפה זיין, לחיים.

זיי האָבן געשטרעקט הענט צום פאָטער זיינעם און אויך צו יעקב בונמען.

— לחיים דעם חתנס ברודער, אם ירצה השם ביי דיר, בחור.

יעקב בונם איז געזעסן א טרויעריקער. דאָס ערשטע מאָל, ווי די פריילעכקייט איז פון אים פארשוואונדען. די אויגן זיינע, די גרויסע, שווארצע און פריילעכע, זענען געווען איבערגעצויגן מיט א טרויער פון ערשטע ליידן.

שוין איבער גאַנץ פּסח האָט ער געליטן. די חסידים האָבן זיך אויף אים ווייניק אומגעקוקט. אַלע האָבן זיי נאָר גערעדט מיט שמחה מאירן, אויסגעטענהט זיך מיט אים, ווי מיט א גרויסן. אויך דער רבי אַליין האָט מיט אים ווייניק גערעדט. ער האָט אים בלויז געגעבן א קניפּ אין באַק, ווי א חדר־אינגעלע. גערעדט האָט ער בלויז מיט שמחה מאירן און אים געלויבט פאַרן פאָטער. דאָס האָט אים געוויייטאָקט. ער האָט זיך געפילט זייער נידערגעשלאָגן, קליין און פארשעמט. דאָ איז נישט געווען דער הויף מיט די קינדער, וואו מען האָט געקאָנט אויסנעמען מיט כוחות, פלינקקייט. דאָ איז שמחה מאיר געווען אויפן פערדל. און ער האָט עס אים טאַקע געגעבן צו פילן אויך, דער שמחה מאיר. ער האָט געקוקט אויף אים פון אויבן אראָפּ, גאָרנישט געוואָלט רעדן מיט אים און כסדר זיך געשטופּט צווישן די גרויסע.

ער איז געווען זייער נידערגעשלאָגן און קליין ביי זיך, דער גרויסגעוויקסיקער יעקב בונם, קעגן זיין צווילינג־ברודער שמחה מאיר, וואָס דערגרייכט אים בלויז צום אַקסל.

אָבער פאַרקלעמט אים דאָס האַרץ האָבן אים די אידנס באַ־צייטנדיקע מזל־טובס, וואָס זיי האָבן געוואונטשן שמחה מאירן.

ער האָט שוין פריער געהערט מורמלען וועגן דעם שידוך אין שטוב, אָבער ער האָט נישט געגלויבט, אַז עס האַלט שוין טאַקע דערביי. ער האָט נישט געוואָלט גלויבן. איצט האָט ער געזען, אַז עס איז געשען. דער רבי האָט געהייסן דעם שידוך טאָן. אַ גאַנץ וואוילער שידוך, — האָט ער געזאָגט. די חסידים טרינקען שוין אפילו בראָנפן און ווינטשן שמחה מאירן מזל־טוב. און אים האָט אַזוי פאַרקלעמט ביים האַרץ, אַז ער האָט געוואָלט שטאַרבן.

— וואָס האָסטו אַראָפּגעלאָזט די נאָז, בחור? — האָבן חסידים אים אויסגעלאַכט. — וועסט אויך אַ חתן ווערן איינגיכן, מיט גאָטס הילף. גיב דעם חתן די האַנט און זאָג אים מזל־טוב.

ער האָט אויסגעשטרעקט אַ פאַרשעמטער די האַנט צו שמחה מאירן און אים אַ מורמל געטאָן „מזל־טוב“, ווי די אידן האָבן אים געהייסן.ביידע ברידער האָבן אויף זיך געגעבן אַ בליק. איין קורצן בליק, וואָס איז געווען פון איין זייט פול מיט באַרימעריי און נצחון און פון דער אַנדערער זייט — פול מיט יאוש און האַס. זיי האָבן זיך ביידע פאַרשטאַנען.

ניין, עס זענען נישט געווען די מתנות, דער גאָלדענער זייגער און דער נייער לעמבערגער ש״ס, וואָס שמחה מאיר האָט געדאַרפט קריגן נאָך די תנאים. עס איז געווען חיים אַלטערס טאָכטער דינה־לע, וואָס שמחה מאיר דאַרף קריגן פאַר אַ כלה. יעקב בונם האָט געפילט, ווי זיין האַרץ צעגייט אים. ער האָט זיך געביסן די אונ־טערשטע ליפּ ביז בלוט, ס׳זאָל אים ווייטאָן וואָס מער.

נאָך פון קינדוואייז אָן, ווען זיי פלעגן זיך צוזאַמען שפּילן ביי זיי אין הויף, האָט ער די דינהלע ליבער געהאַט פון אַלע איבעריקע קינדער. מער פון די אַנדערע האָט ער זי געטראָגן אויף די אַקסלען. געפירט אין דער טאַטשקע. זי האָט אים מיט די פולבנע הענטלעך אַזוי אַרומגעקלאַמערט אַרום זיין האַלז, ווי אַ געפרוירן פייגעלע קלאַמערט זיך מיט די דינע פינגערלעך אַרום אַ וואַרעמען מענטש־לעכן פינגער, ווען מען נעמט עס אַריין אין שטוב. אויך שפּעטער, ווען זי איז שוין עלטער געוואָרן, פלעגט זי קומען צו זיי אין

שטוב. ער איז שוין געווען א גמרא-אינגל, נאָר ער האָט זיך בגנבה געשפּילט מיט איר, גענומען זי אויפן רוקן רייטן. ער האָט שמחה מאירן אוועקגעגעבן אַלע בעסטע זאַכן, דאָס מעסערל, ס׳בייטעלע, געלט אפילו, אבי ער זאָל נישט דערציילן דעם טאַטן. שעהן לאַנג איז ער ארומגעקראָכן אויף אַלע פיר, אבי צו האַלטן זי אויף זיך, צו פילן אירע פולכּנע וואַרעמע הענטלעך אַרום האַלז. יעדעס מאָל, וואָס לאה שרה די דינסט פלעגט אריינקומען און זאָגן:

— א שיינע חתן-כלה, ווי גאָלד...

פלעגט אים ווערן אַזוי זיס, אז ווען ער וואָלט זיך נישט גע-שעמט, וואָלט ער דער אידענע אויסגעקושט ביידע באַקן.

שפּעטער האָבן זיי זיך נישט געזען. ער איז אריבער צו א נייעם גמרא־מלמד לערנען. אויך דינהלע איז אריין אין פּענסיאָן, א גויאישער פּענסיאָן, זי האָט געקריגן נייע חברטעס, גרויסאַרטיקע, גויאישע, און איר איז נישט אָנגעשטאַנען מער צו קומען צו ר׳ אברהם הערשס מיידלעך, וואָס דער טאַטע זייערער האָט זיי אין קיין שקאָלעס נישט געוואָלט שיקן. אָבער ער האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט בענקען נאָך איר. און ער פלעגט זיך אפילו דרייען שעהן לאַנג אַרום זייער הויז, כדי, ווען זי וועט פאַרבייגיין מיט די ביכלעך אין איר ברוין פּענסיאָן־קליידעל און אין דער בלויער פּעלערינקע, זאָל ער זי בלויז אָנקוקן און אראָפּנעמען פאַר איר דאָס זיידענע היטעלע, ווי פאַר א פּריצה.

א געזונטער, א פעסט־געבויטער, א פול־בלוטיקער, איז יעקב בונם ביי זיינע דרייצן יאָר שוין געווען א רייפער בחור. ער האָט נישט, ווי די איבעריקע אינגלעך אין חדר, פאַרטרונקען זיינע ערשטע געפילן מיט שושקנדיקע סודות פון מאַן און ווייב און מיט זוכן פעטע ערטער אין די גמראָס. א פּשוטער און א רייפער, האָט אים געצויגן צו געטום און צו ליבע. ער האָט געגאַרט נאָך צערטלעכ־קייט און וואַרעמקייט, נאָך ווייכע מיידלשע הענט. און ער האָט נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דער דינהלע. וועגן דעם מיידל מיט די ברוינע האָר, געלאָקטע און געקרייזלטע, ווי רינגעלעך גאָלד. נאָך אירע פולכּנע ווייכע פינגער, וואָס זאָלן קלאַמערן זיך אַרום זיין האַלז. ער האָט זי געזען ביי דער גמרא, ביים דאַווענען, און

איבערהויפט אין די נעכט פון זיין בחוריש געלעגער. ווען שמואל זיינוול דער שדכן איז געקומען צו זיי אין הויז, און דער פאטער האט אים, יעקב בונמען, ארויסגעשיקט פון שטוב, האט אים גלייך גענומען קלאפן דאס הארץ. שרה לאה די דינסט האט צו אים פריילעך געוואונקען. אבער באלד האט ער זיך דערוואוסט, אז מען מיינט דאס שמחה מאירן דעם עילוי, און פלוצלונג, ווי פון א מע־סער אפגעשניטן, איז פון אים אפגעפאלן זיין שטענדיקע פרייד און געלעכטער. ער האט אנגעוואוירן דעם אפעטיט, זיינע שטענ־דיק־פריילעכע אויגן, וואס האבן געשפראצט מיט שמחה, זענען איבערגעצויגן געווארן מיט צער.

קיינער האט עס אין שטוב נישט געזען. נישט ער האט געקאנט רעדן מיט טאטע־מאמע, נישט זיי האבן זיך אומגעקוקט אויף אים. דער פאטער האט אים געהאלטן פאר א קנאפן למדן און בלויז אכטונג געגעבן אויף זיין אידישקייט. די מוטער האט נאר אין זינען געהאט שמחה מאירן, ווארום ער איז געווען דער שוואכע־רער, א סך קינדערישע קראנקהייטן דורכגעגאנגען. יעקב בונם איז תמיד געווען געזונט, קיינמאל זיך נישט פארקילט, שטענדיק גע־האט אפעטיט, און די מוטער האט אים נישט נאכגעקוקט. זי האט גלייך ליב געקריגן דעם שוואכערן, ווי נאר מען האט איר דעם צווילינג דערלאנגט אין בעט אריין ביי דער קימפעט. די איינציקע, וואס האט דערזען דעם איינגלס ליידן, איז געווען שרה לאה די דינסט. זי האט אים אלע מאל מער ליב געהאט פון שמחה מאירן. זי האט שטענדיק געזען א שידוך צווישן איר ליבלינג און דינהלען.

— זארג זיך נישט, יעקב בונם, — האט זי אים אונטערגע־רוקט א גלאז מילך.

— ווער זארגט זיך? וואס ווילט איר? — האט זיך יעקב בונם אנגעבייזערט אויף דער אידענע, וואס זעט זיין ווייטאק, און ער האט פארקלאפט מיט דער טיר.

ער איז געווארן בייז, פארביטערט, פול מיט קנאה צו שמחה מאירן. ער האט פיינט געקריגן די עלטערן, דעם טאטן, וואס האלט נאר פון שמחה מאירן; די מאמע, וואס האט יענעם פריער מיט א מינוט געבוירן; די אידן די חסידים, וואס שפיגלען זיך אין דעם

עלוי, און מער פון אלץ זיך אליין, דעם אייגענעם גרויסן, געזונטן קערפער, דעם שיינעם קאפ זיינעם, וואס טויג נישט צו קיין תורה. מיט די פויסטן האט ער זיך אין קאפ געשלאגן.

— גראבער קאפ, — האט ער זיך אליין גערופן, — פויער!

ער האט זיך געהאסט. נאך מער האט ער געהאסט דעם ברו־דער, געהאסט שטארק, פארביסן, גארנישט ווי זיין טבע איז געווען מוחל צו זיין.

אויך דינהלע האט געוויינט, ווען דער טאטע אירער האט זי פלוצלונג גענומען צו זיך אויף דער שויס, ווי ווען זי איז נאך א קליין מיידעלע געווען, געגלעט איר די באקן, געקרויזלט איר די לאקן און איינגערוימט איר שטיל:

— ווייסט, טאכטער, ס'קומט דאך דיר א מזל־טוב. וועדסט א כלה מיט מזל מיט ר' אברהם הערשס אשכנזים בחור. פרייסט דיך גארנישט, דינהלע?

דינהלע איז אראפ פון איר טאטערס שויס א פארשעמטע און מיט אזא געוויין אריינגעלאפן האסטיק צו דער מוטער אין שטוב, אז די מוטער איז אזש בלאס געווארן.

— קינד, וואס איז?

— כ'וויל נישט — האט דאס מיידל געוויינט.

די מוטער האט גענומען די טאכטער אין די פולע ארעמס, וואס פלאצן שיער נישט פון די שטייף־אנגעצויגענע זיידענע ארבל פון דער בלוזקע, און בארעקט זי מיט קושן.

— נארעלע, קינד־לעבן, — האט זי איר אויסגערעדט, — מיר ווילן דאך דיין גליק. מענטשן וועלן דיך מקנא זיין מיט אזא חתן.

אכט טאג צייט איז אין ר' חיים אלטערס שטוב געווען טומל־דיק. דינהלע האט געוויינט, נישט געוואלט הערן פון קיין כלה ווערן.

זי האט זיך זייער געשעמט. וואס מען גיט איר פאר א חתן א חסידל אין א לאנגער קאפאטע, געשעמט זיך פאר די גויאישע חברטעס, מיט וועלכע זי האט זיך שוין געהאט אפגערעדט אויס־צואוויילן זיך א שווארץ־אויגיקן ריטער, אן אדלמאן. ביי איר גאנ־

צער ליבע צו דער שטוב, צו טאטע־מאמע, האט זי נישט געקאנט ליידן די אידן אין די לאנגע קאפאטעס, וואס קומען אריין צו זיי אין שטוב, געפילט זיך ווייט פון זיי און זיך אפילו פון זיי געמיאוסט. זי האט נישט פארטראגן די אייגענע ברידער, די צעבאלעוועטע טעמפע יונגען, וואס קריגן זיך מיט איר, רייסן זי ביי די צעפ און פאראכטן זי דערפאר, וואס זי איז א מיידל. איר קאפ איז געווען איינגאנצן אין אנדערע וועלטן, אין די דייטשע און פראנצויזישע ראמאנען און אין זייערע העלדן און העלדינס. זי האט נישט געקאנט הערן, ווי דער פאטער רופט זי ביים אידישן נאמען, דינהלע. זי האט זיך גערופן דיאנא.

ווען זי האט גענומען וויינען, אז זי וויל נישט קיין כלה ווערן, האט דער פאטער זי באטראכט מיט זיינע גרויסע שווארצע שמאל־ציקע אויגן.

— נאריש מיידל, — האט ער געזאגט, — דו ווייסט דען, וועמען מען גיט דיר ? — אן עילוי !

ער האט פון דעם מיידלס געדאנקען נישט געוואוסט. ער האט געוואוסט, אז א מיידל דארף נישט קענען קיין תורה, נישט זאגן קיין קדיש, דעריבער מעג זי זיך מאכן נאריש, לערנען אין די שקאלעס, לייענען ביכלעך, טאנצן און שפילן, אבער דאס איז אזוי לאנג, ווי זי איז א קינד, ווי קינדער שפילן זיך אין ליאלקעס. ווי נאר זי ווערט עלטער, א כלה־מיידל, דארף מען זי פארקנסן, געבן איר א מאן א וואויל־לערנער, א שיינעם נדן מיט מתנות, און זי דארף זיין א ווייב, געבוירן קינדער דעם מאן און אייניקלעך די עלטערן. אזוי פירט זיך ביי אלע אידן נגידים, דאנקען גאט.

— וועסט זען די מתנות, וואס דו וועסט קריגן, — האט ער זי געטרייסט.

דאס מיידל איז געפאלן דער מוטער אויפן האלז. די מוטער, האט זי געמיינט, וועט זי בעסער פארשטיין. די מוטער איז שוין געווען א היינטיק־וועלטיקע, געלייענט אויך ביכלעך, געטראגן שיינע קליידער, ווי א פריצטע. אבער אויך די מוטער האט געלאכט פון מיידלס טרערן.

— איך האב אויך אזוי געוויינט, דיאנא, — האט זי איר

גערופן מיטן גויאישן נאָמען, — איך בין געווען א גרויסאַרטיק מיידל, גערעדט פראַנצויזיש, פונדעסטוועגן האָב איך קיין חרטה נישט. זאָלסט נאָר האָבן אזא ליכטיק מזל ביי דיינעם, ווי איך האָב ביים טאַטעשי.

— אָבער אז איך האָב אים נישט ליב, — האָט די קליינע גערעדט מיט הארץ.

די מוטער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, אז אַלע לעקעלעך פון איר העל אָנגעקאַרבירט שייטל האָבן זיך געטרייסלט.

— נאָך דער חתונה וועסטו אים ליב האָבן, — האָט זי זי באַרואיקט.

זעענדיק, אז איר גורל איז געחתמעט, האָט דינהלע כאָטש געוואָלט אויסבעטן זיך איין זאַך.

— מאַמעשי, — האָט זי געזאָגט א פאַרפלאָמטע, — נו, גוט, כ׳וועל א כלה ווערן, נאָר נישט מיט אים... כ׳האָב אים פיינט...

זי האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און קוים ארויסגעמורמלט:

— דער ברודער זיינער... רעד מיטן טאַטעשי...

און זי האָט גענומען קושן די מוטער, קושן זי און וויינען צוזאמען.

די מוטער האָט איר אויסגעווישט די אויגן מיטן קליינעם אויסגעהאָפּטענעם טיכעלע און געגאַנגען איבעררעדן זיך מיטן מאַן.

— ס׳מיידל פילט א הארץ צום אנדערן אינגל, חיימשי, — האָט זי געזאָגט, — זי וויינט.

ר׳ חיים האָט זיך פאַרשטאָפּטביידע אויערן מיט די פינגער, ער זאָל גאָרנישט הערן אזעלכע רייד:

— וואָס רעדסטו, פּריוועשי? — האָט ער געזאָגט א צע־קאָכטער, — שמחה מאיר איז אַן עילוי, מענטשן זענען מיך מקנא, און דער אַנדערער איז א גאָרנישט, א גראָבער קאָפּ...

אז פּריווע האָט נאָך געפּרואווט רעדן, האָט זיך שוין שמואל זיינוול דער שדכן אויך אריינגעמישט:

— ס׳איז נישט דער שטייגער חתונה צו מאַכן א אינגערן פאַר אַן עלטערן, — האָט ער געזאָגט מיט די רייד, וואָס לבן האָט געזאָגט צו יעקבן, ווען ער האָט געוואָלט נעמען רחלען פאַר לאהן.

— אינגער מיט פינף מינוט... — האָט פּריווע געשפּאַסט.

— אַלץ איינס, — האָט ר׳ שמואל זיינוול געזאָגט,—איך וועל צו ר׳ אברהם הערשן נישט גיין רעדן דערפון... ער וועט מיך פון שטוב אַרויסוואַרפן.

פּריווע האָט מער נישט גערעדט דערפון. דערצו זענען זיך אָנגעקומען אַלע מומעס, עלטער־מומעס, געשוועסטער־קינדער, קרובות פון טאַטנס און פון דער מאַמעס צד. זיי האָבן נישט אויפ־געהערט רעדן, לויבן דעם עילוי, בעטן, קושן דינהלען, ווינטשן, מוסרן, באַשווערן זי, איינרעדן, ביז די קליינע, — אַ ווייכע, אַ סענטימענטאַלע, — איז מיד געוואָרן און זיך אונטערגעגעבן. זי האָט מיט פּאַרוויינטע אויגן אויפגעניייט אַ סאַמעטן תפילין־זעקל פאַרן חתן אירן, מיט גאָלדענע פעדים אויסגעהאַפטן דערין אַ מגן־דוד, דעם חתנס ביידע נעמען און דאָס אידישע יאָר פון דער וועלט־באַשאַפונג. דער פאָטער האָט איר אַ סך שיינע מתנות אָנגעקויפט. די מוטער האָט איר צו די תנאים שיינע לאַנגע קליי־דער געמאַכט.

די תנאים זענען געפּראַוועט געוואָרן מיט גרויס פּאַמפּע ביי ר׳ חיים אין הויז. אַלע לאָדזשער נגידים, שיינע אידן און חסידים פון ביידע צדדים זענען געווען אויף דער שמחה. ר׳ חיים האָט אפילו מיט שמואל לייבושן אריינגעשיקט לעקעך און בראָנפן צו די וועבער און אָפּגעלאָזט זיי פון דער אַרבעט באַלד נאָך מנחה. גלייך צו די תנאים האָט דער חתן געקריגן פון מחותן אַ גרויסן שווערן גאָלדענעם זייגער מיט אַ טאָפּלטער געפלאָכטענער קייט און אַ טייער שטריימל. נדן האָט דער מחותן איינגעלייגט פינף טויזנט רובל אין באַנק און צוויי טויזנט רובל האָט ער זיך מתחייב געווען סילוקן פאַר דער חתונה. ר׳ אברהם הערש האָט ווייניקער נישט גע־וואָלט און ר׳ חיים האָט געמוזט נאָכגעבן. די איבעריקע דריי טויזנט רובל האָט איינגעלייגט ר׳ אברהם הערש. ער האָט אפילו נישט גע־דאַרפט געבן קיין גאַנצע דריי טויזנט, ווייל פון חתנס צד קומט בלויז אַ דריטל ווי פון כלהס צד, אָבער ר׳ אברהם הערש האָט ליב געהאַט אַ גלייכן חשבון, און ער האָט צוגעלייגט די גאַנצע דריי, עס זאָל צוציען ביז די קיילעכדיקע צען טויזנט.

די כלה האָט זיך אונטערגעשריבן אויף די תנאים אין אַלע שפּראַכן וויפיל נאָר זי האָט געקענט, — אין אידיש, פּויליש, רו־סיש, דייטש און אפילו אין פראַנצויזיש, כדי פאַר יעדער חתימה באַזונדער צו קריגן אַ נייע מתנה. מען האָט זי באַהאַנגען מיט בריליאַנטענע פינגערלעך, אוירינגלעך, בראָשן און מיט אַ שווע־רער קאָליע. די חתונה איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף עטלעכע יאָר.

גלייך נאָך די תנאים האָבן די חסידים אַראָפּגעוואָרפן די בלומען, וואָס פריווע האָט אוועקגעשטעלט אויף די טישן, זיי האָבן אוועקגעשאַרט די טייערע גלאָזוואַרג און טעלערס און גענומען טרינקען און טאַנצן אויפן טיש. פריווע האָט זיך געבייזערט, נאָר ר׳ חיים האָט די חסידים אונטערגעוואָרפן חשק:

— טאַנצט, אידן, אויף טיש און אויף בענק...

בלויז יעקב בונם איז געזעסן ביים עק טיש אַ טרויעריקער, ווי אַן אבל, אין דער גרויסער שמחה. ער האָט נישט געהערט, ווי די אידן שטעקן אים פאַרשוויצטע הענט „לחיים" און ווינטשן אים אינגיכן, אם ירצה השם, ביי זיינע תנאים. ער האָט נישט געזען די מאכלים, וואָס די קעלנערס אין די זיידענע יאַרמולקע־לעך האָבן אים צוגעטראָגן. ער האָט נישט געענטפערט דעם מחותנס אינגלעך, די צעיאַכמערטע און צעהאָצקעטע, וואָס האָבן געשפּרונגען אויף זייער שוועסטערס תנאים. זיי האָבן אים איינ־גערוימט חסידישע נבול־פּה, וואָס געהערן זיך אָן מיט חתן־כלה, און זיי האָבן געקוואָלן פון נחת.

— ס׳גוט געזאָגט, אה? — האָבן זיי געפרעגט מיט הנאה ביי יעקב בונמען.

ער האָט זיי נישט געהערט.

ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ צו דער אַנדערער שטוב, וואָס איז געשטאַנען אָפן און וואו די כלה איז געזעסן אַרומגערינגלט מיט ווייבער. ער האָט זי געוואָלט זען, קוקן איר אין די אויגן אַריין. אָבער זי האָט די אויגן נישט אויפגעהויבן. בלויז איין מאָל האָבן זיך זייערע בליקן באַגעגנט, בליקן פול מיט טרויער. ביידע האָבן גלייך אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

די חסידים האָבן גענומען דעם חתן אין רעדל אַריין טאַנצן.

קאַפּיטל נײַן

גלייך נאָך די תנאים, באַלד צומאָרגנס, האָט ר׳ אברהם הערש אָפּגעגעבן דעם חתן שמחה מאיר לערנען ביי ר׳ נאָסקע מורה הוראה, ווי דער רבי זיינער האָט געהייסן. דער מחותן ר׳ חיים האָט אויך אָפּגענומען זיינע איינגלעך פון ר׳ ברוך וואָלפן, כאָטש ער איז נאָך פאַר זיי געווען צו גרויס, און אָנגעדונגען זיי צו ר׳ נאָסקע, זיי זאָלן לערנען מיט שמחה מאירן צוזאַמען.

אויפן באַלוט, צווישן וועבער, שניידער, קונצנמאַכער, באַ־לעגאָלעס און הייזער־גייער, אין אַ קליין נידעריק הייזל, האָט גע־וואוינט דער למדן ר׳ נאָסקע, צו וועמען נגידים האָבן אָפּגעגעבן זייערע בחורים לערנען. ער איז אייגנטלעך געווען אַ מורא הוראה, ר׳ נאָסקע, נישט קיין מלמד, נאָר ער האָט זיך צום רבנות נישט געטויגט און ער האָט געמוזט צוקנעלן, ער זאָל האָבן אויף זיין אויסקומעניש. ער איז נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר לאָדזש.

אין דער וואַקסנדיקער שטאָט, אין גרויסן יאַריד און טומל, וואו אידן האָבן געוואַנדלט, געהאַנדלט, געמעקלט און געדרייט, האָבן רבנים זייער גוט געמאַכט. אידן האָבן כסדר געפירט צווישן זיך דין־תורות, געגאַנגען אויף אויסגלייכענישן, איינגעלייגט געל־טער, געמאַכט שותפותן. מען איז מער געגאַנגען צו די דין־תורות, ווי אין די געריכטן, און רבנים האָבן אַ סך געלט פאַרדינט. אָבער ר׳ נאָסקע האָט זיך צו לאָדזשער רבנות נישט געטויגט. לאָדזשער רבנים האָבן געדאַרפט קענען מער אין וועקסעלעך, ווי אין דער תורה, געדאַרפט זיין קלאָר אין אַלע קאָמבינאַציעס, סוחרישע דריידלעך, אָפּמאַכן, האַסעס און בעסעס פון וואָל און ביינוואָל. ר׳ נאָסקע האָט די אַלע זאַכן נישט געקענט, נישט געוואָלט קענען. ער האָט בלויז געקענט די תורה.

אַ למדן אַ גרויסער, אַ מתנגד, כאָטש אַ פּוילישער, האָט ער בלויז געלעבט מיט גאָט און זיין תורה, נישט געוואָלט אַראָפּגיין פון די דינים אויף קיין האָר, נישט פאַרשטאַנען זיך אויף קיין

פשרות און זייטיקע געגג. אין זיין שווארצן ביינערדיקן קאָפּ איז קיין אָרט נישט געווען פאַר עפּעס אַנדערש, אַחוץ פאַר דער תורה, פאַר די טויזנטער ספרים און פּירושים, וואָס ער האָט זיי געהאַט אין זכרון, געחזרט זיי אויפסניי, פאַרטיפט זיך אין זיי און גע־גרונטעוועט. ער האָט געוואוסט, אַז מענטשן קאָנען זיין גערעכט אָדער שולדיק, אַז קיין מיטן איז נישטאָ, אַז מען קאָן נישט זיין אביסל גערעכט אָדער אביסל אומשולדיק. ווייל אביסל אומגערעכט איז אַזוי גוט ווי אינגאַנצן. די אַלע טענות, דריידלעך און געוואַלטן פון די צדדים ביי די דין־תורהס, זענען צו זיינע אויערן נישט דערגאַנגען.

— ראובן איז שולדיק און שמעון איז אומשולדיק, — האָט ער געפּסקנט פּעסט, נישט קוקנדיק סיי אויף די צדדים, סיי אויף דעם פּסק־געלט, וואָס מען האָט אים אויפן טיש אוועקגעלייגט.

די פאַרשפּילטע האָבן געשריגן, געטומלט, געטענהט וועגן יושר, נאָר ר׳ נאָסקע האָט נישט געהערט.

— אַזוי זאָגט די תורה, — האָט ער געזאָגט פּעסט, — און מען טאָר נישט אַראָפּגיין אַ האָר נישט אויף רעכטס, נישט אויף לינקס פון דער תורה.

דערביי האָט ער גלייך זיך גענומען צו די ספרים זיינע, די גרויסע און די זאַק־געבונדענע.

די סוחרים האָבן באַלד דערזען, אַז דער איד מיטן ברוינעם טרוקענעם פּנים און גלאַטע שווארצע פּיאות איז נישט קיין לאָדזשער מענטש, אַז מען קאָן פון אים קיין גרויס נחת נישט האָבן, און זיי האָבן אויפגעהערט קומען צו אים, אויסגעמיטן אים, געגאַנגען צו די אַנדערע רבנים, וואָס ווייסן מער אין וועקס־לען און אין באַנקראָטן ווי אין דער תורה. פּונקט אַזוי האָבן אים גענומען ווייבער די ווייבער מיט שאלות.

ער איז געווען אַ מחמיר אַ גרויסער, ער האָט שטענדיק גע־ציטערט פאַר גאָט, געזען פאַר זיינע גרויסע שווארצע ברענענדיקע אויגן דאָס גיהנום, ווי עס פלאַקערט פאַר די, וואָס גייען אַראָפּ פון גאָטס וועג. נאָך שטאַרקער פלאַקערט עס פאַר די, וואָס דאַרפן פירן אידן אין גאָטס וועג. ביי יעדער שאלה האָט ער געציטערט,

מורא געהאט, צי ער מאכט נישט, חלילה, כשר טריפות. אמת, די תורה זאגט, אז ווען עס לויפט אונטער מילך אונטער פלייש, איז אויב עס איז דא ששים, זעכציק מאל אזויפיל פליישיקס אין א טאפ, וויפיל מילך עס איז אונטערגעלאפן, איז כשר. אבער ער האט קיינמאל נישט געקאנט זיך פארלאזן אויף די ווייבער, וואס האבן געדארפט אפשאצן די אויסגעלאפענע מילך. ער האט געוואוסט, אז ווייבער זענען גרינג אין זייער מיין; אויך איז זיי א שאד געלט. און ער האט געציטערט כשר צו מאכן. ער האט אי־בערגעפרעגט די ווייבער, געווארנט זיי, נישט קוקנדיק אין זייערע פנימער, און ערשט צום סוף האט ער מורא געהאט זיך צו פאר־לאזן אויף זיי, און טריף געמאכט.

— ארויסגיסן דאס עסן אין אן ארט, וואו א הונט זאל אפילו נישט קאנען צוקומען,—האט ער געזאגט א ציטערדיקער,—טריף.

די ווייבער זענען אוועק טרויעריקע. נאך טרויעריקער פון זיי איז געווען ר' נאסקע אליין. ווארום אויך פאר אויסברענגען אידיש געלט, האט ער געוואוסט, ברענט מען און מען בראט אין גיהנום. און ער האט זיך נישט געקאנט קיין עצה געבן. די ווייבער האבן גענומען גיין צו אנדערע דיינים, וואס קלערן נישט אזויפיל אריין און מאכן כשר.

רבנים אין לאדזש האבן געמאכט געלט ביי שטר־מכירהס. מיט יעדן טאג מער זענען לאדזשער אידישע פאבריקאנטן איבער־געגאנגען פון האנט־שטולן צו דאמף און צוגענומען גויאישע ארבעטער, וואס נעמען ביליקער און ארבעטן אין שבת. די פרומע פאבריקאנטן האבן זייער לייטיש באצאלט די רבנים פאר זייערע גרייזיק-געשריבענע לשון-קודשדיקע שטר-מכירהס. ר' נאסקע האט קיין שטר־מכירהס נישט געשריבן. ער האט נישט געהאלטן פון קיין דריידלעך, פון ארומגיין די תורה. ער האט נישט געוואלט אראפגיין א האר פון דין.

זיין ווייב, די רביצין, א טאכטער פון א איד א נגיד, וואס דער פאטער אירער האט זיך געלאזט קאסטן א מטמון מיט געלט, אבי צו געבן איר א מאן א למדן, האט דעם מאן אירן געמוסרט, אויסגעלאכט. א רירעוודיקע, א געשיקטע, א מאנסבילשער קאפ,

האָט זי, זיצנדיק ביי זיך אין שטוב, צוגעהערט זיך צו אַלע דין־תורהס, פאַרשטאַנען אַלע חשבונות, סוחרישע טענות און סכסוכים, און זי האָט אפילו אויסגעאַרבעט ביי זיך גרייטע פּשרות, פון וועלכע ביידע צדדים זאָלן זיין צופרידן. זי האָט זיך אויף אַזעלכע זאַכן פאַרשטאַנען. אָבער זי האָט גאָרנישט געקאָנט טאָן. אַ אידענע, האָט זי געוואוסט, דאַרף זיצן אין קיך. האנדל און תורה געהער צום מאַן. און דער מאַן האָט נאָר געקענט צוויי זאַכן — גאָט און זיין תורה. דעם נדן האָט מען שוין לאַנג געהאָט אויפגעגעסן, אין שטוב איז געוועזן אַ דלות, נויט, וואָס איז פאַר דער אמאָליקער נגידישער טאָכטער געווען שווער אריבערצוטראָגן. דער ווירט פון הויז אויף דער אַלטער שטאָט האָט נישט געוואָלט וואַרטן מיט דירה־געלט. דירהס האָבן געברענט אין לאָדזש, געשטיגן מיט יעדן טאָג. און ר׳ נאָסקע האָט געמוזט אַרויס פון דער גרויסער וואוינונג אין שטאָט און באַזעצן זיך אין אַ קליין הייזל אויפן באַלוט צווישן באַלעמלאַכעס און אָרעמעלייט.

זיין ווייב, די אמאָליקע נגידישע טאָכטער, האָט געוויינט, געקלאָגט. זי האָט זיך נישט געקאָנט איינלעבן מיט דעם געדאַנק, אַז זי זאָל וואוינען אויפן באַלוט. זי האָט זיך נישט געקאָנט צוגע־וואוינען צום דלות, צו די שכנים. ר׳ נאָסקע האָט דאָ געפונען מנוחה. קיינער האָט אים נישט געשטערט אין דער אָרעמער גאַס צו דינען גאָט און לערנען זיין תורה. די מענער האָבן געאַרבעט. די ווייבער האָבן זעלטן פליייש געקאָכט און קיין שאלות נישט געמאַכט, אויך האָבן זיי קיין עופות נישט געשאָכטן. בלויז פון צייט צו צייט זענען אָרעמע ווייבער אריינגעקומען פרעגן אַ שאלה אויף אַ בלוטס-טראָפּן אין אַן איי. פון מאָל צו מאָל איז אַ איד געקומען פרעגן אַ דין וועגן אַ יאָרצייט. טאָמער איז שוין יאָ אַמאָל אַריינגעקומען אַ מייסטער אונטערצושרייבן אַ לשון־קודשדיקן קאָנטראַקט מיט אַ לערן־אינגל, וואָס ער נעמט צו אויף דער לערן אויף דריי יאָר, האָט ער ר׳ נאָסקען באַצאָלט גראָשנס. ר׳ נאָסקע האָט אפילו אויף דעם געלט נישט געקוקט.

— לייגט, זייט מוחל, אַנידער אויפן טיש, — האָט ער גע־זאָגט, נישט אויפהויבנדיק די אויגן.

גלייך נאָכדעם האָט ער געשיקט רופן דאָס ווייב זיינס, זי זאָל די מטבעות צונעמען. ער האָט גאָר מורא געהאַט צו געלט זיך צוצורירן.

די רביצין, אַ פאַרביטערטע, אַ קראַנקע, כמעט שטענדיק מיט אַ נאַס טיכל ארומגעבונדן דעם ווייטאָקדיקן קאָפּ, האָט מיט עקל אַראָפּגעשאַרט פון טיש די עטלעכע גראָבע קבצנישע צענערס און געוואָרפן זיי אים פאַר די פיס.

— בטלן, — האָט זי אים געזידלט, — שוטה, דערמיט וועל איך שפּייזן די קינדער?

ער האָט נישט געענטפערט. ער האָט געוואוסט, אַז תורה קאָן מען נאָר לערנען אין אָרעמקייט, ברויט מיט זאַלץ דאַרף מען עסן, ווען מען וויל האַלטן די תורה, אויף דער ערד שלאָפן און אין אָרעמקייט פאַרברענגען. ער האָט געוואוסט, אַז די גאַנצע וועלט, וואָס מען לעבט אָפּ, איז נישט מער ווי אַ ווייַלע, אַ פּאָרהויז צו דעם אַנדערן לעבן, דעם גרויסן און אייביקן. און וואָס איז דען אַן אונטערשייד, ווי אַרומעט אַ פּאָרהויז זעט אויס? ער האָט צו זיין ווייב קיין טענות נישט געהאַט. וואָרום ער האָט געוואוסט, אַז צוליב דעם, וואָס זיי לערנען נישט קיין תורה, די ווייבער, זענען זיי אריינגעטאָן אין דער וועלט און זיי זעען נישט דעם עיקר. און ער האָט אָנגענומען באהבה אַלץ, וואָס זי האָט אים געזידעלט, אויסגעלאַכט, חוזק געמאַכט פון אים. קיין איין וואָרט האָט ער נישט געענטפערט. דאָס האָט איר נאָך צאָרנדיקער געמאַכט.

— ענטפער כאָטש, שוטה! — האָט זי געשריגן אין היסטע־ריע, — כ'בין דאָך דיר מבזה!

ער האָט געשוויגן, געוואָלט, זי זאָל אים מבזה זיין, כדי עס זאָל זיין אַן אָפּקומעניש פאַר זיינע זינד אויף דער וועלט, אין וועלכער ער האָט זיך געזען איינגעריכט פון קאָפּ ביז די פיס און פאַרוואָס עס וואַרט אויף אים דער גיהנם, אַ גרויסער און פלאַ־קערנדיקער... אַז דאָס ווייב האָט שוין מער קיין כוחות נישט געהאַט צו זידלען אים, איז ער אריין צו זיך אין שטוב, וואָס איז געווען פול מיט ספרים. ער האָט פאַרקייטלט די טיר אויף אַ דין קייטעלע, פאַרטיפט זיך אין די גרויסע זאַק־געבונדענע

ספרים און געשריבן פירושים צו דער תורה אויף אלע גליונות פון די צעריסענע ספרים. אלע בלעטער זענען אין די זייטן געווען פארשריבן מיט זיינע קליינע גערדיכטע אותיות, פול מיט רמזים און ראשי־תיבות, וואס מען האט געדארפט האבן אן אייזערנעם קאפ זיי צו פארשטיין.

אין שטוב איז געווען א דלות. די קינדער האבן געוויינט צו־ליב א קליידל, א פאר שיך, די קרעמער האבן אפגעריסן די טיר פאר חובות, געשריגן, אז זיי ווילן מער נישט בארגן. ר׳ נאסקע האט נישט געהערט, נישט געזען. ער איז געזעסן פארקייטלט אין זיין שטיבל, געווען בלויז מיט גאט און זיין גרויסער תורה. ער פלעגט קיינמאל נישט ארויסגיין פון זיין שטוב, א חוץ אין קליי־נעם בית־המדרשל צום דאווענען און אין מקוה זיך טובלען. פון דעם רבנות זיינעם האט ער גארנישט געהאט. דאס איינציקע, וואס זיין ווייב האט ביי אים געפועלט, איז געווען, ער זאל לערנען מיט נגידישע בחורים תורה. אידן, וואס ווילן מאכן זייערע זין פאר לומדים, האבן גערן געשיקט צו אים תלמידים. ער האט געשמט פאר א למדן א גרויסן, וואס די גרעסטע רבנים קומען נישט צו זיין קנעכל. און אויך ר׳ אברהם הערש אשכנזי האט געשיקט זיין שמחה מאירן אויפן באלוט צו ר׳ נאסקען. צוזאמען מיט אים זענען אויך געגאנגען זיינע צוקונפטיגע שוואגערס, דער כלהס ברידער.

באלד אין ערשטן טאג האט שמחה מאיר קיין חשק נישט גע־האט ביי דעם נאסקען צו לערנען און גענומען אים נארן, פירן פאר דער נאז.

ער האט תחילת געפרואווט פארדרייען, פארשרייען מיט זיינע פשטלעך, ווי ער פלעגט עס טאן ביי די פריערדיקע מלמדים. נאר ר׳ נאסקע האט נישט געוואלט הערן. כאטש א פוילישער, האט ער נישט געהאלטן פון דעם פויליש ארט לערנען, פונקט ווי ער האט נישט געהאלטן פון חסידות און פון די רבים. ער האט נישט גערעדט קיין ווארט. ער האט בכלל נישט גערעדט, ווייל רייד זענען א זינד, דאס מויל איז באשאפן געווארן בלויז צו דינען גאט און לערנען. אבער געהאלטן פון חסידות האט ער נישט.

ער האָט געזען דערין ליידיקגייעריי, אָפּנויגונג פון דער תורה. ווי נאָר שמחה מאיר האָט גענומען וויזן לומדות, דרייען פּשטלעך און שרייען, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט אים ר' נאָסקע אָפּגעשטעלט.

— גלייך, גלייך, — האָט ער איבערגעריסן, — די תורה דאַרף מען דערגרונטעווען גלייך, נישט פאַרדרייען.

שמחה מאיר האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט.

— צוריקגעשמועסט קאָן מען דאָך זאָגן... — האָט ער גענומען דרייען צוריק.

— די תורה איז אמת, — האָט אים ר' נאָסקע ווידער איבער־געריסן, — און אמת קאָן מען נישט נעמען הין און צוריק. אמת איז איינס.

שמחה מאיר האָט גלייך געוואָרפן אַן אומחן אויף דעמדאָזיקן נייעם מלמד זיינעם. דעם אידס רייד זענען אים געווען נאַריש, פּרעמד, גאָרנישט צו באַגרייפן. זינט ער איז געווען אין לאָדזש, האָט ער נאָך אַזעלכע ווילדע רייד פון קיינעם נישט געהערט.

— א צעדרייטער, — האָט ער גלייך איינגערוימט זיינע צו־קונפטיקע שוואָגערס, וואָס זענען געזעסן נעבען אים, בייז דערויף, וואָס מען לאָזט אים נישט באַווייזן זיין למדנות.

איבערשפּאָרן דעם ר' נאָסקען, האָט ער דערזען, וועט ער שוין נישט, יענער לאָזט זיך נישט פאַרדרייען, אָבער נישט אַריינ־קוקן אין דער גמרא קאָן מען ביי אים. ער האָט מיט זיין פלינקן בליק גלייך געכאַפּט, אַז דער איד איז נישט קיין מלמד, קאָן זיך נישט אויס אויף די מלמדישע קונצן. ר' נאָסקע האָט נישט גע־קוקט, ווער עס קוקט יאָ אַריין אין דער גמרא, ווער נישט. ער איז אַזוי פאַרטיפט געווען אין לערנען, אַז ער האָט קיין זאַך פאַר די אויגן נישט געזען. מיט אַמאָל פלעגט ער גאָר איבעררייסן דאָס לערנען און זאָגן מוסר, גאָר נישט ווי ביי פּוילישע אידן, נאָר ווי ביי ליטוואַקעס אין די ישיבות. שמחה מאיר האָט גלייך דערויף אַרויסגעצויגן א פּעשל קאָרטן פון דער הויזן־קעשענע און אויפן וואונק איינגעטיילט די איבעריקע תלמידים ביים טיש. די תלמידים, מערסטנס נגידישע בחורים, זאַטע, צעבאַלעוועטע און עלטערע פון

שמחה מאירן, האָבן אין אים דערפילט אַן אייגענעם מענטש און אים גענומען מיטפירן מיט זיך אין באַהאַלטענע לאָדזשער ווינ־קעלעך, וואו מען קאָן שטילערהייט לעבן אַ טאָג. חיים אַלטערס יונגען האָבן גאָר אָפּגעלעבט.

לאָדזש האָט געהוליעט. די שטאָט איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה. מען האָט געהאַלטן אין איין בויען, מויערן. אויסלענדער זענען געקומען אָפּט, אַלערליי רייזנדע, האַנדלס־פאָר־שטייער. פון דייטשלאַנד זענען בסדר געקומען אינזשעניערן, מייסטערס. פון ענגלאַנד זענען בעמיקער אָנגעקומען, מוסטער־צייכענער. פון רוסלאַנד האָבן גרויסע סוחרים, קאַצאַפּעס אין בלויע קאַפּאָטעס און אין ברייטע הויזן איבער קורצע לאַקירענע שטיוול, געצויגן אהער און געהאַנדלט און געהוליעט. אידישע וואַ־יאַזשאָרן, קאָמיסיאָנערן, אַגענטן, פריילעכע יונגען, וויצלער, הור־ליאַקעס האָבן זיך וואָס מער באַזעצט אין שטאָט. לאָדזשער יונגע־לייט האָבן גענומען אָנטאָן זיך גויאישע קליידער, אָפּגאָלן די בערד. רעסטאָראַנען, קאַבאַרעטן, שפּיל־הייזער האָבן זיך געעפנט אַלע מאָל נייע און זענען פול געווען מיט געסט. אונגאַרישע טענצע־רינס האָבן אָנגעשמעקט די נייע גאָלד־שטאָט און געקומען דאָ פאַרברענגען. וואַנדערנדיקע טרופּעס, צירקן, האָבן געצויגן פון וואַרשע, פּעטערבורג, בערלין און בודאַפּעסט. רוסישע באַאַמטע, אָפיצירן האָבן גענומען כּאַבאַר, פאַרקויפט אויף עבירות, געשי־קערט, געהוליעט און געוואָרפן מיט געלט. לאָדזש האָט געטרונקען, געזונגען, געטאַנצט, אַפּלאָדירט אין די טעאַטערס, געזינדיקט אין די פריילעכע הייזער און געשפּילט אין קאָרטן. חסידיש־נגידישע אידן זענען אָנגעשטעקט געוואָרן פון דער הפקרות. באַלעבאַטישע אידן האָבן גענומען גיין אָפּט אין די כשרע רעסטאָראַנען, וואו קעלנערס מיט זיידענע יאַרמולקעס דערלאַנגען פעטע געגזענע פולקעס און פליישיקע קעלנערקעס טראָגן צו מיט אַ שמייכל גע־טריקנטע אַרבעס און שוימיק ביר. חסידישע יונגעלייטלעך, ליידיק־גייערישע קעסט־איידעמלעך, האָבן בגנבה געשפּילט אין די חסי־דים־שטיבלעך אין קאָרטן, קיין וואָרט תורה נישט גענומען אין מויל.

די געשעפטן אין שטאָט זענען געווען גוטע, די באַשטעלונגען זענען געוואַקסן, די ברייטע רוסישע סוחרים האָבן זיך נישט גע־דונגען, געגעבן גוט צו פאַרדינען. אין די פאַבריקן און אין די ווערקשטאַטן האָבן די אַרבעטער געאַרבעט אָן איבעררייס. פון די כחות זיך אַרויסגעשלאָגן.

און אויך די נגידישע אינגלעך און חתן־בחורים אין די גלאַנ־ציקע אַלפּאַגענע געהאַקטע קאַפּאָטקעלעך, אין די געמזענע שטי־וועלעך און מיט די גראָבע גאָלדענע חתנישע זייגערס אין די קע־שענעס, האָבן געלעבט א גוטן טאָג. אין באַהאַלטענע אידישע היי־זער האָבן זיי געשפּילט אין קאָרטן, געגעסן געטריקנטע פלעצלעך, געבראָטענע גענזלעך אין דער וואָכן, געמאַכט שנעפּסלעך און גע־כאַפּט אפילו א נאָנטע באַקאַנטשאַפט מיט די דינסט־מיידלעך, וואָס האָבן דערלאַנגט צום טיש.

דעם גרעסטן ערפאָלג ביי דידאָזיקע נגידישע בחורימלעך האָט געהאַט שילם „סראָקער“. ער איז געווען א בעקער, דער שילם, געבאַקן זים געבעקס און שטענדיק איז ער אַרומגעגאַנגען איבער דער גאַס מיט א פאַרמעלטער באָרד, מיט א פּאַפּירענעם שקאָרמיץ אויפן קאָפּ און אין די בלויזע אונטערהויזן מיט א טלית־קטן פון אויבן. אָבער מיט דער בעקעריי האָט ער זיך ווייניק פאַרנומען. דאָס האָט געטאָן זיין ווייב די בעקערין צוזאַמען מיט די געזעלן, די יונגען. שילם אַליין האָט געהאַט בעסערע גע־שעפטן, ער איז געווען א קאָרטן־שפּילער, א לאָדזשער „סראָקער“.

אין זיין אייגן הילצערן איינשטאָקיק הייזל, אויפן ערשטן שטאָק איבער דער לעקעך־בעקעריי, זענען שטענדיק ביי אים געזעסן ביים טיש א סך חסידישע בחורים און געטראַסקעט אין קאָרטן. געשפּילט האָט מען גרויס און זעלטן אז מען האָט גע־וואונען. דער באַלעבאָס אַליין האָט אָפּגעוואונען דאָס גאַנצע געלט. אָבער וואָס מער מען האָט ביי אים פאַרשפּילט, אַלץ מער האָט מען צו אים געקלעפּט. וואָרום ער איז געווען א גוטער איד, דער שילם, א פריילעכער, א וויצלער, און ער האָט שטענדיק געטרויט געלט די נגידישע בחורימלעך. ער האָט זיי בלויז געלערנט, ווי אַזוי זיך צוצוכאַפּן צום טאַטנס שופלעדל און מאַכן א „קראַץ“. ער

האָט אויך געליהען געלט אויף וועקסעלעך, וואָס זענען אויסגע־שטעלט געוואָרן אויף לאַנגע טערמינען, אויף דער צייט, ווען די בחורימלעך וועלן ווערן יונגעמאַנטשיקלעך, באַלעבאַטימלעך און קענען אָפּצאָלן די וועקסעלעך פון זייערע נדנס מיט אַ סך פּראָ־צענט. גערנער פון אַלץ האָט ער גענומען אַ פאַלש וועקסעלע, וואָס אַ זון שרייבט אונטער דעם טאַטנס נאָמען. אַזאַ וועקסעלע קאָן ברענגען דעם פעלשער אין קרימינאַל, הינטער די קראַטעס. און טאַטעס צאָלן אַזעלכע וועקסעלעך מיט אַ סך, אַ סך פּראָצענט. ער האָט געגעבן געלט וויפיל מען האָט געוואָלט און ווען מען האָט געוואָלט.

אין דער גרויסער שטוב זיינער, וואו אויף די ווענט זענען גע־האַנגען אַ סך אויסגעשטריקטע בילדער, ווי אַזוי אברהם אבינו ברענגט זיין זון יצחק אויף דער עקידה, ווי פרעהס טאָכטער ציט ארויס משהן פון טייך און ווי די שבטים פאַרקויפן זייער ברודער יוסף צו די ישמעאלים קיין מצרים, איז תמיד געווען געפּאַקט. אויבן־אָן איז געזעסן שילם בעקער אין פּאַפּירענעם שקאַרמיץ אויפן קאָפּ און אין די בלויזע אונטערהויזן און ער האָט פלינק טאַשירט די קאָרטן. ער האָט כסדר געוואָרפן מיט פּאַפּירענע באַנקנאָטן, קערבלעך, דרייערלעך און פינפערלעך, וואָס זענען פאַרמעליקט געוואָרן אין זיינע הענט. די טעכטער זיינע, פליישיקע מוידן, האָבן דערלאַנגט צום טיש צוצובייסן, געבראָטענע גענז־לעך, פּופּיקלעך, דאַרע גריוון, פּלעצלעך, ווייכן שטרודל און פּלע־שער ביר. אַ רויך פון פּאַפּיראָסן, אַ קלינגערייַ פון געלט, חסידישע זמרלעך, קאָרטן־חכמות, צווויידייטיקע וויצן, געשרייען, קריגערייען, איבערבעטעענישן האָבן זיך געמישט געדיכט אין איין קנויל. פאַרן פענסטער איז געזעסן אַ איינגל אויף דער וואַך, צו וואָרענען באַ־צייטנס, ווען אַ טאַטע פון אַ זון אַ שפּילער וועט זיך ווייזן.

די צוויי דינסט־מיידלעך, די שיקסעס, האָבן שוין שטענדיק געוואוסט, ווי אַזוי אַראָפּצופירן בסוד אימיצן פון די בחורים, וואָס ווילן עס, אין קליינעם שטיבעלע אין קעלער, צווישן די זעק מעל, וואו עס איז דומפּיק און פינסטער סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט.

און ר' נאָסקעס תלמידים זענען דאָ אָפטע געסט געווען,

מער אָפּגעזעסן ביי דעם בעקער ווי ביי דעם מלמד זייערן. ר' חיים אַלטערס זין, די טעמפּע פלייִשיקע בחורים מיט די יצר־הרע־פריש־טשעס אויף די דיקע באַקן, וואָס לאָזן שוין אַרויס די ערשטע הערעלעך, האָבן גוט געלערנט זיך ביי שילם „סראָקער" ווי אַזוי צו מאַכן אַ „קראַץ" ביים טאַטן אין שופלעדל. זיי האָבן דעם בע־קערס לערע אַ סך פלינקער אויפגעכאַפּט איידער דעם מלמדס. זיי האָבן אַ סך געלט, וואָס ליגט ביי דעם טאַטן זייערן אומגע־ציילט, אָן חשבון, געבראַכט צום בעקער און איבערגעלאָזט עס אין זיינע שטענדיק פאַרמעליקטע הענט. אויך אין פינסטערן קע־לער־שטיבל זענען זיי אָפט געגאַנגען. זיי האָבן גאָר קיין מזל נישט געהאַט אין קאָרטן, אַלץ פאַרשפּילט. פּונקט אַזוי האָט שמחה מאיר געוואונען. ער האָט גלייך אויפגעכאַפּט שילם בעקערס שטיק־לעך ביים שפּילן און אים געגומען אין די הענט אַריין, נישט גע־לאָזט זיך פון אים, איבערגעקליגלט אים. שילם „סראָקער" האָט דעם פּיפּיקן פאַרשווין אָפּגעשאַצט און געשפּילט מיט אים אָרנט־לעך, ווי מיט אַן אייגענעם גוטן ברודער. גאָר אין אַ קורצער צייט האָט שמחה מאיר שיינע עטלעכע הונדערט רובל אָנגעוואונען און זיי אַוועקגעגעבן אויף פּראָצענט טאַקע צו זיינע אייגענע צוקונפ־טיקע שוואָגערס, כדי זיי זאָלן נאָכאַמאָל ביי אים פאַרשפּילן.

און ר' נאָסקע איז געזעסן ביי די גמרות און אפילו נישט גע־מערקט, ווער עס איז דאָ ביים לערנען און ווער עס פעלט. דער עולם איז מער אָפּגעזעסן ביי שילם בעקער ווי ביי דער גמרא. בלויז דאָנערשטיק, אין לעצטן טאָג פון דער וואָך לערנען, ווען מען האָט געדאַרפט זיך אויסלערנען דעם שיעור, טאָמער וועלן טאַטעס שבת ביי טאָג פאַרהערן, האָבן די אינגלעך גענומען לער־נען און צוליינגן קאָפּ. שמחה מאיר האָט ווי אַלעמאָל געוואָלט פירן די גרענדע, זיין דער עילוי צווישן די חברים, און ער האָט געשריגן, כדי ר' נאָסקען איבערצושרייען און פאַרטומלען. נאָר ר' נאָסקע האָט אים איבערגעריסן.

— זאָג דו, ניסן, דעם שיעור, — האָט ער געזאָגט צו זיין אינגל, — און גיב זיי צו פאַרשטיין.

ניסן, אַ בר־מצוה־אינגל, פּונקט אַזאַ ברוין־הויטיקער, ביינ־

קער און שוואַרץ־אויגיקער ווי דער טאַטע זיינער, וואָס פעלט אים נאָר צו א באָרד, ער זאָל זיין אינגאַנצן ענלעך אויף דעם מורה הוראה, האָט אויפגעמישט די גמרא און קלאָר און הויך איבערגע־זאָגט דעם שיעור פאַר אַלע אינגלעך.

שמחה מאיר האָט פאַר כעס געשטויסן ניסנען אונטערן טיש מיט די פיס. קיין זאַך האָט אים נישט אַריינגעבראַכט אין אַזא כעס, ווי אַז מען האָט זיך אַרויסגעוויזן העכער פאַר אים.

קאַפּיטל צען

פונקט ווי די תּלמידים האָבן געגאַרט ר׳ נאָסקען, אַזוי האָט אים אויך געגאַרט זיין אייגענער זון, דאָס בר־מצווה־אינגל ניסן. נאָר ר׳ נאָסקע האָט נישט געוואוסט דערפון.

ער האָט נישט ליב געהאַט דעם פאָטער, ניסן, ער האָט אים פאַראַכטעט, געטראָגן א שנאה אויף אים. ער האָט אים נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער לאָזט שטענדיק די שטוב אין דחקות, וואָס די מוטער זיינע גייט שטענדיק אַרום א פאַרוויינטע מיט א נאַס טיכל אַרום קאָפּ, וואָס די שוועסטערלעך זיינע וויינען זיך אויס די אויגן איבער א קליידל, א פּאָר שיך. און ער האָט אים אויך נישט געקאָנט מוחל זיין אייגן אינגליש לעבן, וואָס ווייסט גאָר־נישט פון קיין פרייד. נאָר שטענדיק פון תּורה, מוסר און מרה־שחורה.

פון קינדווייז אָן, ווי נאָר ניסן איז צום שכל געקומען, און געקומען צום שכל איז ער פרי, ווען אַנדערע אינגלעך שפּילן זיך נאָך אין יאַנגעלעך, איז געפאַלן אויף אים דער שווערער יאָך פון שטוב. פון קינדווייז אָן האָט ער געהערט דער מוטערס קרעכצן און אירע שטעכווערטלעך אויפן פאָטער. אָן איידעלע, א בלאַסע, אָן אויסגעצערטלטע נגידישע טאָכטער, האָט זי זיך בשום אופן נישט געקאָנט צוגעוואוינען צו אָרעמקייט ביי איר מאַן דעם בטלן. זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די קיך, די טעפּ, די אָרעמע שכנות מיט זייערע פּראָסטע רייד, דעם גאַנצן ביטערן גורל, וואָס

פראסטע ארעמע ווייבער טראגן אזוי געדולדיק אויף זייערע רוקנס. זי האט געהאט טענות שטענדיק צום פאטער אירן, וואס צוליב זיין יאגן זיך נאך א גוטן איידעם, האט ער אן אייגענע טאכטער אומגליקלעך געמאכט אויפן גאנצן לעבן; נאך מער האט זי געהאט טענות צו איר מאן, דעם שלים־מזל, וואס טויג נישט צו קיין שום זאך, וואס אנטלויפט פון מענטשן, געלט. זי האט אים נישט אויפגעהערט בארעדן פאר די אייגענע קינדער, אויסלאכן אים, מאכן אים צו געלעכטער. איבערהויפט האט זי אים פאר־מיאוסט אין די אויגן פון איר אייגענעם זון ניסן.

— נא, אט גייט ער, דער טאטע דיינער, — האט זי געוויזן מיט א שפיציקן שפאטישן פינגער אויף דעם מאן אירן. — אט גייט ער, דער שלים־מזל, קוק אים נאר אן, ווי ער גייט אויף די גלייכע ווענט...

פון קינדווייז אן האט ער זיך צוגעהערט צו די טענות פון די ארעמע קרעמער און מארק-זיצערינס, וואס קומען מאנען פאר עסנווארק און שווערן ביי נאמנות, אז זיי וועלן מער נישט בארגן. ביי יעדער מאל מאכן שבת, צאלן דירה־געלט, נעמען פאר א קינד אויף א קליידל, איז געקומען צו געוויינען, טענות. אבער דער פא־טער האט דערפון נישט געוואוסט, נישט געוואלט וויסן. ער איז געזעסן ביי זיך אין שטיבל, פארשלאסן די טיר אויף א דין קיי־טעלע און געלערנט אדער געשריבן חידושים אויף דער תורה מיט זייער קליינטשיקע אותיעלעך.

דער גאנצער עול פון דער שטוב איז געפאלן אויף דעם קליי־נעם ניסן, אויף דעם איינציקן מאנסביל אין שטוב. פון דער פריסטער קינדהייט אן האט ער געטראגן דעם יאך אויף זיינע שמאלע אקסלען. ער האט געמוזט גיין צו די רייכע נאר שלעכטע פעטערס בעטן אלעמאל אויפסניי געלט. ער האט געמוזט בא־זארגן ווינטער די שטוב מיט האלץ, רופן א באלעמלאכע, ווען עס ווערט עפעס קאליע, ארייננשלאגן א טשוואק אין א וואנט, צוקלאפן א ברעטל, וואס פאלט אראפ, אפרוקן אן אלמער פון וואנט, טאן יעדע מאנסבילישע ארבעט, וואס איז דא אזויפיל צו מאכן אין ארעמע שטובן. דער פאטער האט מיט אים געלערנט, אבער זיין

לערנען איז געווען פול מיט אומעט, מרה־שחורה. קיינמאָל פלעגט קיין מענטש אין שטוב נישט אַריינקומען, אויסער די אָפּגעריסענע ווייבער מיט די שאלות. קיינמאָל האָט מען קיין לאַך נישט געהערט, קיינמאָל איז קיין פרייד נישט געווען אין שטוב. דער פאָטער האָט תמיד נאָר גערעדט פון דער תורה, פון דעם נארישקייט פון דער וועלט, פון דעם הבל־הבלים פון מענטשלעכן לעבן און פאַרגעניגנס. יעדער זיפץ זיינער האָט אַ שטיק האַרץ אויסגעריסן.

— האָב מורא פאַר גאָט, — האָט ער אָפט אינמיטן לערנען אים דערמאָנט, — הערסט ניסן.

נאָך אומעטיקער ווי אין די וואָכן־טעג זענען געווען די שבתים און יום־טובים. אָן אַ שיעור תפילות האָט ר׳ נאָסקע גע־האַט צו זאָגן אין די שבתים און יום־טובים, אָן אַ שיעור ספרים צו לערנען. ער האָט מעביר געווען די סדרה שעהן לאַנג, געזאָגט זוהר, געדאַוונט אין אַלטע גראָבע סדורים, אין וועלכע די תפילות זענען לענגער ווי אין די געוויינלעכע סידורים. אַליין, בלויז מיט ניסנען, האָט ער זיך ארומגעדרייט איבערן בית־המדרש, מיטן טלית איבערגעדעקט איבערן קאָפּ, און געזאָגט, געלערנט מיט אַן איינעסנדיקן טרויעריקן ניגון. דעם אינגל איז פאַרגאַנגען דאָס האַרץ, אומעטיק געוואָרן פון דער בית־המדרשדיקער ליידיקייט, פוסטקייט און אומעט, נאָר עס האָט גאָר קיין סוף נישט גענומען צום פאָטערס זאָגן און ברומען. ער פלעגט פאַרטיק ווערן מיטן דאַווענען ערשט אין מיטן טאָג שוין, ווען אַלע אידן האָבן שוין לאַנג געהאַט אָפּגעגעסן און געשלאָפן שוין נאָכמיטאָג.

די מוטער מיט די מיידלעך אין שטוב האָבן זיך קיינמאָל נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף די מאַנסבילן און אַליין אָפּגע־געסן, אָן הערן קידוש. דאָס עסן איז געווען פאַרשטאַנען, קאַלט. ביים טיש איז געווען אומעטיק. דאָס שפּעטע עסן בלויז מיטן פאָטער האָט קיין טעם נישט געהאַט, ס׳איז געבליבן שטעקן אין האַלז. פונקט אַזוי אומעטיק און פול מיט טרויער זענען געווען די זמירות, וואָס דער פאָטער האָט נישט געזונגען נאָר געברומט. און ווי נאָר ער האָט אָפּגעגעסן, לאַנג געבענטשט דערנאָך, האָט

ער שוין ווידער גענומען א ספר אין דער האנט און געלייגט זיך בייטאָג, כדי צו דרימלען אין שבת, ווי דער דין איז.

— ניסן, — האָט ער געזאָגט, — נעם א ספר אין האנט, לייג זיך צו, שבת דאַרף א איד שלאָפן.

און ער האָט פיינט געהאַט דעם פאָטער זיינעם, ניסן. געהאַסט אים פאַר דער מוטער, פאַר די שוועסטערלעך, פאַר דעם אומעט. פאַר די שטענדיקע געוויינען און קרעכצן, פאַר די פאַרשטערטע יום־טובים, פאַר זיין גאַנץ אינגליש אָרעם לעבן. צוזאַמען מיטן פאָטער האָט ער פיינט געהאַט די ספרים זיינע, וואָס רעדן שטענדיק פון פיין, וואָס זענען פול מיט מוסר און מרה־שחורה; די תורה זיינע, וואָס איז שווער, פאַרדרייט, גאָרנישט ארויסצוקריכן פון איר; די תפילות, וואָס זענען דאָ אזויפיל, אז עס איז גאָר קיינמאָל פון זיי נישט פריי צו ווערן; דאָס אידישקייט דאָס גאַנצע, וואָס דריקט, באַשווערט מיט מצוות און מעשים טובים און לאָזט גאָר קיין מנוחה נישט; און מער פון אַלעם האָט ער געהאַסט זיין גאָט, דעם פאָטערס גאָט, דעם גרויזאַמען, דעם אומברחמנותדיקן, דעם נוקם־ונוטרדיקן, וואָס פאַרלאַנגט פון מענטש רק ער זאָל אים דינען, דאַווענען צו אים, פאַסטן, פייניקן זיך, מורא האָבן, לערנען זיין תורה, גאָרנישט זיך אַליין אין זינען האָבן, גאָר קיין ווילן נישט האָבן, נאָר אַלץ פאַר אים; וויפיל מען זאָל זיך נישט מוסר־נפש זיין פאַר אים, איז אים אַלץ נאָך ווייניק, איז ער אַלץ נישט באַפרידיקט און פאַר כעס שטראָפט ער, בראָט, ברענט און מאַטערט...

צוליב גאָט, האָט ניסן געוואוסט, וואָס פאַרלאַנגט אזויפיל פאַר זיך, איז ביי זיי אין שטוב אָרעם און פינסטער, צוליב אים איז די מוטער קראַנק, גייען די שוועסטער אָן שיך, גייט ער אַליין, ניסן, שטענדיק אין איין פאַרלאַטעט קאַפּאָטקעלע, תמיד אין אויסגעדרייטע שטיוועלעך; צוליב אים איז אין שטוב נישטאָ קיין פרייד, קיין פרייע מינוט, נאָר שטענדיק זאָרג, מרה־שחורה און זיפצן. און ער האָט פיינט געהאַט גאָט, געהאַסט אים פיל מער ווי דעם פאָטער. פאַר כעס האָט ער אים איבערגעהיפּערט אין דאַווענען, געריסן פּאַפּיר אום שבת, געקוקט אויפן צלם פון דער קירכע, גע־

געסן מילכיקס, נישט ווארטנדיק קיין זעקס שעה נאך פליישיקס, נישט געפאסט קיין תעניתים און געלייענט אפּיקורסישע ביכלעך ביי פּייוועלע דעם שמאטע־הענדלער אין שטוב.

פּייוועלע דער שמאטע־הענדלער האט געוואוינט אין עק שטאט שוין, הארט ביי די פעלדער. אויף דעם גרויסן הויף זיינעם זענען גריבער געווען אויסגעגראבן, אין וועלכע מיידלעך זענען געזעסן און סארטירט און געקראצט מיט אייזערנע קעם ריזיקע פּעק שמאטעס, וואס מען האט דארט כסדר געבראכט צו פירן. אט די שמאטעס, גערייניקט און געוואשן, האט פּייוועלע דער שמאטע־הענדלער פארקויפט צוריק אין ביליקע פאבריקן, וואס האבן דערפון שלעכטן גארן געמאכט. אבער פּונקט ווי פּייוועלעס הענט זענען געווען איינגעטונקען אין שמאטעס, אזוי איז זיין קאפּ תמיד געווען איינגעטונקען אין אפּיקורסות און אין אויפקלערונג. א קליין־געוויקסיקער, א שנעלער, מיט א פארפעטסט קאפּעליושל אויף די געקרייזלטע און פארשטויבטע האר, מיט גלאנציקע אויגן, וואס קוקן ארויס פון פרייליך־צעקנייטשטן שטויביקן פּנים, מיט שטיקלעך צויטן און פעדים אין געקרייזלטן בערדל, א פארנומענער מיט די שמאטעס, ארבעטערינס, באלעגאלעס, סוחרים, האט ער שטענדיק געפונען צייט געניג, אויף לויפן מיילן ווייט, ווען נאר עס איז אנגעקומען א ניי אפּיקורסיש ספר.

אין דער גרויסער דירה זיינער, וואס איז פול מיט טעכטער, אנגעווארפן מיט פאפּירן, וועקסעלעך, בעטגעוואנט, זענען ביי אלע אפגעשיילטע ווענט געשטאנען פולע אלמערס מיט ביכער און ספרים, וואס ער איז גארנישט מיד געווארן קויפן, אויסגעבנדיק א פארמעגן אויף זיי. זיי האבן זיך געוואלגערט, די ביכער, איבער אלע טישן, שאפעס, אלמערס, פאליצעס. סיי דאס ווייב זיינס, די פרומע אידענע, סיי די טעכטער זיינע, די צעוואקסענע מוידן, האבן די ביכער געווארפן, געשליידערט, פארברענט, נישט געוואלט זיי ליידן, פּונקט ווי זיי האבן נישט געקאנט ליידן פּייוועלען אליין, וואס לייגט אין די ביכער אריין דעם טאטן און דער מאמען און האט זיי מער ליב ווי די שטוב, ווי ווייב און קינדער.

אבער וואס מער זיי האבן די ביכער ארויסגעשליידערט, אלץ

מער האָט זיי פּיוול געקויפט. אין מיטן די בעסטע געשעפטן, האָט ער געלאָזט שטיין זיינע מענטשן און געלאָזן זיך לויפן אַ צעיאָכ־מעטער, אַ פאַרשטויבטער, מיט די צויטן אין בערדל, ווי נאָר אַ פּאַקנטרעגער האָט אים צוּאַווייסנגעגעבן, אַז ער האָט עפּעס אַן אַנ־טיקל, אַ ניי השכלה־ספר. די אויגן האָבן ביי אים געלויכטן פון דעם פאַרשטויבטן פּנים אַרויס, ווען ער האָט מיט די הענט, שוואַרצע פון די שמאַטעס, געגלעט די בלעטלעך פון די אַפּיקורסישע ספרים. פּונקט אַזוי האָט ער שטענדיק געפונען צייט, געקאָנט לויפן אין עק שטאָט, כדי איבערצורעדן אַ חסידישן בחור, אַרויסצוציען אים פון בית המדרש און איינפלאַנצן אין אים זיין אייגענע אפּיקורסות און השכלה.

אין די אָווענטן, אין די שבתים און יום־טובים, אין די חגאות, און אפילו אין מיטן דער וואָך זענען שטענדיק ביי אים געזעסן חסידישע בחורים און בגנבה געלייענט די טריפהנע ביכער. פון שטיבל צו שטיבל, פון בית־המדרש צו בית־המדרש פלעגט ער גיין, אַריינקריגן בחורים, צורעדן זיי, אויפגעקלערט זיי, געשיט מיט תורה און וויסן, וואָס זענען צוזאַמען געלעגן אין זיין צעקרייזלטן קאָפּ, הינטער דעם פאַרשמאַלצעוועטן האַרטן קאַפּעליוש. ער האָט די בחורים געגעבן געלט, געגעבן זיי צו עסן טעג ביי זיך אין שטוב, געלאָזט זיי איבערנעכטיקן, דאָס העמד פון זיך אוועקגע־געבן, אַבי ער זאָל זיי אויפהעצן קעגן גאָט, מאַכן זיי פאַר אַפּי־קורסים.

ער האָט נישט געקענט רואיק איינשטיין אויפן הויף ביי די שמאַטעס און אַלע ווילע אַריינגעלאָפן און געכאַפּט אַ בליק צו די בחורים זיינע, וואָס זיצן פאַרטיפט איבער די אַפּיקורסישע און אויפקלערנדיקע ביכער.

— לייענסט? לערנסט? — האָט ער איבערגעפרעגט מיט הנאה — גוט, וואויל...

פון גרויס תענוג, האָט ער גערופן דאָס ווייב, די טעכטער, זיי זאָלן דעם בחור געבן אַ גלאָז טיי, עפּעס צוצובייסן. סיי דאָס ווייב־זיינס, סיי די טעכטער האָבן זיך נישט געאיילט צו פאָלגן פּיוולס באַפעלן, איז ער אַליין אַריין אין קיך, געברענגט טיי צו

טראָגן, ברויט מיט שמאַלץ און דערלאַנגט די בחורים זיינע מיט אַזאַ שמחה, ווי פרומע ווייבער באַדינען אַ פרומען בחור אַ טאָג-עסער, וואָס לערנט תורה.

אַ סך מאָל פלעגט ער גאָר אַליין זיך אַוועקזעצן מיט אַלע זיינע בחורים ביים טיש און געלערנט מיט זיי די שווערע ספרים, אויפגעקלערט זיי פילאָזאָפישע ווערק, שיטות, מיט לייכטנדיקע אויגן, מיט אַ גמרא-ניגון, קראַצנדיק אין פאַרטיפקייט דאָס בערדל, וואָס איז תמיד פול מיט צויטן, האָט ער געזאָגט פאַר די בחורים אפּיקורסות מיט אַזאַ ברען און פייער, ווי אַ מגיד אַ דרשה. אין די שבתים זענען די שטובן זיינע געווען פול מיט בחורים. אין די זיידענע קאַפּאָטעס, אין די סאַמעטענע היטלען און יאַרמול-קעס, זענען זיי געזעסן ביי זיין גרויסן טיש, געגעסן טשאָלנט, גע-טרונקען שבתדיקע טיי, וואָרום נישט דאָס וויב פּיוולס, נישט די טעכטער האָבן געוואָלט קאָכן אין שבת. אויבן-אָן איז געזעסן פּיוועלע אין דעם פאַרשמאָלצעוועטן סורדוט, געגלעט זיך דאָס בערדל, געבליצט מיט די אויגן פון פאַרקנייטשטן פּנים אַרויס און געלערנט, געזאָגט מאמרים, געלערנט פילאָזאָפיע און מאַטעמאַטיק, געשיכטע און אַסטראָנאָמיע, געאָגראַפיע און ביבל-קריטיק.

ער האָט אויסגעטייטשט שווערע שטעלן אין תנ״ך, קלאָר גע-מאַכט די גמרא, אָפּגעלאַכט פון רעליגיע, צוגערעדט צו בילדונג, השכלה און אַרבעט.

— נאָר בילדונג, שכל און אַרבעט, קינדער — האָט ער אַלע-מאָל אויפסניי דערמאָנט.

טאָמער האָט ער אַריינגעקריגן אַ נייעם מענטש, איז ער גע-ווען גליקלעך, אַלע קרייזעלעך פון זיין בערדל האָבן געקוואָלן פון נחת. פאַררוקנדיק די פאָרהענגלעך, פאַרשפּאַרנדיק די טירן פאַר דעם אייגענעם וויב, פאַר וועלכע ער האָט מורא געהאַט, האָט ער נאָכן שבתדיקן טשאָלנט פאַררויכערט אַ ציגאַר און אַלעמען איינגעטיילט פּאַפּיראָסן.

נישט אַלע האָבן גלייך געוואָלט רויכערן אין שבת. טייל האָבן זיך נאָך געקווענקלט. אָבער אַנדערע האָבן פאַררויכערט, געלאָזט צו-להכעיסדיקע קנוילעכלעך רויך דורך דער נאָז גלייך

אויף די שבתדיקע לייכטער ארויף. ביי פּיוועלען האָבן אַלע קניטשן פון זיין האַריק פּנים געקוואָלן פון נחת, קוקנדיק אויף די רויכערער. מיט זיי איז ער שוין געווען זיכער, אַז ער האָט זיי געראַטעוועט, אַז זיי געהערן צו אים.

צווישן די אַלע בחורים איז אויך ניסן דעם מורה הוראהס אָפּ־געזעסן זיינע טעג ביי פּיוועלען דעם שמאַטע־הענדלער און געשלונ־גען די ביכער זיינע איינס נאָך דאָס אַנדערע.

מיט זיין געניט אויג פון א משכיל, האָט פּיוועלע דערזען אין דעם באַלוטער דיינס אינגל אַן אומרואיקייט, אַז ער זוכט און נישטערט עפּעס, אַז ער רייסט זיך פון דער שטוב, און ער האָט אים אריינגעצויגן צו זיך. ער האָט קיין טעות נישט געהאַט. דער בר־מצוה־בחור האָט זיך מיט אַזאַ דורשטיקייט געוואָרפן אויף די ביכער ביי אים אין הויז, ווי א הונגעריקער הונט וואַרפט זיך אויף א ביין. ער האָט געשלונגען די לשון־קודשדיקע השכלה־ספרים, און פּיוועלע האָט אים געהאָלפן. ער האָט גלייך דערזען, אַז דער קליינער האָט אַן אָפענעם קאָפּ, אַז איידער מען זאָגט אים נאָך ארוים א וואָרט, כאַפּט ער שוין צען. און ער האָט אים געהאַלטן ווי אַן אבן־טוב. ער האָט אים געלערנט, אויפגעקלערט, שעהן מיט אים גערעדט און באַוואונדערט אים.

— ניסן, — האָט ער געזאָגט, — כ׳ווער בטל פאַר דיר, הערסט!

זיין פאָטער האָט, ווי שטענדיק, נישט געוואוסט, וואָס ארום אים טוט זיך. א פאַרטראַכטער, אַן אויסגעטוענער פון דער וועלט, האָט ער נישט געזען, ווי זיין זון איז פרעמד פון אים, ווי ער פאַר־שווינדט אויף גאַנצע שעהן, ווי ביי דער גמרא נאַרט ער אים און לייענט אפּיקורסות אין זיינע אויגן.

— ניסן, — האָט ער אים אָפט געמונטערט, — האָב מורא פאַרן אויבערשטן, הערסט?

— כ׳הער, — האָט ניסן געזאָגט מיט שפּאָט, איבערמישנדיק א בלעטל אין בוך.

דאָס נאַרן דעם פאָטער זיינעם, דאָס פאַרראַטן אים אין די אויגן האָט אים א געוואַלדיקע הנאה פאַרשאַפט.

ער האָט געלייענט בייטאָג און ביינאַכט. גאַנצע נעכט איז ער געלעגן וואַך אויף זיין שמאָלער שלאָפבאַנק און ביי די שטיקלעך ליכט, וואָס ער האָט פון בית-המדרש אַהיימגענומען, האָט ער גע-זוברעוועט די ביכער. ער האָט געלייענט אַלץ, געלערנט אָן א סיס-טעם, אָן אַן אָרדענונג. אַלץ נאָר, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן ביי פייוול דעם שמאַטע-הענדלער אין אַלע אַלמערס און פּאָליצעס. ער האָט געלערנט דייטש פון מענדלסאָנס „ביאור", וואָס איז מיט רש"י-אותיות געדרוקט, און ער האָט געאַרבעט ביים מורה-נבוכים פון רמב"ם. ער האָט געשלונגען די מאמרים אין די „השחרס", וואָס זענען פון פיל לייענען געווען צעשיט ווי די שמות, און ער האָט געקוויקט זיך מיט די אויפקלערערישע מעשיות און שירים פון סמאָלענסקין, מאַפּו, אד"ם הכהן, גאָרדאָן און אַנדערע משכילים פון דער צייט. צוזאַמען מיט די מאמרים פון קראָכמאַל, מיט די געשיכטעס פון כוזרי, פאַנטאַסטישע רייזע-באַשרייבונגען, לשון-קודשדיקע ספרים איבער אַסטראָנאָמיע און העברעע מאַטעמאַטיק, האָט ער באַצייטנס, נאָך רעכט נישט צעקייענדיק די דייטשע שפּראַך, געכאַפּט זיך צו די פילאָזאָפן, צו מענדלסאָן און מיימאָן, צו שפּינאָזאַ, קאַנט און שאָפּענהויער.

אין זיין קאָפּ האָט געהערשט א תוהו-ובוהו, ווי אין פייוועס-לעס אַלמערס, וואָס זיין ווייב און טעכטער האַלטן אין איין צעוואָרפן.

ביי דעם אַלעמען האָט ער נאָך אויך געכאַפּט דעם טאַטנס שיעור יעדע וואָך און איבערגעזאָגט אים פאַר די תלמידים, וואָס האָבן געהאַט די קעפּ ביי שילם בעקער אין די קאָרטן.

זיי האָבן זיך גלייך פיינט געקריגן, דעם טאַטנס תלמידים, מיט ניסנען דעם מורה-הוראהס. זיי האָבן אים נישט פאַרגונען דעם גוטן קאָפּ זיינעם, דאָס, וואָס שטענדיק ווייסט ער דעם שיעור, פּלאָנטערט נישט מיט דער צונג און טייטשט אויס אַלץ גלאַטיק און פאַרשטענדלעך, ווי ער וואָלט אין מויל אריינגעלייגט. איבערהויפּט האָט אים דאָס נישט געקאָנט מוחל זיין שמחה מאיר. ער האָט אים צוגענומען די מערכה צווישן די אינגלעך, אויסגעכאַפּט אים דעם עלווישן קאָפּ. ניסן ווידער האָט נישט געקאָנט זיי מוחל זיין די

שיינע קאָפּאָטקעלעך, וואָס זיי האָבן געטראָגן, די נייע זיידענע היטלען, די זיידענע האַלז-טיכלעך, די גלאַטיקע שטיוועלעך און די גאָלדענע זייגערלעך, וואָס די יונגע חתנימלעך האָבן שוין גע-טראָגן און אַלעמאָל זיך מיט זיי געשפּילט.

צווישן אַלע איז ער געווען דער איינציקער, וואָס האָט גע-טראָגן אַ ציינן כאַלאַט, שטענדיק אויסגעוואַקסן און פאַרלאַטעט, אויסגעדרייטע שטיוול, אַ צעשיט זיידן היטל, דורך וועלכן דער טאָוול קוקט אַרויס. צווישן דעם נייקייט און נגידישקייט פון די אינגלעך אַרום האָט זיין אָרעמקייט נאָך מער אַרויסגעשריגן. מער נאָך דערפון האָט ער געליטן, וואָס זיי מאַכן חוזק פון דעם טאַטן זיינעם ביים טיש, נאַרן אים און מאַכן צום נאַר. ביי זיין גאַנצער שנאה צום פאָטער זיינעם, האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָס פרעמדע מאַכן חוזק פון אים. דער פאָטער האָט נישט געזען אַלץ, און עס האָט אים געשטאָכן, ביים האַרצן פאַרקלעמט.

נאָך אַ צייט לערנען צוזאַמען, האָבן די תלמידים אפילו גע-פּרוּווט דעם רבינס אינגל אַריינגעמען אין חברה. זיי האָבן מורא געהאַט, ער זאָל נישט דערציילן דעם פאָטער פון זייערע קאָרטן, וואָס זיי שפּילן ביים טיש, פון זייערע וויזיטן ביי שילם בעקער און זיי האָבן אים מיטגענומען מיט זיך צו שילמען. אָבער ניסן האָט נישט געפילט קיין טעם אין די קאָרטן, נישט געקאָנט זיך אפילו דערוויף און ער איז גלייך אַוועק פון דאָרט. אַנשטאָט לאָזן איבערציען זיך אויף זייער זייט, האָט ער גאָר געפּרוּווט זיי אַרי-בערצוציען אויף זיין זייט.

פּונקט ווי דער פאָטער זיינער איז געווען פאַרגלויבט אין די ספרים, גאָרנישט אַרויסגעקראָכן פון זייערע געדיכטע שורות, גאָר-נישט אַראָפּגעגאַנגען אויף אַ האָר פון זייערע געדאַנקען און רייד, אַזוי האָט אויך ניסן געשטעקט אין זיינע אפּיקורסישע ביכער, וואָס ער האָט עוסק געווען אין זיי בייטאָג און ביינאַכט. אַלץ, וואָס זיי האָבן געשריבן, איז געווען פאַר אים הייליק, גאָרנישט צו ענדערן, אויף קיין האָר אַראָפּצוגיין. און פּונקט ווי זיין פאָטער האָט נישט יוצא געווען בלויז מיט זיין אייגענער אידישקייט, נאָר געוואָלט שטענדיק פאַרשפּרייטן די תורה, גאָטס רייד צווישן אַלע, אַזוי האָט

אויך ניסן, פייוועלע דעם שמאַטע־הענדלערס תלמיד, געוואָלט פּאַרשפּרייטן אומעטום די רייד פון זיין נייער תורה, אריבערצוציען אַלעמען צו פייוועלען און צו זיינע אַלמערס מיט ביכער.

שטילערהייט, בסוד סודות, האָט ער גענומען איינטענהן מיט דעם טאַטנס תלמידים, אַריינוואַרפן רייד פון ספקות, אפּיקורסות. פייוועלע האָט געשיינט פון גליק, ווען ניסן האָט אים דערציילט פון די אינגלעך, און געשיקט מיט אים אַפּיקורסישע ספרים פאַר זיי.

די נגידישע בחורים האָבן אריינגעבליקט אין די פרעמדע ספרים און זיי גיך צוריקגעגעבן. זיי זענען געווען שווער, מען האָט געדאַרפט צולייגן קאָפּ צו זיי, און זיי האָבן נישט געהאַט קיין חשק דערצו. זייערע קעפּ זענען געלעגן ביי שילם בעקער. בלויז שמחה מאיר האָט איין ביכל דורכגעקוקט און וועגן דעם זיך איבערגע־רעדט נישט מיט ניסנען, נאָר מיט זיין פאָטער, דעם מורה־הוראה.

— רבי, — האָט ער פּלוצלונג, אַ פרעג געטאָן ר׳ נאָסקען אין מיטן סאַמע מוסר, ווען יענער האָט געזאָגט, — די תורה איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני פון רבונו של עולם?

ר׳ נאָסקע איז געוואָרן בלאַס.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שאלה, שמחה מאיר? — האָט ער געפרעגט מיט שרעק.

— ווייל ניסן זאָגט, אַז משה רבינו אַליין האָט זי אָנגעשריבן פון אייגענעם שכל, — האָט שמחה מאיר כלומרשט תמעוואַטע געענטפערט.

ר׳ נאָסקע איז געבליבן זיצן אַ פאַרגליווערטער. אַלע האָבן געשוויגן ביים טיש. נאָך אַ היפּשער פאַרגליווערטער האָט דער מורה־הוראה צוריקגעקריגן דאָס לשון.

— ניסן, — האָט ער געפרעגט שטיל, האָסט אַזוי גע־זאָגט?

ניסן האָט געשוויגן, נישט געלייקנט.

דער פאָטער זיינער האָט זיך אָנגעהאַלטן ביי דער שטול, ער זאָל נישט פאַלן, ווי די פיס זיינע האָבן שטאַרק חשק געהאַט.

— ירבעם בן נבט, — האָט ער געזאָגט, — טאָרסט נישט זיין מיט אידן אין איין שטוב!

ניסן האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, ארויסגעגאַנגען פון שטוב און מער נישט צוריקגעקומען.

ער איז אַוועקגעגאַנגען צו א וועבער און אָנגעדונגען זיך אויף דער לער מיט עסן און שלאָפן. דער מייסטער האָט אים תחלת נישט געוואָלט נעמען, ווייל מיט א לערן-אינגל דארף קומען א פאָטער מאַכן א קאָנטראַקט און צוצאָלן פאַר דער לער. אָבער ניסן האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיט דעם מייסטערס כלה-מוידן לערנען עברי און אויסלערנען אונטערשרייבן זיך אויף די תנאים; אויך די אינגלעך זיינע וועט ער לערנען רעכענען און אָנשרייבן אַן אדרעס, און דער מייסטער האָט אים צוגענומען אויף דריי יאָר.

צו דער שטול האָט ער אים נישט צוגעלאָזט, ווי אַלע לערן-אינגלעך. ער האָט אים בלויז געגעבן צו וויקלען ביינוול. די מייס-טערין האָט אים געהייסן זיך נעמען א קליין בענקעלע אויף דריי פיסלעך און צוואוויגן איר דאָס קינד, וואָס האָט זיך געריסן אין וויגל פון היץ און נאַסקייט.

אין דער נידעריקער גרויסער שטוב, אָנגעשטעלט געדיכט מיט וועב-שטולן, בעטן און שלאָפבענק, זענען עטלעכע געזעלן אין די בלויזע הויזן און אין די יאַרמולקעס געזעסן ביי די שטולן, גיך געוועבט, ציקלענדיק זיך ביי יעלות און גאָרגלענדיק זיך ביי חזנישע קדושהס. דער מייסטער, א איד מיט אַ פאַרפעדערטער יאַרמולקע און מיט אַן אויסגעשטעפּטן פאַרפעטסטן וואַטענעם שפּענצער, וואָס שטיקער וואַטע הענגען זיך אים נאָך פון די עלענבויגנס און וואָס ער טראָגט אים סיי אין ווינטער, סיי אין זומער, האָט אומעטום אַריינגעשטעקט די רויטע אויגן, אכטונג געגעבן, צי מ׳פושערט נישט, צי מ׳גנבעט נישט, און אונטערגעיאָגט די געזעלן יעדעם מאָל, ווען אימיצער פון זיי האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפּווישן דעם שוויים פון פּנים אָדער פאַרדרייען א פּאַפּיראָס.

— נישט ליידיק געגאַנגען, — האָט ער געמונטערט, — יעדע מינוט ליידיק גיין איז געגליכן צו גזילה.

ביי דער קיך איז געזעסן די באַלעבאָסטע, א אידענע מיט א שוואַרץ צעקודלט שייטל, וואָס דורך די שפּאַלטן זיינע קוקן אַרויס רויטע בינטלעך אייגענע האָר. א חברה שוואַרצע און רויטע מוידן,

איינע עלטער פון דער אנדערער, זענען געזעסן ארום איר אויף קליינע בענקעלעך צופוסנס, און אלע צוזאמען האבן זיי גיך גע־שאבן קארטאפל מיט די שפיציקע מעסערס. א רויך פון פרעגלדיק פעטס, אייל, א הארבער ריח פון אנגעברענטע ציבעלעס, צוזאמען מיט א גערוכטער פארע פון גרויסע אייזערנע טעפּ, האט ארומגע־נומען די שטוב. דאס האט מען געגרייט עסן פאר די געזעלן.

— אלטע, וואס קאכט מען היינט? — האט גערופן א געזעלן פון פלאנטער פעדים ארויס, ענליך צו א שפּין אין שפּינוועבס. — ווידער געריישטע קארטאפלעס?

— האלט בעסער די אויגן ביי דער ארבעט, שווארצער קא־טער, — האט אים אפגעענטפערט די באלעבאסטע פון דער פארע ארויס, — זאל דיר דער קאפּ נישט דארן צו די טעפּ...

דער „שווארצער קאטער" האט גענומען גיךווארפן מיט די פעדים, נאר צוזאמען דערמיט האט ער גאר פלוצלונג אנגעהויבן לייענען די מגילה.

— ארורה זרש אשת המן, — האט ער נעדרייט מיט א פורימדיקן נגון.

די געזעלן, וואס האבן פארשטאנען גלייך, וועמען דער פסוק מיינט, האבן אויסגעשאסן מיט א געלעכטער און צוגעטופּעט מיט די פיס, ווען מען האט דערמאנט זרשס נאמען.

די באלעבאסטע האט גיך געשאבן מיטן שפּיץ מעסער און געווארפן האלב-נישט-דערשיילטע קארטאפל מיט כעס אין שווארצן טאפּ אריין, אז וואסער האט אלץ באשפריצט.

— א מכה וועט עטץ ביי מיר פרעסן קליסקעלעך מיט בעב־לעך, — האט זי געשריגן צו די יונגען, — קארטאפל מיט אייל וועט עטץ ביי מיר פרעסן יעדן טאג, וועט עטץ ויסן, וואס זרש קאן...

פאר כעס האט זי זיך צעבלוטיקט א פינגער און געווארן ווילד. מיט א פארדוקט שווארץ שייטל איבערן געלן קאפּ, איז זי צו צו די פיל שלאפבענק, וואס שטייען ביי די ווענט פאר די בעסערע געזעלן צו שלאפן, און זי האט ארויסגעווארפן פון זיי די ברודיקע נישט-איבערגעצויגענע קישנס.

— זאָל איך אַזוי דערלעבן צו פירן מיינע טעטכער צו דער חופּה, טאַטע געטרייער אין הימל, — האָט זי געוואָלדעוועט, — צי איך וועל ענק געבן קישנס אונטערצולייגן צוקאָפּנס. צ׳זענט נישט קראַנק צו כאָליען אויף דער הוילער ערד, נישט אויף מיינע פּעדערן.

ביי דער טיר, מיט איין פוס צוואַוויגנדיק דאָס קינד, וואָס די באַלעבאָסטע האָט געהאַט אויף די עלטערע יאָרן, מיט די הענט פאַרפּלאָנטערט אין די ביינוולס, איז געזעסן ניסן, ר׳ נאָסקע מורה-הוראהס, און געוויקלט. די געזעלן האָבן פון אים געלאַכט, גערופן אים מיט צונעמען, געשיקט אים אין קרעמל נאָך אַ שטיקל הערינג, נאָך אַ זייטיק שטיקל ברויט, די באַלעבאָסטע האָט זיך אויף אים געוואָרפן, ס׳קינד אין וויגל האָט זיך געריסן, נאָר ער איז נישט אָפּגעטרעטן פון זיינס. ער איז געזעסן דאָ יעדן טאָג זיי־נע שעהן, צוגעקוקט זיך צו דער אַרבעט, געגעסן מיט די אויגן די וועב-שטולן, דורכגענומען יעדן שטאַנג, יעדע שנור, כדי צו דער־גיין דעם שכל דערפון, און דערביי געטראַכט וועגן זיינע ביכער.

די מוטער איז געקומען צו אים און פאַרבראָכן מיט די הענט, זעענדיק אים אין ווינקל שטוב ביי דער אַרבעט.

— ניסן, — האָט זי געוויינט, — וואָס איך האָב דערלעבט צו זען... דו אַ באַלמעלאָכע... קום אַ היים!

ער איז נישט געגאַנגען. ער האָט געאַרבעט אין דער וועבעריי, געלערנט מיטן מייסטערס קינדער און ווען נאָר ער האָט געהאַט צייט, האָט ער זיך אריינגעכאַפּט צו פּיוועלען און צוגעפאַלן צו די נייע ביכער און ספרים, וואָס ער האָט אָנגעקויפט. אין די נעכט, ליגנדיק אין ווינקל שטוב אויפן שמוציקן שטרוי-זאַק, איבערגעדעקט מיט די אויסגעאַרבעטע סחורות, האָט ער ביי אַ טריפנדיק ליכטל געלערנט, שטודירט און געגרייט זיך צו אַ תכלית.

אויפן באַלוט אין אַלע בתי-מדרשים, שטיבלעך, האָט מען גערעדט וועגן אים, געוואָרנט אינגלעך פאַר זיין סוף.

— אָט אַזוי איז דער סוף פון די, וואָס גייען נישט אין גאָטס וועגן... נישט די וועלט און נישט יענע וועלט...

ניסן „תרבות-רעה“, — האָט מען אים גערופן אין דער

ווּעבעריי מיט א צונאָמען, ווי יעדער באַלמעלאָכע האָט געמוזט האָבן.

ביי נאָסקע מורה-הוראה זענען געזעסן די נגידישע אינגלעך און געשפּילט אין קאָרטן אונטערן טיש ביים לערנען. מער ווי שטענדיק איז ר׳ נאָסקע געזעסן א טרויעריקער. ער האָט געזען דאָס גרויסע גיהנם, וואָס פלאַקערט שוין גרייט פאַר אים, פאַר די זינד פון זיין זון, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען פון גאָט.

— אינגלעך, זייט אידן, — האָט ער אַלעמאָל געמונטערט די תלמידים, פּונקט ווי פריער פלעגט ער דערמאָנען ניסענען, — האָט מורא פאַרן אויבערשטן, איר הערט?

— מ׳הערט, — האָט שמחה מאיר געזאָגט און פלינק אויס-טאַשירט די קאָרטן.

ער איז צוריק געווען דער עלוי צווישן אַלע חברים.

קאַפּיטל עלף

נאָך עטלעכע חול-המועדם פּסחדיקע און סוכותדיקע, אין וועל-כע דער חתן איז פאַרבעטן געוואָרן צו דער כלהס הויז, פאַר וואָס די כלה האָט געקריגן יעדעס מאָל א נייע מתנה פון חתנס צד, און נאָך פּונקט אַזויפיל פאַרבעטענישן פון דער כלה אין חתנס הויז, פאַר וואָס דער חתן האָט געקריגן מתנות פון כלהס צד, איז געפּראַוועט געוואָרן די חתונה פון די אַכצן-יאָריקע חתן-כלה, שמחה מאיר אשכנזי און דינהלע אַלטער, מיט גרויס פּאַראַד.

מאַדמואַזעל אַנטואַנעט אַליין, די האַלב-דייטשקע, האַלב-פראַנצויזקע, וואָס נייט מלבושים פאַר הונצעס טעכטער, האָט גע-נייט חתונה-קליידער פאַר דער כלה דינהלע. ר׳ חיים אַלטער האָט אויפגעעפנט זייער ברייט זיינע שמאַלציקע שוואַרצע אויגן, ווען זיין ווייב פּריווע האָט אים געזאָגט, וויפל געלט אָט די מאַדמואַזעל אַנטואַנעט נעמט פאַר דעם אויסשטייער.

— וואָס טוט זיך מיט דיר, פּריוועשי, — האָט ער געזאָגט א דערשראָקענער, ציענדיק מיט די פליישיקע הענט די קויל-שוואַר-

צע באָרד, — ווי איז גאָר אַזוינס געהערט געוואָרן אין דער וועלט, אָנצוצאָלן אַזאַ פאַרמעגן עפּעס אַ שניידערקע דאָרט?

פריווע האָט גלייך אַרויסגעצויגן אַ מינע פון אַ באַליידיקטער קעניגין אויף איר העל, פול פּנים.

— מאַדמואַזעל אַנטואַנעט איז נישט עפּעס קיין שניידערקע,— האָט זי געזאָגט מיט כּעס,—נאָר די בעסטע שניידערקע פון לאָדזש, מ׳דאַרף האָבן אַ זכיה, זי זאָל וועלן אָננעמען אַן אויסשטייער.

ר׳ חיים אַלטער איז אַזוי צעטומלט געוואָרן סיי פון דער גרויסער סומע, וואָס די שניידערין נעמט, סיי פון זיין ווייבס רייד וועגן דער זכיה, וואָס מען דאַרף האָבן צו איר אָנצוקומען, אַז ער האָט אַזש פאַרגעסן מורא צו האָבן פאַר זיין פריוועשי, ווי שטענדיק, און ער האָט זיך גענומען קענגנשטעלן.

— זי וועט דאַנקען, די שיקסע, אַז איך וועל איר געבן אַ דריטל, — האָט ער געזאָגט, — נישקשה, ס׳איז דאָ נאָך שניידערקעס אין לאָדזש, פעלט נישט די מציאה...

פריוועןן האָבן דערויף גלייך גענומען פליסן טרערן פון ביידע בלויע אויגן איבער די קלאָרע באַקן.

— מאַמע קרוין, — האָט זי גענומען רופן איר שוין לאַנג פאַרשטאָרבענער מוטער, — כ׳וועל עס נישט איבערטראָגן...

פאַר די עטלעכע יאָר פון די תנאים אָן, האָט זי שוין גע־לעבט מיט דעם געדאַנק, אַז נאָר מאַדמואַזעל אַנטואַנעט וועט נייען דעם אויסשטייער פאַר איר דינהלען. איר איז נישט אַזוי גע־גאַנגען אין דעם, אַז איר טאָכטערס קליידער זאָלן זיין אַזוי גוט גענייט. זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט, פריווע, נאָך פון איר אייגענער חתונה, אַז די צענדליקער סאַמעטענע, זיידענע און אַטלאַסענע קליידער, די אַלע טייערע שפּיצן און טיולן, וואָס מען מאַכט די כּלות צו זייער חתונה, זעען זעלטן די ליכטיקע שיין, ווערן פאַר־שימלט אין די שאַפעס, גייען זיך אַרויס פון דער מאָדע. איר איז געגאַנגען אין אַמביציע, צו ווייזן לאָדזש, אַז מאַדמואַזעל אַנטוא־נעט די מיוחסת, די גרויסהאַלטערקע, וואָס וויל מיט די רייכסטע דאַמען נישט רעדן, וואָס נייט פאַר הונצעס טעכטער אַליין, אָט זי

וועט דאָס נייען דעם אויסשטייער פאַר דינהלע איר טאָכטער, און זאָל לאָדזש פּלאַצן!

גענוג האָט זי געאַרבעט, געזוכט פּראָטעקציע, געפירט פּאָליטיק, ביז זי האָט זיך צו דער מאַדמואַזעל אַנטואַנעט דערשלאָגן. שטילערהייט, בסוד סודות, קיינער זאָל זיך, חלילה, נישט דערוויסן, האָט זי שוין פאַר אַ האַלבע שטאָט ווייבער דערציילט וועגן דעם. און זי איז געווען זייער אומגליקלעך, ווען איר חיים האָט גענומען זיך דינגען איבערן פּרייז און אָוועקמאַכן גאָר מיט דער האַנט די מאַדמואַזעל אַנטואַנעט.

— מאַמע, — האָט זי געדופן איר מוטער פון יענער וועלט און געגאָסן מיט טרערן, — כ׳וועל די בושה נישט איבערטראָגן, כ׳וועל מיין איינציקער טאָכטערס חופּה נישט דערלעבן...

ר׳ חיים אַלטער איז אַזוי גערירט געוואָרן פון זיין ווייבס טרערן און רייד, אַז ער האָט אַליין שיער נישט גענומען וויינען פון צרות.

— בּיים דיר אָפּ די צונג, — האָט ער געזאָגט מיט אַ פּייכער שטים. — ווי איז מיר נישט געשען, וואָסערע ווערטער דו רעדסט, פּריוועשי, פאַר אונזער טאָכטערס שמחה. זאָל עס נאָר פאַלן אויף אַלע וויסטע וועלדער, אויף אַלע פּוסטע פעלדער...

זי איז דאָס מאָל נישט ברוגז געוואָרן, ווי איר טבע איז אַלעמאָל. זי איז אַזוי גליקלעך געווען פון איר מאַנס נאָכגעבן, אַז זי איז צוגעפאַלן צו אים און אים גענומען קושן אין ביידע אָנגעבלאָזענע באַקוואַסענע באַקן אין קעגנוואַרט פון שמואל לייבוש דעם משרת.

— פּריוועשי,—האָט זיך ר׳ חיים גערויטלט,—פאַרן משרת...

— ס׳מאַכט נישט,—האָט דער משרת געזאָגט אַ פאַרליוירענער, אַליין נישט וויסנדיק, וואָס אַזוינס מיט זיך צו טאָן.

מיט דער אייגענער צעוואָרפנקייט און אויסברענגערישקייט האָט מען פאַר דעם כלה-מיידל אָנגעקויפט אַ סך זיידנס, אַטלאַס, שפּיצן, פוטערס, היטן, אַלערליי זילבערן געשיר, צירונג, מעבל, וואָס מען האָט גאָר אַליין נישט געוואוסט אויף וואָס און אויף ווען זיי וועלן נוצן. ר׳ חיים האָט אָפּגעדונגען דעם גרעסטן חתונה-זאַל. אויף די בעסטע קלעזמער, בדחנים און סאַרווערס האָט ער גענומען.

חתונה-קארטן זענען צעשיקט געוואָרן אין די פילע הונדערטער. ער האָט געוואָלט, אז לאָדזש זאָל רעדן פון אים, אז אין גאַנץ פוילן זאָל קלינגען מיט זיין טאָכטערס חתונה. און ער האָט איינגעלאַדן אַלץ, וואָס לאָדזש פאַרמאָגט פון גבירים, שיינע-אידן און מיוחסים. אויך פון חתנס צד האָט מען ר׳ חיימען דערלאַנגט אַ צעטל פון אַ סך געסט איינצולאַדן. אין דעם גרויסן חתונה-זאַל מיט די געגילטע שפּיגלען, רויט-פּליושענע, גאָלד-באַפּוצטע שטולן און צעצווייגטע זשיראַנדאָלן, האָט זיך געשטופּט און געפלאָכטן צווישן זיך דער גאַנצער לאָדזשער מיש-מאַש: גרויסבערדיקע גבירים, חסידים אין גלאַנציק-זיידענע קאַפּאָטעס און אין גביריש-גלאַנציקע שטיוועלעך, און געגאָלטע פּעט-גוידערדיקע פאַבריקאַנטן מיט שוואַרצע גלאַנציקע צילינדערס און מיט ווייסע האַנדשוּ אויף די הענט; באַשטריימלטע רבנים אין צעשיטע אַטלעסענע קאַפּאָטעס און האַרט-קאַפּעלושדיקע ליטווישע קאָמיסיאָנערן אין באַלעבאַטישע סורדוטן, שאַרפע חסידים אין גרויסע סאַמעטענע היטלען און מיט צעבראַסטעטע העמדער און טלית-קטנס און בלאָנד-האָריקע באַפּראַקטע דייטשן, פאַבריקאַנטן מיט הויכע פאַטער-מערדערס און טיפע גאָרסן, צוזאַמען מיט עפּעס אַ פאַרבלאָנדזשעטן רוסישן פּאָליציי-קאָמיסאַר מיט געקרייזלטע באַקן-בערד און מיט אַ פּולער ברוסט מעדאַלן אויף דעם פייערלעכן מונדיר. פּונקט אַזאַ מיש-מאַש איז געווען צווישן די ווייבער. עס האָבן זיך אַרומגעטראָגן פאַרשמייעטע פעטע מחותנתטעס אין שטאַרק-אָנגעקאַרבירטע שייטלען און אין פאַרביקע זיידענע קליידער מיט שלעפּעס און בופן, באַהאָנגען אינגאַנצן מיט שווערע גאָלדענע קייטן, בריליאַנטענע רינגען און אוירינגען און אַלטע באָבעס מיט אַטלעסענע טשיפּיקעס און מיט פּאַרצייטיקע אַלטע קליידער פון די אייגענע חתונות נאָך; אויסגעדעקאָלטירטע שוואַרץ-חנעוודיקע יונגע ווייבלעך אין ווייסע קליידער לויט דער סאַמע לעצטער מאָדע און לאַנג-אויסגעצויגענע דייטשקעס מיט בלאָנדע לאַנגע צעפּ און מיט אַ סך פאַרבן אין די ווייס-הויטיקע באַקן. אידיש, פּויליש, דייטש, רוסיש, האָבן זיך געמישט צוזאַמען און צונויפגעגאָסן זיך אין איין ווייבערישן פּישטשעריי. מען האָט זיך געגעסן מיט די

אויגן איינס ס׳אנדערע, געבליצט מיט די בריליאנטן, געפינקלט מיט גאָלד, געשימערט מיטן זיידנס, געפאָכעט מיט די פעכערס, גע-זאָגט זיך קענגזייטיק קאָמפּלימענטן, אָפּגעשאַצט זיך, גערייצט זיך, געערגערט זיך, נקמה גענומען.

קאַרעטעס מיט ווייסע פערד געשפּאַנט זענען אַרומגעפאָרן אין גאַלאָפּ איבער די שלעכט-געפלאַסטערטע און גריבערדיקע שמאָלע לאָדזשער גאַסן און געפירט כסדר ווייס-געקליידעטע נגידי-שע טעכטער צו דער יונגער כלה, וואָס איז געזעסן אויפן כלה-טראָן אַרומגערינגלט מיט רויזן און מיידלעך. דעם חתנס שוועס-טער האָבן געפלאָכטן רויזן-קרענצלעך פאַר דער כלהס ברוינע האָר, וואָס האָבן צומאַרגנס געדאַרפט אָפּגעשניטן ווערן. דער כלהס ברידער, ביידע אין נייע קאַפּאָטקעלעך, אין סאַמעטענע היטעלעך, זענען בסוד פון פאָטער געזעסן נעבן קוטשער אין צילינדער און מיטגעפאָרן נאָך די געסט פון שטוב צו שטוב. כאָטש זיי זענען שוין אליין געשטאַנען אין שדוכים, האָבן זיי נישט געקאָנט דורכ-לאָזן אַזאַ געלעגנהייט, נישט אַרומצופאָרן מיט אַ קאַרעטע און טאַקע זיצן נעבן קוטשער אליין. אפילו די מורא פאַרן פאָטער האָט זיי נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון אַזאַ זעלטענעם פאַרגעניגן. די פּאָליציאַנטן מיט די געבויגענע שווערדן האָבן געיאָגט, געטריבן און געשטויסן די הונדערטער אָרעמע מיידלעך, ווייבלעך און אינג-לעך, וואָס האָבן זיך געזאַמלט פאַר דעם חתונה-זאַל, באַוואונדערט די אויסגעפּוצטע געסט, די מוזיק, און געריסן זיך צו דער טיר.

ווי אויף מערסטנס אידישע חתונות, איז געקומען צו מחלוקת אין דער לעצטער מינוט. ר׳ חיים אלטער האָט נישט געוואָלט איינ-לייגן די צוויי טויזנט רובל צום נדן ערב דער חתונה, ווי עס איז געווען אָפּגערעדט אין די תנאים. גראָד איצט, ווען ער איז געווען פאַרענגט אין געלט, ווען די חתונה האָט אים אַ וועלט מיט געלט אָפּגעקאָסט, איז אים נישט געווען צו דער האַנט צוצולייגן די צוויי טויזנט רובל צו די פריערדיקע פינף טויזנט, וואָס זענען שוין גע-לעגן אין באַנק.

— מחותן, — האָט ער זיך געבעטן, — איך בין אייך מבטיח

אויף נאמנות, אז איך וועל זיי סילוקן באלד נאָך דער חתונה, בלי-נדר.

— ביי נדן איז נישט קיין נאמנות, — האָט ר׳ אברהם הערש געזאָגט, — אז די צוויי טויזנט רובל וועלן נישט ליגן אויפֿן טיש, נעם איך דעם חתן און גיי מיט אים אהיים פאר דער חופה.

ר׳ חיים אַלטער האָט גענומען דעם חתן אונטער דער האַנט און מיט אים איינגעטענהט, ער זאָל איבעררעדן מיטן פאָטער.

— שמחהלע, — האָט ער אים געחנפהט, — ביזט דאָך א גאָלדענער מענטש, וועסט מיר טאָן א גרויסע טובה. כ׳זאָל אזוי דערלעבן נחת פון דיר, ווי גליין נאָך דער חתונה טראָג איך דיר אריין דאָס געלט בתשואות חן.

שמחה מאיר האָט צוגעזאָגט רעדן מיטן פאָטער, נאָר ער האָט אפילו קיין וואָרט נישט גערעדט.

ביי זיינע אַכצן יאָר איז ער שוין געווען גענוג לאָדזשער, ער זאָל וויסן, אז שבועות, נאמנותן און צוזאָגענישן זענען אין לאָדזש קיין גראָשן נישט ווערט, און אז דאָס, וואָס מען קריגט נישט אויס-געצאָלט צו א פרוטה פאר דער חופה, זעט מען נישט דערנאָך פאר די אויגן.

— כ׳האָב זיך דאָס הארץ אָפּגערעדט מיטן טאַטעשי, — האָט ער אָפּגעזאָגט א ליגן דעם מחותן אין די אויגן, גאָרנישט זיך פאררויטלענדיק, גאָר זיך נישט פארהיקנדיק, — ער איז איינגע-שפּאַרט, וואָס קאָן איך טאָן? כיבוד-אב...

שמואל לייבוש דער משרת איז זיך גענוג אָנגעלאָפן, ביז ער האָט געבראַכט צו שלעפּן די צוויי טויזנט רובל אין אַלערליי צע-קנייטשטע פּאַפּירלעך.

אז מען איז דערמיט פאַרטיק געוואָרן, האָבן זיך אָנגעהויבן נייע מחלוקתן. שוין נישט צוליב געלט, נאָר צוליב גאַט. ר׳ אברהם הערש אשכנזי האָט גלייך גענומען קוקן קרום אויף די אַלע דייטשן און געגאָלטע בערד, וואָס זיין מחותן האָט איינגעלאַדן. ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון זיין צד, ר׳ אברהם הערש, דעם אַלעקסאַנדערער

רבין אליין אויף דער חתונה פון זיין זון, און ער האָט זיך גע-שעמט מיט די געסט, די גאַלעבראָדניקעס.

מיטן רבין האָבן זיך אריינגעריסן אין זאַל הונדערטער חסידים, נישט-געבעטענע, אָרעמע, אין צעריסענע שטיוול, אין צעשיטענע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס. מיט א טומל, א געשריי, האָבן זיי זיך גע-וואָרפן צו די טישן, און איידער די חשובע, אויסגעפּראַקעוועטע, צירלעך-מאַנירלעכע פאַבריקאַנטן און באַנקירן האָבן באוויזן זיך אומצוקוקן, זענען זיי שוין געווען אריינגעקוועטשט צווישן די חסידים, וואָס האָבן געוואָלדעוועט און געזונגען גאָר ביז הייזעריק ווערן.

ר׳ חיים אַלטער האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ.

— מחותן, — האָט ער געוויינט, — איר קוילעט מיך אָן א מעסער. איר פאַרטרייבט מיר אַלע געסט, די שענסטע לאָדזשער באַלעבאַטים, די סמעטענע.

— כ׳דאַרף נישט קיין גאַלעבראָדניקעס, — האָט ר׳ אברהם הערש געענטפערט מיט כעס, — זאָלן זיי גיין צו אַלדע שוואַרץ יאָר!

באַלד דערנאָך האָט זיך ר׳ אברהם הערש גענומען צו דער ווייבערישער סאַלע. מען איז אים געקומען זאָגן, אז דאָרט טאַנצן קאַוואַלערן מיט מיידלעך. ר׳ אברהם הערש האָט אראָפּגענומען דאָס שטריימל פון דער יאַרמולקע, ער איז אריין אין זאַל און גע-נומען טרייבן די טאַנצנדיקע.

— ארויס, חצופות און גויים, — האָט ער געמאַכט קולות, — דאָ איז נישט קיין דייטשע חתונה!

די מחותנתטעס האָבן געחלשט, די כלה האָט ספּאַזמירט, ווייבער האָבן געקוויטשעט, מיידלעך האָבן געלאַכט. פּריווע, די מחותנתטע, האָט פאַרשטעלט די געסט מיט די אויסגעבריליאַנטע-וועטע הענט, נאָר ר׳ אברהם הערש האָט נישט נאָכגעגעבן, א גרויסער, א צאָרנדיקער, מיט א צעלאָזענער באָרד, מיט אויגן, וואָס שפּריצן פייער, האָט ער געטריבן אַלעמען מיטן שטריימל.

— דרך ארץ פאַרן אַלעקסאַנדערער רבין! — האָט ער גע-דונערט. — אָפּשיי פאַר אן עדה אידן!

די צעיאַכמערטע אידן האָבן געלאָשן די לאָמפּן, געגאָסן שע-פּערם וואַסער אויף די געוואַקסענע דילן, כדי מען זאָל נישט קאָנען טאַנצן אויף זיי. די אידענעס אין די טשיפּקעס האָבן געפּאַטשט מיט די הענט:

— גוט אַזוי, רעכט אַזוי...

פאַר שמחה האָבן די חסידים געגליטשט זיך אויף דער פּאָד-לאָגע, זיי האָבן דעם אויסגעפּוצטן זאַל צעטראָגן.

ביי דער חופּה האָט זיך שמחה מאיר געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, כדי ער זאָל אויסזען העכער פאַר דער כלה. כאָטש ער האָט אָנגעזאָגט דעם שוסטער, ער זאָל אים מאַכן הויכע קנאַפּל אין די שטיוול, איז ער נאָך אַלץ געווען נידעריק נעבן דער הויכגעוויקסיקער כלה זיינער. דאָס קליינגעוויקסיקייט האָט אים שטאַרק געערגערט, מיט געוואַלט האָט ער זיך געריסן צו זיין הויך. יעקב בונם האָט עס געזען און ער האָט זיך אוועקגעשטעלט נעבן אים מיט אַ פאַררייסענעם קאָפּ, אין דער גאַנצער צעוואַקסנקייט. פאַר כעס האָט שמחה מאיר דער ערשטער אָנגעטרעטן דער כלה זיינער אויפן אַטלאַסענעם שיכל, נאָך איידער זי וועט עס טאָן, כדי ער זאָל זיין דער הערשער אין שטוב.

און אַז שפּעט ביינאַכט האָבן צוויי אַלטע אידן גענומען אים אונטער די הענט צום יחוד-שטיבל און אים אַנטפּלעקט די סודות פון אַ מאַן, האָט שמחה מאיר פאַרדעקט זיך אינגאַנצן ס׳פּנים מיטן נאָז-טיכל. ער האָט געמוזט גוט פאַרשטעלן דאָס געלעכטער, וואָס האָט אים געשטיקט איבער די צוויי נאַרישע אידן, וואָס לער-נען אים אַזוי ערנסט.

צומאָרגנס זענען ביידע שוואָגערס זיינע, צוזאַמען מיט די איבעריקע חברים פון ר׳ נאָסקען און שילם בעקער, געקומען צע-היצטע, כדי צו הערן פון שמחה מאירן סודות פון דער נאַכט, אַזוי ווי זיי האָבן זיך געהאַט אָפּגערעדט פאַר דער חתונה. אָבער שמחה מאיר האָט אפילו מיט זיי נישט געוואָלט רעדן. ווי אַלע שאַרפע חסידישע יונגעלייט, האָט ער שוין געקוקט אויף בחורים פון אויבן אַראָפּ, מיט ביטול.

— כ׳רעד נישט מיט קיין אינגלעך, — האָט ער זיי אָפּגע-שייגעצט, פאררוקנדיק זיך דאָס שטריימל אויף א זייט, מעשה קאָזאק.

קאַפּיטל צוועלף

די איינציקע אין דער גרויסער שמחה, וואָס איז געווען טרוי-עריק און איינזאַם, איז געווען דינהלע, די כלה.

א פארחלומטע, א פאַרטאָענע אין די ביכלעך פון די דייטשע ראָמאַנטיקער, וואו העלדן שפרינגען אין די לייבן-גרובן, אבי צו דערלאַנגען די אראָפּגעלאָזענע הענטשקע דער געליבטער, וואו אומ-גליקלעכע פארליבטע שיסן זיך, טולענדיק ווייסע רויזן צו דער ברוסט און קושנדיק דעם בלאָנדן לאָק פון זייערע הארץ-דאַמען, האָט זי זיך געפילט זייער עלנד, פרעמד און פארבלאָנדזשעט צווישן די הונדערטער חסידים, מחותנים, מחותנתטעס, ווייבער און אָנגעפּאָרענע געסט. אין דעם גאַנצן טומל און געפילדער צו-ליב דער כלה און איר שמחה, האָט מען פארגעסן די כלה אליין. אידן האָבן געזונגען, געטאַנצט, געוואונטשן דעם פאָטער גליק. ווייבער האָבן געשמייעט, געקושט זיך, פון דער הויט געשפּרונגען פאַר שמחה, געוואונטשן זיך צו דערלעבן ביי אייגענע טעכטער אזא גליק און מזל. דינהלע האָט עס נישט פארשטאַנען.

— אזא שידוך! — האָט מען זיי מקנא געווען. — אזא עלוי-שער קאָפּ, א גאון וואַקסט ער.

דינהלע האָט עס נישט געפילט, נישט געקאָנט זיך דערויף, נישט געזען דאָס גליק אירס אין דעם יונגנמאַנטשיקל מיט די פּלוטעוואַטע אויגן, מיט וועלכן זי האָט נאָך קיין דריי ווערטער נישט אויסגערעדט און נישט געהאט פון וואָס צו רעדן. זי האָט זיך אויף זיין לומדות נישט אויסגעקענט, נישט געהאט קיין ברעקל זין דערפאר. ווי יעדער אידישער טאָכטער, האָט מען איר קיין תורה נישט געלערנט. בלויז עברי האָט זי א מלמדכע אויסגעלערנט קוים זאָגן. איר גאַנץ אידישקייט איז געווען דער מודה-אני, וואָס זי האָט

געדאַרפט זאָגן יעדן פרימאָרגן, דאָס קריאַת-שמע-לייענען פאַרן שלאָף און א ברכה מאַכן פאַרן עסן. זי האָט די ווערטער, די שלעכט-אויסגעלערנטע און פרעמדע, נישט צעקייט. זיי זענען איר אויסגעקומען ווילד און קאָמיש. אזוי, אז יעדעס מאָל האָט זיך איר אויפסניי געגלוסט לאַכן פון זיי, ווען הדס די דינסט האָט אינדערפרי, אַרויפציענדיק איר די זעקלעך אויף די פיס, געזאָגט מיט איר דעם מודה-אני. פונקט אזוי האָבן זיך די ווערטער נישט געקלעפּט, ווען הדס האָט פאַרן שלאָפן, אויסטוענדיק איר די קליידעלעך, געדרעפּ-טשעט מיט איר די פרעמדע, פאַרשלאָפענע, געגעצנדיקע רייד פון דעם קריאַת-שמע-לייענען.

— שיך און זאָקן, — האָט זי געזאָגט, אָנשטאָט הדסעס „שהחזרת".

נאָך מער האָט איר געגלוסט לאַכן, ווען די שלעפּערדיקע הדס האָט געצויגן דעם האַלז ביים אחד פון שמע-ישראל, פונקט ווי א הון ביים טרינקען וואסער.

— א—ח—דדד! — האָט דינהלע נאָכגעשפעט און פאַר-נאַנגען זיך אין לאַכן.

הדס האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ.

— דינהלע, וועסט קריגן ביי דער נאַכט טויטע קניפּן פאַר לאַכן פון קריאַת-שמע — מען טאָר נישט, ס'איז אן עבירה.

זי האָט מורא געקריגן, אָבער לאַכן האָט זיך איר פאָרט גע-גלוסט.

פונקט אזוי קאָמיש און אומזיניק זענען געווען פאַר איר דעם פאָטערס תורה, וואָס ער האָט זי געלערנט.

קיין זאַכן, וואָס זאָלן איר נוצן, האָט ער איר נישט געלערנט. נישט ער האָט איר געקאָנט אַרויסהעלפן ביי א קינדערישן חשבון, וואָס זי האָט געדאַרפט מאַכן פאַר דער לעקציע, נישט ער האָט איר געקאָנט אָנשרייבן ווי געהעריק א בריוועלע אין שולע, ווען זי איז פאַרשלאָפן און מען האָט געדאַרפט שרייבן א ליגן, אז זי פילט זיך נישט גוט. די גאַנצע לערע זיינע איז געווען, צו דערמאָנען בסדר און מאַכן ברכות, אין מונטערן צו אידישקייט און אין מאַכן שווער ס'געמיט.

— דינהלע, האסט פארגעסן מאכן א ברכה. דינהלע, מען טאר זיך נישט קעמען די האר אום שבת! דינהלע, עס נישט קיין מילכיקע שאקאלאד, ס׳איז נאך נישטא קיין זעקס שעה נאכן פליישיקן עסן! דינהלע, טרינק נישט אן א שהכל!...

זי האט אים ליב געהאט, דעם טאטן אירן. ער איז געווען זייער גוט צו איר, געברענגט איר מתנות. אבער ר׳איז אויך געווען פרעמד, סיי מיט זיינע שטענדיקע „מ׳טאר נישטס", סיי מיט זיין ברייטן זינגען ביי די זמירות, צוזאמען מיט די ברידער אירע, אז דער גאנצער הויף ציטערט פון די קולות, סיי פון זיינע חסידישע סעודה־לעך, וואס ער האלט אין איין פראווען אין שטוב און די חסידים מיט זייערע געוואלטן פארטויבן, אזוי, אז מען קאן נישט איינזיצן מיטן ביכל אין האנט אפילו אין לעצטן צימערל.

מער ווי דער פאטער זענען איר געווען דערווידער די חסידים זיינע, וואס זענען תמיד פול געווען אין שטוב. אויך די מוטער, די אויסגעפיעשטשעטע, די אויסגעפוצטע, האט זיי נישט געקאנט פארטראגן. זיי האבן איר מיט די בלאטיקע שטיוול א תל געמאכט פון די געוועקסענע פארלאגעס, אנגעשפיגן אויף דער ערד.

— די חסידארניע איז שוין אנגעקומען, — האט זי געזאגט מיט חוזק.

אבער זי איז שוין געווען געוואוינט דערצו און עס איבער־געטראגן מיט דערזעלבער רואיקייט, ווי ווייבער טראגן איבער א סך מענערישע אויסטערלישקייטן. זי האט זיי פארשטאפט די מיי־לער מיט א בארשט.

— הדס, — האט זי גערופן די דינסט, — מאך א קנאבל־בארשט פאר די חסידים. איך גיי אוועק, כ׳קאן נישט הערן זייערע געוואלטן.

און זי איז אוועק איבער די געוועלבער קויפן מציאות.

אנדערש ווי די מוטער האט געקוקט אויף דעם פאטערס געסט די קליינע דינהלע. זי האט זיך געמיאוסט פון די אידן אין די צעשיטע אטלעסענע קאפאטעס, מיט די פארקאלטנטע בערד און פיאות, די שפרינגענדיקע און קאכעדיקע, וואס אומעטום זע־נען זיי דא, אומעטום קריכן זיי ארײַן, קלאפן נישט אן, שטעקן

אריין די קעפּ און זינגען ווילד האָפּקעס און זמרלעך. עס האָט איר געעקלט פון זייערע בלאָטיקע שטיוול, פון זייער וואַשן זיך כסדר די הענט צו די אשר־יצרס, וואָס זיי האַלטן אין איין זאָגן, פון זייער קאָמישן גאַנג, צעקראָכנקייט און שלימזלדיקייט און לויפן אויף די גלייכע ווענט. זי האָט זיך געמיאוסט פון זיי, אָפּגערוקט זיך, ווען זיי זענען פאַרביינגעגאַנגען, ווי פון מצורעים, עס זאָל זיך עפּעס נישט צוקלעפּן.

נאָך מער האָט זי זיך געמיאוסט פון די שיינע אידן און אורחים. זיי האָבן כסדר געפּאָדערט בראָנפן, לעקעך, פאַרבייסנס, גערעדט האָבן זיי ברייט, דערציילט אויסטערלישע מעשיות, גע־שנייצט די נעזער, געריסן אלע וויילע חלה מיט די הענט, וואָס כאָטש זיי האַלטן זיי אין איין וואַשן, זענען זיי שמוציק און פאַר־טאַבעקט. דערצו נאָך האָבן זיי איר גערעדט שידוכים, טאַקע אין איר קעגנוואַרט. זי איז אנטלאָפן פון טיש אינמיטן עסן א רויטע און פאַרשעמטע.

נישט בעסער האָבן אויסגעזען די רבנים און רבים, וואָס פלעגן קומען צו זיי פון צייט צו צייט.

דער פאָטער פלעגט די רבים אוועקזעצן פון אויבן־אָן, באַ־דינט זיי, ווי א אינגל, געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער. די מוטער פלעגט ער גאָר אין שטוב נישט לאָזן, זי זאָל, חלילה, נישט ווייזן זיך פאַרן רבין. די שטוב איז געווען הפקר, חסידים, בחורים, אָרעמעלייט זענען אריין, אַרויס, געלייגט זיך מיט די שטיוול אין די בעטן, געטאַנצט, געדאַוונט, געררודערט, געוואַלטעוועט. דער פאָטער פלעגט דינהלען ארייַנפירן צום רבין און זי לאָזן בענטשן.

— טאָכטער, — האָט ער איר געזאָגט מיט מורא, — גיי אריין מיט דרך־ארץ, דער רבי איז א געטלעכער מאַן.

זי איז נישט געווען אומגלויביק. פאַרקערט, זי האָט מורא גע־האַט פאַר גאָט, וואָס זיצט אין הימל און פאַרשרייבט אין א גרויסן פייערדיקן בוך יעדעס מאָל, וואָס זי עסט מילכיקן שאָקאָלאַד נאָך פליישיקס, אויך ווען זי קעמט זיך די האָר אין שבת. פּונקט אַזוי האָט זי מורא געהאַט פאַר די צדיקים זיינע, אָבער די מורא פאַר זיי איז געווען, ווי מען האָט מורא פאַר מכשפים, וואָס קאָנען

שלעכטס טאָן, שטראָפן. קיין אָפּשיי פאר זיי האָט זי נישט געהאט. זי האָט זיך פון זיי געמיאוסט, אָפּגעקערט זיך אין א זייט.

די שטוב איז געווען ביי איר אן אָפּקומעניש. אויפגעלעבט האָט זי אין דער פּענסיע. א גויאישע איז זי געווען, די פּענסיע, א צירלעך-מאַנירלעכע, וואו מען האָט מער פון אַלץ געלערנט עטיקעטע, שיינע מאַניערן, טאַנצן, דעקלאַמירן און פּריצישע קניקסן. די פראנצויזישע לערער זענען געווען עלעגאַנט און העפלעך. פּונקט אַזוי עלעגאַנט און העפלעך זענען געווען זייערע לערעס. מען האָט זיך נישט איבערגעלערנט אין דער פּענסיע. מען האָט מער אַכטונג געגעבן אויף גוטער אויפפירונג ווי אויף מאַטעמאַטיק. דער עיקר איז געווען די דערציאונג. זי האָט מזל געהאט אין דער פּענסיע. כאָטש א אידישע, האָבן זי די לערער, און אפילו די לערערינס, שטארק ליב געהאט.

— דיאַנאַ, — האָבן זיי איר געפּראַוועט קאָמפּלימענטן, — האָסט גאָרנישט קיין סעמיטישן אויסזען. העל און בלוי-אויגיק, ווי אַן אמתע קריסטין.

אויך די שיקסעס האָבן זי ליב געהאט. זי איז געווען א שטילע, א צאַרטע, מיט קיינעם זיך נישט אַרומגעריסן, צו אַלעם געווען גוט, און מיידלעך האָבן צו איר געקלעפּט, איבערהויפּט די שטאַרקע און מענלעכע מיידלעך.

— דיאַנאַ, שמד זיך, — האָבן זיי איר צוגערעדט, — אַזוי שיין ביזטו, אז א גראַף וועט דיך נעמען.

ניין, זי האָט פון אַזעלכע זאַכן נישט געטראַכט. זי האָט מורא געהאט פאר גאָט, פאר דעם אידישן גאָט, וואָס זי האָט אים יעדן אינדערפרי און פארן שלאָפן אומזיניקע, אומפאַרשטענדלעכע לשון-קודשדיקע ווערטער אָנגעזאָגט. אָבער, אז די חברטע האָט זי מיטגענומען אין קירכע אַריין, איז זי געגאַנגען. זי איז גע-שטאַנען אין דער טונקלקייט פון דער פייערלעכער קירכע, זי האָט געקוקט מיט גרויסע אויגן אויף די פאַרביקע וויטראַזשן פון די לאַנגע גאָטישע פענסטער, אויף די שניצערייען און פיגורן. זי האָט געהערט די פייערלעכע קלאַנגען פון די אָרגלען, געזען די פיל ליכט און פענער, די גלחישע קליידער און צערעמאָניעס, דאָס

קניען פון די מענטשן, דאָס בעטן, און איר האָבן זיך טרערן גע־שטעלט אין די בלויע אויגן פון פייערלעכקייט און געהויבנקייט.

ניין, דאָס איז גאָרנישט געווען ענלעך צו דעם טאַטנס חסידים־שטיבל, וואו עס איז געווען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, אָנגע־וואָרפן, אָנגעמיסטיקט, און די אידן זענען ארומגעלאָפן ארויף און אראָפּ, געשאָקלט זיך, געשריגן, האָפּקעס געזונגען און געשפּיגן אויף דער ערד. זי איז דאָרט זעלטן געקומען. ווייבער טאָרן אין קיין מקום־קדוש נישט אריינקומען. אָבער איינמאָל אין יאָר, אין שמחת־תורה, האָט זי דער פאָטער מיטגענומען. אויך ראש־השנה צו שופר־בלאָזן האָט זי די מוטער גענומען אין דער ווייבער־שול. זי האָט פאר די ספר־תורהס, וואָס די אידן טראָגן, מורא געהאט, געשראָקן זיך פאר זיי, פּונקט ווי זי האָט געציטערט פאר דעם שופר און פאר די יום־כפּורדיקע ליכט, אָבער צוזאמען דערמיט איז עס געווען פרעמד, קאָמיש, אָפּשטויסנדיק, אזוי, אז זי איז אנטלאָפן דערפון, מורא געהאט, עס זאָל זיך צו איר נישט צו־קלעפּן.

פרעמד איז איר געווען אַלץ אין שטוב: דער פאָטער, זיינע געסט, די אייגענע ברידער, די צעוואקסענע און די פּרא־אדמס, וואָס האבן געקוקט אויף דער שוועסטער זייערער ווי אויף אַן אי־בעריקע, אומווירדיקע זאַך און געריסן זי ביי די צעפּ. זי האָט זיך געשעמט פאר די חברטעס מיט דער שטוב, מיט טאַטע־מאַמע, מיט דער אידישער גאַס, מיט די ברידער. טאָמער פלעגט זי אַמאָל באַגעגענען אימיצן פון די ברידער אויף דער גאַס, האָט זי גיך זיך אָוועקגעדרייט, ס׳פּנים האָט איר געפלאַמט, זיי זאָלן נישט אַמאָל צוגיין צו איר. זי האָט מקנא געווען די חברטעס אירע, די שיקסעס, אָדער די אידישע, וואָס קומען פון אויפגעקלערטע הייזער, מקנא געווען, זיי דערפאר, וואָס זיי דארפן זיך נישט שעמען מיט זייערע שטובן, מיט זייערע עלטערן, ברידער. יעדעס מאָל, וואָס אַ חברטע איז אַמאָל געקומען צו איר אין שטוב אריין, האָט זי געפלאַמט פאר בושה. זי האָט זיך געשעמט מיט דעם פאָטערס לאַנגע, חסידישע מלבושים, מיט דעם שלעכטן, גרייזיקן פּויליש זיינעם, מיטן גאַנצן אויסזען זיינעם.

ווי אלע מיידלעך אין די יאָרן פון דער ערשטער רייפקייט, האָט זי געלעבט אין א שטענדיקער אויפגעהייטערטקייט, פאַרטאָן געווען אין אויספאַנטאַזירטע וועלטן. אלע טאָג האָט זי זיך אין אימיצן אַנדערש פאַרליבט, דאָ אין לערער פון פראַנצויזיש, דאָ אין פיאַניסט, וואָס האָט זי געלערנט שפּילן קלאַוויר, און מער פון אַלץ האָט זי זיך געליבט אין די חברטעס אַליין, פּונקט ווי זיי האָבן זיך אין איר געליבט. כסדר האָבן זיי זיך גענומען פאַר די הענט, געקושט זיך, געצערטלט זיך, סודות זיך איינגערוימט, גע־לאַכט און געוויינט.

ווען זי איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר און מען האָט זי געמאַכט פאַר א כלה מיט דעם חסידישן בחורל, וואָס האָט נאָך דערצו געהאַט אַזאַ קאָמישן נאָמען — שמחה מאיר — האָט זי גע־וויינט, געשעמט זיך, געווען אומגליקלעך. ער האָט שוין גאָרנישט נישט אויסגעזען, אָט דער קליינגעוויקסיקער, פלוטעוואַטער בחורל, ווי די ריטער פון די ביכלעך. אָבער א שטילע, א זאַנפטע, האָט זי נישט געקאָנט זיך קעגנשטעלן די עלטערן, די אַלע מומעס, קרובות, וואָס האָבן זיך אויף איר אָנגעלייגט, געבעטן, גערעדט, באַשיט מיט קושן און מתנות. זי האָט די תנאים אונטערגעשריבן.

פאַר די עטלעכע יאָר, וואָס עס האָט געדויערט די פאַר־קנאַסונג, האָט זי וועגן דעם, וואָס דאַרף קומען, נישט געטראַכט, נישט געוואָלט טראַכטן. זי איז ווייטער געגאַנגען אין דער פּענ־סיע, געלעבט איר אָפּגעזונדערט און ווייט לעבן. מיט דעם חתן אירן האָט זי קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. נישט ער איז גע־קומען צו זיי אין שטוב, נישט זי איז געגאַנגען צו אים אין שטוב. בלויז אויף חול-המועד איז דער חתן געוואָרן איינגעלאַדן צו זיי אין הויז. זי איז געזעסן דאַן ביי איין טיש, ווי די מוטער האָט געהייסן, צוגעטראָגן עסן דעם פרעמדן בחור, און קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. דעם צווייטן חול-המועד איז זי איינגעלאַדן געוואָרן צו דעם חתנס עלטערן. אין דער פרעמדער, קאַלטער שטוב איז געווען גאָר שלעכט. די מחותנתטע, א אידענע אין א קאָפּקע אויפן קאָפּ, האָט גערעדט וועגן פרומקייט, א סך מכבד געווען, שיער נישט דערשטיקט צו ווערן. דער מחותן האָט געקוקט שטרענג, אַזוי אַז

פון זיין בליק איז מען פארציטערט געוואָרן. ווי פון א גיהנום פלעגט זי אנטלויפן פון דער קאַלטער שטוב. אפילו די מתנות, וואָס זי האָט יעדעס מאָל געקריגן, זענען איר געווען דערווידער.

מער ווי פריער, האָט זי געלעבט איר איינן לעבן. וועגן דער חתונה נישט געטראכט, ווי מען וויל נישט טראכטן וועגן טויט, וואָס מוז קומען. פונקט ווי דער פאָטער אירער, וואָס האָט פיינט חשבונען און טראכטן, וואָס שפּעטער וועט זיין, האָט זי אויך נישט געוואָלט קלערן וועגן דעם, וואָס דאַרף קומען. געקומען איז עס פּלוצלונג, ווי א שטיין, וואָס פאלט אין קאָפּ אומגעריכט. און זי איז געווען צעטומלט, דערשראָקן, עלנד און איינזאַם, שרעק-לעך איינזאַם אין די טעג פון איר שמחה.

איר זענען געווען פרעמד די אָנגעבעטענע געסט, די אַלערליי סוחרים און חסידים, וואָס האָבן געטאַנצט, געשפּרונגען צוליב איר חתונה, איר איז געווען דערווידער דער גאַנצער טומל און גע-רודער. זי האָט געפלאַמט פון חרפּה צוליב די ווייבערשע דינים, וואָס מען האָט מיט איר געלערנט. זי האָט געמיאוסט זיך פון דער מקוה, פון די טוקערינס, וואָס האָבן זיך ארום איר געדרייט, גע-רעדט, געבענטשט און געקלעפּט. זי האָט זיך געשעמט פאר די גויאישע חברטעס מיט די אידישע דינים און צערעמאָניעס אויף דער חתונה, פאר דעם מחותן, וואָס האָט די געסט אין מיטן טאַנצן צעיאָגט. אבער מער פון אַלץ האָט זי געשראָקן די ערשטע באַגעגעניש מיט איר באַשערטן. ער איז איר געווען פרעמד, זי האָט גאָר קיין געפיל פון ליבשאַפט נישט געהאַט צו אים, ווייט געווען פון אים, ווי פון די אַלע איבעריקע אידן אין די אַטלעסענע קאַפּאָטעס און שטריימלעך, וואָס האָבן זיך געפרייט אויף איר שמחה. זי האָט מיט אים קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט, ווען זיי זענען געבליבן אליין ביים עסן די גילדענע יויך. שמחה מאיר האָט צו איר גערעדט:

— ווי איז דיר צוגעגאַנגען דער תענית? — האָט ער זי געפרעגט, כדי זי אריינצוציען אין א שמועס.

אָבער זי האָט געשוויגן, נישט געהאַט וואָס צו רעדן מיט דעם יונגנמאַן אין דעם גרויסן צו-לויזן שטריימל אויפן קאָפּ. ווען

די ווייבער האָבן זי אריינגעפירט אין חדר-מיוחד, אָנגערעדט איר א סך רייד, פון וואָס זי האָט זיך באַגאָסן מיט רויטקייט, און איבערגעלאָזט זי דערנאָך אליין, כדי צו לאָזן די מענער אריינפירן דעם חתן צו איר, איז זי געווען דערשראָקן. זי האָט זיך אין א ווינקל בעט צוגעשאַרט, ווי זי וואָלט זיך אויסהיטן פון אן אָנפאַל. זי האָט אינגאַנצן געציטערט.

— ניין, — האָט זי געבעטן ביים פרעמדן מענטש, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו איר, — ניין.

אָבער דער פרעמדער מענטש האָט אירע ווערטער נישט געהערט. ער האָט אפילו זי נישט געפּרואווט איינגעמען, באַרואיקן, רעדן צו איר, דערנענטערן זי. ער האָט פון אַזעלכע זאַכן נישט געוואוסט, שמחה מאיר. געוואוינט, ווי אַלע חסידים, צו קוקן אויף ווייבער פון אויבן אראָפּ, ווי אויף באַשעפענישן, וואָס זענען נישט מער באַשאַפן געוואָרן ווי צו זיין ווייבער פאַר א מאַן, וואָס א חוץ דעם איז נישטאָ קיין שום זאַך וועגן וואָס מען זאָל קאָנען מיט זיי רעדן, ווייל נישט זיי פאַרשטייען אין תורה, נישט אין מסחר, האָט ער גאָרנישט געהאַט וואָס צו רעדן מיט איר, מיט אָט דער באַשערטער זיינער. ער איז געווען טויב צו אירע בקשות.

— דינהלע, וואָס איז מיט דיר ? — האָט ער נישט פאַרשטאַנען. — וואָס מאכסטו דיך נאַריש ?

אז אירע ווערטער האָבן קיין פּעולה נישט געהאַט, האָט דינהלע גענומען וויינען, טרייבן אים פון זיך, שטויסן מיט די הענט. דאָס האָט שמחה מאירן נאָר צערייצט. ער האָט פיינט גע-האַט צו שענקען זיינס, מוחל צו זיין דערויף, וואָס אים קומט. איבעריקנס, האָט אים נישט געפּאַסט. א שיין פּנים וועט ער האָבן צומאָרגנס, ווען די אידן וועלן אים לאכן אין פּנים אריין און די ווייבער וועלן אויף אים טייטלען מיט די פינגער. און ער איז געווען בלינד און טויב צו דינהלעס בקשות און טרערן. ער האָט גענומען מיט געוואַלט, וואָס עס קומט א מאַן.

זי האָט מורא געקריגן פאַר אים, אָבער קיין ליבע צו אים נישט דערפילט. פאַרקערט, זי האָט אים געהאַסט. ער איז געווען גראָב, ברוטאַל. די מוטער אירע האָט געלאַכט, ווען די טאָכטער

האָט זי באַגעגענט אינדערפרי מיט אַ געוויין.

— נאַרעלע, — האָט זי איר אויסגעלאַכט, גלעטנדיק מאַמיש די בעקלעך, — ביזט אַ קינד, וועסט אים ליב האָבן. וועסט זען. איך בין אויך אַזוי געווען.

אָבער זי האָט אים נישט ליב געקריגן, ווי די מוטער האָט פאַראויסגעזען. ניין, נישט דאָס איז דאָס געווען די ליבע, וועגן וועלכער זי האָט אַזויפיל געטרוימט פון ערשטן טאָג אָן, וואָס די חברטעס אירע פון דער פּענסיע האָבן איר דעם סוד פון ליבע דערציילט, וועגן וואָס זי האָט אַזויפיל אין די ראָמאַנטישע ביכלעך געלייענט, פאַר וועלכע מענטשן שפּרינגען אין די לייבן-גרובן און שיסן זיך, קושנדיק דעם לאָק פון דער געליבטער. דאָס איז געווען גראָב, געמיין, וואָס האָט בלויז ווייטאָג און בושה געבראַכט. און זי איז געווען טרויעריק און אומגליקלעך אין די טעג, ווען אַלע האָבן געטאַנצט און געפרייט זיך צוליב איר שמחה.

זי איז געווען אַזוי פאַרלוירן, אַז זי האָט זיך אפילו נישט קעגנגעשטעלט, ווען די שוויגער אירע אין אַטלעסענעם טשיפּעק איז געקומען מיט דער טוקערין איר אָפּשערן די שיינע, לאַנגע, ברוינע האָר פון קאָפּ. זי האָט געפילט, אַז זי האָט שוין סיי ווי סיי גאָרנישט איצט צו פאַרלירן. גראָד די מוטער אירע האָט זיך איינ-געשטעלט פאַר איר.

די שוויגער, אַ אידענע אַ פרומע, מיט אַ געגאָלטן קאָפּ, האָט שטאַרק חשק געהאַט אויך איר שנור אָפּצושערן דין דעם קאָפּ. פון גאָלן האָט זי מורא געהאַט צו רעדן אין דער פריצישער שטוב, אָבער שערן האָט זי געוואָלט וואָס דינער, עס זאָל קיין איין לע-קעלע נישט אַרויסקריכן דעם ווייבל פון שייטל אַרויס. אָבער פריווע האָט נישט געלאָזט.

— מחותנתטע, איך וועל עס שוין מאַכן, פאַרלאָזט זיך אויף מיר.

זי האָט בלויז געהייסן אָפּשניידן דער טאָכטער די לאַנגע צעפּ און די איבעריקע האָר געלאָזט. די שוויגער האָט פאַרבראָכן מיט די הענט.

— מחותנתטע קרוין, אַזעלכעס איז צווישן אידן נישט גע-

הערט געוואָרן, די גאַנצע האָר האָט איר דאָך דעם ווייבל איבער-געלאָזט. איך וועל עס נישט דערלאָזן, איר דאַרפט וויסן, אַז איך בין דעם אָזערקאָווער דיינס א טאָכטער...

— מחותנתטע, און איך בין ר׳ אנשל וואַרשעווערס טאָכ-טער, — האָט איר פריווע גלייך דערציילט איר יחוס מיט אזא גדלות, אַז די אידענע אין אַטלאַסענעם טשיפּעק איז אַנטשוויגן געוואָרן.

זייער קונציק, מיט א פלינקקייט אין די ווייבערישע פינגער, וואָס קענען זיך אויס אין פלעכטן און אין קרויזן האָר, האָט פריווע שוין פאַרקעמט דער טאָכטער דעם קאָפּ, זי האָט אויף די האָר ארויפגעזעצט א קליין שייטעלע, א העלם און אַנגעקאַרבירטס, ענלעך צו איר איינגס. מיט גרוים בריהשאַפט האָט זי ארויסגע-קריגן דער טאָכטערס אייגענע האָר פון פאָרנט איבערן שטערן און ביי די אויערן און קאַרק. זי האָט עס אַזוי אָפּגעאַרבעט, אַז עס איז שווער געווען צו דערגיין, וואו עס זענען די אייגענע האָר און וואו דאָס שייטל.

— דינהלע, — האָט זי גערופן די טאָכטער צום גרויסן שפּיגל, — קוק דיך אָן און זע, צי מען דערקענט אַזוי גרויס. אָסור, אויב מען וועט דיך נישט האַלטן פאַר קיין פריילין מיט דער פריזור — ס׳שמעקט אַראָפּ פון דיר...

— איידער אזא שייטל, איז שוין גלייכער אין די אייגענע האָר, — האָט די שוויגער געזיפצט. — נאַרט מען כאָטש קיין מענטשן נישט אָפּ... שיין נחת האָב איך דערלעבט, דעם אָזערקאָ-ווער רבס טאָכטער.

די ווייבער האָבן זיך געשטאָכן, געשפּיזט. ביי ר׳ אברהם הערשס ווייב האָט זיך דער אַטלעסענער הויכער טשיפּעק געשאָקלט און געציטערט ווי אַלע אָנגעקאַרבירטע לעקעלעך פון פריוועס שייטל. אבער דינהלע אַליין האָט זיך נישט אריינגעמישט, גלייך נישט די גאַנצע מלחמה וואָלט געגאַנגען איבער איר. און אפילו אַז די מוטער האָט איר איבערגעגעבן ביידע גרויסע צעפּ צו באַ-האַלטן פאַר א זכר פון די מיידלשע יאָרן, האָט זי זיי גענומען נאָכלעסיק און אָן ווילן.

פונקט אזוי גלייכגילטיק האָט זי אויסגעהערט דעם נייעם פּאַק דינים, וואָס די שווינגער האָט איר געגומען אריינרעדן גיך און היים. פּריווע האָט זיך ווידער אויפגעקאָכט, וואָס די מחותנתטע אין טשיפּעק מישט זיך איר אריין. זי האָט געוואוסט, אַז אַזעלכע זאַכן געהערן צו איר, דער מוטער, און זי האָט עס געלאָזט וויסן דער אידענע אין טשיפּעק.

— מחותנתטע קרוין, — האָט זי איר געזאָגט, שנורעוועני-דיק דאָס פּיסקל, — איך וויים אויך, דאַנקען גאָט, ווענן אידיש-קייט, כאָטש איך טראָג נישט קיין אַטלעסענע קאַפּקע. איר קאָנט זיך פאַרלאָזן...

און זי האָט אוועקגעפירט די טאָכטער ביי דער האַנט מיט אַ קעניגלעכן זשעסט.

פונקט ווי צו שמחה מאירן, זענען אויך צו דינהלען אירע גאַר נאָנטע חברטעס געקומען, כדי פאַרפלאַמטע צו הערן וועגן דעם גרויסן סוד פון ליבע. אבער דינהלע האָט קיין וואָרט נישט געוואָלט רעדן. זי איז בלויז די מיידלעך אויף די העלזער געפאַלן און געוויינט.

— איר זאָלט קיינמאָל נישט חתונה האָבן אָן ליבע, — האָט זי זיי געוואָרנט, — קיינמאָל נישט.

זי האָט אויף קיין מאַן נישט געקאָנט קוקן, אפילו אויף דעם אייגענעם טאַטן און ברידער. נאָך מער ווי מיידלוויז, האָט זי ליב געקריגן די חברטעס, געהאַלטן, אַז נאָר צו זיי קאָן מען פילן אָן אמתע ליבשאַפט. נאָך מער האָט זי זיך פאַרטאָן אין די ביכלעך, אין די ראָמאַנען, וואו אַלץ איז אַזוי אַנדערש, אַזוי אידי-ליש, שיין און דערהאָבן.

שמחה מאיר האָט פּרובירט צו ווערן היימיש מיט איר, רעדן, אָבער זי האָט אים אויסגעמיטן, נישט געענטפערט, דעם קאָפּ נישט ארויסגענומען פון די ביכלעך. שמחה מאיר האָט זיך גע-פילט געטראָפן און ער האָט אַ ריס ארויסגענעבן דאָס ביכל פון איר האַנט און גענומען אריינקוקן דערין. מיט חסידישער גיכקייט האָט ער אַ לייען איבערגעגעבן אין דייטש עטלעכע שורות, וואָס האָבן דערציילט וועגן עפּעס אַן אַלפרעד און אַ הירצאָגאַלדאַ.

— וואָס איז עס? — האָט ער געפרעגט.

— אַ ראָמאַן, — האָט דינהלע געענטפערט.

— מעשיות, אויסגעטראַכטע זאַכן, — האָט שמחה מאיר גע-ברומט מיט ביטול און צוריקגעגעבן איר דאָס ביכל.

ער האָט נאָך פּרובירט עפּעס רעדן, נאָר זי איז געווען פאַר-טאָן אין לייענען, איז ער אַרויס אַ באַליידיקטער.

— אַזוי פאַרטאָן ביזטו אין דער תורה, אַז דו טאָרסט אַזש נישט אויסרעדן! — האָט ער געזאָגט מיט כעס און אָפּגעריבן זיך איין האַנט אין דער צווייטער, ווי ער וואָלט אָפּגעשאָקלט זיך פון אַ מיאוסער זאַך, וואָס ער האָט אין די הענט גענומען.

זי האָט זיך צעכליפּעט נאָך זיין אַרויסגיין פון שטוב. זי האָט געזען, אַז שוין קיינמאָל וועט נישט זיין קיין נאָענטקייט צווישן איר און דעם, מיט וועלכן זי דאַרף אָפּלעבן אַ וועלט. עס האָט איר ביים האַרץ פאַרקלעמט.

זי האָט געזוכט פאַר וועמען אויסצורעדן זיך דאָס האַרץ, אויסוויינען זיך, אָבער עס איז נישט געווען פאַר וועמען. די אַלע הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן געטאַנצט און געפרייט זיך צו-ליב איר, האָבן זי נישט אין זינען געהאַט. די מוטער איז געווען פאַרנומען מיט די שבע-ברכות, מיט די כסדרדיקע געסט, מחותנים, קרובים, וואָס זענען זיך אָנגעקומען פון גאַנץ פּוילן. זי האָט נישט אויפגעהערט אַרומלויפן מיט די שליסלען, קלינגען, צוגרייטן, אָנ-שטעלן פולע טישן, שטעלן זיך גרויס, אַזוי, אַז לאָדזש זאָל צע-פּלאַצט ווערן, נישט אויפהערן רעדן וועגן דעם. צום הונדערטסטן מאָל האָט זי אַרויסגענומען די כלה-קליידער, וואָס אַליין די מאַ-דעמואַזעל אַנטואַנעט האָט אויפגענייט, און גערימט זיך מיט זיי פאַר די ווייבער. זי האָט געוואָלט, אַז דער שם זייערער זאָל זיך צע-טראָגן אומעטום, איבער וואַרשע, איבער גאַנץ פּוילן. זאָלן מענטשן זען, ווי אַזוי מען מאַכט חתונה אַ טאָכטער ביי די אַלטערס! זי האָט דעריבער קיין צייט נישט געהאַט צו דינהלען, אויסצוהערן אירע קינדערשע עגמת-נפשן.

נאָך וויניקער האָט מען געקאָנט רעדן וועגן דעם מיטן פאָ-טער. איבעריקנס איז ער געווען פאַרנומען מיט זיינע זאַכן.

ער האָט איצט געהאַט אַ סך זאָרגן אויפן קאָפּ, געהאַט מיט זיך צו טאָן.

קאַפּיטל דרייצן

נאָך די שבע-ברכות, נאָך אַלע אויפרופעניש, שמחות, גרויסע סעודות, באַשיטעכצן, באַזינגעניש און פאַרבעטעכצן, האָט זיך די משפּחה אַלטער געפילט זייער מיד, פאַרמאַטערט, נערוועז און בייז. פון די הונדערטער ווינטשעניש, קושערייען, ברכות און האַנט-דריקעניש איז אויסגעוואַקסן ביי די מחותנים אַ געוואַלטיקער ווידערווילן צו מענטשן, אַ האַס אפילו. עס איז מיאוס געווען אַ מענטש אָנצוקוקן. מער פאַרביטערט, בייז און אויפגערעגט ביז גאָר, גאָרנישט ווי זיין טבע איז געווען, איז איצט געווען דער הויפּט-מחותן, ר׳ חיים אַלטער אַליין.

לאָדזש האָט טאַקע געקלונגען מיט דער ברייטער חתונה, וואָס ער האָט געמאַכט זיין טאָכטער. נישט נאָר לאָדזש אַליין, נאָר אויך אין די אַרומיקע שטעט האָט מען גערעדט דערפון, אפילו אין סאַמע וואַרשע. אָבער די חתונה, דער פאַרשווענדערישער אויסשטייער, די פילע מתנות, סעודות, מוזיקעס, צירונג און איבערהויפּט דער נדן אַליין, די מזומנע טויזנטער רובל, וואָס מען האָט געמוזט סיליקן פאַר דער חתונה, האָבן אַ גרויס לאָך געמאַכט אין ר׳ חיימס פינאַנסן, גאָר אַ גרויס. די געשעפטן זענען אויך שוואַך געגאַנגען, דער סעזאָן האָט זיך געוויזן אַ שוואַכער. מיט געלט איז געוואָרן שווער אין לאָדזש, די בענק האָבן אויפגעהערט געבן. און ר׳ חיים האָט זיך געפילט זייער דערדריקט אין די דאָזיקע טעג, דאָס גליק איז אים נישט באַקומען.

ביים דאַווענען, ווי אויף צו להכעיס ביי שמונה-עשרה, ווען אַרום איז זייער שטיל, זענען אים אַלע חשבונות פון דער פאַבריק געקומען אין קאָפּ אריין, זייער נישט קיין פריילעכע חשבונות.

ער האָט, אמת, קיין געניטע רעכענונגען פון זיין וועבעריי נישט געוואוסט. פון זיין היימיש ביכל אין האַלב-גרייזיקן לשון

קודש און דייטשמעריש מיט די פארפלאָנטערטע ציפערן, אריינגע־קוועטשטע שורות און צעדרייטע באמערקונגען, איז געווען שווער עפּעס צו דערגיין. נישט ער, נישט זיין משרת שמואל לייבוש האָבן געקאָנט דערגיין צו א טאָלק. אָבער געזען האָט ר׳ חיים, אז עס גייט נישט ווי אלעמאָל, עס פעלט כסדר אוים געלט, וועקסלען רוקן זיך אונטער צו צאָלן און ס׳איז נישטאָ מיט וואָס. דאָנערשטיק קאָן מען נישט אויסצאָלן די ארבעטער אויף שבת. זיי מאָנען נישט, זיי האָבן נישט די העזה, אָבער זיי קרעכצן, זיפצן אָן פולע אויערן. און ר׳ חיים איז ארומגעגאנגען א צערודערטער, ער האָט נישט געקאָנט דאַווענען רואיק. אין סאמע מיטן שמונה־עשרה, ביים ציען דעם אחד אין שמע־ישראל, ווען א איד דארף אינגאנצן זיך אויסטאָן פון פרעמדע מחשבות, זענען אים די גע־שעפטן דוקא געקראָכן אין קאָפּ אריין. ער האָט נישט געקאָנט עסן מיט הנאה ביים טיש, ער האָט נישט געקאָנט רואיק כאַפּן דעם נאָכמיטאג־דרימל אויף דער ווייכער, פלושענער אָטאָמאָנע.

ר׳ חיים האָט געטראכט און געקלערט און גאָרנישט געקאָנט דערגיין צו קיין טאָלק, ווי אזוי ארויסצוקריכן פון די דאגות. די וועבעריי, האָט ער געוואוסט, ארבעט ווי שטענדיק. צי מען צאָלט יאָ אוים דאָנערשטיק דעם געהאַלט, צי מען שלעפּט אָפּ א פּאָר טעג, די ארבעטער טוען זייערס. קיין אויסברעכעניש איז דאָרט נישטאָ. שבת־צו־נאכטס ארבעטן די מענטשן ביז האַלבער נאכט, אויך דאָנערשטיק ביינאכט ארבעט מען לענגער. ליכטלעך קויפן די אר־בעטער אליין. שמואל לייבוש איז טריי ווי א הונט. וואָס נאָך קאָן מען איינשפּאָרן? וויפל ער האָט נישט געבראָכן זיך דעם קאָפּ, האָט ער גאָר נישט געקאָנט צוטראכטן. ער איז נישט געווען גע־וואוינט צו טראכטן; נאָך ווייניקער איז ער געוואוינט געווען צו זאָרג, עגמת־נפש.

פאר אלע יאָרן זיינע, זינט ער האָט חתונה געהאט און פאר דעם נדן זיינעם פארלייגט א וועבעריי, האָט ער נישט געוואוסט פון קיין זאָרגן, חשבונות. ער האָט געלעבט ברייט, ווי פאר א איד א נגיד פּאסט. די וועבעריי איז געגאנגען פארשידן, אמאָל בעסער, אמאָל ערגער, אָבער ר׳ חיים האָט זיך קיינמאָל דערפון נישט גע־

מאכט. ער האָט געוואוסט, אז אין א געשעפט מוז אזוי זיין. אויך ווען מען פלעגט אים פון מאָל צו מאָל אָנזעצן, האָט ער זיך נישט שטאַרק איבערגענומען. ער האָט געוואוסט, אז באַנקראָטן געהערן צום געשעפט, וואָס איז נישט אויסצומיידן. דאָס ווערט באַלד צו-גערעכנט צום פּרייז פון די סחורות, ווי מען רעכנט אריין אַנדערע הוצאות, ארבעטס-לוין, רוי-שטאָף. דערביי קומט מען שטענדיק דורך מיט די אָנזעצער, אמאָל אויף א העלפט, אמאָל אויף אַ דריטל, ווי גאָט גיט. אָן מסחר זענען קיין באַנקראָטן נישטאָ און אָן באַנקראָטן איז קיין מסחר נישטאָ. אַנדערש קאָן עס גאָר נישט גיין.

יאָרן לאַנג איז עס אזוי געגאַנגען ביי ר׳ חיימען. ער האָט נישט גערעכנט, וואָרום וואָס מער חשבון, אַלץ ווייניקער מזל-ברכה. אָבער געוואוסט האָט ר׳ חיים, אז ער איז א איד א נגיד, דאַנקען גאָט, אפילו א גביר. עס וואַלגערן זיך נישט אַרום א סך אַזעלכע ווי ער אין לאָדזש. און מענטשן ווייסן עס. אָ, מען גיט אים אָפּ כבוד, ווי אים קומט, ווי אַזאַ פאַבריקאַנט שטייט אָן. אין די בענק, וואו ער קומט, טראָגן אים די דירעקטאָרן אַנטקעגן דעם ברייטן גוט-מאָרגן. אפילו די באַנקירן אליין, די גאָלעבראָדני-קעס, לאַדן אים איין צו זיך אין די קאַבינעטן, בעטן אים זיצן און זענען אים מכבד מיט ציגאַרן. אָן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט שוין קאַליע געוואָרן, האָט ר׳ חיים געטראַכט נישט איינמאָל, וואָלט שוין צוגעשוירן די באָרד, אריינגעקראָכן אין קורצע קליידער. אָבער ער בלייבט א איד, א חסיד אפילו. די חסידים אין שטיבל ווייסן עס און זיי טוען אים טאַקע דערפאַר אָן כבוד. אויך דער רבי זאָל לעבן אַליין איז אים מכבד.

ער איז נישט געווען קיין קאַרגער, ר׳ חיים, אָ, ניין! קיינער האָט עס אויף אים נישט געקאָנט זאָגן. ער האָט תמיד געגעבן אין שטיבל א שיינע נדבה, צושטייער געגעבן אויף חתונה מאַכן אָן אָרעמע כלה. ביים רבין האָט ער זיך ברייט געשטעלט. ער איז נישט געווען ווי אַנדערע נגידים, וואָס ליגן אויפן בייטל. וואָרום ר׳ חיים ווייס, אז נישט בלויז די וועלט איז א וועלט. ס׳איז דאָ אַ יענע וועלט, אזוי גרויס גאָלד זאָל מען האָבן, וואָסער גרויסע

יענע וועלט עס איז דאָ. און א איד דאַרף זיך צוגרייטן אויף יענער וועלט, מיטברענגען מצוות און מעשים-טובים, א נישט ווערט מען, חלילה, פאַרפאַלן אין גיהנום, מען ברענט און מען בראָט. ער האָט זיך דעריבער געלאָזט קאָסטן. ער האָט קיינמאָל קיין חרטה נישט געהאַט דערויף, וואָרום ר׳ חיים ווייסט, אַז א איד דאַרף זיין א איד. דער רבונו-של-עולם מוז האָבן אויף דער וועלט אַלץ, נגידים און אָרעמעלייט, צדקה-געבער און צדקה-נעמער. מיט זיין גרויס חסד האָט גאָט אין הימל אים, ר׳ חיימען, אויסגעוויילט, אַז ער זאָל זיין פון די נגידים, אָן קיין בייז אויג, האָט ער אים איבערגעגעבן געלט אין די הענט, דאַרף ער אָפּדינען דעם רבונו-של-עולם און געבן צדקה צו אָרעמעלייט, זען, אַז זיינע אַרבעטער זאָלן האָבן א שולעכל, אַן אתרוג אויף סוכות, א מלמד צו לערנען שבת; אויך דאַרף מען זיי מכבד זיין און גיין צו זיי אויף א ברית, געבן דרשה-געשאַנק ביי א חתונה, גיין אויף א לויה, עס זאָל זיך נישט טרעפן, און צושיקן עטלעכע גילדן פאַר אבלים, זיי זאָלן נישט דאַרפן אַר-בעטן אין דער צייט פון שבעה-זיצן.

גאָר ברייט האָט ער זיך געפירט ביי זיך אין שטוב. ער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט וויפל ער גיט אויס. ער האָט נאָר געוואוסט, אַז יעדעס מאָל, וואָס זיין ווייב פריווע שטעקט אויס די אויסגע-בריליאַנטעוועטע האַנט נאָך געלט, גיט ער איר, אפילו אומגע-ציילט. נאָך ווייניקער פון איר מאַן, האָט פריווע געוואוסט וויפל זי גיט אויס. זי האָט זייער שיטערע פינגער, די פריווע, דאָס געלט צעפליסט איר צווישן די הענט. זי פאַרגעסט וואָס זי טוט, זי פאַר-לירט אָפּט געלט, זי פאַרוואַרפט די בריליאַנטענע פינגערלעך אויף אַלע וואַש-טישן, נאַכט-טישעלעך. זי דרייט די שטובן אויס, רייסט זיך אַרום מיט די וויינענדיקע דינסטן, וועלכע זי איז חושד אין גנבה, קערט די שטובן איבער ביז זי געפינט דאָס צירונג ווידער, כדי עס באַלד דערנאָך ווידער צו פאַרלירן. גרויס פאַרגעניגן האָט זי פון קויפן מציאות. וואָס זי זאָל נישט זען אין א קראָם, מוז זי קויפן, צי מען דאַרף עס יאָ, צי נישט. און קויפן האָט זי ליב א סך, ברייט. זי מאַכט זיך קליידער, וואָס זי טוט אפילו נישט אָן, ווייל ווי גיך זי אַנטציקט זיך מיט זיי, אַזוי גיך אַנטווישט זי זיך אין

זיי. שטענדיק איז אין שטוב פול מיט סוחרים, קרעמער, וואָס קומען מיט חשבונות. עס איז גאָר פון זיי נישט ארויסצוקריכן.

אויך אין די בעדער האָט זי ליב צו פאָרן, דאָקטאָרן זיך ביי גרויסע פראָפעסאָרן אין אויסלאַנד, פון וועלכע מען קאָן דערנאָך רעדן א גאנצן ווינטער צווישן געסט. זי פאָרט פון באָד צו באָד, פון פראָפעסאָר צו פראָפעסאָר. אלע שאַפעס אין שטוב זענען פול מיט פלעשעלעך, שאַכטעלעך, סלאָיקלעך, מיט אלערליי פארביקע מעדיצינען, וואסערן און פילן, וואָס זי נעמט זיי קיינמאָל נישט. אויך מציאות ברענגט זי פון אויסלאַנד, גאנצע וואַליזעס, אלערליי זיידנס, צירונג, שפּיצן, קריסטאָלן, אנטיקן. יעדעס מאָל אויפסניי האָט זי עסקים מיט די צאָל-באאמטע, וואָס געפינען ביי איר אוים די באַהאַלטענע מציאות. פון די שטראָפן, וואס מען לייגט אויף איר ארויף פאר שמוגלען, פון דעם רייסן זיך מיט די באאמטע, ווערט זי אויפסניי קראנק, ווערט אָן ס'הארץ, צוליב וואס זי מוז שפּעטער ווידער פאָרן אין די בעדער, כדי ווידער צו שמוגלען און ווידער קראנק צו ווערן.

אין שטוב איז שטענדיק אָן אומאָרדענונג, ווייל פריווע בייט כסדר דאָס מעבל, די פאָרהאנגען, די טאַפּעטן אויף די ווענט, וואָרום אנדערע נגידים האָבן באנייט זייערע וואוינונגען און פריווע אלטער קאָן נישט דערלאָזן, אז זי זאָל וואוינען ווי א שלעפּערין.

ר' חיים ווייסט, אז דאָס אלץ קאָסט א סך געלט, גאָר א סך, אָבער ער זאָגט נישט אָפּ זיין פריווען. ער האָט זי ליב. זי איז גאָר א שיינע, כאָטש זי האָט שוין דערוואַקסענע קינדער, א באַטעמטע זייער. מען קוקט איר טאַקע נאָך אויף די גאסן און אין די פּארקן, ווען ער איז מיט איר אין די אויסלענדישע בעדער, וואס פילט אים אָן מיט שטאָלץ. ער קאָן איר נישט אָפּזאָגן, ווען זי שטעקט אוים דאָס פולכנע הענטל געלט, נאָך א סך געלט.

איבעריקנס, גיט ער אליין אויך אוים גענוג. אויסער וואס ער גיט אוים פאר דעם שטיבל מיט דעם רבין מיט אלע אנדערע זאכן, פאָרט ער אליין אויך יעדן זומער אין די בעדער, מאכט אנדערע הוצאות. אָבער ר' חיים ווייסט, אז דאָס אלץ דאַרף אזוי זיין, אז אפילו דאָס, וואָס מען גיט אוים אויף די שטובן, קליידער, איז אויך

נישט קיין עולה. וואָרום ערשטנס, פאַרוואָס זיך קאַרגן? וואָס איז דען דער מענטש? א פליג! היינט דאָ, מאָרגן דאָרט, נישט כדאי צו לעבן ווי א חזיר. צווייטנס, טויג עס צום געשעפט. לאָדזש האָט ליב א נגיד, לאָדזש ווייסט, וואָס ביי יעדן אין טעפל קאָכט זיך. גע-נוג, אז א לאָדזשער נגיד זאָל איינמאָל נישט שיקן דאָס ווייב אין די בעדער, גענוג, אז אימיצנס ווייב זאָל קומען אויף א שמחה נישט באַהאָנגען מיט ברילּיאַנטן, אז מען זאָל אים שוין נעמען אויף דער צונג, מורמלען וועגן אים, אז ער האַלט ביי באַנקראָט, אז ער איז א קבצן, א פּארך.

ער האָט נישט געוואָלט רעכענען, ר׳ חיים. ער האָט געוואוסט, אַז די וועבעריי אַרבעט געשמאַק, אַז די אַרבעטער גייען נישט ליי-דיק, אז די ווייבערישע טיכלעך זיינע גייען, אז מען האַלט אים אין גאַס פאַר א נגיד, און ער האָט געלעבט ווי א מענטש, צו גאָט און צו לייט. אויך זיינע קינדער האָט ער נישט געקאַרגט. ער האָט טאַקע פאַר זיין טאָכטער אויסגעזוכט דאָס בעסטע אינגל פון לאָדזש, געגעבן אים א גרויסן נדן, מתנות א סך. א חתונה האָט ער געמאַכט א קייזערלעכע. לאָדזש האָט געהאַט פון וואָס צו רעדן. פאַר דער גאַנצער צייט פון דער שמחה האָט ער טאַקע וועגן גאָר-נישט נישט געטראַכט. פריווע האָט מער ווי שטענדיק אויסגע-שטעקט די הענט, ער האָט געגעבן געלט אומגעציילט.

איצט, נאָך די שמחות, טומלענישן און בהלות, האָט שמואל לייבוש דער משרת גענומען רעדן טרויעריקע רייד. פון אַלע זייטן זענען נעקומען בעל-חובות, ביי וועלכע פריווע האָט אָנגענומען, אליין גאָרנישט געדענקענדיק פאַר וואָס. וועקסלען צו צאָלן האָבן זיך אָנגעדוקט. אַלערליי שניידערס, שוסטערס, נייטאָרינס, טאַפּע-צירער, שפּייז-קרעמער, קצבים, פישערקעס, זענען מיט אַמאָל, ווי א היישעריק, אָנגעקומען. שמואל לייבוש האָט זיך גאָרנישט גע-קאָנט פון זיי אָפּיאָגן. אין דער וועבעריי האָבן די אַרבעטער גע-קרעכצט, געוואָלט מען זאָל זיי אויסצאָלן אויף שבת. פון אויסלאַנד זענען גרויסע רעכענונגען פאַר וואָל אָנגעקומען. קיין געלט איז נישט איינגעפלאָסן, אין די בענק האָט מען קיין קרעדיטן נישט געגעבן. דער רובל האָט געברענט אין לאָדזש. און שמואל לייבוש

דער משרת האָט אזוי אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ פאר זיין באַלעבאָס, ווי ער וואָלט אין אלעם שולדיק געווען.

— ר׳ חיים, — האָט ער געזאָגט מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי א גנב, — איך האָב מורא, אז מ׳האלט שמאָל.

ר׳ חיים האָט תחילת אַוועקגעמאכט מיט דער פּליישיקער, האָ־ריק־באַוואקסענער נגידישער האנט. ער איז נאָך געווען מיד פון דער שמחה און ער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּעסן דאָס הארץ, אָנטאָן זיך עגמת־נפש.

— ווייס איך, וואָס דו רעדסט, — האָט ער אים אָפּגעפּטרט.

נאָר שמואל לייבוש האָט זיך געהאלטן ביי זיינס. ער האָט טעג און נעכט געגישטערט אין באַלעבאָס היימישע ביכלעך, ארויסגע־נומען זיך די אויגן אין די צעדרייטע ציפערן, געקלאַפּט מיט די ביינדלעך פון רוסישן „שטשאָט״, געחשבונט, טעותן געמאכט, צע־וואָרפן די ביינדלעך, צוריק אָנגעהויבן. דער קאָפּ האָט אים געגומען ווי טאָן, די אויגן זענען אים רויט געוואָרן, נאָר צו קיין טאָלק האָט ער זיך נישט דערשלאָגן. האָט ער אַלץ אַוועקגעוואָרפן און געראַטן ר׳ חיימען נעמען א בוכהאלטער אויף עטלעכע וואָכן.

ר׳ חיים האָט נישט געוואָלט הערן.

— איך האָב פיינט די בויכהאַלטערס מיט זייערע ביכער, — האָט ער געזאָגט. — ווייסט דאָך מיינע רייד, וואָס מער חשבון, אַלץ מער דלות...

אגב, האָט ער טאַקע נישט געקענט קוקן אויף די ליטוואקעס, די פּושעי־ישראלים, וואָס אלע זענען זיי בוכהאַלטערס געוואָרן אין לאָדזש. אָבער שמואל לייבוש האָט נישט אויפגעהערט רעדן וועגן דעם, דערגייין די יאָרן, ביז ר׳ חיים האָט שוין נישט געקאָנט פּטור ווערן פון אים און אים צוליב געטאָן.

— מיין כפרה איז עס, — האָט ער געקרעכצט. — ברענג צו פירן א שלימזל דאָרט.

אכט טאָג איז דער דאַרער ליטוואק מיט די פענסנע אויף א גראָב שוואַרץ בענדל געזעסן ביי ר׳ חיימס היימישע ביכלעך און געגישטערט אין פלאָנטער פון ציפערן און גרייזיקע לשון־קודשדיקע און דייטשמערישע אויפשריפטן.

— נתן, לקח, — האָט ער כסדר געברומט און געחשבונט. —
דער רוח זאָל עס נעמען !..

ר׳ חיים האָט אים געוואָלט אויסמיידן, גאָר נישט קוקן אויף דעם קבצן מיט דער נישט-דערגאָלטער שטעכעדיקער מאָרדע און מיטן גומענעם קראַגן אויפן דארן קנאָפּיקן האַלז. ער האָט נאָך פאַרשטאַנען, ר׳ חיים, די באַנקירן און די פאַבריקאַנטן די פּושעי-ישראל. מילא, עולם-הזה איז אויך א זאַך ! אָבער א קבצן א פּושע-ישראל, דאָס איז גאָר אין זיין קאָפּ נישט געקראָכן. נישט די וועלט, נישט יענע וועלט. ער האָט זיך פּשוט געמיאוסט צוצוגיין נאָענט צו דעם פאַרשווין אין אויסגעריבענעם רעקל מיט די צו-קורצע אַרבל, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן פון ווי וויט מיטן ריח פון ליט-ווישן קנאָבל. אבער דער ליטוואַק האָט אים נישט אָפּגעלאָזט.

— אָט דאָס וואָס איז ? — האָט ער אים געפרעגט שאַרף, ווייזנדיק מיט א שפּיציקן פינגער אויף די צעדרייטע ציפערן.

ר׳ חיים האָט פּרובירט זאָגן, וואָס עס איז אים געקומען אין מויל אריין, נאָר דער ליטוואַק האָט זיך נישט געלאָזט פאַררעדן די ציין.

— „ראַסכאָד״ איז דאָך נים „פּריכאָד״, — האָט ער זיך געבייזערט. — דער רוח זאָל עס נעמען !

נאָך אכט טאָג שווערער איינגעקשנטער ארבעט, איז דער ליט-וואַק ארויסגעקראָכן. פון די אַלע פאַרפּלאָנטערטע ציפערן, רמזים, ראשי-תיבות, פון די אַלע נתן-לקחס, רוכ״ס און אנדערע אָנצוהע-רעניש, האָט ער א גלאַטיקן חשבון געמאַכט, א גלייכן און א פּינקטלעכן, מיט א קרעדיט און א דעבעט, מיט פעסטע, פעט-גע-שריבענע אויסגעציקלטע רייען ציפערן, וואָס זענען געשטאַנען אין די רייען, ווי זעלנער פאַר א גענעראַל. ער האָט זיך זייער געלאָסן אויפגעהויבן פון אָרט, אויסגעצויגן די דאַרע הענט, פאַרלאָשן מיטן קלעק-פּאַפּיר דעם סך-הכל, גלייך געמאַכט די אַראָפּפאַלנדיקע פּענ-סנע אויפן גראָבן שוואַרצן בענדל און געזאָגט האָט ער געציילטע ווערטער מיט א זייער שאַרפער ליטווישער אויסשפּראַך :

— איר זייט באַנקראָט, גאָספּאָדין אַלטער, — האָט ער גע-זאָגט.

ר׳ חיים האָט געגעבן אזא שפּרונג פון אָרט, ווי ער האָט עס נישט געטאָן ביי קדושה אפילו אין ראש־השנה ביים רבין.

— איר ווייסט נישט פון אייערע הענט און פיס צו זאָגן, ליטוואַק חזיר! — האָט ער אויסגעשריגן מיט כעס און ער האָט פארקלאַפּט מיט צאָרן די טאָוולען פון נייעם בוך, וואָס דער ליטוואַק האָט געהאַט צונויפגעשטעלט. נאָר דער ליטוואַק האָט זיך נישט געבייזערט. ער האָט זייער געלאַסן צוריקגעעפנט דאָס בוכהאַלטערי־שע בוך, ער האָט אויפגעמישט אויף דעם באַלאַנס, אָנגעוויזן מיט שפּיציקע פינגער אויף די רייען ציפערן, וואָס זענען ווי זעלנער פאַר א גענעראַל געשטאַנען, און ער האָט געזאָגט נאָך שאַרפער ווי פריער:

— איר זייט באַנקראָט, גאָספּאָדין אַלטער, אי „קאָנטשענאָ"...

די לעצטע רוסישע ווערטער האָבן ר׳ חיימען איבערצייגט. ער האָט פּלוצלונג אריינגעשטעהט ביידע הענט אין די הויזן־קעשענעס, ארויסגעשטעקט דאָס סאַמעטענע גבירישע וועסטל, מיט אַלע רויטע און בלויע פּינטעלעך, וויפל נאָר עס האָט געהאַט, און ער האָט גע־זאָגט צום משרת מיט גרויס כעס, גלייך יענער וואָלט אין אַלץ שול־דיק געווען.

— נו, וואָס זאָגסטו צו דיינע געשעפטן, שמואל לייבישל? — האָט ער געצויגן די ווערטער מיט א ניגון. — הא, וואָס זאָגסטו?...

שמואל לייבוש דער משרת האָט אזעלכע פלעקן געקריגן אין פּנים, ווי ער וואָלט שולדיק געווען אין אַלץ. און ר׳ חיים אַלטער איז ארומגעגאַנגען זייער א צעטראָגענער, ווי נאָך קיינמאָל נישט. ער האָט נישט אויפגעהערט שפּאַנען איבער אַלע שטובן זיינע. דעם ליטוואַקס רייד האָבן אים קיין מנוחה נישט געגעבן, און ווי אויף צו להכעיס זענען זיי אים געקומען אין קאָפּ אריין גראָד ביי שמונה־עשרה, ווען ארום און ארום איז שטיל.

— איר זייט באַנקראָט, גאָספּאָדין אַלטער, — האָט ער כסדר געהערט דעם ליטוואַקס האַרטע רייד.

צום ערשטן האָט ר׳ חיים פּרובירט זיך איבעררעדן מיט זיין ווייב פריווע. אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין געדולד אים אויסצוהערן.

— ווייסט דאָך, חיימשע, אז איך פארשטיי מיך נישט אין

די זאכן, — האָט זי אים געזאָגט, — וועסט שוין אַליין דיר אַן עצה געבן.

זעענדיק, אַז זי פאַרשטייט אים נישט, האָט ר׳ חיים גענומען מיט איר רעדן פשוטע ווערטער, אַריינוואַרפנדיק עטלעכע רייד, אַז זי וועט אים מוזן אפשר אָוועקגעבן די בריליאַנטן אויף א צייט, דאָס פּוילע צירונג אירס, וואָס ער וועט שטאַרק בסוד לאָזן דורך שמואל לייבושן ערגעץ פאַרזעצן, ביז גאָט וועט העלפן און עס וועט ווערן בעסער, אבי דערווייל זיך אָפּצוטשאַגן פון די קליינע בעל-חובות, פון די אַלע באַלמעלאָכעס און קרעמערלעך, וואָס רייסן אָפּ די פּאָלעס. פריווע איז בלאַס געוואָרן, ס׳גאַנצע בלוט איז איר אַרויס פון פּנים און צוגעשפּאַרט בלויז צו די אויגן, אויסשפּרייטנדיק זיך אין זייער רויטע קרענקלעכע ווייבערישע פלעקן.

— מאַמע! — האָט זי ווי שטענדיק, גענומען רופן איר שוין-לאַנג פאַרשטאָרבענער מוטער, און פון אירע בלויע אויגן האָט גע-פלאָסן ווי פון א קוואַל. נאָך מער האָט זי זיך צעוויינט, ווען דער מאַן האָט גענומען רעדן וועגן שפּאָרן אין שטוב.

— דאָס, וואָס איך עס אויף, מ׳שטיינס געזאָגט, — האָט זי געביטערט, — קען איך נישט אויפעסן. איך קאָן עסן ברויט אָן פּוטער, טיי נישט אָפּגעצוקערט, נאָר טרינקען מיט האַרטן צוקער צוגעבּיסן...

ר׳ חיים האָט געזען, אַז זי פאַרשטייט אים נישט, אַז זי איז אים פרעמד, ווייבעריש-קליינלעך, און אַז ער וועט מיט איר גאָרנישט מאַכן. פון אַלעם האָט זי געוואָלט וויסן איין זאַך, צי זי וועט קאָנען פאָרן אין די בעדער. ר׳ חיים האָט זי באַרואיקט, א גלעט געטאָן איר איבער דעם אָנגעקאַרבירטן העלן שייטל. גלייך צו-מאָרגנס איז ער אַוועקגעפאָרן צו זיין רבין פרעגן אַן עצה. אָבער דער רבי האָט אים נישט מער געקאָנט זאָגן פון פריוועוון. אויף אַלע זיינע עצות האָט ער אים בלויז אָנגעוואונטשן, גענומען א פדיון און צוגעזאָגט, אַז דער אויבערשטער וועט העלפן. מיט סוחרים רעדן האָט ער מורא געהאַט, געציטערט זיך נישט אויסצוגעבן. די זין זענען געווען יונג, נאַריש-פריילעך און פון קיין שום זאַך, א חוץ שלעפּן געלט פון טאַטן, האָבן זיי נישט געוואוסט. ר׳ חיים האָט

פרובירט דורכרעדן זיך מיט זיין מחותן ר׳ אברהם הערש אשכנזי.

אין א שבת-צו-נאכטס, גלייך נאָך דער הבדלה, איז ער אוועק צו אים אין שטוב. ר׳ אברהם הערש האָט אוועקגעלייגט די רויטע קעשענע-פאטשיילע אויף דער גמרא, א סימן, אז ער פארמאכט זי נישט איינגאנצן, נאָר ער לאָזט זי דערווייל אין דער מיט, כדי ווייטער זיך צוריקצוגעמען צו איר, ווי נאָר ער וועט ערליידיקן די עסקים. געלאסן, שוויינגדיק, נישט איבעררייסנדיק מיט קיין איין איינציק וואָרט, האָט ער אויסגעהערט א שעה צייט לאנג זיין מחותנס פילע רייד. ר׳ חיים האָט געשוויצט אין דער אלטמאָדי-שער קאלטער גרויסער שטוב מיטן באלעבאטישן פארצייטיקן שווערן און אומעטיקן מעבל. קיין שום ווארעמקייט איז נישט גע-ווען אין דער שטוב, נישט אין די ברוין-בלעטערדיקע טאפעטירטע ווענט, נישט אין די אלמערס מיט ספרים, נישט אין טונקעלן שיין פון נאפט-לאָמפּ, נישט אין דער שווארצער שווערער אייזערנער קאסע. פונקט אזוי קאלט און שוויינגדיק איז געווען ר׳ אברהם הערש אליין. ר׳ חיים האָט נישט דערטרונקען דאָס גלאָז טיי, וואָס מען האָט אים צוגעטראָגן, און כסדר גערעדט, גערעדט מיט ברען, מיט איבערצייגונג. נאָר דער מחותן איז געבליבן שוויינג-דיק, קאלט. ערשט, אז ער האָט שוין אלץ געהאט אויסגערעדט און ער האָט אָנגעשטעלט די שווארצע שמאלציקע אויגן אויף דעם מחותן זיינעם, וואָס ער האָט אים צו זאָגן אויף זיין בקשה וועגן א גרעסערער הלואה, כדי זיך צו ראטעווען, האָט ר׳ אברהם הערש אויסגעגלייכט די באָרד און געענטפערט צוויי געציילטע ווערטער:

— ניין, מחותן!

ר׳ חיים אלטערן האָט א שוויים באגאָסן.

— איר וועט מיר לאָזן פאלן, מחותן? — האָט ער געפרעגט מיט חידוש. — צו וועמען דען זאָל איך גיין, אז נישט צו אייך?

— אז מען לעבט אָן חשבון, שטארבט מען אָן וידוי, — האָט ר׳ אברהם הערש געזאָגט מיט א מוסר-טאָן.

און אז דער מחותן האָט אים נאָך געגומען רעדן צום הארץ, אָנגענומען ביי דער באָרד, האָט ער אראָפּגענומען די פאטשיילע

פון דער גמרא און גענומען לערנען די דינים וועגן דער צאָל מלקות, וואָס קומט צו שמייסן א זינדיקן.

— כמה לוקין — וויפל דאַרף מען שלאָגן מלקות ? — האָט ר' אברהם הערש געברומט, גאָרנישט אומקוקנדיק זיך אויף דעם מחותן זיינעם.

ר' חיים אַלטער איז אוועק אזא צעשמעטערטער פון מחותנס שטוב, אז ער האָט אפילו נישט געדענקט צו זאָגן אין דערהיים דעם ויתן-לך, דעם ברייטן זינגענדיקן ויתן-לך, וואָס ער פלעגט אַלע שבת-צו-נאַכטס זאָגן מיט אזויפיל הנאה און טעם. מיט גרויס כעס האָט ער אויסגעשפּיגן דעם ציגאַר, וואָס שמואל לייבוש דער משרת האָט אים פאַרויכערט.

— פּאַסקודנע ציגאַרן, — האָט ער זיך געבייזערט, — ביטער ווי גאַל...

פּונקט אזוי איז נישט געפעלן געוואָרן אין זיינע אויגן דאָס גלאָז שיינע און שמעקעדיקע טיי, וואָס הדס די דינסט האָט אים צוגעטראָגן אויף א זילבערנער טאַץ.

— מען האָט נישט געקאָנט אויפקאָכן קיין פרישע טיי ? — האָט ער זיך געכעסט. — נאָר געבן מיר טשאָלנט-טיי...

הדס די דינסט איז רויט געוואָרן ווי פייער.

— מיין מזל זאָל מיר נאָר אזוי לייכטן, טאַטע זיסער אין הימל, — האָט זי פאַרגלאָצט די אויגן, — וואָסער פרישע, שמע-קעדיקע טיי דאָס איז. זאָל דער באַלעבאָס זען...

נאָר ר' חיים האָט נישט געוואָלט זען. ער האָט בעסער געזען איצט ווי די בחורים זיינע שפּילן אין קאָרטן און ער האָט געכאַפּט די קאָרטן און צעריסן אויף פּיצלעך.

— קאָרטאָוויניקעס ! — האָט ער געמאַכט קולות, גלייך ער וואָלט זיי דאָס ערשטע מאָל געכאַפּט ביי די קאָרטן. — ס'וועט מיך מיט אייערע קאָרטן איבער די הייזער טרייבן...

א גאַנצע נאַכט צייט האָט ער געוואָרפן דעם קאָפּ אויף די דריי פולע גבירישע פּוכנע קישנס צוקאָפּנס, וואָס זענען אים פלוצלינג שטאַרק האַרט געוואָרן. גאַנץ לאָדזש איז פאַרביי זיין קאָפּ אין דער שלאָפלאָזער נאַכט. אָבער ער האָט קיינעם נישט גע-

קאָנט אויסקלויבן צו וועמען צו גיין, וועמען זיך אָנטרויען. ערשט פאַרטאָג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם סאַמע נאָנטסטן מענטש, וואָס האָט געוואוינט טאַקע ביי אים אין שטוב — אויף זיין איינענעם איידעם שמחה מאיר און אויף זיין נדן פון צען טויזנט רובל, וואָס ליגן אין באַנק און פּוסטעווען.

ער האָט זיך שיער אליין נישט אויסגעקנייפּט, פאַרוואָס עס איז אים גלייך נישט איינגעפאַלן דער גליקלעכער געדאַנק. מיט אַ פריילעך געמיט און מיט אַ סך בטחון איז ער איינגעשלאָפן נאָך דער שווערער שלאָפלאָזער נאַכט.

קאַפּיטל פערצן

אַנדערש ווי דער פאָטער זיינער, האָט שמחה מאיר דער קעסט-איידעם אויסגעהערט דעם באַרעדעוודיקן שווער זיינעם, אַלע זיינע מעשיות, זיסע רייד און גוטע ווערטער, וואָס האָבן זיך כסדר פאַר-ענדיקט מיט דעם זעלבן אויספיר:

— כ׳זאָג דיר, שמחה מאירשע, אַז כ׳על דיר צאָלן אַ סך אַ בעסערן פּראָצענט ווי אין דער באַנק, און שלאָפן מעגסטו רואיק, כ׳וועל מיין אייגן קינד, חלילה, נישט קיין רעה טאָן.

— אודאי, שווער, — האָט שמחה צוגעשאָקלט.

ר׳ חיים איז געווען אויסער זיך פאַר פרייד פון איידעמס נאָכגיבינקייט.

— דיין געלט וועט וואַקסן, שמחה מאיר, וועסט האָבן פּראָ-צענט פון פּראָצענט, און זאָרגן וועסטו נישט דאַרפן, וועסט עסן קעסט ביי מיר ווי לאַנג נאָר וועסט וועלן. פאַרשטייסט, שמחה מאיר לעבן?

— כ׳פאַרשטיי, שווער, — האָט שמחה מאיר צוגעשאָקלט גוטמוטיק.

נאָר אַז ס׳איז געקומען צו גיין אין באַנק און אַרויסנעמען דאָס געלט, האָט שמחה מאיר זיך נישט געאיילט.

— כ׳מוז מיך מישב זיין מיטן טאַטעשי, — האָט ער געזאָגט פרום.

— צו וואָס מטריח זיין דעם טאַטן? — האָט דער שווער גישט פאַרשטאַנען. — ביסט נישט קיין נאַר, ווייסט אַליין, וואָס דו טוסט.

— כיבוד־אָב! — האָט שמחה מאיר געענטפערט מיט צדקות. — אָן טאַטנס עצה וועל איך גאָרנישט טאָן.

ר׳ חיים איז מיט אים שעהן־לאַנג אַרומגעגאַנגען אונטער דער האַנט איבער אַלע שטובן, געגלעט אים די בעקלעך, געציילט אים די קנעפּלעך פון וועסטל, געלויבט אים זיין חכמה, דעם גוטן קאָפּ, דעם גרויסן שכל, נאָר שמחה מאיר איז געבליבן ביי זיינס.

— גלויבט מיר, שוועד, אז כ׳וואָלט אייך געטרויט א וועלט, — האָט ער זיס גערעדט, — נאָר אָן טאַטעשים הסכמה טאָר איך גאָרנישט נישט טאָן. כיבוד־אב. נאָך היינט וועל איך צו אים צו־גיין און זיך איבעררעדן.

ער איז צום פאָטער נישט געגאַנגען. ער האָט געוואוסט פריער־אויס, אז דער טאַטע וועט אים נישט לאָזן רירן דאָס געלט, אז ער וועט אים הייסן זיצן און לערנען. אים איז אפילו אויף קיין רגע נישט איינגעפאַלן צו פרעגן דעם טאַטן עצות. געגנוג איז ער געווען אונטער דעם טאַטנס יאָך ביז דער חתונה. איצט איז ער פריי. ס׳געלט זיינס ליגט אין באַנק אויף זיין נאָמען, און ער ווייסט אַליין, וואָס ער האָט צו טאָן. ער ווייסט עס בעסער פון טאַטן. אָבער אויסנוצן דעם פאָטער קעגן שוועד האָט געטויגט, ס׳האָט אים געלוינט צום עסק. ער האָט דעריי־בער אָפּגעשטעלט דעם שוועד עטלעכע טעג צייט, אַלץ אים דערציילט מעשיות, אז ער האָט דעם פאָטער נישט געטראָפן. ערשט נאָך עטלעכע טעג, ווען דער שוועד איז שוין שיער נישט פון דער הויט געקראָכן פון אומגעדולדיקייט, איז ער געקומען ענדלעך מיטן טאַטנס תשובה. מיט דער רואיקסטער מינע, נישט פאַרהיקנדיק זיך אויף קיין רגע, נישט פינטלענדיק אפילו קיין איין מאָל פאַרלעגן מיט אן אויג, האָט ער איבערגעגעבן דעם שוועד ביים עסן דעם גאַנצן שמועס מיטן פאָטער זיינעם. ער האָט אָנ־געשמירט א בייגל מיט פוטער, א געשמאַקן בים געגעבן אין

פרישן בייגל אריין און מיט א פול מויל עסן ארויסגעזאָגט דעם טאַטנס באַדינגונגען.

— דער טאַטעשי וויל א פאַרזיכערונג, דורכאויס א פאַר־זיכערונג...

ר׳ חיים איז אויפגעשפרונגען א צעשטראַלטער.

— קריגסט וועקסלען, שמחה מאיר, כ׳וויל נישט אויפן וואַרט.

שמחה מאיר האָט זיך צוגעשניטן א שטיקל קעז, ארויפגע־לייגט עס גיך אויפן בייגל און אָפּגעוואָרפן דעם שווערס גערעדנישן וועגן וועקסלען.

— דער טאַטעשי האָט מיר אָנגעזאָגט, כ׳זאָל קיין וועקסלען נישט נעמען, — האָט ער געענטפערט גלייך אויפן אָרט. — דער טאַטעשי וויל א היפּאָטעק אויף דעם שווערס הויז.

ר׳ חיים האָט אראָפּגעלאָזט די נאָז.

— א היפּאָטעק? — האָט ער איבערגעפרעגט. — וואָס איז די טובה, וואָס דו טוסט מיר? אויף א היפּאָטעק קאָן איך ביי יעדן קריגן.

— פאַרוואָס דען נעמט נישט דער שווער? — האָט זיך שמחה מאיר געמאַכט תמעוואַטע און געקוקט מיט ממזרישע בליקן דעם שווער אין די אויגן אריין.

א גאַנצן טאָג צייט האָט ר׳ חיים געאַרבעט מיטן איידעם, אלץ געגעבן אים צו פאַרשטיין, ווי קוראַנט ער איז, ווי נישט שיין דאָס איז, וואָס אַן אייגענער איידעם וויל אים נישט טרויען אויף וועקסלען, אים, חיים אַלטערן, וואָס מענטשן גיבן אים געלט אומגעציילט. שמחה מאיר האָט זיך נישט געלאָזט בויגן.

— כיבוד־אב! — האָט ער אָפּגעענטפערט. — וואָס קאָן איך טאָן?

און אז אפילו דער שווער איז ענדלעך איינגעגאַנגען אויף א היפּאָטעק, האָט זיך שמחה מאיר נישט געאיילט און ווידער דער־ציילט, אז ער מוז פרעגן דעם טאַטעשי. ר׳ חיים איז שוין ארויס פון די כלים.

— ווידער פרעגן דעם טאַטעשי? — האָט ער זיך געכעסט. — ס׳איז דאָך א מעשה אָן א סוף.

שמחה מאיר האָט שנעל געוואַשן די הענט צו מים־אחרונים און נישט אויסגערעדט. נאָך פון די קאָרטן־צייטן ביי שילם בעקער, האָט ער געוואוסט, אַז ווען יענער קאָכט זיך, איז די בעסטע זאַך צו בלייבן רואיק, קאַלט. דוקא ווייל דער שווער האָט זיך אַזוי געאיילט, האָט ער געהאַט צייט. ער האָט גענומען דעם שווער ציען די אָדערן. דאָ האָט ער דעם פאָטער נישט געטראָפן אין דער היים, דאָ איז ער געווען פאַרנומען. ענדלעך האָט ער געבראַכט פון טאַטן אַן ענטפער.

— דער טאַטעשי וויל נישט אַנדערש ווי אַן ערשטע היפּאָטעק, — האָט ער געזאָגט פרום. — אַ נישט, הייסט ער נישט רירן ס׳געלט, דער טאַטעשי...

ר׳ חיים האָט זיך געקאָכט, געטומלט. ער האָט קיין ערשטן היפּאָטעק נישט געקאָנט געבן, ווייל דער ערשטער היפּאָטעק איז נאָך פריער, פאַר דער חתונה, געווען אָנגעשריבן אויף אַן אַנדערן. שמחה מאיר האָט עס געוואוסט. ער האָט זיך פריער גוט דערוואוסט אין גאַס, ווי עס האַלט מיטן שווערס געשעפטן, ווי עס זעט אויס מיט זיינע חובות. און טאַקע דערפאַר האָט ער אים אונטערגערוקט אַזאַ היפּאָטעק, וואָס זאָל נישט קאָנען געגעבן ווערן.

ער האָט נישט געוואָלט קיין היפּאָטעקן, שמחה מאיר, ער האָט געוואָלט גאָר עפּעס אַנדערש.

נאָך פון די אינגלשע יאָרן, ווען ער איז אַריינגעקומען צום מחותן אין שטוב אַריין, האָט ער געוואָרפן אַן אויג אויף דער וועבעריי זיינער. ער האָט, אמת, נישט געהאַט קיין גרויסע סימפּאַטיעס פאַר האַנט־שטולן. ער האָט ליב געהאַט דאָס נייע לאָדזש, נישט דאָס אַלטע; אים האָט פון קינדווייז אָן פאַרכאַפּט דאָס גרויסע, דאָס שרייענדיקע, דאָס הילכיקע. ווי קליין־געוויקסיק ער איז געווען, האָט ער ליב געהאַט זאַכן ריזיקע: הויכע, ברייטע פאַבריקן, הויכע הימל־קריכנדיקע קוימענס, דאָס פייפן פון סירענעס האָט אים ווי די בעסטע מוזיק געקלונגען, קיין זאַך האָט אים נישט געשמעקט אַזוי גוט אין דער נאָז ווי דער רויך פון פאַבריק־קוימענס. די שטילע האַנט־שטולן, די אידן מיט יאַרמולקעס און פּיאות ביי דער אַרבעט, די אידישלעכע היימישקייט

פון באַלעבאָס און געזעלן איז אים געווען דערווידער; דאָס האָט אים דערמאָנט אין בית־המדרש, וואָס ער האָט נישט געקאָנט ליידן, פאַראַכטעט. ער האָט פון תמיד אָן געשטרעבט צו דעם נייעם, גרויסן, ער האָט שטענדיק זיך געזען ווי איינער פון די גרויסע פאַבריקאַנטן, וואָס דינער שטייען פאַר אים אויסגעצויגן און וואַרטן אויף זיין באַפעל, וואָס דורך איין וואונק זיינעם ווערן געלאָזן אַלע מאַשינען, קוימענס און סירענעס אין גאַנג.

אָבער געהערט האָט ער אויך, אַז קראָקע איז נישט מיט אַמאָל געבויט געוואָרן. ביי זיינע יונגע יאָרן האָט ער שוין געוואוסט, אַז כדי ארויפצודראַפּן זיך אויף אַ שפּיץ פון אַ קוימען, מוז מען פריער קלעטערן פון שטיג אויף שטיג, ביז מען דערגרייכט דעם שפּיץ. ער האָט גוט געקענט לאָדזש, אַלע פאַבריקן, פאַבריק־לעך, פאַבריקאַנטן און סוחרים. ער האָט געקענט יעדנס לעבן, יעדנס וועג. ער האָט געוואוסט, אַז אַלע דאָ אין שטאָט האָבן זיי אָנגעהויבן צוערשט ביי איין שטול, אריבער צו עטלעכע, ארויפגעשלאָגן זיך צו אַ ווערקשטאַט, אריינגעקראָכן אין אַ פאַב־ריקל און ארויסגעוואַקסן ביז צו קוימענס, סירענעס און פּאַלאַצ־לעך ביי די ציגל־רויטע פאַבריקן.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין וועג דאַרף נישט זיין אַזאַ לאַנגזאַמער, ווי ער איז געווען ביי אַנדערע, ביי די ערשטע. לאָדזש איז שוין נישט דאָס וואָס אַמאָל. אַלץ גייט שנעלער, אויך איז ער נישט דער מענטש פון געדולד, פון וואַרטן. ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט וואַרטן אויף עפּעס צו־לאַנג. ער וועט שוין ביי קיין איין וועב־שטול נישט אָנהויבן. נישט דערצו איז ער אַ זון פון ר׳ הערש אשכנזי און אַן איידעם פון ר׳ חיים אַלטער און אליין אַ באַ־לעבאָס פון גאַנצע צען טויזנט רובל אין באַנק — אַ חוץ פּראָצענט. מיט אַזאַ סומע קאָן מען שוין עפּעס אויפטאָן, ווען מען פאַר־שטייט אַן עסק. מיט אַזאַ געלט קאָן מען שוין פאַנאַנדערפירן די הענט. מען דאַרף באַלד אריינקריכן אין גרויסן אריין, און אָנצו־הויבן מיט אַ וועבעריי ווי דעם שווערס, מיט פופציק שטולן, דאָס איז שוין אַן עסק, ס׳איז כדאַי צו רעדן וועגן דעם.

מיט דעם שאַרפן בליק פון זיינע פּלוטעוואַטע גרויע אויגן,

וואָס זעען אין ערשטן אויגנבליק אוים שטיל, ווייך, נאָר אין דער אמתן זענען זיי דורכדרינגלעך און גיריק. האָט ער נאָך חתן־וויז דערזען, אַז דער שווער זיינער איז אַ פוילער, אַ ווייכער, אַ מענטש, וואָס האָט ליב רו, באַקוועמליכקייטן, און ליגט ביים ווייב זיינם אונטערן פאַנטאָפל. שוין דעמאָלט האָט ער געזען, אַז ער איז נישט פאַר לאָדזש, ר׳ חיים אַלטער, אַז ער וועט סוף־כל־סוף מוזן אַרויסשפּרינגען פון דער פאַבריק אַרוים. ער האָט געזען די אָפּגעלאָזנקייט אין געשעפט, די נאַכלעסיקייט, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס וועט מוזן קומען דער, וואָס וועט האָבן מער שכל, וועט זיין מער טיכטיק, און אים אַרויסבייסן. ער האָט געמערקט, אַז ביי דער גאַנצער ברייטקייט אין שטוב, וואָס ביי זיי אין דערהיים איז עס גאָרנישט צו זען, זענען די געשעפטן ווייט נישט אַזעלכע גוטע. דערפאַר טאַקע האָט ער זיך נישט געלאָזט אַריינרוקן קיין וועקסלען פאַר דער חתונה צום נדן, וואָס מען האָט אים געדאַרפט סילוקן. איצט האָט ער איינגעזען, אַז ער האָט ריכ־טיק געהאַנדלט, זייער ריכטיק.

איצט איז ער טאַקע געקומען צו אים לייהען דעם נדן, דער שווער זיינער, וועקסעלעך אים געבן און אַ פּראָצענט אין קעשענע, כדי ער זאָל קאָנען זיצן רואיק און לערנען און עסן קעסט. אָבער שמחה מאיר האָט גאָר קיין חשק נישט געהאַט צו זיצן און לער־נען. געגנוג איז ער געזעסן אין בית־המדרש און ביי מלמדים ביז דער חתונה. איצטער איז ער אַ פרייער מענטש, האָט צען טויזנט רובל אין מזומנים, אַ חוץ פּראָצענט, ליגן אין באַנק אויף זיין נאָמען. צו יעדער צייט קאָן ער זיי אַרויסנעמען און לאָזן אין גאַנג, כדי זיי צו פאַרמערן וויפיל נאָר עס וועט זיך לאָזן.

אמת, דער טאַטע זיינער וועט שרייען אויף אים, בייזערן זיך, טומלען, אַלמאַי ער זיצט נישט אוים די קעסט און לאָזט זיך אַריין צו־פרי אין עסקים, ווען ער דאַרף גאָר זיצן און לערנען תורה. אָבער דערויף איז ער אַ טאַטע, ער זאָל זיך בייזערן, און דערויף איז ער, שמחה מאיר, אַליין אַ באַלעבאָס פאַר זיך, ער זאָל אים נישט הערן. מיט דעם סאַמע בעסטן בליק, ווי ער איז עס געוואוינט געווען ביי די קאָרטן אין שילם בעקערס הויז, האָט ער דערזען אַ

שאַנס אויף אַריינצוקריכן אין געשעפט אַריין, צו ווערן אַ שותף צו דער װעבעריי „חיים אַלטער", וואָס זאָל זיך רופן: „װעבעריי חיים אַלטער עט שמחה מאיר אשכנזי".

ער האָט עטלעכע מאָל אַרויסגעזאָגט אויפן קול ביי דער גמרא — וועבעריי אַלטער און אשכנזי, — און עס איז אים געפעלן געוואָרן. מיט דער סאַמע שענסטער האַנטשריפט האָט ער אויפן שער־בלאַט פון ספר אויפגעצייכנט די צוויי נעמען — זיין שווערס און זיין אייגענעם. עס האָט זייער שיין אויסגעזען. ער איז נישט געווען אָן פאַנטאַזיע, שמחה מאיר, אַ ניין! ער האָט פון אַלע צייטן פריי געלאָזט זיין פאַנטאַזיע, נאָך ווען ער פלעגט אינגלווייז זיך אַריינכאַפּן בגנבה אין לאַגער פון הונצע עט געצקעס פאַרטרעטונג און מקנא זיין דעם טאַטן, וואָס זיצט אין קאַנטאָר ביי זיך, אַרומגערינגלט מיט גראָבע ביכער און פּאַפּירן. אויך איצט האָט ער, זיצנדיק ביי די ספרים, אָנגעשלאָגן זייער ווייט. ער האָט כסדר אויסגעצאַצקעט אויפסניי די שותפותדיקע וועבעריי פון זיין שווער און זיך אַליין, ביז ער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן שטעלן פריער זיין נאָמען און דערנאָך דעם שווערס. אשכנזי און אַלטער האָט אים פיל שענער געקלונגען, ווי אַלטער און אשכנזי, אַ סך בעסער אויסגעזען. ביסלעכווייז איז דעם שווערס נאָמען אינגאַנצן אַרויסגעפאַלן פון דעם גמרא־בלאַט, פאַרלאָרן געגאַנגען. בלויז וועבעריי פון ש. מ. אשכנזי האָט זיך אויסגעלייגט אין זייער ציקלדיקע געדרוקטע בוכשטאַבן מיט דריידלעך און עקעלעך.

און ביים עסן ביים שווערס טיש האָט ער געלאָזט דעם שווער זיינעם צאַפּלען זיך, ווי אַ פליג אין שפּינוועבס. ער האָט געוואוסט, וואָס ער טוט. מען דאַרף שטענדיק לאָזן אַ מענטשן זיך קאָכן וואָס מער, האָט ער נישט איין מאָל געהערט ביים טאַטן זיינעם אין שטוב. וואָס מער אַ מענטש קאָכט זיך, אַלס ווייכער ווערט ער, ווי אַן אָקס, אַ שטיינער. ער האָט געוואוסט, אַז אין לאָדזש איז איצט ביטער, דער סעזאָן איז אין דער ערד און אַ מזומנער רובל איז טייער, מען לאָזט אים גאָרנישט פון דער האַנט אַרויס, ווי אַן אבן־טוב. ער וועט ווייכער ווערן, דער אַלטער, וועט איינגיין אויף

אלץ, וואָס נאָר ער, שמחה מאיר, וועט וועלן. זאָלן זיך נאָר צו־רוקן דער טערמינען פון צאָלן!

און ער האָט זיך דעוואַרט.

ר' חיים אַלטער האָט זיך תחלת געקאָכט, געהיצט, געזאָגט דעם איידעם זיינעם ביים טיש, אַז ער האָט אַ שטיינערן האַרץ, אַז אַ גזלן איז ער, נישט קיין איידעם. נאָר שמחה מאיר האָט אים נישט געענטפערט. ער איז גאָר מיטאַמאָל געוואָרן אַ געוואַלטיקער מתמיד און גאַרנישט אָפּגעלאָזן די גמרות. דער שווער האָט אים אויסגעמיטן, קיין וואָרט מיט אים מער נישט אויסגערעדט. אָבער אַז די טערמינען צו צאָלן האָבן זיך אָנגערוקט און שמואל לייבוש האָט אַלץ קיין געלט ניש געקריגן, האָט ר' חיים זיך איבער־געבעטן מיט זיין איידעם, ווי שמחה מאיר האָט עס פאָראויסגע־זען, און איינגעגאַנגען אויף אַלע באַדינגונגען. פאַר די צען טויזנט רובל זיינע איז שמחה מאיר געוואָרן אַ שותף אויף אַ גאַנץ דריטל פון דער וועבעריי. מיט אַ סך פאַרזיכערונגען, אַדוואָקאַטישע פאַר־אויסזעענישן און אַלערליי באַוואָרענישן איז אויסגעאַרבעט גע־וואָרן ביים נאָטאַר דאָס שותפות צווישן שווער און איידעם. ר' חיימען זענען גוט די אויגן אַרויסגעקראָכן, ביז ער האָט דערלעבט צו זען צוריק דאָס אייגענע געלט, פאַר וועלכן ער האָט זיך איינ־געהאַנדלט דעם וואויל־לערנער שמחה מאיר פאַר זיין בת־יחידה.

— אוי ביסטו אַ שווערער פאַרשוין, שמחה מאיר, — האָט ר' חיים אָפּגעזיפצט נאָך דעם ווי זיי זענען אַרויס פון דער שטיקנ־דיקער נאָטאַרישער קאַנצעלאַריע און זיך געוואונטשן מזל־טוב צום נייעם שותפות.

ר' חיים האָט איצט געוואָלט האָבן וואָס וויניקער דעם איי־דעם זיינעם אין דער וועבעריי און ער האָט אים געשיקט אין שטיבל אריין לערנען.

— מעגסט זיין אַ שותף, — האָט ער אים געזאָגט, — אָבער קעסט וועסטו וויטער מעגן עסן און זיצן אין שטיבל און לערנען. מיין וואָרט איז אַ וואָרט.

נאָר שמחה מאיר האָט אפילו נישט געטראַכט צו גיין אין שטיבל אריין.

— אז שותפות, איז צו אַלעם, שווער, — האָט ער פרום געענטפערט. — איך וועל נישט לאָזן דעם שווער אַרבעטן פאַר מיר. איך וועל אַרבעטן גלייך מיטן שווער...

אז ר׳ אברהם הערש אשכנזי האָט זיך דערוואוסט פון מענטשן וועגן זיין שמחה מאירס געשעפטן, האָט ער גלייך געשיקט נאָך אים יעקב בונמען. יעקב בונם איז געגאַנגען מיט גיכע האַסטיקע טריט אויספירן דעם טאַטנס שליחות. די מינוט איז אים געווען צו-לאַנג.

אין עס־שטוב האָט ער געטראָפן דינהלען, וואָס איז, ווי שטענדיק, געזעסן מיט די פיס אונטער זיך אויף דער אָטאָמאַנע, פאַרטיפט אין אירע ראָמאַנען.

— גוטן אָוונט, — האָט ער געזאָגט מיט אַ פרעמד קול.

זי האָט זיך דערשראָקן פון דעם פּלוצלונגדיקן קול און אַ ציטער געטאָן.

יעקב בונם האָט זיך פאַרלאָרן און געכאַפּט זיך מיט די פינגער ביים דאַשעק פון זיין זיידן היטל, ווי תמיד, ווען ער פלעגט זי זען אין גאַס. ער האָט גאָר פאַרגעסן, אז ער איז אין שטוב. זי האָט זיך פאַררויטלט.

— וואָס מאַכט יעקב? — האָט זי אים געפרעגט נישט פאַר „דו“, נישט פאַר „איר“, נאָר אין דער דריטער פערזאָן...

זי האָט אים גערופן בלויז ביים ערשטן נאָמען, יעקב, וואָס איז איר בעסער געפעלן.

— וואָס מאַכט דינהלע? — האָט יעקב בונם זיך צוריקגעפרעגט אַ פאַרלאָרענער.

זיי האָבן ביידע גלייך אראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן.

שמחה מאיר האָט נישט איבעריק־פריינטלעך אויפגענומען זיין ברודער. ער האָט געוואוסט, אז קיין גוטס דערוואַרט אים נישט אינדערהיים. נאָר ער איז געגאַנגען. דער פאָטער האָט, ווי אַלע מאָל, אַרויפגעלייגט די קעשענע־פאַטשיילע אויף דער אויפגעמישטער גמרא, אַ סימן, אז ער לייגט זי נישט אַוועק, נאָר ער פאַר־לאָזט זי בלויז אויף אַ ווייל, ביז ער וועט פריי ווערן און צוריק־

נעמען זיך צו איר, און געלאָזט דעם זון זיינעם שטיין, נישט גע־בעטן אים זיצן.

— שמחה, — האָט ער אָנגעהויבן שטיל, ווי אַלע מאָל, ווען ער איז גאָר שטאַרק אין כעס, — האָסט מיך געפרעגט, צי דו מעגסט ארויסנעמען דאָס געלט פון באַנק?

— ניין, טאַטע.

— פאַרוואָס האָסטו עס ארויסגענומען אָן מיין וויסן?

— דער שווער איז געדריקט, — האָט שמחה מאיר געמאַכט אַ פרום פּנים, — אַ רחמנות, נעבעך.

— האָסט, הייסט עס, געוואָלט טאָן אַ מצווה, האַ? — האָט ר' אברהם הערש געפרעגט מיט שפּאָט.

— יאָ, טאַטע, — האָט זיך שמחה מאיר געמאַכט תמעוואַטע.

— נו, און פאָלגן דעם טאַטן איז נישט קיין מצווה?

שמחה מאיר האָט געשוויגן.

ר' אברהם הערש האָט אַרויפגערוקט די יאַרמולקע העכער איבערן קאָפּ און באַטראַכט דעם זון זיינעם, גוט אים דורכגענו־מען. ער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל כאָטש אַראָפּלאָזן די אויגן זיינע ביי די שקרים, וואָס ער וויל אים איינרעדן. אָבער שמחה מאיר האָט אפילו קיין שאָקל מיט קיין אויג נישט געטאָן. די פרומע מינע איז גאָרנישט אַראָפּ פון זיין פּנים. דעם יונגס גנבהשע פרומקייט האָט דעם פאָטער אויפגעקאָכט.

— זאָג נאָר, צדיק, — האָט ער באַפוילן, — איך הייס דיר ווייטער זיצן און לערנען!

— איך וועל לערנען, ווען איך וועל זיך נאָר קאָנען אָפּרייסן, — האָט שמחה מאיר געזאָגט, — בלי נדר...

— ניין, וועסט לערנען פינף יאָר, ווי לאַנג דו דאַרפסט עסן קעסט ביים שווער!

— כ'קאָן נישט לאָזן דעם שווער אַליין ארבעטן. עזוב תעזוב, שטייט געשריבן...

ר' אברהם הערשן האָט דער כעס צוגעשלאָגן צום האַלז. דעם זונס פסוקים האָבן אים דאָס בלוט אויפגערודערט.

— עוכר ישראל, — האָט ער גענומען כאָרכלען, דיין פּוס

זאָל נישט איבערטרעטן די וועבעריי, איידער דו וועסט אָפּעסן די פינף יאָר קעסט! גיב מיר שוין אַ תקיעת־כּף!

דער פאָטער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַריקע אָדערדיקע האַנט. נאָר שמחה מאיר האָט די אויסגעשטרעקטע פאָטערשע האַנט געלאָזט הענגען אין דער לופט.

אַ ווײַלע האָט אין שטוב געהערשט אַ שטילקייט, אַזאַ שטילקייט, אַז מען האָט אַזש געהערט יעקב בונמס הייסן אָטעם. ר׳ אברהם הערשס רעכטע האַנט האָט געשטעקט אין דער לופט און געוואַרט אויף זיין זונס האַנט־אויסשטרעקן, נאָר עס איז נישט געקומען. ר׳ אברהם הערש האָט געדולדיק איבערגעטראָגן זיין פאָטערשע דערנידערונג אפשר אַ האַלבע מינוט צייט. אָבער אַז דער זון האָט זיך אַלץ פון אָרט נישט גערירט, האָט ער אויפגעהויבן די האַנט אין דער הויך און מיט דער גאַנצער קראַפט אַראָפּגעלאָזן זי אויף שמחה מאירס לייכט־באַבערדלטער באַק:

— אַרויס, בן סורר־ומורה, פון מיין שטוב!...

שמחה מאיר האָט שווייגנדיק אויפגעהויבן דאָס זיידענע היטל זיינס, וואָס איז אים אַראָפּגעפלויגן פון קאָפּ פון פאָטערס פּאַטש, אַ רייב געטאָן די פאַרפלאַמטע באַק און איז אַרויס פון שטוב.

אויסער דעם ווייטאָק פון קלאַפּ, האָט ער קיין שום אַנדער ווייטאָק פון בושה נישט געפילט. ער האָט אפילו געשמייכלט, גייענדיק אויף דער גאַס אַהיים.

וואָס פאַר אַ ראָלע האָט געשפּילט איצט אַ טאַטישער פּאַטש פאַר אים, דעם שותף פון דער וועבעריי אַלטער און אשכנזי, דעם זעלבשטענדיקן מענטש, וואָס גייט איינגעמען לאָדזש, וואָס הויבט־אָן גלייך ביי פּופּציק שטולן און קוקט אַרויף צו די העכסטע שטאָטישע קוימען־שפּיצן!

ער האָט מיט ברייטע, אָפענע נאָז־לעכער טיף איינגעאָטעמט אין זיך דעם לאָדזשער רויך און שטויב פון די גאַסן. זיינע פיס האָבן געטרעטן זיכער אויף די שלעכט־געפלאַסטערטע שטיינער.

קאַפּיטל פופצן

מיטן גאַנצן ברען פון זיינע יונגע, הייסע יאָרן, מיט דער זעלבער היץ, ווי ער פלעגט פריער ארבעטן ביי די קאָרטן ביי שילם בעקער אין הויז, האָט שמחה מאיר איצט גענומען ארבעטן אין דער וועבעריי, וואָס איז ביים שווערס הויז. אומעטום האָט ער אריינגעשטעקט די נאָז, צו אַלעם אויפגעשפּיצט זיינע אויפגעהויבענע אויערן, וואָס זענען, ווי ביי א האָז, שטענדיק וואַך און געשפּיזט, אויף אַלץ אָנגעשטעלט זיינע גרויע אויגן, וואָס זעען אויפן ערשטן בליק אוים מילד, נאָר אין דער אמתן קוקן זיי מיט עקשנות, פּאַרביסנקייט און אומצוטרוי. אַלץ האָבן זיי געזען, די פלוטעוואַטע אויגן, די לאַנגע, דינע נאָז האָט אומעטום געשפּירט, דערשנאַפּט.

קודם־כל האָט ער זיך גענומען צו די ביכער, צו די זעלבע פּארפּלאָנטערטע און צעדרייטע ביכער, וואָס דער שווער מיטן משרת האָבן געפירט און קיינמאָל פון זיי נישט ארויסגעקראָכן. בעסער פונם ליטוואַק דעם בוכהאַלטער האָט ער זיך אויסגעטויגט אין דעם פּלאָנטער פון ציפערן, חסידישע רמזים, היימישע אָנצוהערענישן און פּארגרייזטע לשון־קודשדיקע סוחרישע באַמערקונגען. ער האָט גערעכנט, געמעקט, געכפלט, אראָפּגענומען, צוגעשטעלט, אַלץ מיט א סך איבעריקע ציפערן, אויפן היימישן שטייגער, אָבער געשטימט האָט אַלץ ביי אים צו דער האָר. אז ער איז פארטיק געוואָרן מיט די ביכער, צו וועלכע ער האָט איצט קיינעם שוין מער נישט צוגעלאָזט, נישט שמואל לייבושן, נישט אפילו דעם שווער, האָט ער זיך גענומען צו אַלערליי בריוו, פּארלעגענע באַשטעלונגען, וועקסלען און קבלות, וואָס האָבן געהאַט א טבע זיך צו וואַלגערן אומעטום און אממערסטנס טאַקע אין שווערס אַלע קעשענעס פון די קאַפּאָטעס, וועסטלעך און הויזן, וויפיל נאָר ער האָט זיי געהאַט. ער האָט קיין שפּראַכן נישט געקענט, א חוץ אביסל גרייזיקן דייטש, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט פון גאַלד־

לוסטן דעם בוכהאַלטער, אַרויסגענומען פון די בריוונשטעלערס, וועלכע פאַרפאַסן בריוו צווישן האָכוואָלגעבאָרן הערר סאָלאָמאָן גאָלדמאַן פון לייפּציג און האָכוואָלגעבאָרן הערר ראַבינאָוויטש אין אָדעס. נאָך וויניקער האָט ער געקענט רוסיש, אויסער די גע־ציילטע ווערטער, וועלכע ער פלעגט זיך אָנהערן פון די ליטוואַקעס די קאָמיסיאָנערן און וואָיאַזשאָרן ביי זיך אין שטוב. אָבער ער האָט געהאַט אַ פלינקן קאָפּ צו כאַפּן, פון איין וואָרט צו פאַרשטיין צען. נאָך מער האָט ער געהאַט חוצפּה, גלויבן אין זיך, און ער האָט גלייך גענומען ענטפערן בריוו צו קונדן, בריוו גרייזיקע, שלעכט־געשריבענע, אָבער געשיקטע און שכלדיקע.

אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט די פּאַפּירן, האָט ער גענו־מען שמואל לייבושן אין די הענט אַריין. קודם־כל האָט ער אים צוגענומען די קאַסע פון די הענט, וועלכע ר' חיים אַלטער האָט אים איבערגעגעבן פאַר אַלע יאָרן, וואָס ער האָט געאַרבעט. שמואל לייבוש האָט זיך נישט געלאָזט לייכט איינברעכן. צוגעוואוינט זינט יאָרן צו זיין דער גאַנצער באַלעבאָס אין דער ווערבעריי, צו טראָגן דעם עול פון אַלעם און באַזאָרגן דעם באַלעבאָס מיט געלט, וויפיל נאָר ער דאַרף, איז אים נישט אָנגעשטאַנען צו האָבן איבער זיך אַ נייעם באַלעבאָס, נאָך דערצו אָט דעם פּלוטעוואַטן יונגענמאַנ־טשיקל, וואָס האַלט זיך אין איין צופּן דאָס שפּראָצנדיקע בערדעלע פון קין, ווי ער וואָלט עס וועלן אַרויסקריגן פאַר דער צייט, אָט דעם ראָצער, וואָס דער מאַמעס מילך ליגט אים נאָך אונטער דער נאָז.

ער האָט טאַקע נישט געוואָלט פאָלגן, געמאַכט זיך טויב צו שמחה מאירס באַפעלן און געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ, וואָס האָט ר' חיימען גרויס נחת פאַרשאַפט. איבערהויפּט האָט שמואל לייבוש נישט געוואָלט אַרויסלאָזן די קאַסע פון די הענט, צו וועלכער שמחה מאיר האָט זיך אַזוי געריסן.

— כ'וועל אויסצאָלן דעם באַלעבאָס אַליין, — האָט שמואל לייבוש געזאָגט, ווען שמחה מאיר האָט געפאָדערט ביי אים די קאַסע יעדן אָוונט, — זאָל זיך שמחה מאיר נישט זאָרגן.

דערמיט האָט ער אים געגעבן אָנצוהערן, אַז פאַר אים, שמואל

לייבושן, איז דער באַלעבאָס בלויז ר' חיים אַלטער, אַלץ איינס צי דער איידעם זיינער איז יאָ צוגעטרעטן צום שותפות אָדער נישט, און ער וועט זיך פירן ווי שטענדיק ער האָט זיך געפירט, נישט לאָזנדיק זיך זאָגן קיין דעה פון נייע באַלעבאַטים. ר' חיים, אַ צעשטראָלטער דערפון, וואָס זיין משרת אָנערקענט נישט דעם ניי־געבאַקענעם שותף זיינעם, האָט טאַקע גלייך אויס־געשטעלט די האַריקע פליישיקע הענט זיינע און אריינגעוואָרפן דאָס געלט, וואָס שמואל לייבוש האָט אים דערלאַנגט, אומגע־ציילט אין אַלע קעשענעס פון זיין קאַפּאָטע און הויזן. אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט, איידער דער משרת האָט זיך רעכט אָרומגעזען, ווי ער איז געלעגן ביי שמחה מאירן אין די הענט. צום ערשט האָט שמחה מאיר אים אַרויסגעשטויסן פון דער וועַ־בעריי. ער איז געקומען אין דער וועבעריי פאַר דעם משרת, צו־גלייך מיט די אַרבעטער פאַרטאָג, און אַוועקגעגאַנגען שפּעט. עס איז אים גאָרנישט געווען צו דערבעטן צום טיש. הדם די דינסט האָט אים עטלאָכע מאָל געמוזט לויפן רופן צום מיטאָג.

ער האָט אַרויסגעגעבן די אַרבעטער די וואָל, ער האָט אַכ־טונג געגעבן, מען זאָל נישט פושערן, ער האָט געציילט דורך אַ שפּאַקטיוואָל די פעדעם, געהאַלטן אַן אויג, מען זאָל זיך נישט פוילן, צולייגן אַ האַנט ביים צוקלאַפּן די קעטע, נישט מאַכן שי־טער. די אַרבעטער האָבן אין אים דערזען אַ מבין, אַ געשיקטן פאַבריקאַנט, וואָס לאָזט זיך נישט אָפּנאַרן, וואָס פאַרשטייט אַן עסק, און זיי האָבן גענומען זיך רעכענען מיט זיין מיינונג. ער האָט זיי אַזוי שנעל אין די הענט אַריינגענומען, אַז זיי האָבן נאָר מיט אים גערעדט וועגן אַרבעט. נאָר זיינע באַפעלן אָנגענומען און איגנאָרירט דעם משרת, וואָס איז אַריינגעלאָפן אויף אַ ווײַלע און אָנגעשריגן זיך, אַליין נישט וויסנדיק וואָס.

— גיי, גיי, — האָט אים שמחה מאיר משלח געווען, — דאָ בין איך דאָ.

שמואל לייבוש איז אַוועקגעגאַנגען אַ ברוגזער און אויפגע־הערט צו קומען אין דער וועבעריי.

באַלד דערנאָך האָט אים שמחה מאיר פון אַנדערע זאַכן

אַרויסגעשטויסן. ער האָט גענומען אַליין זען זיך מיט די סוחרים, קאָמיסיאָנערן, שרייבן בריוו, טראַכטן וועגן די פּראַכטן, וואָס זאָלן אַוועקגיין אין צייט. די סוחרים און קאָמיסיאָנערן, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג געמוזט געבן שמואל לייבושן קאָמיסיע, האָבן גערן גערעדט איצט מיט דעם נייעם שותּף, וואָס האָט קיין קאָמיסיע נישט גענומען. דערצו איז ער געווען געשיקט, פלינק, פאַרשטאַנען אַן עסק נאָך איידער מען האָט אַ וואָרט אַרויסגעזאָגט, רעדנדיק אַזוי מיט די סוחרים און קאָמיסיאָנערן, האָט שמחה מאיר אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט דעם משרת שמואל לייבוש און געגעבן אָנצוהערן, אַז מען זאָל וואָס ווייניקער עסקים האָבן מיט אים און דער עיקר קיין געלט אים נישט אַרויסגעבן, נאָר אים, שמחה מאירן אַליין.

שמואל לייבוש דער משרת האָט ווייטער געמסחרט ווי פריער, אָבער וואו ער איז נישט געקומען, האָט מען אים געענטפערט, אַז דער יונגער אשכנזי איז שוין געווען פריער און אַליין אַלץ באַזאָרגט. שמואל לייבוש האָט גלייך דערפילט, אַז דער נייער שותּף איז נישט פון די, וואָס מ׳קאָן בלאָזן אין דער קאַשע, און ער האָט גענומען מער דרך־ארץ אים אַרויסווייזן, לעבן מיט אים גוט, כדי אים צו געווינען פאַר זיך. אָבער שמחה מאיר האָט אים נישט צוגעלאָזט. ער האָט אים געהאַלטן פון דערווייטנס, געשאַפן זיך מיט אים, געשיקט אים מיט שליחותן ווי אַ שיק־אינגל. און אַז שמואל לייבוש האָט זיך געברוגזט און געברומט:

— זאָל מיך שמחה מאיר נישט אַזויפיל אַרומשיקן, כ׳בין נישט קיין אינגעלע...

האָט שמחה מאיר גאָר אַריינגעלייגט די הענט אין די הויזן־קעשענעס, געשטעלט זיך אויף די שפּיץ־פינגער, כדי זיך צוגעבן געוויקסיקייט, און אים געלערנט דרך־ארץ אויפן גרויסן שטייגער.

— אַז ס׳געפעלט דיר נישט, קאָנסטו דיר זוכן בעסערע געשעפטן, — האָט ער אים געזאָגט שאַרף, — און רעדן זאָלסטו אויך צו מיר אַנדערש. איך האָב מיט דיר צוזאַמען חזירים געפּאַשעט, וואָס דו רופסט מיך ביים נאָמען?

שמואל לייבוש האָט גלייך אַראָפּגעלאָזט פון זיין גדלות.

— ר׳ שמחה דארף זיך נישט אויפרעגן, — האָט ער געענט־פערט מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ, — שוין גיי איך.

שמחה מאיר האָט אים אויסגערעכנט אַלע שליחותן, וואָס ער דאַרף טאָן, און פון איצט אָן געהאַלטן דעם משרת אונטער די טריט. ר׳ חיים אַלטער האָט זיך געפילט באַליידיקט פאַר זיין משרת, אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט טאָן. א פוילער, א גע־ניסער, א בעלן אויף זיצן אין שטיבל און פירן די גרענדע צווישן די חסידים, א ליבהאָבער פון כאַפּן א דרימל נאָכן עסן, פון ארויספאָרן אין הייסע זומער־טעג אויף דער פרישער לופט, איז ער וויניקער ווי אַלע מאָל געקומען איצט אין דער וועבעריי. וואָס ער האָט נישט געגרייט זיך טאָן, האָט שוין שמחה מאיר געהאַט אָפּגעטאָן פאַר אים.

— דער שווער מעג זיך גיין אָפּרוען, — האָט אים שמחה מאיר געזאָגט מיט טריישאַפט, — איך וועל שוין אַלץ מאַכן.

ר׳ חיים האָט זיך צוגעכאַפּט מיט הנאה צו דער אָטאָמאַנע, געלייענט מיט פאַרגעניגן די חסידישע מעשה־ביכלעך פון די גוטע־אידן, די אַלע פאַרכאַפּנדיקע געשיכטן וועגן פריצים מכשפים, וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר וואָלקאַלאַקעס, כדי צו טאָן שלעכטס אידן, און וועגן די בעל־שמס, די צדיקים, וואָס כאַפּן די מכשפים מיט הייליקע שמות און מאַכן זיי מגולגל אין הינט און אין קאַ־טערס. ליגנדיק אזוי פוילערהייט אויף דער ווייכער אָטאָמאַנע, האָט ער נישט אויפגעהערט מוסרן זיינע בחורים, פונקט אזעלכע פוילע און ליבהאָבער פון באַקוועמליכקייט ווי ער אַליין, פאַר זייער פוילקייט און ליידיק־גייעריי.

— ס׳מעגט זיך אָראָפּנעמען א מוסר פון שמחה מאירן, — האָט ער געברומט, — ווי דער סמבטיון אזוי רוט ער נישט.

אין שטיבל האָט שמחה מאיר מער נישט אַריינגעשמעקט, בלויז אָפּגעכאַפּט גיך דאָס דאַווענען. דערפאַר איז ער אַרומגעגאַנ־גען צווישן די רעסטאָראַנדלעך, וואו סוחרים, קאָמיסיאָנערן, מעק־לערס, פּראָצענטניקעס און גלאַט אידן, וואָס דרייען זיך אַרום גע־שעפטן, זענען געזעסן ביי ביר מיט האַרטן געפעפערטן אַרבעס און געמסחרט, געמעקלט, געטוישט, גערעדט פון ביינוול און וואָל,

פון הויכע און נידעריקע פרייזן, פון יעדנס פארדינסטן און היזקות, פון יעדנס וואוילשטאנד און שלימזל. אין די טומלדיקע רעסטאָ־ראנדלעך, ביי די שמוציקע טישלעך, פארגאָסענע מיט ביר און פארשריבענע מיט קרייד, איינגעהילט אין שטויב און אין רויך, זענען זיי געזעסן אין די הונדערטער, די סוחרים און די מעקלערס, און געהאלטן די וואקסנדיקע שטאָט מיט אלע אירע שטולן, קווי־מענס און געשעפטן אין די הענט. דאָ האָט מען אָפּגעשאצט, ווער עס איז רייך און ביי וועמען עס גייט מיט דער פוטער אראָפּ, ווער עס איז לייט און ווער עס איז אַן אָרעמאַן, אַ שלעפער, ווער עס איז קוראנט און ווער ס׳איז א גנב, אַ שווינדלער, וואָס מ׳טאָר אים קיין פעקל סחורה פון דער האנט נישט ארויסגעבן.

ביי די פארשמוציקטע טישלעך האָט מען פארקויפט ביינוול־פעלדער פון טויזנטער מיילן ווייט; האָט מען פעסטגעשטעלט פרייזן; האָט מען געהויבן סחורות און געוואָרפן. אין טומל פון חסידישע ווערטלעך, וואָיאַזשאָרישע וויצן, קאָמיסיאָנערישע ליטווישע חכמות, און געפּילדער פון לשון־הרע, רכילות, באָרעדע־נישן, אָפּשפּאַסענישן און גראָבע וויצן, האָט מען פארהאנדלט די מי פון אָדערדיקע ארבעטס־הענט, די שלאָפלאָזע נעכט פון רויט־אויגיקע ארבעטער־מיידלעך, די געהירן פון מוסטער־צייכענער, בעמיקער און ערפינדער. מען האָט מיט פלינקע פינגער ארומגע־טאַפּט סחורות, צעוויקלט דרימען, צעדרילעוועט פעדעם. און צווישן אלע רעדלעך איז אויך שמחה מאיר אומעטום געווען, אומ־עטום אריינגעשטעקט זיינע אָנגעשפּיצטע אויערן, צו אלעם זיך צוגעהערט, אויפגעכאַפּט, קאָפּ צונעלייגט און באַנומען.

מיט דער גיריקייט פון א דאָרשטיקן, האָט ער געטרונקען און אריינגעצויגן אין זיך די געדיכטע לופט אין די רעסטאָראנדלעך ארום די שמוציקע ביר־טישלעך. קיין וואָרט נישט דורכגעלאָזט. מען האָט אים נאָך ווייניק געקענט. אָט דעם יונגנמאַנטשיקל, וואָס האַלט זיך אין צופן די ערשטע הערלעך פון זיין קין, ווי ער וואָלט זיי וועלן ארויסציען פאר דער צייט, און מען האָט זיך אויף אים נישט שטארק אומגעקוקט. אָבער שמחה מאיר האָט זיך נישט געמאַכט דערפון. אזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין גע־

דולד צו ווארטן, געברענט צו יעדער זאך, האָט ער שוין אָבער פון דער פריסטער יונגט אָן, נאָך פון די צייטן ביי שילם בעקער, געוואוסט, אז מען דארף זיך נישט באלד אויסגעבן ביי א גוטער קאָרט. פארקערט, מען דארף ווארטן, זיך מאַכן געפגרט, כדי דער־נאָך צו קאָנען געבן א וואָרף די זינגערישע קאָרט אין טיש.

ער האָט טאקע דערווייל געשוויגן, נישט אריינגעמישט זיך, נישט גערוקט זיך פאָראויס אין די רעדלעך, נאָר בלויז ווי א שוואָם אלץ אין זיך איינגעזאפּט. ביסלעכווייז האָט ער אליין אויך גענומען אריינווארפן א וואָרט, אויספרעגן זיך וועגן א געשעפטל, א טאפּ טאָן צו א שטיקל סחורה, צעדרילעווען א דרים. באלד האָט ער אויך געכאפּט דעם לאָדזשער שניט פון רעדן מיט א מענטשן, פון דערהערן, וואָס מען דארף, און פון זיין שטום און טויב, ווען מען דארף אויסמיידן אן ענטפער. אפילו אָננעמען יעדן מענטשן ביים לאץ, ווען מען רעדט, כדי אויסצוטאפּן די סחורה פון זיין מלבוש, האָט ער גענומען באנוצן, ווי יעדער לאָדזשער סוחר. מענטשן זענען אויף אים אויפמערקזאם געוואָרן, גענומען אויס־פרעגן זיך וועגן אים.

— אברהם הערש אשכנזים זון, — האָט מען זיך איבערגע־געבן, — חיים אלטער איידעם.

— אָ, — האָט מען געזאָגט מיט אָפּשיי און זיך פאַנאַנדער־גערוקט ארום טישל, כדי אים אויך צו מאַכן אן אָרט.

איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, איז שוין דער נייער גע־ווען א גאנצער כל־ולך ביים טישל, געזאָגט וויצן, חכמות, גלייכ־ווערטלעך און זייער געשיקט און פלינק זיך אָפּגעזאָגט פון אלע בייזע וויצלער און קיבעצער, וואָס האָבן אים געפּרואווט נעמען אויפן צימבל, ווי יעדן „פריץ“.

— אה, — האָט מען הנאה געהאט, — ער איז נישט פון די צוויי פאר א דרייער, דער קליינער, מען דארף אים דאָס צינגל נישט שלייפן...

אזוי מיר נישט, דיר נישט, איז אין די שמוציקע רעסטאָ־ראנדלעך קלאָר געוואָרן, אז שמחה מאיר, וואָס קוים די ערשטע האָר שפּראָצן אים אויפן פנים, איז נישט נאָר א זון פון א טאטן

און אן איידעם פון א שווער, נאָר אז אזוי יונג ווי ער איז, איז ער שוין טאָקע א שותף צום שווערס וועבעריי. אין וועלכער ער האָט שטעקן גאַנצע צען טויזנט רובל מזומנים, און דערביי קוועטשט ער מער נישט די באַנק אין חסידים־שטיבל, נאָר פירט דעם שווערס געשעפטן גאָר מעשה־מענטש.

— ס'דער אמתער פויגל, — האָבן אידן וועגן אים זיך איבער־געוואונקען און אים אריינגענומען מיט אָפענע אָרעמס אין די רעד־לעך אריין. באַלד טאָקע האָבן סוחרים גענומען מיט אים רעדן וועגן מסחרים, מעקלערס האָבן זיך אַרום אים אָנגעהויבן דרייען און עלטערע אידן האָבן אים שוין אפילו גענומען אוועקפירן אין א ווינקל און פרעגן זיך ביי אים עצות וועגן גוטע מסחרים, וואָס קיינער דאַרף וועגן זיי נישט הערן.

— א בר־דעת, אן עילוישער קאָפּ, — האָבן אידן מיט בערד אויף אים אָנגעוויזן, — נאָר אן אכבראָש פערווי סאָרט, נאָטע גנב...

דאָס איז געווען אין לאָדזש דער גרעסטער שבח.

ער האָט נישט גערוט, שמחה מאיר. דער הויכער שטערן, באַזוימט מיט א דין געשוירן שפיצל האָר, אויף וועלכע דאָס חסידישע זיידענע היטל ליגט שטענדיק פאַרקאַשערט, האָט נישט אויפגעהערט טראַכטן, זוכן, שפּעקולירן. דאָ האָט ער אויסגעפונען, אז די ווייבערישע טיכער, וואָס ער אַרבעט אויס, זענען צו־גרויס און ברייט, כאַפּן א סך וואָל אריין. אמת, זיי גייען, אָט די דאָזיקע טיכער, מען פאַרדינט אין זיי זייער שיין, אָבער וואו שטייט עס געשריבן, אז זיי מוזן פונקט זיין אזוי גרויס און ברייט ווי זיי זענען? עס וועט נישט זיין קיין אומגליק, אז זיי וועלן זיין אויף א צאָל שמעלער און קירצער. קיין שום אידענע, קיין קאַצאַפּקע אין רוסלאַנד וועט זיך נישט כאַפּן, צי איר טוך איז אויף איין איינציקע צאָל קלענער. אפילו סוחרים וועלן זיך נישט כאַפּן. וואָס איז א צאָל? גאָרנישט מיט נישט פאַרן קונה, אָבער גאָר א סך פאַרן פאַבריקאַנט. שמחה מאיר, וואָס האָט קיינמאָל נישט אַרויס־געלאָזט דאָס בליי־שטיפטל פון אונטערן אויער, כדי עס צו כאַפּן ביי יעדער געלעגנהייט און א רעכן טאָן אויף וואָס נאָר עס לאָזט

זיך, אויף פּאַפּיר, אויפן טישטוך פון טיש, אויף דער וואַנט אָדער אויף דעם ערשטן בעסטען שטיקל סחורה, האָט שנעל אויסגערעכנט, אַז יעדער אַרבעטער מאַכט דריי טיכער אַ טאָג, וואָס מאַכט אויס הונדערט און פופציק שטיק אויף איין טאָג, אַ קנאַפּע טויזנט אַ וואָך און פערציק טויזנט אַ יאָר. ווען מען זאָל בלויז אַראָפּכאַפּן צו איין צאָל פון אַ טוך, וואָס וועט זיך גאָרנישט אָנזען, וועט עס אַריינברענגען אַ שיינע סומע, גאָר אַ לייטישע ביים שפּאָרן וואָל.

שוין אויף צומאָרגנס האָט ער געהייסן די וועבער אַראָפּ־כאַפּן אַ צאָל פון די טיכער.

— דער אַלטער וויל, מען זאָל „שיסן" אויפן צאָל? — האָט טוביה „נישט הפקר" געפרעגט און געוואונקען מיט אַן אויגל.

— איך וויל נישט הערן אַזעלכע רייד, — האָט אים שמחה מאיר גלייך אָפּגעשיינגעצט. — די טיכער זענען בלויז צו לאַנג. טו, וואָס מ'הייסט, און רעד נישט אַזויפיל. קיינער דאַרף נישט וויסן, וואָס אין דער וועבעריי טוט זיך.

די וועבער האָבן געטאָן, וואָס שמחה מאיר האָט געהייסן. זיי האָבן אפילו אַ ביסל אונטערגעצויגן די טיכער, זיי זאָלן דעם אָפּגעשאָסענעם צאָל צוריקגעבן, ווי שמחה מאיר האָט עס גע־געבן אָנצוהערן. קיינער האָט זיך נישט געכאַפּט, נישט נאָר די ווייבער, נאָר אפילו נישט די סוחרים. ס'איז אַראָפּ גלאַטיק, ווי אויף פּוטער, און שמחה מאיר האָט געקוואָלן פון נחת. זעענדיק אַז עס גייט, האָט שמחה מאיר ווייטער געטראַכט וועגן אָפּשפּאָ־רונגען. ער האָט געלאָזט מאַכן אַ טוך מיט שטרייך־גאַרן, אַ וואָל־פּאָדים, וואָס איז געמישט מיט אָפּפאַל, לאָדזש האָט גענוג שפּי־נערס געהאַט איצט, וואָס זענען געווען ספּעציאַליסטן אויף אַזאַ פּאָדים אויסצואַרבעטן. נאָר גרויסע מבינים האָבן זיך דערויף פאַר־שטאַנען, ווען זיי האָבן אַ פּאָדים צעדרילעוועט, פאַנאַנדערגעוויקלט. סוחרים האָבן זיך דערויף נישט געכאַפּט. ער האָט צוערשט גע־מאַכט אַ פּראָבע צו זען, ווי אַזוי עס וועט גיין. עס איז אַוועק, נישט ערגער, ווי די אַראָפּגעשאָסענע צאָל, און שמחה מאיר איז אַ גרויסער אָפּנעמער פון היימישן שטרייך־גאַרן געוואָרן.

וואָס ווייטער האָט ער אַלץ נייערע פּרובן געמאַכט. ער האָט געלאָזט וועבן אַ טוך, וואָס פון אויבן האָט עס וואָל, פון אונטן וואָל, נאָר אין דערמיט איז אַריינגעוועבט ביינוול. דערפאַר האָט ער געלאָזט אין די ברעגן זייער שיינע און רויטע בלומען איינ־וועבן. טוביהלע „ס'איז נישט הפקר אַ וועלט" האָט זייער פאַר־ביקע בלומען געוואוסט אַריינצוואוועבן אין די ביליקע שאַלן. רוסישע ווייבער האָבן די טיכער געכאַפּט פון די הענט און שמחה מאיר האָט גענומען אויסאַרבעטן אַ סך אַזעלכע. ער האָט אַפילו צוגע־נומען נייע געזעלן אויסצואַרבעטן די בלומען. די טאָפּל־טיכער זענען געוואָרן די סענסאַציע פון לאָדזש. באַלד האָבן אַנדערע גע־נומען זיי נאָכמאַכן, אָבער ביז וואָס ווען, האָט שמחה מאיר גע־מאַכט געלט.

מיט דער צייט האָט ער גענומען אויסאַרבעטן אַ ביליק טוך פון בלויז ביינוול. אַ טוך אַ געמיינעם, אַ דינס, אָבער זייער אַ ביליקס, וואָס זאָל קאָנען זיין צוטריטלעך פאַר אַלע ווייבער, פאַר די סאַמע אָרעמסטע. די אַרבעטער האָבן זייער שנעל געמאַכט די ביליקע טיכער, שיטער, פלינק, אויסגעאַרבעט צו זיבן־אַכט שטיק אין אַ טאָג, אָבער דערפאַר זענען זיי געווען זייער פאַרביק, דורכגעוואָרפן מיט די שרייענדיקסטע פאַסן. ער האָט אַלעמאָל געוואוסט. שמחה מאיר, כאָטש ער איז נאָך גאָר אַ יונגער־מאַנטשיקל, נישט לאַנג פון דער גמרא, געווען, אַז אַ ביליק צוקערל דאַרף מען אין אַ זייער פאַרביק פּאַפּירל איינוויקלען, עס זאָל ציען. און די טיכער זיינע האָבן געצויגן. ער האָט געקריגן באַשטעלונג נאָך באַשטעלונג. דער שווער זיינער האָט זיך געבלאָזן, עס איז אים נישט אָנגע־שטאַנען, וואָס זיין וועבעריי, די סאָלידע און די גוטע, מאַכט שמאַטעס, אַרבעט ביינוול און „וויגאָניע", אָפּפאַל פון ערגסטן סאָרט. אָבער שמחה מאיר האָט אים נישט געהערט. די דאָזיקע טיכער האָבן גענומען בעסער גיין פון די וואָלענע און טייערע, אַריינגעבראַכט זייער גוטע פאַרדינסטן, און שמחה מאיר האָט נישט איינגעזען, פאַרוואָס ער זאָל זיי נישט מאַכן.

— אין וועלכער תורה שטייט עס געשריבן, אַז פאַר וואָל קריגט מען מער גן־עדן, ווי פאַר ביינוול ? — האָט ער געפּרענט מיט

א גמרא־ניגון. — זאָל מיר דער שווער ווייזן, כ׳בין א בעלן צו זען...

ר׳ חיים אַלטער האָט גענומען רעדן וועגן סוחרישקייט, וועגן סאָלידקייט, נאָר שמחה מאיר האָט אפילו נישט געהערט.

— דער שווער קאָן זיך פאַרלאָזן, — האָט ער געזאָגט און אים פאַרשטעלט די קונים, מיט וועלכע ער האָט געוואָלט רעדן. — צו וואָס זאָל זיך דער שווער מטריח זיין? איך וועל שוין אַלץ אַליין באַזאָרגן.

ר׳ חיים האָט עפּעס דערפילט, אז שמחה מאיר איז צו גוט פאַר אים, צו־פיל צדיק אין פעלץ, וואָס האָט אים באַאומרואיקט, געשראָקן אפילו. אויך האָט ער זיך געפילט באַליידיקט, וואָס דער ראָצער איז אים דאָ אזוי אריינגעקראָכן און פאַנאַנדערגעליינט זיך ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן. ער האָט כסדר געבונטעוועט זיך, אָפּגעמאַכט יעדן טאָג צו נעמען אים אין די הענט אריין, צו ווערן צוריק באַלעבאָס, צו ווייזן אים, ווער עלטער איז. מיטאָמאָל פלעגט ער זיך טאַקע אריינרייסן אין דער וועבעריי, נעמען שרייען, זאָגן דעות, רעדן מיט סוחרים, אָבער סיי די וועבער, סיי די סוחרים האָבן געזען, אז ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט, אז ער האָט קיין אָנונג נישט וואָס אין געשעפט טוט זיך, און זיי האָבן זיך ארויסגעדרייט פון אים און גערעדט מיט שמחה מאירן. ניין, ער האָט שוין נישט געקאָנט צוריקכאַפּן דאָס, וואָס ער האָט ארויס־געלאָזט. אויך פריער, פאַר שמחה מאירן, האָט ער ווייניק געוואוסט אין די מסחרים, אַלץ האָט געטאָן פאַר אים שמואל לייבוש. ער האָט בלויז אונטערגעשריבן פאַפּירן, וועקס־לען, און גענומען געלט, ווען נאָר ער האָט געדאַרפט. איצט האָט ער גאָרנישט געוואוסט מער אין מסחר. אַלץ האָט געטאָן שמחה מאיר. און אָפּשרייענדיק, אָנטומלענדיק, אָן א סדר, אָן א טאַלק, איז ער אוועק פון דער וועבעריי מיט דעם אייגענעם, מיט וואָס ער איז געקומען.

ער האָט אים נישט באַהאַנדלט שלעכט. דער איידעם זיינער, חלילה, ער האָט אים, ווי פריער דער משרת זיינער, געגעבן אונ־טערצושרייבן אַלערליי פאַפּירן און וועקסלען, אין וועלכע ער האָט

אפילו נישט רעכט אריינגעקוקט, נישט געוואוסט, וואָס אַזוינס דאָרט איז געשריבן. פּונקט אַזוי האָט ער אים געגעבן געלט, וויפיל ער האָט נאָר געוואָלט אויף דער הוצאה. פּריווע זיין ווייב, האָט ווי שטענדיק אויסגעשטרעקט די פּולכנע אויסגעבריליאַנטע־וועטע הענט נאָך געלט, נאָך אַ סך געלט. אויך ער אַליין, ר׳ חיים, האָט געהאַט שיטערע פינגער, ער האָט גערדאַפּט אויף סעודהלעך פאַר די חסידים, אויף רייזעס זומער אין די וואַרעמבעדער. שמחה מאיר האָט אים נישט אָפּגעזאָגט. אָבער ער האָט זיך נישט געפּירט, שמחה מאיר, ווי פריער ס׳איז געווען דער מנהג, צו געבן אומגע־ציילט, אומפאַרשריבן. ער האָט נישט געהאַלטן, ווי זיין שווער, אַז וואָס ווייניקער חשבון, אַלץ מער מזל־ברכה. ר׳האָט אַלץ פאַר־שריבן, יעדן גראָשן, יעדע פּרוטה.

שמואל לייבוש, דער משרת, האָט זייער שטיל געפּרוּווט אַמאָל אָנטאָן עגמת־נפש זיין באַלעבאָס.

— ר׳ חיים, — האָט ער געברומט, — דער קליינער געפעלט מיר נישט, האַלט אים אויפן אויג.

נאָר ר׳ חיים, אַ איד אַ פּוילער, אַ גענישער, אַ מענטש וואָס לאָזט צו זיך נישט צו קיין עגמת־נפש, האָט פיינט זיך אָפּצועסן דאָס האַרץ, האָט מיטן גרעסטן בטחון, וואָס נאָר ער האָט געהאַט, אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און נישט געלאָזט פאַלן קיין שטויב אויף זיין געמיטלעכקייט. ער האָט נישט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון זיין ווייבער אַטאַמאַנע, פון זיינע סעודהלעך, פון זיינע שמע־קעדיקע ציגאַרן. איבערהויפּט האָט ער נישט געקאָנט אָפּלאָזן זיין באַטעמטע פּריווע, לאָזן זי פאָרן אַליין אין די אויסלענדישע בעדער, וואו מענער עסן זי מיט די אויגן, ווען ער באַווייזט זיך מיט איר ביים שפּרודל־קוואַל. ער האָט געהאַלטן פון דעם כלל— לויב גאָט פון טאָג אויף טאָג, אַ מענטש דאַרף האָבן בטחון, מיט גאָטס הילף וועט זיין אַלץ רעכט.

ר׳ חיים האָט גענומען געלט ביי שמחה מאירן, וויפיל נאָר ער האָט געוואָלט, און שמחה מאיר האָט פאַרשריבן, וויפיל נאָר ער האָט געוואָלט.

— זאָל דער שווער פאָרן געזונט, — האָט אים שמחה מאיר

צוגעוואונטשן צו זיינע רייזעס אין די בעדער.—צו וואָס זיך שטיקן דאָ אין רויך און אין טומל? איך וועל שוין אַלץ באַזאָרגן.

צום יאָר, ווען שמחה מאיר האָט אונטערגעפירט אַ סך הכל פון די געשעפטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ווּעבעריי האָט גאָר גוט געמאַכט. זיינע נייע ניכער, די אָפּשפּאָרונגען ביי וואָל, דאָס פירן אין אָרדענונג די ביכער, דאָס ארומשנאָפּן אין די רעס-טאָראַנדלעך צווישן די טישלעך, דאָס באַזאָרגן די פראַכטן אין צייט, דאָס האַלטן די ווּעבער אויפן אויג, דאָס אַלץ האָט אַ גרויסע פּעולה געהאַט. אויך האָט שמחה מאיר אין די קליינע רעסטאָ-ראַנדלעך עטלעכע זייער געלונגענע געשעפטלעך געמאַכט. ער האָט איינגעהאַנדלט אויף קרעדיט עטלעכע פּאַרטיעס ביינוול צו דער צייט און פאַרקויפט זיי צו דער צייט מיט זייער אַ גוטן ריוח. ער האָט אָט די געשעפטן נישט פאַרשריבן אין די ביכער. זיי האָבן גאָר-נישט געהאַט צו טאָן מיט דער ווּעבעריי, זיי זענען געווען זיינע אייגענע, צו וועלכע דער שוועֶר האָט נישט קיין עסק און פון וועל-כע ער דאַרף גאָרנישט וויסן. נישט ער האָט דעם ביינוול געהאַלטן ביי זיך, נישט ער האָט אים געקויפט פאַר זיך. ער האָט די פּעק ביינוול אַפילו פאַר די אויגן נישט געזען. ער האָט זיי געקויפט אומגעזען און אַזוי פאַרקויפט. דערצו נאָך האָט דער שוועֶר אַרויס-גענומען פיל מער, ווי אים איז געקומען פאַרן יאָר.

שמחה מאיר האָט מיט הנאה געשריבן די חשבונות אומעטום, אויף אַלע טישטיכער, שטיקלעך סחורה, ווענט און טירן. פאַרן ערשטן יאָר האָט די אַרבעט זייער אַ שיינע הכנסה געגעבן. ער האָט געקאָנט זיין צופרידן. אָבער ער איז עס נישט געווען.

יעקב בונם, זיין צווילינג-ברודער, וואָס איז אינגער פון אים מיט עטלעכע מינוט, האָט אים קיין מנוחה נישט געגעבן. פּונקט ווי אַמאָל אין הויף זייערן, האָט ער איצט ווידער געהאַט די אויר-בערהאַנט איבער זיין עלטערן ברודער. שמחה מאירן האָט גע-פרעסן די קנאה. ער איז שלעכט געשלאָפן אויף זיין געלעגער אין די נעכט.

קאַפּיטל זעכצן

באַלד נאָך שמחה מאירס חתונה האָט שמואל זיינוול דער שדכן גענומען רעדן יעקב בונמען אַזאַ גרויסן שידוך, אַז ר׳ אברהם הערש איז געבליבן זיצן אין דער ערשטער ווײַלע אַ צעחושטער, וואָס איז גאָרנישט אין זיין טבע געווען.

— מיט וועמען רעדט איר, ר׳ שמואל זיינוול, מיין בחור אַ שידוך? — האָט ער איבערגעפרעגט. — מיט ר׳ קלמן אייזנס אַן אייניקל?

— יאָ, יאָ, מיט קלמן אייזנס אַן אייניקל, — האָט שמואל זיינוול איבערגעזאָגט, אויסציענדיק יעדעס וואָרט און קוקנדיק זיגעריש ר׳ אברהם הערשן אין די אויגן. — אַזוי ווי איך זאָג דיר, אברהם הערש, מיט קלמן אייזנס אייניקל.

ווי שטענדיק האָט ער ר׳ אברהם הערשן געזאָגט „דו" און קלמן אייזן, וואָס אַפילו הינטער די אויגן רופן אים אידן מיט אַ „רב", האָט ער אָנגערופן בלויז ביים נאָמען — קלמן.

שמואל זיינוול האָט גענומען זיך רימען, וואָסער עזות־פּנים ער איז, און אָפּגעטאָקט אַ ליגן, אַז ער איז אַרייַנגעגאַנגען צו קלמן אייזן אין די סאַליעס און אים געזאָגט:

— הערסט, קלמן, איך וויל זאָלסט טאָן מיט אברהם הערשן פון לאָדזש...

אָבער ר׳ אברהם הערש האָט אים נישט געוואָלט הערן. ער האָט זיך געקענט אויף שמואל זיינוולס גוזמאות.

— יאָ, געזאָגט, נישט געזאָגט, — האָט ר׳ אברהם הערש אים איבערגעהאַקט, — דער עיקר איז, צי עס איז אייערם אַ המצאה, ר׳ שמואל זיינוול, צי מען האָט אייך געהייסן רעדן דעם שידוך?

— געהייסן, געהייסן, — האָט שמואל זיינוול געענטפערט בייז, וואָס מען גלויבט אים נישט זיינע מעשיות, — פון כלהס צד וויל מען.

— נישט צו פאַרשטיין, — האָט ר׳ אברהם הערש געזאָגט,

נעמענדיק א גוטן שמעק טאבאק, עס זאָל אים קלערער ווערן אין קאָפּ.

כאָטש דער ר׳ קלמן אייזן האָט געוואוינט אין ווארשע, איז פונדעסטוועגן נישט געווען קיין איין איד אין לאָדזש, אין גאַנץ פּוילן אפילו, וואָס זאָל פון אים נישט וויסן. מען האָט אים גע־שאַצט אין די מיליאָנען. דערצו איז ער געווען א גדלן א גרוי־סער, מענטשן האָבן פאר אים געציטערט. אויך איז ער געווען אַ גערער חסיד, א שונא פון די אַלעקסאַנדערער חסידים. און ר׳ אברהם הערש האָט נישט געקאָנט פארשטיין, וואָס דאָ איז גע־שען אזוינס, אז פון ר׳ קלמנס הויז זאָל מען שיקן צו אים. און וועגן וועמען? וועגן יעקב בונמען! ער וואָלט נאָך פארשטאַנען, ווען עס וואָלט געגאַנגען וועגן שמחה מאירן. אן עילוי כאָטש! אבער יעקב בונם?...

דער איינציקער, וואָס האָט געוואוסט דעם סוד, איז געווען יעקב בונם אַליין.

אויף דער חתונה פון זיין ברודער, טאקע ביי דער חופּה אין הויף, האָט א מיידל, א גרינגע און דארע, וואָס האָט נאָך גרינגער און דאַרער אויסגעזען אין לאַנגן וויים־זיידענעם קלייד, גענומען מיט אים רעדן.

— אפשר וועלן זי זיך אביסל אָפּרוקן, קאַוואַליער, — האָט זי אים געזאָגט, — איך וויל זען די חופּה, און זי זענען מיר, קיין עין־הרע, צו גרויס געוואַקסן...

ער האָט זיך אָפּגערוקט. אָבער זי האָט נאָך אַלץ נישט געזען.

— אפשר וועלן זי מיך אביסל אונטערהויבן, קאַוואַליער? — האָט זי אים ווידער געזאָגט און זיך פונאַנדערגעלאַכט צו איר חברטע. — און שאָקלען זי נישט אַזוי מיט דער הבדלה אין דער האַנט, זי וועלן מיר פארטריפן דאָס קלייד מיט חלב.

ער איז רויט געוואָרן. זי האָט פון אים געלאַכט:

— זי מיינען, אַז איך וואָלט איהן עפּעס אָפּגעביסן? — האָט זי געזאָגט. — איך ביים נישט.

ער האָט געענטפערט חסידיש:

— איך מיין גאָרנישט.

דאָס מיידל האָט געלאַכט פון זיין פאַרשעמטקייט.

— זי זעען גאָר נישט אויס צו זיין אַזוי פאַנאַטיש, ווי זי מאַכן זיך, — האָט זי אים געזאָגט און זיך צוגערוקט נאָענט צו אים, געטוליעט זיך מיט אירע זיידנס אין דער גרויסער ענגשאַפט אינגאַנצן אין אים אריין. אליין נישט ווויסנדיק ווי אַזוי, האָבן זיי זיך פלוצלונג געהאַלטן ביי די הענט.

— פאַרוואָס האָבן זי געלאָזט איהנס ברודער חתונה האָבן פאַר איהנען? — האָט זי אים שטיל געפרעגט. זי — זענען דאָך גרעסער.

— ער איז עלטער, — האָט יעקב בונם געענטפערט.

— אָ, — האָט דאָס מיידל זיך געוואונדערט. — און זי ווילן א כלה?

יעקב בונם האָט נישט געענטפערט, געשעמט זיך.

דאָס מיידל האָט אים א דריק געגעבן מיט דער האַנט.

— מיר וואָלטן זי וועלן פאַר א כלה? — האָט זי געזאָגט און זיך שפּיציק פונאַנדערגעלאַכט.

יעקב בונם האָט זיך אינגאַנצן באַגאָסן מיט רויטקייט.

— זי זענען א שיינער קאַוואַליער, — האָט אים דאָס מיידל געזאָגט. — נאָר ווען זי גייען נישט חסידיש געקליידעט, וואָלט איך אין איהן מער גוסטירט. און איך בין א שיינע?

ער האָט נישט געענטפערט, ער האָט זיך געשעמט. דערצו זענען מענטשן געשטאַנען אַרום. ער האָט מורא געהאַט, מען זאָל נישט דערזען ווי נאָענט ער שטייט מיט א מיידל. אָבער דאָס מיידל האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. זי האָט זיך פון אַרומיקן עולם גאָר נישט געמאַכט.

— זי מוזן מיר זאָגן, צי איך געפעל איהן, — האָט זי געזאָגט פעסט, — אָבער אָן קאָמפּלימענטן, דעם ריינעם אמת.

— זי זענען א גאַנץ שיינע, — האָט יעקב בונם געזאָגט, כאָטש זי איז אים נישט געפעלן געוואָרן פאַר א שיינע.

— מיין נאָמען איז פערל, פערל אייזן פון וואַרשע, — האָט זי געזאָגט מיט שטאָלץ. — אַז זי ווילן, זענען מיר גאָר קרובים, ווייל מיר געהערן זיך אָן מיט דער כלה דינהלע פון דער מוטערס

זייט. איך בין ספעציעל געקומען פון ווארשע אויף דער חתונה.

דער עולם האָט זיך גענומען פונאנדערגיין פון דער חופה. דאָס מיידל האָט אים א פעסטן קוועטש געטאָן ביי דער האַנט און זיך אויסגעמישט מיטן עולם, צוטאַנצנדיק צו דער מוזיק פון דער קאַפּעליע.

יעקב בונם האָט זי מער נישט געזען. ער האָט זי געדענקט. זי איז געווען דאָס ערשטע מיידל, וואָס האָט אים ביי דער האַנט גענומען, גערעדט מיט אים אזוי. אָבער געטראַכט וועגן זיך און דעם מיידל האָט ער נישט. גאַנץ אַנדערש איז געווען מיט דעם ווארשעווער מיידל פּערעלע אייזן. זי האָט דעם גרויסן צוואַקסע־נעם שווארצאויגיקן בחור, וואָס פייער שפּריצט פון זיינע בליקן, ליב געקריגן, צוגעזאָגט געוואָרן צו אים מיט איר גאַנצן מאָגערן גרינלעך־קרענקלעכן מיידלערישן לייב. און זי האָט גענומען רעדן אין שטוב, מען זאָל שיקן א שדכן צום בחורס פאָטער רעדן א שידוך.

אַז פּערעלע האָט די ווערטער ארויסגעזאָגט פאר דעם פאָ־טער אירן, איז ער געוואָרן בלאַס.

— פּערעלע, ברענג עס נישט פאַרן מויל! — האָט ער זיך גע־בעטן א דערשראָקענער און פאַרהאַלטן איר דאָס מויל מיט דער האַנט. — מער פעלט נישט, דער זיידע זאָל עס דערהערן.

דער זיידע ר' קלמן, כאָטש שוין א איד אין די העכערע זיבע־ציקער, האָט געהאַלטן דאָס הויז זיינס, די דערוואַקסענע זין מיט די גרויע בערד, ווי חדר-אינגלעך, מען האָט געציטערט פאר זיין בליק.

ער איז געווען א מיליאָנער. ער ווייסט גאָר אליין נישט, וויפיל ער פאַרמאָגט, האָט מען גערעדט וועגן אים, און ער האָט טאַקע נישט געוואוסט. ער האָט געהאַט הייזער א סך, א גאַנצע גאַס היי־זער אין ווארשע, וואָס האָט זיך טאַקע גערופן אויף זיין נאָמען, ר' קלמן אייזנס גאַס. אויך האָט ער פאַרמאָגט פיל וועלדער און ער האָט געפירט גרויסע מסחרים מיט דער מלוכה. ער האָט צור־געשטעלט שוועלן, סלופּעס און אַנדערע געהילץ פאַר אלע באַן־ליניעס און טעלעגראַפן, וואָס די רעגירונג האָט געבויט. אָבער געפירט האָט ער דאָס אַלץ אויפן אַלטן שטייגער, ווי אין דער צייט,

ווען ער איז נאָך גאָר א יונגערמאַן נאָך דער חתונה געווען און געהאַט א קליינעם האָלץ־סקלאַד אויף דער אייזנגאַס אין וואַרשע. ער האָט נישט געהאַלטן פון קיין דירעקטאָרן און בוכהאַלטערס. פונקט ווי ער איז געקומען צו זיין פאַרמעגן אליין מיט די אייגענע הענט, אזוי האָט ער געוואָלט פירן עס מיט די אייגענע הענט, אָן די נייע מאָדעס, אָן די גוים און דייטשן מיט זייערע ביכער.

ער האָט פיינט געהאַט נייקייטן, ר' קלמן אייזן. ער האָט זיך געהאַט זיין גאַנג, פון וועלכן ער איז נישט אראָפּ אויף קיין האָר.

ווי לאַנג ער האָט געלעבט, האָט ער די זין זיינע, כאָטש זיי זענען שוין געווען אידן אין די יאָרן, נישט צוגעלאָזט צום מסחר. ער האָט זיי געהאַלטן אַלע ביי זיך אין גרויסן הויף, יעדן אָפּגע־געבן זיין היפּשע דירה און אים מיט דער פאַמיליע באַזאָרגט מיט אַלעם. אָבער טאָן עפּעס ביי זיין לעבן האָט ער זיי נישט געלאָזט. זיי האָבן בכלל נישט געהאַט קיין דעה אין הויז. זיי האָבן נישט געטאָרט אַליין טאָן קיין שידוכים מיט זייערע קינדער, נאָר דער פאָטער האָט געדאַרפט אַליין אויסזוכן שידוכים פאַר זיי, אַליין געבן נדן און קעסט. יעדעס מאָל, וואָס עס איז צוגע־קומען א ניי פּאָר, האָט ר' קלמן געהייסן צובויען א נייעם שטאָק אָדער א פליגל אין דעם לאַנגן הויף, וואָס האָט זיך געצויגן אין צוויי גאַסן אריין. אויך שבת און יום־טוב האָט קיינער פון זיינע זין און איידעמס נישט געטאָרט אַליין פירן ביי זיך טיש, נאָר קומען צום פאָטערס טיש, צוזאַמען מיט זייערע קינדער און איי־ניקלעך. דער טיש א לאַנגער, איבער דער גאַנצער לענג פון גרויסן עס־זאַל, איז געווען באַזעצט פון ביידע זייטן מיט א מאַסע מענטשן, מיט אַלע זין, טעכטער, איידעמס, שנורן, אייניקלעך און אור־אייניקלעך, א חוץ אורחים, שיינע אידן, מלמדים פון די אינגלעך און הויז־מענטשן.

עטלעכע דינסטן, צוזאַמען מיט משרתים, האָבן באַדינט דעם גרויסן עולם. געזעסן זענען אַלע מיט א סדר, יעדער לויט זיינע יאָרן און יחוס. אויבנאָן, אויף א הויכער פאָטערשטול, איז גע־זעסן ר' קלמן אַליין, א הויכער, אָן אָנגעזעענער, מיט א שניי־ווייסער באָרד, און געקיניגט איבער אַלע. קיינער האָט נישט גע-

טאָרט אָנרירן דעם גאָפּל, איידער ער האָט גענומען זיין גאָפּל אין האַנט, קיינער האָט נישט געוואַגט אַרויסרעדן אַ וואָרט ביז ער האָט נישט עפּעס געפרעגט. צו די עלטערע זין זיינע, די אידן מיט די ווייסע בערד, האָט ער גערעדט ווי צו אינגלעך.

פונקט אַזוי האָבן מורא געהאַט פאַר אים אַלע אידן אין וואַרשע, די גרעסטע גבירים און לומדים. ער איז געפאָרן אין אַ קאַרעטע מיט אַ פּאָר ווייסע שימלען. אויף זומער אין די בעדער האָט ער מיטגע-פירט משרתים און אַן אייגענעם שוחט. אויך צום רבין קיין גער איז ער געפאָרן אין דער קאַרעטע. און כאָטש ער איז געווען אַ חסיד און פרומער איד, האָט ער געטראָגן אַ געפּרעסטן קאָלנער און אַ היטל אין אייגנס, וואָס ער אַליין האָט צוגעטראַכט, אַ זיידענעם קאַשקעט מיט אַ ליאַקירענעם גלאַנציקן דאַשעק, ווי עס טראָגן נאָר גוים. קיינער פון זיינע קינדער האָט אַזאַ היטל נישט געטאָרט טראָגן. דאָס איז געווען זיין פּריווילעגיע. ביי זיין גאַנצער פרומ-קייט האָט ער דאָס גויאישע היטל געטראָגן. צוליב זיין גרויס גבי-רישקייט האָט דער דין פון נישט גיין אין די גויאישע וועגן צו אים קיין שייכות נישט געהאַט, ווי צו אַ מלך, אַ שטייגער. אין שטאָט האָבן אידן זיך געסודעט וועגן זיינע פּריצישע גענג. מען האָט גע-זאָגט, אַז אין זיינע סאַליעס שטייען זילבערנע שפּיי קעסטלעך. אויך ווען ער גייט אין גאַס, טראָגט אים דער לייב-משרת נאָך אַ זילבערן שפּיי-קעסטל.

דער סאַמע גרעסטער בעל-פּחדן פאַרן פאָטער און זיין בליק איז געווען זיין אינגסטער זון שלמהלע. נישט קיין למדן, נישט קיין איבעריקער חכם, אויך אויסערלעך נישט קיין פּאַרשוין, אַנדערש פון אַלע זיינע צעוואַקסענע ברידער, האָט ער פאַרן פאָטער מורא געהאַט זיך גאָר צו ווייזן. ער האָט קיינמאָל צווישן די ברידער נישט גענומען קיין וואָרט, נישט געמישט זיך אין קיין שום זאַך, און אַרויסגעדרייט זיך פון זאָגן אַ דעה אין עפּעס.

— יאָך בין דאָך נישט קיין בר-דעת, — האָט ער אויף זיך אַליין געזאָגט און אָפּגעקערט זיך אין אַ זייט, כדי מען זאָל אים לאָזן צורו.

דערצו איז ער אויך געווען אַן אַלמן, זיין קרענקלעך ווייב

איז אים געשטאָרבן. אויך האָבן זיך ביי אים קיין קינדער נישט געהאַלטן. די איינציקע איז געווען זיין טאָכטער פּערעלע, א קרענקלעכע ווי די פאַרשאָרבענע מוטער אירע, אויך אזא עקשנטע און גרויסהאַלטערקע. דער פאָטער האָט פאַר איר מורא געהאַט. אין הענט און פיס האָבן געמומען אין אים וואָרפן, ווען פּערעלע האָט גענומען רעדן וועגן לאָדזשער בחור, וואָס געפעלט איר, וועגן שיקן א שדכן.

— ביים דיר אָפּ די צונג, איך האָב גאָרנישט געהערט, — האָט ער געזאָגט, כדי צו באַרואיקן די אייגענע מורא. — אָפּגעהיט זאָל מען ווערן, דער זיידע זאָל זיך דערוויסן...

קיינער אין ר' קלמנס הויז האָט נישט געוואַגט אַליין צו טאָן א שידוך מיט א קינד. דאָס האָט געהערט צו זיידן. דער שטענדיקער הויף־שדכן עזריאל כהן, א איד א לשון־הרעניק, א גרויסע צונג, וואָס קאָן קאַליע מאַכן שידוכים ווען אים טויג צום עסק, א באַרעדער און אן עזות־פּנים, וואָס דערפאַר טאַקע האָט מען אים געמוזט האַלטן אין הויז, האָט אַלע שידוכים אין הויף דורכגעפירט. ער איז געווען אויסגעקאָכט אין יעדנס פאַרמעגן, שטאַנד, ער האָט געקענט גאַנץ פּוילן, געקאָנט אויסרעכענען יעדנס יחוס ביז אין ווייפלטן דור אריין. ר' קלמנס הויז איז געווען זיינס. ער האָט געהאַלטן אַלעמען אויפן אויג, און ווי נאָר עס איז געקומען די צייט א שידוך צו טאָן מיט אן אייניקל, איז ער אריין צו ר' קלמנען און גענומען רעדן. ער האָט קיינמאָל קיין טעות נישט געהאַט, נישט אין געלט, נישט אין יחוס. ר' קלמן האָט זיך אויף אים פאַרלאָזט. און אמאָל, אפילו שוין נאָך דער חתונה, אז ר' קלמן האָט געוואָרפן אן אומחן אויף אן איידעם פון אן אייניקל, האָט ער גלייך געהייסן דעם ווייבל, זי זאָל איר מאַן אָפּגטן. און מען האָט אָפּגעגט. מען האָט געוויינט און אָפּגעגט. פון אַליין זיך אויסקלויבן א זיווג האָט מען דאָ אין הויז נישט געוואוסט. ר' קלמן, און נאָך מער זיין שדכן עזריאל כהן, וואָלטן אזא זאַך נישט מוחל געווען. און שלמהלע האָט געפּלאַטערט בלויז פון געדאַנק, צו גיין רעדן מיטן פאָטער וועגן פּערעלעס בחור, וואָס איר איז געפעלן געוואָרן אין לאָדזש.

אָבער פּערעלע, א קרענקלעך־אויפגעהייטערטע, א מיוחסת ביי זיך דערפון, וואָס זי איז געבליבן איינע פון א סך, א גרויס־האַל־טערקע און אַן איינגעשפּארטע, האָט נישט נאָכגעגעבן און געארבעט מעשים. זי איז געגאַנגען צו דער באָבע תרצה.

די באָבע תרצה, א געליימטע, א קראַנקע און אַלטע, איז גע־ווען די איינציקע, וואָס האָט געהאַט ביי ר' קלמנען א דעה. צו־זאַמען מיט איר איז ער דאָס דערגאַנגען צו זיין פּאַרמעגן. זי האָט געאַרבעט, עצות אים געגעבן, א חכמה א אידענע געווען, און כאָטש זי איז שוין געלעגן זינט עטליכע יאָר געליימט, האָט זי געוואוסט וועגן אַלעם, וואָס אין שטוב טוט זיך, וועגן אַלע גע־שעפטן, מסחרים, נחתן און דאגות.

אין א ברייט הימל־בעט, איינגעהילט אין טיולן און אין שפּיצן, האָט זי, ווי איר געזונטער מאַן ביים טיש, געקיניגט א געליימטע אין בעט, יעדן פרימאָרגן האָבן אַלע קינדער און איי־ניקלעך געדאַרפט צוקומען צו איר בעט און זאָגן איר גוט־מאָרגן, דערביי איר געבן א קוש אין דער האַנט. יעדן יום־טוב האָט מען געמוזט צוקומען איר גוט־יום־טוב ביטן. אַלע דינסטן און משרתים האָבן איר געדאַרפט אויספרעגן וועגן איינקויפן, פּרייזן. ביי איר האָט מען געדאַרפט נעמען די שליסעלעך פון די שאַפעס, וואו דאָס פיל זילבענער געשיר איז באַהאַלטן. אויך האָט א מנין אידן פון די שטוביקע טעלערלעקער געדאַוונט ביי איר יעדן שבת און יום־טוב, זי זאָל קאָנען נאָכזאָגן—ברוך הוא, ברוך שמו, אמן.

אָט צו דער באָבע תרצה אין הימל־בעט האָט זיך פּערעלע פאַרנומען. די אַלטע האָט גלייך מיט איר ווייבערשן שכל פאַר־שטאַנען, וואָס די קליינע וויל.

— פאַרליבט זיך, האַ, שיקסע? — האָט זי געפרעגט און געשאָקלט מיט אַלע שפּיצן און טיולן פון איר אַלטן קאָפּ.

פּערעלע האָט זי גענומען קושן, שטאַרק, מיט פייער.

— באָבעשי, באָבע לעב, מלכה מיינע...

די אַלטע האָט זיך א כח אָנגעטאָן, א גלעט צו געבן דעם אייניקל מיט די געליימטע הענט, און זי געמוסרט.

— נישט פאַרלאָזט זיך אויפן זיידן, האַ... — האָט זי גע-

זיפצט. — נו, מילא, איך וועל רעדן מיט אים... נאָר פאַרוואָס ביזטו אַזאַ גרינגע? אַ כּלה־מיידל דאַרף האָבן רויטע באַקן, ווי די עפּעלעך, ווי איך האָב געהאַט צו דער חתונה...

מער פון אַלע אייניקלעך האָט זי פאַרעלען ליב געהאַט, טאַקע דערפאַר, וואָס איז איז געבליבן איינע פון אַ סך, טאַקע דערפאַר, וואָס זי איז אַ טאָכטער פון שלמהלען, וואָס אַלע אין הויז לאַכן פון אים. ווי יעדע מוטער, האָט זי ליב געהאַט דעם שוואַכערן פון די קינדער.

אַז די אַלטע האָט אַריינגערופן דעם מאַן אירן צו זיך, געהייסן אים אָוועקזעצן זיך אויפן בעט און גענומען רעדן וועגן פאַרעלען, איז דער אַלטער געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער.

— וואָס, ליבעם ביי מיר אין הויז, ווי ביי קלעזמער! כ׳וויל נישט הערן!

אָבער די אַלטע האָט אים געהייסן צוריק אָוועקזעצן זיך אויפן בעט.

— קלמן! — האָט זי געזאָגט. — שפּילסט זיך מיט פייער. זי איז אַן אויסגעווויינטע, נעבעך, פון אַזויפיל קינדער, אַ יתומה...

ר׳ קלמן האָט זיך געקאָכט, נאָר אַז די אַלטע האָט געלאָזט אַ טרער:

— קלמן, לאָמיר נאָך זען איר חופּה פאַרן טויט, איך פיל, אַז כ׳וועל לאַנג נישט אָנטרייבן.

איז דער אַלטער געוואָרן אָפּהענטיק און גענומען שטאַרק שנייצן די נאָז אין שניפּ־טוך.

— מסתּם איז אַזוי באַשערט אויף מיינע אַלטע יאָרן, — האָט ער געזאָגט און אַ גלעט געגעבן דער אַלטער איבערן פּנים מיט דער האַרטער האַנט.

ער האָט גלייך געשיקט דעם לייב־משרת נאָך עזריאל כּהן.

— זאָג נאָר, עזריאל, — האָט ער אים געפרעגט, — ווער איז דאָס איינער אַן אַברהם הערש אשכּנזי אין לאָדזש? ווייסט נישט?

— ס׳הייסט, איך ווייס נישט? — האָט זיך עזריאל כּהן באַליידיקט און ער האָט גענומען אויסרעכענען יענעמס יחוס ביז צען דורות, אַזוי אויך דעם יחוס פון אַלע זיינע נאָענטע, ווער פון

וועמען עס שטאַמט און ווער מיט וועמען עס האָט זיך משדך געווען.

— לאָדזש, לאָדזש, — האָט דער אַלטער געברומט בייז.

ער האָט נישט געהאַלטן פון לאָדזש, פון דער ניי־אויפגעקומענער שטאָט, וואָס ער האָט נאָך געקענט פאַר אַ פּיצעלע שטעטעלע.

— און צו וועמען פּאָרט ער, דער אברהם הערש? — האָט ער געוואָלט וויסן.

— קיין אַלעקסאַנדער. ביים וואָרקערם לעבן איז ער געפאָרן צום וואָרקער.

— אַלעקסאַנדער... וואָרקע... — האָט זיך דער אַלטער פאַרקרימט.

ווי אַן אמתער גערער, האָט ער פון אָט די רבים נישט געקאָנט הערן. אָבער ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט.

אַז עזריאל כהן האָט זיך דערוואוסט, אַז עס האַלט ביי אַ שידוך מיט לאָדזש, איז ער גאָר געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער. ער האָט שוין געהאַט פאַר דער מיידל זיין שידוך, ווי אין קעשענע, אַ סך אַ בעסערן שידוך, ווי פאַר ר׳ קלמנס הויז שטייט אָן. דערצו האָט ער נישט געקאָנט ליידן, וואָס אַ מיידל דאָרט נעמט זיך בונטעווען קעגען אים. וואָס שייך שידוכים, איז ער געווען דער באַלעבאָס. ער האָט טאַקע גלייך גענומען פּליאָטקעווען. באַרעדן, אַרבעטן מעשים, קאַליע מאַכן, ווייזן זיין כח. נאָר ר׳ קלמן אַליין האָט אים געהייסן זיך אונטערגעבן.

— עזריאל, — האָט ער אים געזאָגט אַ געבראָכענער, — דאָס מאָל מוזן מיר פאַרבויגן. דיין שדכנות וועסטו סיי־ווי־סיי האָבן.

אָבער אַזוי ווי עס האָט נישט געפּאַסט, אַז פון ר׳ קלמנס הויז זאָל מען אָנשלאָגן די ערשטע, איז עזריאל אוועקגעפאָרן אויפן חשבון־הגביר קיין לאָדזש. דאָרט האָט ער זיך געזען מיט זיין גרעסטן שונא ר׳ שמואל זיינוול, וואָס איז אַליין אַמאָל געווען אַ נגיד און קען אַ וועלט, און אים געלאָזן פאַלן אַ וואָרט וועגן דעם שידוך, וואָס ר׳ קלמן וועט אודאי נישט וועלן הערן, נאָר

רעדן מאכט נישט אויס. און אז גאָט וועט העלפן, וועלן ביידע צום רב וועגן שדכנות נישט גיין, און האַלטן דאַרף מען די זאַך בסוד, קיין האָן זאָל נישט קרייען.

שמואל זיינוויל האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער עזריאל כהן, דער גרעסטער שונא זיינער און באַרעדער, איז אים עפּעס צו גוט געוואָרן מיט אַ מאָל, האָניק זיס, און אַז פון יענעם צד מוז מען ברענגען צום שידוך. אָבער עס האָט געשמעקט מיט אַ פעטן ביסן שדכנות און ער האָט זיך נישט געלאָזט בעטן. ער איז אַוועק צו אברהם הערשן און טאַקע גלייך אַרויסגעלעגט אויף טעלערלעך, אַז מען האָט געשיקט פון יענעם צד.

ר׳ אברהם הערש האָט אַריינגערופן יעקב בונמען און אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די זאַך איז דאָ נישט גלאַטיק, אַז נישט ר׳ קלמנס קאָפּ איז דאָ דערביי, נאָר דעם מיידלס, און אַז עפּעס איז דאָ יעקב בונם נישט אינגאַנצן כשר.

— זאָג נאָר, יעקב בונם! — האָט ער געזאָגט שאַרף, — וואָסערע מחזוקות האָסטו געהאַט מיט ר׳ קלמן אייזנס אייניקל?

יעקב בונם האָט זיך פאַררויטלט.

— כ׳האָב זי בלויז געזען ביי דער חופה אויף שמחה מאירס חתונה.

ר׳ אברהם הערש האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן.

— קאָנסט שוין גיין, — האָט ער אים געזאָגט.

שוין דאָס צווייטע מאָל, ווי ער איז נישט צופרידן געווען פון זיינע זין. דעם וואָרקער רבינס ווערטער ווערן מקוים, האָט ער געזען. אָבער קעגן דעם שידוך האָט ער גאָרנישט געהאַט. ר׳ קלמנס אייניקל! און כאָטש ער האָט קיין רגע נישט געדאַרפט טראַכטן, האָט ער נישט באַלד געזאָגט יאָ, נישט אויסגעגעבן זיך פאַר דעם שדכן און בלויז געלאָזן געגעבן אָנצוהערן, אַז ס׳לאָזט זיך רעדן.

די תנאים זענען דורכגעגאַנגען שטיל. ר׳ קלמן האָט זיך נישט געוואָלט צופיל באַווייזן מיט זיין געפּאַלנקייט. מען האָט שוין אין וואַרשעווער הייזער אַזוי אויך גערעדט מיט חידוש וועגן

דעם שידוך. אָבער די חתונה איז געווען א גרויסע. ווי אַלע חתונות ביי אים אין הויז. דער גערער רבי אַליין איז געקומען מסדר־קדושין זיין. א נדן האָט דער חתן געקריגן א גרויסן, אין די שווערע צענער טויזנטער, אויך האָט די כּלה געהאַט א שיינע ירושה פון דער פאַרשטאָרבענער מוטער, געלט אין באַנק און הייזער. אויך מתנות האָט ער געקריגן א וועלט. נאָך שבועות איז געפּראַוועט געוואָרן די חתונה אין ווארשע.

שמחה מאיר, צוזאַמען מיט זיין דינהלען און שווער און שוויגער, אויך די גאַנצע משפּחה פון טאַטנס און דער מאַמעס זייט זענען ארויסגעפאָרן קיין ווארשע אויף דער שמחה. שמחה מאיר האָט אויך זיין ברודער שיינע מתנות דרשה־געשאַנק געקויפט. מיט זיין ניכטערן שכל האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז יעקב בונם איז אריין צווישן די גרויסע, און מיט די גרויסע דאַרף מען לעבן בשלום. אָבער פאַרגונען האָט ער אים נישט, ניין.

דאָס, וואָס ער האָט געמוזט מאַכן מיט ארבעט, קאָפּ, שכל, יאָגן, דרייען, איז דעם ברודער זיינעם אריינגעפאַלן פיל מער פּלוצלונג, אומגעריכט, פאַר גאָרנישט, נישט פאַר זיין תורה, נישט פאַר זיין קאָפּ, נאָר גלאַט אַזוי, פאַר עפּעס א נארישקייט פון א מיידל דאָרטן, וואָס איר איז געפעלן געוואָרן זיין פּנימל.

שמחה מאיר האָט זיך געפילט באַעולהט, שטאַרק באַליידיקט. וואָסער פּנים האָבן געהאַט ביי אים זיינע צען טויזנט רובל נדן קעגן דעם פאַרמעגן, אין וועלכן יעקב בונם איז אריינגעקראָכן! גאָרנישט מיט גאָרנישט, מיסט, פּליעוועס, וואָס דער ווינט יאָגט אַוועק! ער האָט געפילט די עולה שווער, די קנאה האָט אים אויפגעגעסן. ער האָט נישט געקאָנט עסן, נישט געקאָנט רואיק שלאָפן. איינס און צוויי האָט ער אָפּגעכאַפּט ביים טיש דאָס עסן, ער האָט מער גערעכנט מיטן בליישטיפטל אויף די פּאַפּירן, טישן, טיש־טעכער, איידער געגעסן. ער האָט אויפן אָרט נישט געקאָנט רואיק איינזיצן. ער האָט גערעכנט דעם ברודערס פאַרמעגן, זיין נדן, דעם ווייבס ירושה, די ירושה, וואָס וועט קומען נאָך ר' קלמנס טויט, די מתנות, אַלץ האָט ער בארעכנט, פאַרשריבן וואו נאָר עס האָט זיך געלאָזט.

נעבן זיי האָט ער אוועקגעשטעלט זיינע ציפערן, פון דער וועבעריי, פון יאָר פאַרדינסט. יאָ, זיי זענען געווען נישט שלעכט. פאַר איין יאָר האָט ער אַ סך דערגרייכט, אָבער וואָסער פאַרגלייך איז דאָס מיט דעם, וואָס זיין ברודער האָט דערגרייכט! און אַ פייער האָט אין אים אויפגעפלאַקערט. אַ פייער פון קנאה און צאָרן און אַ חשק נאָך פאַרדינסטן, נאָך גרויסע, שטאַרקע און לאָקנדיקע.

ער וועט אים ווייזן, דעם גראָבן קאָפּ, דעם יעקב בונם, ווער עלטער איז! ער וועט אים ווייזן אַ קונץ, אַז כאָטש ער איז צוגעגאַנגען מיט די בלויזע הענט, מיט וואָסערע נישטיקע צען טויזנט קאַרבאָוואַנצעס, וועט ער אים איבעריאָגן מיט זיינע פּאַרמעגנס. אָ, מען דאַרף נאָר זיך נעמען צו דער אַרבעט! מ'עט זען דאָס גרייטע!

און לאַכן וועט דער, ווער עס וועט לאַכן דער לעצטער.

מער ווי פריער האָט ער געטראַכט אין די נעכט וועגן דער וועבעריי, ווי אַזוי אַרויסצוציען פון איר וואָס מער. ער האָט געזען, אַז האַנט־וועבעריי האָט נישט קיין אָרט אין לאָדזש, אַז די צוקונפט געהער דער מאַשין. די האַנט־שטולן, האָט ער געזען, זענען אַן אַלט געפּגרט פערדל, וואָס שלעפּט די לעצטע טריט און וואָס דאַרף אים דערפירן צו דאַמף און קוימענס, כדי זיך דערנאָך אַוועקצולייגן און אויסציען די קאָפּיטעס. ניין, ער האָט נישט בדעה צו זיצן ביי די וועב־שטולן. קוימענס זענען זיין וועג. די שטולן זענען בלויז די טרעפּ, דאָס פערדל, וואָס שלעפּט אים דערצו, און אַ פּערדל אַ פגירה דאַרף מען די לעצטע בייטשן געבן, עס זאָל מער שלעפּן, נישטאָ וואָס צו קאַרגן.

קיין גרויסע זיבן זאַכן פון די ביליקע טיכער, ווי ער האָט געמאַכט פריער, וועט ער שוין נישט מאַכן איצט, האָט ער געזען. לאָדזש איז אַ שטאָט פון נאָכמאַכער, פון אויסכאַפּן ביי אימיצן אַ קאָמבינאַציע, אַן איינפאַל. ווי נאָר ער האָט געמאַכט אַ רובל, האָבן שוין אַנדערע גענומען אים נאָכמאַכן, קאָנקורירן און אַרויסשלאָגן פון מאַרק. מען וועט מוזן טראַכטן וועגן נייע זאַכן. דערווייל ביז וואָס ווען — דאַרף מען שפּאָרן אויף וואָס עס לאָזט

זיך. שמחה מאיר האָט באַזייטיקט עטלעכע מעקלערס און קאָמיס־יאָנערן, וואָס האָבן גענומען קאָמיסיע, און ער האָט געזען אַליין זיך פאַרבינדן מיט די סוחרים און קונים. דאָס האָט פאַרשפּאָרט אַ שיינע מטבע. ער האָט זיך אויך אַראָפּגעכאַפּט אין עטלעכע קליינע שטעטלעך ארום לאָדזש און אויסגעזוכט עטלעכע אידן לוינקענטניקעס, וואָס זאָלן אים אויסאַרבעטן טיכער פאַר זייער ביליק. ביליקער נאָך ווי עס מאַכט אוים צו אַרבעטן אַליין. דער־נאָך האָט ער אויך זיך דערטראַכט, אַראָפּצונעמען די וועבער זיינע אַ האַלבן רובל אַ וואָך פון לוין, וואָס וועט אַריינברענגען ריינע פינף און צוואַנציק רובל אַ וואָך, הונדערט רובל אַ חודש, און העכער טויזנט רובל אַ יאָר, נישט רעכענענדיק קיין פּראָצענט פון דער סומע.

מיט דער שענסטער האַנטשריפט, וואָס ער האָט זיך אויסגע־לערנט אין די בריוונשטעלערס, האָט ער אויפגעציקלט אַ מעלדונג וועגן דעם און געהייסן שמואל לייבושן, אויסהענגען זי אויף דער וואַנט פון דער וועבעריי.

די געזעלן האָבן געוויינט, געבעטן. די ווייבער זענען געקומען פאַלן צו די פיס, נאָר שמחה מאיר האָט נישט נאָכגעגעבן.

— ווער עס וויל נישט, קען זיך געהן געזונטערהייט, — האָט ער געזאָגט, פאַררוקנדיק די הענט אין די קעשענעס פון די טוכענע הויזן און שטעלנדיק זיך אויף די שפּיץ־פינגער, אויסצוזען העכער, — איך וועל גאָר איבערגיין אויף דאַמף.

קאַפּיטל זיבעצן

אין וועברישן שולכל „אהבת רעים“, וואָס איז אויפן באַ־לוט, אַריינגעקוועטשט צווישן נידעריקע וועברישע הייזלעך און פאַרקאַנעס פון האָלץ און קוילן-סקלאַדעס, איז געווען היים און אָנגעשטרענגט.

די וועבער האָבן שוין לאַנג געהאַט אָפּגעזאָגט עלינו לשבח

נאָכן שבתדיקן דאַווענען און אָנגעשפּיגן פון אַלע זייטן אויף די געצנדינער, וואָס דינען צו נאַרישע און פּוסטע געטשן, וועלכע העלפן זיי נישט אין זייערע געבעטן. די באַווייבטע וועבער האָבן שוין געהאַט איינגעפּאַקט די ביליקע טליתים אין די קליינע קאָלירטע באַלעמלאָכישע טלית־זעקלעך. די בחורים האָבן באַהאַלטן אין די קעשענעס פון די טוכענע שבתדיקע געהאַקטע קאַפּאָטעס די קליינטשינקע סידורימלעך. דאָך האָט מען זיך נישט געאײַלט אַהיימצולויפן צום טשאָלנט, ווי געוויינלעך אין שבתדיקע טעג, נאָר מען האָט זיך געשטופּט און געשטויסן אַרום באַלעמער.

דאָרט, אויפן באַלעמער, וואו מען לייענט געוויינלעך די תורה, איז געשטאַנען דער בעל־קורא פון שולעכל, טוביה, וואָס מען רופט אים „ס'איז נישט הפקר אַ וועלט", און געקלאַפּט מיט דער האַנט אין אויסגעריבענעם סאַמעטענעם טישטוך, וואָס ליגט פאַרשפּרייט אויפן שולחן.

— אידן, שאַ! — האָט ער גערופן. — אידן, לאָזט רעדן!

נישט וועגן הייליקע זאַכן האָט טוביה דער בעל־קורא גערופן דאָס מאָל פון באַלעמער אַראָפּ, נישט וועגן אַ מגיד, וואָס וועט זאָגן אַ דרשה פאַרן עולם נאָכן שבתדיקן שלאָף, נישט וועגן אַ ניי מענטעלע, וואָס מען דאַרף מאַכן פאַר דער איינציקער ספר־תורה, נישט וועגן אַ קידוש, וואָס אַ וועבער מאַכט פאַרן עולם צוליב דעם, וואָס דאָס ווייב זיינס האָט אים אַ מיידל געבראַכט אויף דער וועלט. וועגן גאָר וואָכעדיקע זאַכן האָט טוביה גערעדט אין הייליקן שבתדיקן טאָג פון באַלעמער, וואָס הערט נאָר שטענדיק וועגן געטלעכע ענינים. וועגן וועבעריי האָט ער גערעדט, וועגן שמחה מאירס גזרה אַראָפּצונעמען אַ גאַנצן האַלבן רובל אַ וואָך די פּופּציק געזעלן פון ר' חיים אַלטערס וועבעריי.

— שאַ, שטיל זאָל זיין! — האָבן די פאַרזאַמלטע אידן אין די גרינליכע שבתדיקע קאַפּאָטעס איינגעשטילט דעם גערויש, וואָס איז געשטאַנען אין ענגן שולכל. — זאָל מען הערן אַ וואָרט!

אָבער נישט לייכט איז געווען איינצושטילן דעם גערויש און די אויפרעגונג, וואָס האָט אין שבתדיקן רו־טאָג אויסגעלייגט זיך אין קליינעם באַלוטער שולכל. עס האָט גערוישט ווי אין אַ

בינשטאָק, ווען מען גרייט זיך אַרויסצונעמען דעם וואַקס און האַ־ניק. שמחה מאירס גזרה האָט דאָס קליינע שטיקנדיקע גאָטס־הויז פון שפּיץ מגן־דוד אויפן אָרעמען ארון־קודש ביז די געלאַטעטע שויבן פון די נידעריקע פענסטער אויפגעטרייסלט. די בלאַסע אויס־געצערטע מענטשן אין די שבתדיק־אויסגעוואַשענע געלאַטעטע העמ־דער האָבן געקאָכט פון צאָרן און ווייטאָג.

אויך ביז איצט, ביז דער גזירה, וואָס איז געווען אויסגעהאַנ־גען אין דער וועבעריי אויף דער וואַנט, איז דאָס לעבן פון די מענטשן געווען שווער, א יאָך איבער די כחות. פון דעם קליינעם לוין פאַר דער שווערער ארבעט האָט מען נאָך געמוזט אַליין קויפן חלבנע ליכטלעך אויף אייגענעם חשבון, צו באַלויכטן די וועב־שטולן ביי דער ארבעט אין די נעכט. אין די ווינטער־נעכט, אי־בערהויפּט אין דאָנערשטיק און אין שבת־צו־נאַכטס, ווען מען ארבעט ביז היפש אין דער נאַכט אריין, האָט עס א סך ליכטלעך איינגעשלונגען, וואָס איז אַ גרויסע הוצאה געווען. עטלעכע וואָכן אין יאָר פלעגט אויך אויסקומען צו גיין ליידיק, אַמאָל אפילו עטלעכע חדשים אויך. מען האָט דעמאָלט געדאַרפט לעבן דערפון, וואָס מען שפּאָרט אָפּ אין די ארבעטס־טעג. אָבער אויך אין די ארבעטס־טעג האָט מען אזוי ווייניק פאַרדינט, אז מען האָט זיך גענערט כסדר מיט גריצן פון קאַרטאָפל, און גרויפּן, נישט אַלע מאָל געשמאַלצן מיט פעטס, נאָר מיט אייל, וואָס האָט זייער גע־ברענט אויפן האַרץ. פלייש, דאָס סאַמע ביליקסטע, גריישלעך, פּיסלעך אָדער א שטיקל לונג־און־לעבער האָט מען נאָר געקויפט אויף שבת. א שטיקל פיש האָט מען נאָר פאַרזוכט אין די הייסע זומערס, ווען עס זענען צופיל פיש אָנגעקומען אויפן מארק און די פישערקעס האָבן פאַרקויפט מציאות, וואָס האָבן צוליב די היצן צו־פרי גענומען אונטערשמעקן. געוויינלעך האָט מען יוצא געווען אין שבת בלויז מיט געהאַקטע הערינג מיט ציבעלע, מיט באַלוטער „קראַץ־באָרשט“. אויך ראָזשינקע־ווייַן האָט מען נישט אַלע מאָל געקאָנט אָנשטעלן אויף קידוש, יוצא זייענדיק בלויז מיט קידוש מאַכן איבער די קליינע חלהלעך. פּונקט אזוי האָט מען נישט געקאָנט אָנצינדן קיין ליכטלעך אין פרייטיק־צו־נאַכטס פאַר־

אַלע קעפּ פון הויז־געזינט, און קינדערלעך זענען געווען אַ סך.

די תּלמוד תּורהס פאַר די חדר־אינגלעך זענען געווען געדיכט און מבוזהדיק. די באַלעבאַטישע אינגלעך פון די חדרים האָבן גע־שפּעט פון די תּלמוד־תּורה־אינגלעך. די מלמדים אין די תּלמוד־תּורהס, וואָס אַלע מאָל זענען די גבאים זיי שולדיג געבליבן מלמד-געלט, האָבן די אָרעמע אינגלעך געשלאָגן, פאַר קאַליקעס געמאַכט, גערופן זיי צונעמען און אין פּריוויט זיי אָרומגעשיקט מיט אַ פּושקע איבער די הייזער צונויפצונעמען תּלמוד-תּורה-געלט. קינדער זענען אַהיימגעקומען מיט ברוין־און־בלויע צייכנס אויף די לייבער, מיט אונטערגעהאַקטע אויגן און צעקראַצטע הענט. אָבער אויך אָט די תּלמוד־תּורהס זענען געווען ווייניק פאַר אַלע חדר־אינגלעך פון באַלוט. מען האָט געמוזט אָפּגעבן די קינדער צו מלמדים אין די חדרים, אַוועקנעמען דעם ביסן פון מויל און שיקן מלמד-געלט. פּונקט אַזוי זענען געווען ווייניק דאָס שפּיטאָל מיט די חברהס „תּומכי־חולים" פאַר אַלע אָרעמע באַלוטער חולאים. קראַנקע זענען געווען אַ סך. תּמיד האָבן דאָ אונטערגעקרענקט די ראַכיטישע קרומפיסיקע און אָנגעבלאָזענע קינדער פון שלעכטער דערנערונג און שטיקנדיקער לופט. די ווייבער האָבן געהאַלטן אין איין אָרומקריכן מיט הויכע בייכער פון שטענדיקן טראָגן. די מענער האָבן געהוסט פון דעם שטויב ביי דער אַרבעט, פון אייננאָפּן אין זיך די עיפּושדיקע ריחות ביים פאַנאַנדערנעמען און צעקראַצן אַל־טע שמאַטעס, פון וועלכע מען מאַכט וואַטע אָדער נייע ביליקע סחורות. די היימישע „תּומכי־חולים"־אידן האָבן ווייניק וואָס געגעבן, סיידן אין די מגפה־צייטן, ווען זיי האָבן געריבן קראַנקע די בייכער מיט שפּירט. רפואות האָט מען געמוזט קויפן אין דער אויסגעפּוצטער אַפּטייק, וואו מען קאָן גאָר נישט אָפּדינגען און מען מוז נאָך אַראָפּנעמען דאָס היטל פאַר דעם הייליקן בילד, וואָס איז באַלויכטן מיט אַ רויט לעמפּעלע. פּונקט אַזוי האָט מען נישט געקאָנט אָפּדינגען קיין גראָשן ביי סענדער דעם באַלוטער רופא, וואָס צו אַלע קראַנקהייטן האָט ער געשמעלט באַנקעס און גע־מאַכט אַ קאַנע און נישט גענומען ווייניקער פון אַ גאַנצן גילדן דערפאַר. די פּרייזן פון קאַרטאָפל און גריַנס זענען געוואַקסן.

וואָס מער די שטאָט איז געוואָרן גרעסער, אַלץ גרעסער איז גע־וואָרן דאָס יקרות.

טאַטעס האָבן געמוזט אָפּרייסן אינגלעך פרי, פאַר דער בר־מצוה נאָך, פון דער תורה און אַוועקגעגעבן זיי אויף דער לער, כדי איינצושפּאָרן זיך אַן עסער ביים טיש. מאַמעס האָבן געמוזט אַוועק־געבן די טעכטערלעך, קינדער נאָך, פאַר דינסטן, כדי אין די קינ־דער־יאָרן שוין צו שלעפּן עמערס וואַסער פון ברונעם פאַר זייערע באַלעבאָסטעס און אַרומשלעפּן פרעמדע קינדער אויף זייערע דינע קינדערשע הענט. עס איז אוממעגלעך געווען אַלעמען צו שפּייזן, און נייע עסערס זענען כסדר צוגעקומען. גאָט האָט כסדר גע־בענטשט די טראַכטן פון די אָרעמע ווייבער אויפן באַלוט. די ווייבער האָבן זיך געשניטן די פינגער ביים גרייטן עסן. העמדער און קליידער האָט מען אַזוי לאַנג געלאַטעט, פאַרריכט, פאַרנייט און פאַרצירעוועט ביז זיי זענען זיך צעפאַלן פון לייב. דאָס דירה־געלט האָט געדריקט. זעלטן אַז אימיצער פון די וועבער האָט אַליין געהאַט אַ הייזעל. מערסטנס האָט מען געמוזט דינגען אַ שטיבל. דאָס ערשטע האָט מען פון די עטלעכע גילדן לוין אָראָפּגענומען אַ גילדן פאַר דירה־געלט, געזאַמלט די מטבעות אין אַ סליחה, פאַרבונדן מיט אַ טיכל, אַבי צו קאָנען באַצאָלן דעם באַלעבאָס דירה־געלט צום זמן. אין דער גרעסטער נויט האָט מען זיך צו דער פאַרבונדענער סליחה נישט צוגערירט. און מיט אַמאָל האָט מען גאָר געדאַרפט איצט קריגן מיט אַ האַלבן רובל אַ וואָך ווײַ־ניקער, אַ גאַנצן האַלב־קערבל ווייניקער!

די ווייבער האָבן געיאָמערט, געשאָלטן, אַוועקגעשטעלט די שוואַרצע אָפּגעשפּרונגענע אייזערנע טעפּ פאַר די מענער זייערע און נישט געוואָלט קאָכן.

— קאָכטס אַליין פאַר דעם געלט! — האָבן זיי געשריגען צו די מענער.

די עלטערע וועבער, די אויסגעהאָרעוועטע, די מידע, האָבן געשוויגן, גענומען די גזירה אויף זייערע אויסגעקרימטע צעבראָ־כענעביינער, ווי זיי האָבן אַלע מאָל גענומען פּיין און יאָך אויף זיך. אָבער די אינגערע האָבן זיך געקאָכט, געשריגן. מער פון אַלע

האָט זיך געקאָכט טוביה „נישט הפקר". מער ווי שטענדיק האָט ער געבונטעוועט ביי דער אַרבעט אין דער וועבעריי, מער ווי שטענדיק האָט ער געזונגען דאָס לידל זיינס, וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט פון וואנען ער האָט דאָס געבראַכט. אָבער פונקט ווי פריער האָבן די וועבער פאַר דעם לידל מורא געהאַט, נישט געוואַגט עס נאָכצוזינגען, אַזוי האָבן איצט פון יעדער צווייטער דריטער שטול גענומען טראָגן זיך ווערטער פון דעם לידל, צום ערשט טייל, בלויז אונטערגעברומט אונטער דער נאָז, באַלד דרייסטער, דייטלעכער און העכער. די חזנישע עזרת־ישראלס, די געדרייטע יעלות זענען אינגאַנצן אויסגערונען. שמואל לייבוש דער משרת האָט געדראָט מיט אַ פינגער.

זינגטס, זינגטס, — האָט ער געברומט, — זאָל נאָר שמחה מאיר דערהערן, וועט עמץ האָבן צו זינגען און צו זאָגן.

נאָר מען האָט אים נישט געהערט און ווייטער געזונגען. און נאָך דער אַרבעט, ווי שפּעט עס זאָל נישט זיין, איז טוביה „נישט הפקר" גאָר נישט אהיימגעגאַנגען צו זיך אין שטוב. נאָר אַרומגעקראָכן פון שטיבל צו שטיבל אויפן באַלוט, פון וואוינונג צו וואוינונג, און געקאָכט זיך, געסודעט זיך, אָפּגעהאַלטן אסיפות, איינגערעדט, געמאַכט מיט די הענט.

זיין וויב, אַ גרויסע פּריצייטיק געעלטערטע אידענע, וואָס פון אַלע זייטן הענגען איר נאָך קינדער ביים פאַרטוך, ביים קלייד, ביי די הענט, און שטענדיק ליגט ביי איר אַ זויג־קינד און ציט די אָפּגעדעקטע טאַרבעדיקע פאַרשוואַרצטע ברוסט, שטויסנדיק מיט די פיסלעך אין איר אויפּסניי טראָגעדיקן בויך, אַ אידענע אַ פאַרביטערטע, אַ שרייערקע, אַ שילטערקע, האָט איר מאַן געזידלט און געשאָלטן איבער אַלע באַלוטער געסלעך.

— טוביה, — האָט זי אים גערופן מיט קוויטשיקע קולות, — טוביה, אַזוי פאַרטריקנט זאָלסטו נאָר ווערן, גאָט געטרייער אין הימל, ווי פאַרטריקנט די וועטשערע איז שוין פון שטיין. אַזוי זאָלסטו נאָר אויסבלאָזן די נשמה, גזלן, ווי איך בלאָז אַרויס פון זיך די נשמה ביים אָנוואַרעמען ס'ביסל געקעכטס אין קיך...

אַלע קינדער אירע, וויפיל נאָר זי האָט געהאַט, האָט זי מיט־

געשלעפּט מיט זיך, זוכנדיק דעם מאַן, און אַלע האָבן זיי איר געהאָלפֿן שרייען, געוואָלדעווען. נאָר טוביה האָט זיי נישט גע־הערט. ער איז געגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב, נישט געגעסן, נישט געטרונקען, נישט געשלאָפֿן, נאָר כסדר געערדט, געהעצט, געצונדן, מיט פֿייער, מיט ברען, און נישט אָפּגעטרעטן אַזוי לאַנג, ביז ער האָט דעם צווייטן נישט אָנגעצונדן.

— אחדות, — האָט ער געדופֿן, — נאָר אחדות זיך האַלטן, וועלן זיי מוזן נאָכגעבן, די גזלנים.

נישט גרינג איז אים אָנגעקומען מיט די געזעלן. מידע, אונ־טערטעניקע פֿאַרן באַלעבאָס' מאַכט און פֿון דער אייגענער אי־בעריקייט, איבערגעשראָקענע פֿאַר די פֿאַבריקאַנטן און קוימענס, וואָס מערן זיך מיט יעדן טאָג אין שטאָט און צו וועלכע זיי האָבן נישט קיין צוטריט, ווייל מען דאַרף דאָרט פֿאַרשוועכן דעם שבת, פֿאַרקנעכטעטע ביי די אייגענע ווייבער, דערשלאָגענע, אויסגעהאָ־רעוועטע און גלייכגילטיקע צו אַלעם, לעכצנדיקע נאָך אַ ביסל רו און שלאָף, וואָס מען האָט קיינמאָל נישט צו דער זעט, זענען זיי געווען טויב און פֿאַרשטיינערט צו טוביהס רייד, וואָס זיי האָבן גוט פֿאַרשטאַנען, נאָר נישט געגלויבט אין זיי.

— אַ באַשערטע זאַך, — האָבן זיי געטומלט. — אַ גזירה פֿון הימל.

יעדער האָט מורא געהאַט פֿאַר זיך, פֿאַר זיין באַלעבאָס, פֿאַר זיין שטיקל ברויט. דאָס איינציקע, צו וואָס יעדער האָט זיך געריסן, איז געווען — אַרויפֿצואַרבעטן זיך אַ ביסל, צו קומען אַליין צו עטלעכע וועב־שטולן, אַריינצונעמען עטלעכע געזעלן און גיין פֿאַר זיך. בחורים האָבן געוואַרט אויף אַ נדן, כדי צו ווערן אַליין מייסטערס. דערווייל האָבן זיי זיך געטרייסט דערמיט, וואָס זיי זענען דערגאַנגען די יאָרן, געפּייניקט די קלענערע פֿון זיך. די זמניקעס, וואָס אַרבעטן נישט אויף דער וואָך, נאָר אויפֿן זמן, פֿון חול־המועד ביז חול־המועד, און צו פּסח און סוכות נעמען זיי אָפּ לוין פֿאַר דער גאַנצער צייט, כדי צו קאָנען זיך אויפֿנייען אַ קאַפּאָטע און אַ פּאָר שטיוול. דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַט אויס־צושטיין פֿון די מייסטערס און מייסטערינס, האָבן זיי אָפּגעצאָלט

טאָפּלט די זמנניקעס. זיי האָבן זיי באַליידיקט, גערופן מיט צונע־מען, אָפּגעטאָן זיי שפּיצלעך. זמנניקעס האָבן אָפּגעצאָלט די לערן־אינגלעך. — איך האָב געליטן, — האָבן זיי געזאָגט, — זאָל יענער אויך וויסן פון א טעם.

דער איינציקער, וואס האָט טוביהן אונטערגעהאַלטן, פאַר־שטאַנען אים, איז געווען נאָסקע מורה־הוראהס בחור — ניסן.

אַליין שוין א זמנניק, א פאַרהאָרעוועטער אין די טעג ביי דער וועב־שטול און א פאַרנומענער אין די נעכט ביים לערנען, ביים גרייטן זיך אַליין פון פאַרעלטערטע ביכער ארויס צו בילדונג און צו וויסן, האָט ער געפילט דעם גאַנצן טעם פון א וועבער אויפן באַלוט. אַנהויבנדיק ארבעטן בלויז אויף דערוויַיל, כדי צו קאָנען פאַרדינען אויף ברויט, כדי נישט צו זיין אָנגעוואָרפן אויפן פאָ־טער דעם מורה־הוראה, וואס וויל אים האלטן ביי דער גמרא און חתונה אים מאכן וואָס גיכער, נאָר צו קאָנען זיך לערנען און זיין פריי, איז ער, דעם באַלוטער מורה־הוראהס זון, אריינגעצויגן גע־וואָרן אין דער ארבעט, אריינגעפלאָכטן געוואָרן אין די וועב־שטולן, ווי אַלע איבעריקע וועבער פון דער לאָדזשער אָרעמער געגנט און פון די שכנהשע שטעטלעך.

דער פאָטער האָט אים איבערגעבעטן שפּעטער. ער האָט אים נישט געזידלט, נישט געשריגן אויף אים, ער האָט בלויז געקרעכצט יעדעס מאָל, ווען ער האָט אים געזען.

— אוי, ניסן, אוי! — האָט ער געזיפצט, אז ס'האָט שטיקער האַרץ אויסגעריסן.

ניסן האָט דעם פאָטערס זיפצן נישט געקאָנט פאַרטראָגן. ער וואָלט שוין בעסער געוואָלט דער פאָטער זאָל אים שלאָגן, שרייען אויף אים, שעלטן, ווי אנדערע פרומע טאַטעס, אבי נישט זיפצן אזוי איבער אים. ביי דער גאַנצער פאַראַכטונג צום פאָטער זיינעם, האָט ער געפילט א באַהאַלטענע ליבע צו אים, נישט געקאָנט הערן זיינע זיפצן. און ער איז דעריבער איינגאַנצן אריבער צו דער אר־בעט, צום מייסטער זיינעם דעם לווינקענטיק, צוגלייך מיט אַלע איבעריקע געזעלן און זמנניקעס. ער האָט געפילט אויף זיין הויט די גאַנצע קנעכטשאַפט פון א זמנניק.

מער נאָך פון די פאַבריקאַנטן, האָבן די לוינקעטניקעס, די קליינע מייסטערס, וואָס נעמען אהיים פון די באַלעבאַטים א קעטע אויסצואַרבעטן, געדריקט די געזעלן זייערע. אויך זיי אליין האָבן געהאט אויסצושטיין פון די פאַבריקאַנטלעך, די ארויסגעבער. ביי מערסטע ארויסגעבער זענען געווען װערקפירער, וואָס האָבן פאַר-לאַנגט פון לוינקעטניק געלט, מתנות, אַנישט האָבן זיי נישט ארויסגעגעבן קיין קעטע אָדער זיי האָבן זיך געטשעפּעט אומזיסט, געקוקט אויף דער סחורה דורך שפּאַקטיוולעך, געפּאַקט לעכער, פלעקן און פארבראַקירט, וואָס נאָר זיי האָבן געוואָלט. מען האָט זיי געמוזט צאָלן פאַר יעדער קעטע, וואָס זיי גיבן ארויס. קליינע ארויסגעבער פלעגן אראָפּגנבענען ביים מעסטן די סחורות, אמאָל אן אייל, אמאָל עטלעכע איילן, ווי עס האָט זיך געלאָזט, און דער לוינקעטניק האָט געזען און געשוויגן, ווייל אַנישט האָט ער אינ-גאַנצן קיין קעטע מער נישט געקריגן. א סך מאָל האָט מען גע-קריגן א שלעכטע קעטע, טרוקענעם וואָל, וואָס רייסט זיך און ברעכט זיך, מען האָט געהאַט מער צו קניפּן די רייסנדיקע פעדעם ווי וועבן, מען איז אויסגעריסן געוואָרן, און אז עס איז געקומען פרייטיק, האָט מען ערשט זיך ארומגעזען, אז ס'איז נישטאָ פארוואָס שבת צו מאכן. אָפּטמאָל האָט מען געמוזט אָפּשטיין נאָך א קעטע הינטער דעם ארויסגעבערס טיר, ווי א קבצן נאָך א נדבה, און אז מען האָט אָפּגעטראָגן שפּעטער די סחורה, האָט מען ערשט נישט דעם לוין, נאָר א וועקסעלע, וואָס מען האָט געמוזט זוכן א פּראָ-צענטניק דערויף, ער זאָל געבן געלט דערפאַר און אראָפּנעמען פּראָ-צענט אויף פּראָצענט.

די לוינקעטניקעס האָבן זיך אָפּגענומען ביי די געזעלן, גע-דריקט זיי, געקוועטשט. די מייסטערינס האָבן פאַר די געזעלן גע-קויפט ברויט ביי די זעלנער אין מארק, אַלט-געבאַקנס און וואַלוולס, עס זאָל זיך נישט עסן קיין סך. יעדן פרימאָרגן האָבן זיי אויסגע-שניטן קאַרגע מוציאס ברויט פאַר יעדן געזעלן און אַוועקגעלייגט אויף דער באַנק. די געזעלן האָבן נישט אויסגערעכנט, געקנייפּט שטיקער ברויט פון די אויסגעטיילטע מוציאס און נאָך ווארעמעס געבליבן אָן ברויט.

— מייסטערין, ברויט! — האָבן זיי געבעטן שפּעטער פאַר-שעמטע. — ס'נאָגט ביים לעפּעלע — נאָך איין שטיקעלע ברויט.

— זאָל דיר זיין צום טויט! — האָט די באַלעבאָסטע געגעבן אַ קללה אָנשטאָט אַ מוציא. דרייסטערע בחורים, פלינקע אַרבעטער, האָבן געגנבעט שטיקלעך ברויט פון דער פּאָליצע; שעמעוודיקע האָבן געליטן הונגער. קיין שטיקל פלייש האָט מען קיינמאָל פאַר די אויגן נישט אָנגעקוקט, צוקער צו ציקאָריע האָט מען געקריגן אַ לעק. געאַרבעט האָט מען גאַנצע נעכט ביים פינסטערן שיין פון קאַגאַניצלעך און בוימל, ביי קאָפּטשענדיקע קנייטלעך. דער רויך פון דער קיך האָט געפרעסן די אויגן, די קינדער האָבן געוויינט, די ווייבער האָבן געשאָלטן, געקריגט זיך, און אַז די אויגן, רויטע און מידע פון אַרבעט, האָבן זיך שוין מער נישט געוואָלט האַלטן, האָט מען זיך אויסגעלייגט אויף דער שמוציקער פּאָדלאָגע, אונטער-געלייגט זיך שטיקער סחורה און אַזוי איינגעשלאָפן, ווינטער פרירנדיק פון קעלט און זומער שטיקנדיק זיך פון היץ און ענג-שאַפט, צעגעסן ווערנדיק פון פליגן און פליי.

אָפטמאָל זענען די סחורות געווען נאַס, פול מיט זאמד. וואָרום פונקט ווי די אַרויסגעבער האָבן באַגנבעט די לווינקעטניקעס, אַראָפּ-געריסן זיי פון לוין, אַריינגעכאַפּט איבעריקע עטלעכע איילן, אַזוי האָבן די לווינקעטניקעס באַשווינדלט די אַרויסגעבער. זיי האָבן גענומען וואָל און ביינוול אויף דער וואָג און געדאַרפט אומקערן אויף דער וואָג. אָבער אַזוי ווי זיי האָבן שטענדיק אַראָפּגעכאַפּט אַ ביסל וואָל, אַראָפּגעשאַרט אַ „מאַצע", אָדער שיטערער געוועבט, האָבן זיי די סחורה גענעצט אין וואַסער, פאַרשאָטן מיט זאַמד, זי זאָל מער וועגן. די נאַסקייט פון די סחורות פלעגט זיך איינעסן אין די ביינער פון די שלעפּער, דער זאַמד האָט געפרעסן. אַמאָל האָט גאָר די שוואַרצע פאַרב פון אַ ביליקער סחורה געלאָזט און מען איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי אויסגעשמירט ווי אַ קוימענ-קערער. פאַרשידן האָט געטראָפן.

די געזעלן האָבן אויך געמוזט העלפן דעם מייסטער אין זיינע גנבות, אַראָפּוואַרפן אַ „מאַצע" פון דעם וואָל אָדער ביינוול. ציען די סחורה, זי זאָל זיך אויסציען לענגער און האָבן מער ווי זי דאַרף.

כדי דער ארויסגעבער זאָל זיך נישט כאַפּן, מאכט מען בלויז די לעצטע עטלעכע איילן דיקער און גלאַטיקער. אַמאָל כאַפּט מען אויך אראָפּ פון דער ברייט. אַלץ מוז מען טאָן וואָס דער מייסטער הייסט, אנישט קריגט מען נישט אויסגעצאָלט פּריוויק דעם לוין. און אז די סחורה ווערט פאַרטיק, נעמט מען ערשט די אויסגע-אַרבעטע פּעק און מען טראָגט זיי אויף די פּלייצעס איבער גאַנץ לאָדזש ביז צום ארויסגעבער, ווייל דער לוינקעטניק קאַרגט אויס-צוגעבן אויף א דראָשקע.

אַליין געדריקטע, אָרעמע, פאַרקנעכטע ביי די פאַבריקאַנטן און נאָך מער ביי זייערע ווערק-פירער, די כאַבאַרניקעס, האָבן זיי, ווי אמתע קנעכט, געפּייניקט זייערע קנעכט. זיי האבן די מענטשן זייערע געיאָגט, געטריבן, אָפּאָטעמען נישט געלאָזט, געזידלט, די ווייבער זייערע האָבן אוועקגע-כאַפּט דעם ביסן פון מויל. אָפּטמאָל האָט געטראָפן, אז א געזעלן האָט אָפּגעאַרבעט א גאַנצן זמן און דערנאָך האָט אים דער מייס-טער נישט באַצאָלט. מען איז געגאַנגען צו מענטשן, צו רבנים מיט דין-תורהס, נאָר קיין געלט האָט מען נישט געקריגן.

— נאַ, נעם די נשמה! — האָט דער לוינקעטניק געזאָגט, אויפרייסנדיק די וואַטענע וועסט אויף אַלע קנעפּלעך. — כ׳האָב נישט, כ׳בין אליין א ביטערער אָרעמאַן!

זייער שווער איז געווען טוביהן צו רעדן מיט אָט די אַלע פאַרביטערטע, פאַרהאָרעוועטע און צעריסענע מענטשן וועגן שלום צווישן זיך, וועגן אחדות, וועגן קעגנשטעלן זיך די באַלעבאַטים.

— טוביה! — האָט מען אים געוואָרנט. — מיש זיך נישט אריין, מען וועט דיך דעם ערשטן ארויסטרייבן פון דער אַרבעט.

מער פון אַלע האָט אים פאַרשטאַנען ניסן דעם מורה-הוראהס, וואָס האָט געלעבט דאָס ביטערע לעבן פון א זמנניק און געטראָגן א צונאָמען שוין, ווי א זמנניק: ניסן תרבות-רעה — האָט מען אים גערופן. אים איז נישט געפעלן געוואָרן, ניסנען, נישט דאָס לעבן פון א זמנניק, נישט דער צונאָמען, נישט דאָס גאַנצע שלעכטע און אומזיניקע פירעכץ אין די אָרעמע באַלוטער שטובן. און ער האָט מיט אָפענע אויערן אויפגעכאַפּט טוביהס הייסע רייד.

ער האָט נישט אָפּגעשטעלט זיך, טוביה, ווי אַלע האָבן אים גע-
הייסן. א מידער, אָן אָנגעהאָרעוועטער נאָך די שווערע טעג אר-
בעט, א דערשלאָגענער פון זיין ווייבס קולות און קללות, פון די
קינדערס געוויינען, האָט ער פונדעסטוועגן נישט אויפגעהערט
רעדן, איבערצייגן, איינשמועסן, ברענגען משלים פון דער תורה,
רעדן צום שכל, אויפקלערן, צוגעבן מוט, אויפמונטערן און רופן
צו אחדות.

— נאָר אחדות, — האָט ער גערופן מיט זיין הייזעריקלעך
קול.

צוזאַמען מיט אים איז מיטגעגאַנגען ניסן דער זמנניק. פּונקט
ווי טוביה, האָט ער נאָך א גאַנצן טאָג אַרבעט און לערנען זיך אין
די ביכלעך אָפּגעשפּאָרט צייט פאַר ארומצוגיין איבער די באַלו-
טער וועבער-שטיבלעך און רופן צו אחדות. א וואויל-לערנער, א
זון פון באַלוטער מורה-הוראה, וואָס אַלע האָבן אים געקענט,
איז ער געפעלן געוואָרן די וועבער, וואָס ער האָט זיך גענומען צו
זייער אַרבעט, וואָס ער איז געוואָרן זייערס א מענטש. זיי זענען
שטאָלץ געווען מיט אים, געגרויסט זיך, ווען ער פלעגט שבת
אריינקומען צו זיי אין קליינעם שולכל. אויך די ווייבער אין באַ-
לוט האָבן פאַר אים אָפּשיי געהאַט. זיי האָבן אים נישט פאַרשטאַ-
נען, דעם וואויל-לערנער, וואָס האָט געקאָנט קריגן א באַלעבאַטישע
כלה מיט א לייטישן נדן און דאָך פאַרבליבן אין באַלוט, א בעל-
מלאכה געוואָרן אָבער זיי האָבן פאַר אים דרך-ארץ געהאַט. עפּעס
זענען דורך אים זייערע אייגענע מענער אויסגעוואַקסן אין זייערע
אויגן, נישט אויסגעזען אַזוי שפּלדיק.

דערצו האָט מען פון אים א סך נוצן געהאַט אויפן באַלוט.
ער האָט איבערגעלייענט פאַר מאַמעס קאַרטלעך פון זייערע אויס-
געגעבענע קינדער אין דער פרעמד, ער האָט געשריבן רוסישע
אַדרעסן פאַר ווייבלעך סאָלדאַטקעס, וואָס זייערע מענער דינען
אין ווייטע רוסישע שטעט ביי די זעלנער. ער האָט אויסגעלערנט
כלה-מיידלעך זיך אונטערשרייבן אויף די תנאים. ער האָט אויס-
געטייטשט רוסישע פּאַפּירן, וואָס מען קריגט צוגעשיקט פון דער
פּאָליציי און געריכט. אָנגעזאַפּט מיט תורה, פול מיט גלייכווערט-

לעך און מיט א כוח צו רעדן צום שכל, געוואוינט פון קינדווייז אָן אין שטוב צו אָרעמקייט, צו טראָגן אַן עול און וויסן דעם טעם פון אָרעמע מענטשן, צוגעוואוינט צו לערנען מיט נגידישע בחורים, דעם פּאַטערס תּלמידים, גוט אויסצוטייטשן אַן ענין, צוצעקייען אַ זאַך און אַריינלייגן זי אין מויל אַריין, האָט ער מיט זיינע ווערטער וועגן אחדות שטאַרק געריירט די הערצער פון די ווייבער. נאָך מער האָט ער אויסגענומען ביי די ווייבער, וואָס ווילן פון קיין זאַך, אחוץ די טעם, נישט וויסן.

— שוין איינמאָל אַ צינגל, — האָט מען אים געלויבט אין די אויגן. — ס'וועט אין פייער און אין וואַסער נישט אומקומען.

מאַמעס פון טעכטער האָבן אים מיט די אויגן געגעסן. און אַפילו טוביהס ווייב, די מרשעת און שעלטערקע, האָט וויניקער געגריזשעט איר מאַן, ווען ניסן פלעגט זיצן מיט אים ביים אָנגע-מושבטן טיש און רעדן וועגן אחדות. גלייך, ווי נאָר מען האָט אויפן באַלוט גענומען רעדן וועגן דער גזירה אין חיים אַלטערס וועבעריי, האָט זיך ניסן דעם מורה-הוראהס גענומען צו דער זאַך. אַ, ער האָט אים נאָך גוט געדענקט, דעם שמחה מאירן, דעם פּאַטערס נגידישן תּלמיד, וואָס פלעגט כסדר שפּילן אין קאָרטן ביים לערנען. שוין דעמאָלט האָבן זיי זיך געהאַסט, נישט פאַר-טראָגן זיך, דער נגידישער בחור מיטן גאָלדענעם זייגער מיט דעם אָרעמען מורה-הוראהס אינגל אין פאַרלאַטעטן אויסגעוואַקסענעם כאַלאַט און צעריסן היטל. איצט זענען זיי גאָר ווייט געווען איינער פון אַנדערן. שמחה מאיר אַ פאַבריקאַנט, וואָס גיט אַרויס גזירות קעגן אידן מיט זייערע ווייבער און קינדער, און ניסן אַ זמנניק אויף באַלוט. כאָטש ער האָט נישט געאַרבעט ביי דעם שמחה מאירן און זיין שווער, האָט ניסן געפילט, ווי עס וואָלט זיינס אַ זאַך געווען. יעדע עולה, וואָס איז געשען דעם באַלוט, זיין באַלוט, איז געווען ווי זיין אייגענע. ער האָט דעריבער גלייך זיך געשטעלט נעבן טוביהן און אים געהאָלפן אין דער אַרבעט. נישט נאָר די ווערטער, וואָס מען נעמט זיי שוין אַראָפּ פון לוין, האָט ניסן גערופן אין שולכל, נאָר אַלעמען, פון אַלע באַלוטער געסלעך.

און דער עולם איז געקומען. עס זענען געקומען ווייבער און זמנניקעס, לערן־אינגלעך און אפילו לוינקענטניקעס ארעמעלייט. דאס קליינע שולכל איז געווען פול, געפאקט. מען האט זיך גע־שטופט, געשטויסן, געקריגט זיך צווישן זיך, געווארפן מיט די הענט, געוואלט רעדן.

און אויף דעם באלעמער איז געשטאנען טוביה, דער בעל־קורא פון שולכל, וואס זיין לייענען אין דער תורה איז מלא־טעם, א שטיק געזונט קומט דערפון צו. זיין אפגעשאסענע גרינ־לעך־געהאקטע קאפאטע מיט די ארומגעזוימטע טאשמעלעך ארום די אויסגעטעפטע ברעגן, וואס ער האט געהאט נאך פון דער חתונה, איז געווען צעקנעפלט, דאס פאפירענע קעלנערל, וואס איז געלעגן אויפן האלז באזונדער, אפגעשפיליעט פון העמד, איז געווען צעקנייטשט, דורך די גלעזלעך פון זיינע דראטענע ברילן האבן די געלע אויגן זיינע שטיקער פייער אין שבת געווארפן.

— אידן, אחדות! — האט ער גערופן היים. — נאר אחדות זיך האלטן און מיר וועלן געהאלפן ווערן.

ניסן מורה־הוראהס האט פונאנדערגעוויקלט א בויגן פאפיר, וואס ער האט מיט שיינע געכתיבהטע אותיות אנגעשריבן, און עס פארגעלייענט פארן עולם

— תקנות של החברה ווייבער מבאלות, — האט ער געלייענט פייערלעך הויך, יעדעס ווארט באזונדער.

א) די ווייבער, וואס דאווענען אין דער שול אהבת רעים, אויך די אנדערע ווייבער פון באלות גייען נישט איין אויף דעם, דאס מען זאל זיי אראפרייסן פון זייער ארעמען לוין, דען דאס איז געגליכן צו גזילה, און זיי נעמען אויף זיך אן איסור נישט צו גיין ארבעטן, בפרט איינער זאל דעם אנדערן נישט משיג־גבול זיין און גיין ארבעטן אויף זיין ארט, דען השגת־גבול איז געגליכן צו רציחה, ווי איינער זאל אויפשטיין און מארדן זיין חבר אין מיטן פעלד.

ב) דאנערשטיק זאל מען נישט ארבעטן א גאנצע נאכט, נאר בלויז ביז צוועלף א זייגער. אויך שבת־צו־נאכט זאל מען

נישט ארבעטן ביז צוויי ביינאכט, נאָר בלויז פון נאָך הבדלה ביז צוועלף אזייגער אין די זומער־טעג.

ג) אין מיטן דער וואָך טאָר מען נישט ארבעטן מער ווי פערצן שעה א טאָג, פון זעקס אינדערפרי ביז אכט אין אָוונט. פאר דער צייט פון דאַוונען מנחה און מעריב און אויך שחרית אין די ווינטער־טעג, ווען מען קאָן נישט דאַוונען פארן גיין צו דער ארבעט, זאָל מען נישט דארפן אָפּארבעטן.

ד) פרייטיק זאָל מען אויפהערן די ארבעט מיט צוויי שעה פאר ליכט־צינדן און ערב יום־טוב צוויי שעה פאר זון־אונטער־גאַנג, כדי מען זאָל נאָך האָבן צייט צו גיין אין מרחץ אריין, ארומ־וואַשן זיך פון דער ארבעט און צוגרייטן זיך לכבוד שבת און יום־טוב.

ה) דער לוין פאר דער וואָך טאָר נישט ווערן אָפּגעלייגט אויף דער אַנדערער וואָך, נייערט מוז אויסגעצאָלט ווערן צו די גע־זעלן דאָנערשטיק ביינאכט, כדי זיי זאָלן האָבן פאר וואָס צוצו־גרייטן אויף שבת. אויך פאר יום־טובים זאָל דער לוין אויסגע־צאָלט ווערן באַצייטנס. דען ווער עס לאָזט איבערנעכטיקן דעם לוין פון זיין טאָגלוינער, איז געגליכן צו א גזלן.

ו) די ליכטלעך צו דער ארבעט זאָל נישט קויפן דער פועל, נאָר דער באַלעבאָס.

ז) די באַלעבאַטים טאָרן נישט רופן די געזעלן מיט צונעמען, דען עס איז א זינד צו פארשעמען זיין חבר, אויך נישט אויפ־הויבן קיין האַנט און שלאָגן, דען ווער עס הויבט אויף א האַנט אויף א צווייטן, ווערט אָנגערופן רשע. אויך די געזעלן און זמנניקעס טאָרן זיך נישט רופן מיט צונעמען, מבייש זיין זיך, אָדער, חלילה, שלאָגן, אויך נישט די לערן־אינגלעך, וואָרום יעדער דארף געדענקען, ווי ער אליין איז פארשעמט און געפייניקט גע־וואָרן. ווער עס וועט עובר זיין דערויף, זאָל ווערן ארויסגעוואָרפן פון דער חברה.

ח) אין תענית־טעג זאָל מען נאָר ארבעטן ביז מנחה.

ט) חול־המועד פסח און סוכות זאָל מען ארבעטן נאָר ביז מנחה.

י) די פּועלים, זמנניקעס און לערן-אינגלעך, וואָס זענען ביי די באַלעבאַטים מיט עסן און שלאָפן, דאַרפן קריגן עסן געשמאַלצן, אויך די קאַווע זאָל זיין געווייסט און זיס, דען ווען זיי עסן נישט צו דער זעט און מען פּאָדערט פון זיי אַרבעט, איז עס געגליכן צו די מצריים, וואָס האָבן נישט געגעבן קיין ליים און שטרוי און געפאָדערט ציגל.

די אַלע צען תקנות זענען געגעבן געוואָרן אין שבת פּרשת תזריע - מצורע אין בית - הכנסת של אהבת-רעים בבאַלוט.

אַ טומל האָט זיך אויפגעהויבן פון אַלע זייטן.

— גערעכט, גערעכט! — האָבן קולות גערופן.

— הייליקע ווערטער!

— ס'עט נישט אויסהאַלטן! — האָט אַ פאַרצווייפלט קול איבערגעריסן.

— אַז ס'וועט זיין אחדות, וועט אויסהאַלטן! — האָבן גלוי-ביקע שטימען געענטפערט.

טוביה האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין שולחן און, וואַרטנדיק ביז אַלע וועלן זיך איינשטילן, האָט ער געהאַלטן אַ דרשה, אַ לאַנגע דרשה מיט משלים פון די הייליקע ספרים, מיט קלוגע ווערטלעך, מיט היימישע ביישפּילן. ער האָט זייער שיין פאַרגליכן די פּועלים צו די אידן אין מצרים, וואָס האָבן געבויט פּיתום און רעמסס. די באַלעבאַטים האָט ער פאַרגליכן צו די מצריים און זייערע משרתים צו די נוגשים ושוטרים, וואָס זענען אַליין געווען אידן, נאָר זיי זענען געזעצט געוואָרן דורך די מצריים צו שלאָגן און פּייניקן זייערע אייגענע ברידער, כדי אַרויסצוציען פון זיי די שווערע אַרבעט. מיט גרויס קונציקייט האָט ער אויסגעטייטשט, אַז פּונקט ווי די מצריים האָבן איינגעמויערט די קינדער פון ישראל אין די ווענט, אַזוי צווינגען אויך די באַלעבאַטים זייערע קנעכט, די פּועלים, אַליין מיט די אייגענע הענט אַריינצואוועבן זייערע קינדער אין די קעטעס, ווייל ווען די טאַטעס אַרבעטן טאָג און נאַכט און קאָנען זייערע קינדער נישט געבן קיין טראָפּן מילך, קיין רפואה, פאַר וואָס זיי גייען פריי אַוועק פון דער וועלט, איז

דאָס דאָס איינענע, ווי מען וואָלט די קינדער איינגעמויערט אין די ווענט פון פיתום ורעמסס.

— אמת, אמת! — האָבן קולות געשריען. — ווי אמת ס'איז דער הייליקער טאָג שבת אויף גאָטס וועלט.

האָבנדיק אַלעמען באהערשט, האָט טוביה געפּאָדערט, מען זאָל נאָך אין שבת-צו-נאַכטס איבערגעבן די באַלעבאָטים די צען תקנות און נישט גיין ארבעטן אזוי לאַנג, ביז זיי וועלן נישט נאָכגעבן.

ווידער האָט זיך אויפגעהויבן א טומל.

— מירן בלייבן אָן ברויט! — האָט א קול געשריען.

— זיי וועלן אונז נישט נאָכגעבן!

— מען דאַרף גיין מיט גוטן, מען קאָן זיי נאָך אריינברענגען אין כעס.

— קיינער וועט נישט גיין. די ערשטע וועלן זיי ארויסוואַרפן די בונטאָווּשטשיקעס.

— מיר האָבן ווייבער און קינדער.

טוביה האָט אַזאַ שטאַרקן זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין שולחן, אַז דער קרומער ענגליישטשיקער, וואָס הענגט איבער אים, האָט זיך אַזש צעשאָקלט.

— אַזוי האָבן אויך געזאָגט די קנעכט אין מצרים! — האָט ער געשריגן מיט צאָרן. — מיר געדענקען די פיש, — האָבן זיי געזאָגט, — וואָס מיר האָבן געגעסן אין מצרים. איר זענט דאָך ערגער פון זיי, ווייל איר קריגט נישט קיין פיש; אפילו נישט קיין ברויט צו דער זעט. אָבער משה האָט נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די קנעכט האָבן געמורמלט, און זיי אויסגעלייזט פון פרעהן.

דער עולם האָט זיך פאַרשעמט און געשוויגן. טוביה האָט זיגעריש א בליק געטאָן אויפן עולם און אויפגעהויבן א האַנט.

— איך וועל גיין צו אונזער פרעהן און רעדן אין נאָמען פון אייך אַלעמען. אָבער קיינער זאָל נישט פּרוּוון אונטערגיין מיט ערמה און כיטרעקייט צו די באַלעבאָטים, קיינער זאָל נישט משיג-גבול זיין און גיין אַרבעטן. זאָל מען זיך נישט איבערשרעקן, איינס זיך האַלטן, אחדות זיין און מיר וועלן מנצח זיין!

דער עולם איז געווען צעפּלאַמט.

— קיינער וועט זיך נישט פאַרקויפן! — האָבן אַלע אויס־געררופן.

— איך וויל אַ שבועה פון אייך! — האָט טוביה גערופן. — אַ שבועה אין בית־המדרש פאַרן שולחן, אַז קיינער וועט נישט גיין צו דער אַרבעט ביז מען וועט נישט הייסן, אַז קיינער וועט נישט דעם אַנדערן משיג־גבול זיין.

אַן עלטערער וועבער, אַ איד מיט אַ פאַרקאַלטנטער באָרד, וואָס זעט אויס ווי אַ פּעקל שמוציקע וואַטע, מיט רויטע אויגן, אַ צעבראָכענער, אַן אויסגעבויגענער פון אַרבעט, אָרעמקייט און יאָרן, האָט זיך אַרויפגעריסן אויפן באַלעמער און געגומען קלאַפּן אין טיש מיט דער ציטערדיקער האַנט.

— אידן! — האָט ער גערופן. — אידן טאָרן נישט שווערן אפילו אויף קיין אמת. אידן, אום שבת טאָר מען נישט שווערן, עס איז אַ זינד!

נאָר ניסן דעם מורה - הוראהס האָט דעם אַלטן איבערגע־שריגן.

— אידן, ביי סכנות־נפשות מעג מען אפילו מחלל־שבת זיין,— האָט ער געזאָגט, — און ברויט פאַר ווייבער און קינדער איז געגליכן צו סכנות־נפשות. אידן, פאַר אַזאַ זאַך מעג מען שווערן אפילו אום יום־כפור!

נישט פרעגנדיק קיינעם, מיט פעסטע טריט איז טוביה צו־געגאַנגען צום אָרעמען הילצערנעם אָרון־קודש און אַרויסגענומען די איינציקע ספר־תורה אין צעשאָטענעם רויטן אַטלעסענעם מענ־טעל און פייערלעך זי אוועקגעלייגט אויפן שולחן.

— ביי דער תורה, אין מקום קדוש, גיבן מיר אונזער וואָרט, אַז קיינער פון אונז וועט נישט אַליין, אָן דער ידיעה פון אַלעמען, גיין צו דער אַרבעט. דאָס איז געגליכן צו אַ שבועה. גיט אייער וואָרט!

— מיר גיבן ס׳וואָרט! — האָבן אַלע פייערלעך אויסגערופן.

קאַפּיטל אַכצן

מיט א לוסטיקער עקשנות און האַרטנעקיקייט האָט שמחה מאיר אויפגענומען די מלחמה קעגן די פּופּציק באַלוטער וועבער פון זיין שווערס פאַבריק.

דער שווער איז נישט געווען אין דער היים. ווי אַלע יאָר אין דער צייט, איז ער באַלד נאָך שבועות אַוועקגעפאָרן אין די עסטרייכישע בעדער צוזאַמען מיט זיין פּריוועז. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין אָן איר, אָן דער שיינער באַטעמטער אידענע זיי־נער, און ער האָט איינגעפּאַקט די גרויסע לעדערנע וואַליזעס, מיט־גענומען אין א שאַכטל זיין דייטשן קאַפּעליוש, וואָס ער האָט אָנ־געטאָן, ווי נאָר מען איז אַריבער די רוסישע גרענעץ, כדי זיין אויסגעפּוצטע פּריווע, וואָס זעט אויס ווי אַן אָפּערע־אַקטריסע, זאָל זיך נישט דאַרפן שעמען מיט אים צווישן די דייטשן. שמחה מאיר איז פון שווערס נסיעה צופרידן געווען. ער האָט אים גע־וואָלט האָבן וואָס ווייניקער אין דער וועבעריי; נאָך דערצו איצט, ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט די וועבער. אָבער נישט צופרידן איז ער געווען, וואָס צוזאַמען מיט שווער און שוויגער, איז אויך זיין ווייב דינהלע מיטגעפאָרן. אים איז געווען זייער אומעטיק און ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך איר. איר אַוועקפאָרן האָט אים צערודערט און אין אומרואיקייט אין זיין קאָפּ אַריינגעשרויפט.

נייין, ער איז נישט געווען גליקלעך אין שטוב, שמחה מאיר, וואָס איז מיט אַזעלכע ברייטע טריט נעגאַנגען נצחונדיק איבער דער קאָכעדיקער שטאָט. זיינע בריהשע מסחרים, זיינע עלוישע שטיקלעך און איינפאַלן, וואָס האָבן אין די רעסטאָראַנדלעך ביי די טישלעך סוחרים און מעקלערס פון די כלים אַרויסגעבראַכט, האָבן אויף דעם יונגן שיינעם ווייבל זיינעם קיין שום רושם נישט געמאַכט. ער האָט איר דוקא געגומען דערציילן וועגן זיך ביים עסן. טרינקענדיק גיך די קאַווע ביים טיש, בייסנדיק פּלוטעוואַטע די בייגל מיט פּוטער זייער הויך און זייער צעטראָגן, האָט ער

מיט חסידישן ברען פרובירט אויסדערציילן פאר זיין דינהלען אלע זיינע גליקן און סוחרישע קאמבינאציעס, קוועלנדיק אליין פון נחת.

— פארשטייסט, דינהלע, פארשטייסט? — האט ער אלע מאל פארענדיקט מיט א גמרא־ניגון, ווי ער וואלט שמועסן אין לערנען.

ער האט אליין הנאה געהאט פון זיינע עלוישע שטיק און געוואלט, אז אויך דינהלע זאל פון אים אנקוועלן. אבער דינהלע האט נישט אנגעקוואלן פון אים; זי האט אים אפילו נישט רעכט אויסגעהערט. פון דעם אלעם, וואס ער האט דערציילט מיט אזא ברען און שמחה, האט זי וויניק פארשטאנען; נישט געוואלט פארשטיין. ניין, זי האט גארנישט אויסגעקוקט זיך אויף אט די אלע לאדזשער סוחרישע חכמות, נישט געזען די בריהשאפט פון איר מאן. זי האט בלויז געזען פאר זיך א חסידיש צעטראגן יונגענמאנטשיקל, וואס זיצט נישט איין רואיק ביים טיש, וואס טרינקט צו־גרויסע שלונגען, עסט נישט שיין, טונקט די בייגל אין פוטער, שיט אן א סך זאלץ, שאקלט אפ און שיט ווידער אן, כדי ווידער אפצושאקלען. עס האט אים געטראגן, געהויבן פון ארט. ביים גאנצן עסן האט ער נישט אויפגעהערט רעכענען, חשבונען, פארשרייבן מיטן בלייפעדער אלע טישטיכער, אלע שטיקלעך פא־פיר, וואס ליגן אים פאר די אויגן. פונקט אזוי שנעל ווי ער האט געגעסן, אזוי האט ער שנעל פלוצלונג א כאפ געטאן א גלאז, אנ־געגאסן זיך האסטיק מים־אחרונים, ווי א מיל געמאלט די ווערטער פון בענטשן, און געלאזט זיך א צעקנעפלטער לויפן צו די מסחרים.

— פארשטייסט, דינהלע, פארשטייסט? — האט ער גיך גע־פרעגט. — גוט געטאן, הא?

— שאקל דיר אפ די ברעקלעך פון פנים, — האט זי אים בלויז געזאגט, — און ביים עסן שרייב נישט אויף די טישטיכער. אלע טישטיכער פארפאטשקעסט דו...

שמחה מאיר האט זיך געפילט געקרענקט, דערשלאגן. כאטש ער האט געקוקט אויף ווייבער מיט חסידישער גדלות, ווי דער

טאטע זיינער, האָט ער אָבער ביי דעם ווייב זיינעם שטאַרק געוואָלט אויסנעמען. מיט די פּלוטעוואַטע חסידישע אויגן, וואָס האָבן אַ טבע אין אַלץ אַריינצוקריכן, אַלץ צו זען, האָט ער אויך זיין ווייבס שיינקייט דערזען, אַלע אירע ווייבערשע רייצן. זי איז אים שטאַרק געפעלן געווען, מיט יעדן טאָג מער. אָבער דינהלע איז געווען קאַלט צו אים, פרעמד און שווייגנדיק.

ער האָט צו איר גאַרנישט געקאָנט האָבן. זי איז אים געווען אַ ווייב. זי האָט אים זייער פּינקטלעך צוגעטראָגן עסן צום טיש, פּרייטיק אים דערלאַנגט פרישע וועש, אכטונג געגעבן, ער זאָל תמיד האָבן קלאָרע נאָז-טיכלעך אין קעשענע, און אים דערמאָנט אָפּפּוצן זיך פאַרן אַרויסגיין פון שטוב, אַראָפּצושאָקלען דעם אַש פון די פּאַפּיראָסן, וואָס ער האָט אַ טבע אָנצושיטן זיך אויף די לאַצן פון דער קאַפּאָטע. אין די ימים-טובים איז זי זייער פּינקט-לעך געגאַנגען מיט אים אויף כיבוד צו משפחה, אָבער קיין איין האָר וואַרעמקייט האָט זי אים נישט אַרויסגעוויזן, קיין צערטלעכ-קייט, קיין ליכטיקן שמייכל. אין איר אָפּשאָקלען אים די קאַפּאָטע פון די ברעקלעך און אַש איז נישט געלעגן די וואַרעמקייט און ליבע, וואָס ליבנדיקע ווייבער לייגן דערין אַריין פאַר זייערע מע-נער, נאָר אַ מין אייגענע אכטונג צו זיך און אַ חוזק צום מאַן, דעם צעטראָגענעם און פּרא-אדם. ביי זיין גאַנצער צעטראָגנקייט און צעיאַכמערטקייט, האָט ער עס זייער גוט אַרויסגעפילט, שמחה מאיר, און געשפּירט זיך געקרענקט.

נאָך מער האָט אים געקרענקט איר קאַלטקייט צו אַלע זיינע נצחונות און גליקן. ער איז נישט געווען פון די צוויי פּאַר אַ גראָשן. מען האָט פון אים געהאַלטן אין לאָדזש, אַרומגעטראָגן זיך מיט זיינע חכמות און סוחרישע דריידלעך. אפילו עצות האָט מען אים געפרעגט. מענטשן זענען צו אים מיט אויסגלייכענישן געקומען. אויך צווישן לומדים האָט מען פון אים געהאַלטן אַ וועלט. אין מיטן אַלע זיינע געשעפטן, האָט ער זיך געקאָנט אַריינ-לאָזן מיט אידן לומדם און לערנען און אַלע פאַרדרייען מיט זיינע פּשטלעך. כאָטש אַ ווייבל קען זיך נישט אויס אין אַזעלכע זאַכן, האָט ער פונדעסטוועגן געוואָלט איר דערציילן וועגן זיין גדלות.

זאָל זי וויסן וועמען זי האָט פאַר אַ מאַן! אָבער זי האָט נישט גע-וואָלט אויסהערן אַפילו קיין איין וואָרט פון אַלע זיינע מעשיות; פאַר קיין פּרוטה אָנערקענונג נישט אַרויסגעוויזן אים.

שמחה מאיר האָט זיך פאַרלוירן, נישט געוואוסט, ווי אַזוי צו-ציען צו זיך די, וואָס ער גייט אַזוי אויס נאָך איר ליבע, נאָך אירס אַ פרייען בליק. ער האָט זי געוואָלט צוציען, איינגעמען; אָבער ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי, קיין וועג נישט געהאַט צו איר. זיין וועלט איז געווען אָדער די חסידים פון שטיבל מיט זייערע מחלוקות וועגן רביים, אָדער לאָדזשער מסחרים, וועקסע-לעך, האָסעס און בעסעס פון ביינוואָל און וואָל. זי האָט קיין געפיל נישט געהאַט פאַר די זאַכן, קיין פאַרשטענדעניש. זי האָט נאָך אַלץ, ווי אין די מיידלשע יאָרן, געלעבט מיט ביכלעך, ריטער, שלעסער, דועלן און פירשטינס. איר באַשייטלטער קאָפּ האָט גע-שטעקט איינגאַנצן אין אַ וועלט אַ ווייטער, אַ פרעמדער, אַ פאַנ-טאַסטישער און אַ לאָקערנדיקער.

— גאָט מיינער, ווי איך האָב מיך דערשראָקן! — פלעגט זי זיך אָנכאַפּן ביים האַרץ, ווען אין סאַמע מיט ווי זי איז געווען פאַרטיפט אין אירע ביכלעך פלעגט זיך דער מאַן אַריינשאַרן און זי אָננעמען ביי דער האַנט.

— וואָס לייענסטו? — האָט ער זי געפרעגט, כאָטש ער האָט עס געזען.

— ביכלעך, — האָט זי געענטפערט און אַרויסגעצויגן די האַנט פון זיינער, נישט אויפהויבנדיק אַפילו די אויגן צו אים.

אין שמחה מאירן האָט אויפגעקאָכט אַ צאָרן קעגן די ביכלעך, אין וועלכע זיין דינהלע שטעקט אַזוי מיט לייב און לעבן. ער איז אַ בעלן געווען זען נאָכאַמאָל די ביכלעך, אָנקוקן זיי, וואָס זיי נעמען אים אַוועק זיין ווייב פון זיך. מיט חסידישער טשעקאַ-וועשטש האָט ער געגעבן אַ רייס אַרויס ביי דינהלען דאָס ביכל פון די הענט אַרויס און אַריינגעקוקט. אָבער אַמאָל און ווידער אַמאָל האָט ער איבערגעלייענט די זעלבע עטלעכע שורות. וועגן עפּעס גוים און זייערע ליבעס און ער האָט דאָס ביכל אַוועקגעוואָרפן מיט פאַראַכטונג.

— מען זאָל מיר צוצאָלן, איך זאָל עס אין דער האַנט אַריין נעמען, — האָט ער געזאָגט מיט כעס. — וואָס האָט מען דערפון ?

וואָס מער זי האָט זיך געהאַלטן ווייט פון אים, אַלץ מער האָט עס אים געצויגן צו איר. עס האָבן אים געלאָקט אירע ווייכע ווייסע הענט, וואָס בלענדן אַזש פון קלאָרקייט פון די שוואַרצע, זיידענע, לאַנגע אַרבעל אַרויס, איר זיסער געטאָקטער האַלז, יעדע רונדיקייט פון אירע גלידער, דאָס גאַנצע ווייבערישקייט אירס, וואָס האָט מיט יעדן טאָג זיך מער צעבליט. ער האָט אַזש געציטערט פון אויפרעגונג, שטייענדיק נעבן איר.

ער האָט, אמת, קיינמאָל נישט געשאָנקען דאָס, וואָס אים קומט, און אויך אויף זיינע רעכט פון אַ מאַן האָט ער נישט נאָכגעלאָזן. אָבער דאָס איז געווען אין די נעכט, אין דער פינסטער. ער האָט געקאָנט באַצווינגען, אָבער נישט צוציען. אין די טעג, ווען מענטשן קאָנען נישט באַצווינגען, נאָר זעען זיך, קוקן זיך אין די אויגן, שענקען זיך אַ שמייכל און ליב האָבן, האָט ער קיין שום וועג נישט געהאַט צו דער, וואָס מען האָט אים פאַר טויזנטער רובל אין מזומנים אויסגעוויילט. נאָך די שטענדיקע אַרומרייסעניש צווישן מענטשן, מיט טאַטע־מאַמע, שווער, יונגעלייט אין שטיבל, סוחרים, אַרבעטער אין דער וועבעריי, האָט ער געגאַרט נאָך וואַרעמקייט, ליבע, הערן אַ גוט וואָרט, פילן אַ צערטלעכקייט ; אָבער דינהלע האָט אים אָפּגעשטויסן. אין ווערטער, בלויז מיט אַ קוק פון אירע קלאָרע אויגן, האָט זי אים דאָס בלוט פאַרקילט.

ער האָט זיך מיט מער אייפער אַריינגעוואָרפן אין די געשעפטן, קוים אויף עטלעכע מינוט זיך אַריינגעכאַפּט אין שטוב אָפּעסן און ווידער געלאָפן צווישן מענטשן. דאָרט איז זיין וועלט געווען, דאָרט האָט ער געהערשט. אהיימקומען פלעגט ער נאָר ביינאַכט. אָבער אויך די נעכט זענען געווען נישט האַניקדיק, ווי זיי דאַרפן זיין פאַר אַ יונגנמאַן אין ערשטן יאָר נאָך דער חתונה. זי האָט זיך אים נישט קעגנגעשטעלט, — נאָך דאָס וואָלט געפעלט ! — אָבער קיין קעגנזייטיקייט אויף זיין חסידישן ברען האָט ער נישט אַרויסגעפילט. כאָטש ער האָט פון קיין אַנדערע פרויען נישט געוואוסט, האָט ער פונדעסטוועגן פאַרשטאַנען, אַז עפּעס

איז דער מער מיט דעם, אויף וואָס ער האָט בחורוויז אַזוי גע־וואַרט און געהאַפּט. ער פלעגט זיך אויפהויבן אַ גערייצטער מיט אַ שווערן קאָפּ, און ביטערער געוועזן צו די מענטשן, בייז און האַרטנעקיק.

אין אַ גאָר גיכער צייט איז אַ געשעעניש געקומען אין שטוב. אין איינעם אַ טאָג איז דינהלע דער מוטער אויפן האַלז געפאַלן און אַ רויטע, אַ פאַרשעמטע, פונאַנדערגעווײנט זיך צוליב דער ענדערונג אין איר לייב. די מוטער האָט זי געקושט, געלאַכט פון איר און איר געווישט די טרערן פון די אויגן.

— נאַרעלע, — האָט זי איר געפּליסטערט, — וואָס איז דאָ צו וויינען? זאָג אָן שמחה מאירן די בשורה.

— כ'וועל נישט גיין, מאַמעשי, — האָט דינהלע זיך געקלאָ־מערט ביי דער מוטער און נישט געקאָנט איינהאַלטן די טרערן פון די אויגן.

שמחה מאיר האָט זיך דערפילט זייער מאַנסביליש געהויבן, ווען די שוויגער זיינע האָט אים, אַ פאַררויטלטע, ווי אַ מיידעלע, דערציילט שטיל וועגן דינהלעס טראָגן, און וואָס זי איז פאַרגאַנגען.

— זי וואָלט שוין געמעגט אָוועקוואַרפן די נאַרישע ביכלעך, — האָט ער געזאָגט, — זי איז שוין נישט קיין מיידעלע.

ער איז געווען זיכער, אַז איצט וועט זיך אַלץ ענדערן; אַז איצט וועט זי זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ די פּוסטע נאַרישקייטן, די ביכלעך מיט די מחשבות, און זי וועט זיין אים אַ ווייב, ליב האָבן אים. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, ווען עפּעס שטעלט זיך אים קעגן, ווען ער באַצווינגט נישט אימיצן אינגאַנצן. ער האָט אמת, ווייבער פאַראַכטעט, ווי דער פאָטער זיינער, ווי אַלע חסידים; אָבער ביי דער גאַנצער פאַראַכטונג, האָט זי, דינהלע, געהאַט אָן אויבערהאַנט איבער אים, פאַרמאָגט עפּעס, נאָך וואָס ער גייט אויס, און זי וויל עס אים נישט שענקען. די רייד פון דער שוויגער זיינער האָבן אים דעריבער אָנגעפילט מיט זיכערקייט. איצט איז ער דער באַלעבאָס אין שטוב — איז ער געווען זיכער. אָבער דינהלע איז געבליבן די אייגענע, וואָס פריער.

זי האָט נישט געפילט קיין איין ביסעלע ליבע צום מאַן, ווע־

מעם פרוכט זי האָט איצט געטראָגן אין איר ליב, — ווי עס איז דער פאַל ביי אַנדערע ווייבלעך. פאַרקערט, זי האָט גלייך אָנגעהויבן אַריבערטראָגן זיך מיט אַלע געדאַנקען און געפילן צו דעם, וואָס דאַרף קומען, צו דעם באַשעפעניש, וואָס זי פילט עס נאָך אפילו נישט, נאָר זי ווייסט בלויז וועגן דעם, אַז עס רוט אין איר ליב. שעהן לאַנג האָט זי געקאָנט ליגן אויף דער אָטאָמאַנע און צוהערן זיך מיט אויסגעשפּיצטע אויערן צום אייגענעם ליב, ווי זי וואָלט וועלן אויפכאַפּן אַ שאָרך פון דעם, וואָס רוט אין איר.

— מאַמעשי, איך פיל עס, — האָט זי געזאָגט. — הער זיך צו.

— נאַריש ווייבל, וואָס דו ביזט, — האָט די מוטער פון איר געשפּאָסט. — עס דאַכט זיך דיר בלויז אויס; נאָך צו־פרי....

— און א י ך פיל, — האָט דינהלע געזאָגט און אַ גליקלע־כער מוטערלעכער שמייכל האָט צעצויגן איר שיין פּנים.

זי האָט זיך נישט פאַרענדערט אין טראָגן, ווי אַנדערע ווייב־לעך. פאַרקערט, זי איז נאָך שענער געוואָרן, ליכטיקער, ווייבלע־כער. קיין איינציק פלעקעלע, ווי עס טרעפט ביי ווייבער אין טראָגן, איז נישט אַרויסגעטרעטן אויף איר ליכטיק פּנים. אירע בלויע אויגן זענען געוואָרן וואַרעמער, גלאַנציקער. די אויבערשטע ליפּ, וואָס האָט זיך איר לייכט פאַרהויבן אין דער הויך, אַרויסווייזנדיק אַלע אירע פּערלדיקע ציין, האָט איר דעם זיבעטן חן צוגעגעבן. די מוטער האָט זי נישט אויפגעהערט אָפּבלאָזן פאַר אַ בייז אויג. שמחה מאיר האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אין איר צעבלי־טער ווייבערישקייט.

— דינהלע, וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכסטו? — האָט ער איר פלוטעוואַטע געפרעגט און געזוכט זי אַריינצונאַרן צו זיך אין שטוב, כדי אויסצוקושן יעדעס גליד אירס.

אָבער זי איז געווען פרעמד צו אים ווי פריער. ווי אַן אמתע מוטער, וואָס נאָכדעם ווי זי פאַרגייט אין טראָגן, איז איר ליב פאַרשלאָסן פאַר אַ מאַן, אַזוי האָט זי זיך אָפּגעזונדערט פון אים אפילו אין די נעכט.

— איך בין מיד, — האָט זי אים געזאָגט און אויסגעדרייט זיך צו דער וואַנט.

און אַז עס איז געקומען נאָך שבועות און די עלטערן אירע זענען געפאָרן קיין אויסלאַנד אין די בעדער, האָט זי אויך איינגע־פאַקט אירע קליידער און מיטגעפאָרן מיט זיי. זי האָט איר מאַן אפילו נישט געפרעגט.

— זיי געזונט, — האָט זי אים בלויז געזאָגט, נישט אָנרופנדיק ביים נאָמען, נישט אָנקוקנדיק אים אפילו אויף א ווײַלע.

ער האָט זיך געפילט זייער ברוגז, זייער געקרענקט און זייער איינזאַם. שטאַרק אומעטיק איז אים איצט געווען אין די ליידיקע פוסטע שטובן ביים שווער אין הויז. נאָך איינזאַמער איז ער געווען אין די נעכט. דאָס ברייטע פאַרבעטע בעט נעבן זיינעם האָט אים קיין רו נישט געגעבן, געשפּאָט פון אים. אויך זענען אים פאַרשי־דענע שלעכטע געדאַנקען געקומען אין קאָפּ, פאַרדאַכטן אַלערליי, איבערקלערענישן. א ווייבל אַליין אין אויסלאַנד, צווישן אַזויפיל ליידיקגייער און דייטשן!

אין די וואָכן-טעג האָט ער זיך פאַרשלונגען מיט אַרבעט, מיט מסחרן, דרייען. געוואַלטיק דערשלאָגן האָט ער זיך געפילט אין די שבתים, אין די לאַנגע זומערדיקע שבתים, ווען די טעג ציען זיך ווי אייביקייטן און מען קאָן נישט גיין נישט אין די רעסטאָ־ראַנדלעך צו די סוחרים און מעקלערס, נישט אין דער וועבעריי. צו די ספרים האָט ער נישט געהאַט דעם מינדעסטן חשק מער. זיי האָבן אים געלאַנגווייליקט מיט זייערע פרעמדע דינים און ענינים. אויסער אין מסחר, אַרבעט, האָט ער קיין אינטערעס אין זאַכן נישט געפונען.

אין אַזאַ צייט, אין אַזאַ הייסן שבתדיקן טאָג, ווען ער האָט שוין קוים דערוואַרט זיך אויף די ערשטע דריי שטערן אין פאַר־רויכערטן לאָדזשער הימל, כדי וואָס גיכער אַריינצוכאַפּן דעם וואָ־כעדיקן מעריב און הבדלה און אַראָפּלויפן מיט א פּאַפּיראָס אין דער וועבעריי, זענען דאָס צו אים געקומען טוביה „ס׳איז נישט הפקר א וועלט“ און ניסן דעם מורה-הוראהס מיט זייערע צען

תקנות, אויפגעשריבן אויף א בלעטל געווירעט פאפיר, אויסגע-ריסן פון א העפט.

א ווײלע האט שמחה מאיר באטראכט שווייגנדיק די צוויי פארשוינען אין די שבתדיקע קאפאטעס. דא אין שטוב פלעגן קיינמאל נישט ארויפקומען די געזעלן פון באלוט. דערצו זענען די מענטשן אריינגעקומען נישט דרייסט.

— גוט-וואך, — האבן זיי שטיל געזאגט.

שמחה מאיר האט, אראפציענדיק טיף דעם רויך פון שבת-צו-נאכטיקן אויסגעבענקטן פאפיראס, ארויסגעלאזט אים צוריק די אריינגעקומענע גלייך אין די אויגן אריין, אנשטאט א גוט-יאר זיי צו ענטפערן.

— אונטן, אונטן, — האט ער געברומט, — אין דער וועבעריי.

נאר טוביה האט אים אונטערגערוקט דאס בלעטל פאפיר און געזאגט:

— אונטן טאר מען נישט אראפגיין. איר׳ט מוחל זיין פריער איבערלייענען.

האט שמחה מאיר מיט פלוטעוואטער טשעקאוועס ארויסגע-ריסן דאס בלעטל פון טוביהס הענט און גיך דורכגעווארפן עס מיט א בליק, אין עטלעכע געציילטע רגעס בלויז.

צום ערשטן האט ער חוזק געמאכט פון די מענטשן. ער האט געקנייטשט דאס בלעטל פאפיר הין און צוריק אין די הענט און אריינגעקוקט זיי גלייך אין די אויגן אריין.

— דאכט זיך, ביזט ר׳ נאסקע מורה-הוראהס בחור, — האט ער געזאגט צו ניסנען און אים באטראכט פון קאפ ביז די פיס, — ווי קומסטו עפעס צו אים?

ער האט געוויזן מיט א פינגער אויף טוביהן.

— איך בין א וועבער, — האט ניסן געזאגט.

— אזוי, — האט שמחה מאיר געצויגן די ווערטער צוזאמען מיטן בערדל, — ביזט גאר געווארן א באלמעלאכע? וואס זאגט דער טאטע דערצו?

נאר ניסן האט אים דערויף נישט געענטפערט. האט שמחה

מאיר אריינגערוקט די הענט אין די קרומע קעשענעס פון זיין זיי-דענער קאפאטע, וואס ער האט נאך נישט באוויזן אראפצונעמען פון שבת, און גענומען רעדן מיט רוגזה.

— דאכט זיך, אז דו ארבעטסט נישט ביי מיר, — האט ער געזאגט צו ניסנען, — ווי קומסטו עפעס מיט עסקים צו מיר?

— איך קום אין נאמען פון די וועבער — האט ניסן געזאגט, — זיי האבן מיך געשיקט איבעררעדן.

— און איך וויל מיט דיר נישט רעדן, — האט אים שמחה מאיר גלייך אונטערגעהאקט די פליגל, — כ׳וויל דיר נישט פאר קיין שאלאטן-שמש...

ניסן איז צעמישט געווארן. ערשטנס, האט ער נישט געוואוסט, ווי אזוי מיט שמחה מאירן צו רעדן. „דו" האט ער אים נישט געקאנט זאגן און „איר" האט ער אים נישט געוואלט זאגן; צווייטנס, האט ער זיך אויף אזא אפשניט נישט גענריכט, און ער האט זיך געפילט זייער נישט געהויבן אין דער דאזיקער נגידישער שטוב, פונקט ווי ער פלעגט זיך פילן אינגלווייז ביי די רייכע פע-טערס זיינע, ווען די מוטער פלעגט אים שיקן אלע מאל נאך א נייער הלואה. דערצו נאך האט שמחה מאיר אוועקגעווארפן אויף דער ערד דאס בלעטל מיט די תקנות, וואס ער, ניסן, האט אזוי פלייסיק אויסגעציקלט. ער איז זייער געפאלן געווארן ביי זיך דע-ריבער און פארשעמט געשוויגן. נאר טוביה האט אויפגעהויבן פון דער ערד דאס צעקנייטשטע בלעטל, אויסגעגלייכט עס און הארט זיך אנגערופן:

— אלע וועבער זענען אחדות, לייענט!

האט שמחה מאיר נאך אמאל א בליק געטאן אין בלעטל און איבערגעקוקט די תקנות.

— הייסט עס, אז ס׳איז אחדות? — האט ער געפרעגט מיט א גמרא-ניגון. — אי מען וויל מער געלט, אי וויניקער ארבעטן, הא?

— יא, — האט טוביה צוגעגעבן, — מער געלט און וויניקער ארבעטן.

— נו, און אז איך וועל נישט וועלן געבן? וואָס אזוינס וועט עטץ טוען?

— וועלן מיר נישט ארבעטן, — האָט טוביה געזאָגט.

— און ווער וועט זיי געבן אויף פרנסה, דו?

— אלץ איינס הונגערט מען, זאָל מען כאָטש נישט ארבעטן, — האָט טוביה געזאָגט, — ס'איז שוין נישטאָ מער קיין כוח.

— דאָס זענען דיינע שמד-שטיק, טוביהלע, — האָט שמחה מאיר געדראָט אים מיט א פינגער, — דיינע און דעם יונגס, — ס'פארדרייט די מענטשן די קעפ, ס'נעמט זיי צו דאָס שטיקל ברויט פון מויל.

ער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אז מען זאָל נישט ארבעטן. זינט ער האָט געדענקט, פון קינדערוייז אָן, איז ער גע-וואוינט געוועזן צו הערן דעם גערויש פון ארבעט אין דער שטאָט, צו זען מענטשן פארוועבט אין די שטולן. דאָס איז געוועזן אזוי פשוט און רעגלמעסיק, ווי מען איז געוואוינט, ווען מען הויבט זיך אויף פון שלאָף, צו טרעפן די מאָרגן-ליכט אין שטוב. עס האָט זיך אים אין קאָפ נישט געלייגט.

— מען וועט בעסער ווערן, — האָט ער געזאָגט. — זאָל נאָר קומען דאָנערשטיק און די ווייבער וועלן דארפן מאכן שבת, וועט מען מיך קומען בעטן, צו די פיס וועט מיר פאַלן.

א גאנצע וואָך איז געשטאַנען די וועבעריי ליידיק, אָבער קיינער איז נישט געקומען פאַלן שמחה מאירן צו די פיס. די ווייבער אויפן באַלוט האָבן געקרעכצט, געזיפצט, די ערשטע גע-נומען שרייען, אז מען וועט אויסגיין פאר הונגער, אז מען קווילעט זיך אָן א חלף, און יעדער פון זיי איז דערגאנגען די יאָרן איר מאַן, ער זאָל איבערגיין צו דער ארבעט. פונקט ווי זיי האָבן פריער אוועקגעשטעלט די טעפ און נישט געוואָלט קאָכן פאר דעם קליינעם לוין, וואָס די מענער האָבן אהיימגעבראכט, אזוי זענען זיי איצט געוועזן די ערשטע צו באקלאָגן די גאָלדענע צייטן, ווען די מענער האָבן אהיימגעבראכט די עטלעכע גילדן, פארוואָס מען קאָן אָנ-קויפן פון אלעם גוטן, פון קארטאָפל ביז א לעבל ברויט.

— גזלנים! — האָבן זיי געגעסן די מענער. — האָטס רחמנות אויף די קליינע שוואַלבן!

נאָר די מענער זענען נישט געגאַנגען.

שמחה מאיר האָט זיך אַרומגעדרייט אַ פאַרלוירענער אַרום דער שטילער וועבעריי. ער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן אָן דעם גערויש פון די שטולן, ער האָט נישט געפילט קיין טעם אין לעבן אָן דער אַרבעט. ער האָט שוין מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט דעם דאָנערשטיק, ווען די פּועלים וועלן אים קומען בעטן, פאַלן צו די פיס, נאָר זיי זענען נישט געקומען. און ווי אויף צו להכעיס זענען כסדר איצט אָנגעקומען באַשטעלונגען, יעדער פּאָסט האָט זיך גע-בראַכט נייע. ער איז אַרויס אויפן מאַרק, געזוכט וועבער, געשיקט שמואל-ליבושן שאַפן בעל-מלאכהס, נאָר קיין גרויסע זאַכן האָט מען נישט געמאַכט. אַרבעט איז געווען אַ סך אין שטאָט, און מען האָט בלויז געקריגן עטלעכע אַלטע דייטשקעס, וואָס האָבן געאַרבעט פּאַמעלעך, און אַ צוויי-דריי שיכורים, וואָס האָבן מער געטרונקען ווי געטאָן און מען האָט זיי כסדר געמוזט קוקן אויף די הענט, ווייל זיי האָבן גענגבעט אין די אויגן.

אויף שבת האָט ער געשיקט אין וועבערישן שולכל „אהבת-רעים" דעם מלמד, וואָס זיין שוואָער האָט געהאַלטן אויף צו לערנען מיט די וועבער פּרק. ער האָט איבערגערעדט לאַנג מיט דעם מלמד, געהייסן אים מוסרן די וועבער ביים לערנען, צורעדן זיי, זיי זאָלן זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון די, וואָס ווילן פון זיי דאָס ברויט פון מויל צונעמען, און צוריקגיין אַרבעטן, פאַרוואָס מען וועט זיי מוחל זיין. אָבער די וועבער האָבן נישט געוואָלט הערן דעם פּרק, און דעם מוסר פון מלמד. אָנשטאָט פּרק, האָבן טוביהלע און ניסן געלערנט מיט זיי אין שולכל ווייטער צו בלייבן פעסט, ביז מען וועט נישט אויספירן. מען דאַרף נאָר זיך האַלטן אחדות.

— איך האָב פאַרזעצט דאָס קישן אויף ברויט, — האָט אַ וועבער געקרעכצט.

— איך האָב די קופערנע לייכטער אַראָפּגענומען פון טיש און איבערגעלאָזט פאַר קאַרטאָפל.

— איך האָב דעם טלית און תפילין פאַרמשכונט אויף שבת.

— אחדות, נאָר אחדות, און מען וועט מנצח זיין, — האָט טוביהלע געמונטערט. — זאָלן נאָר אוועקגיין עטלעכע טעג, וועלן זיי שיקן נאָך אונז. אירט זען מיינע רייד. זיי ווערן בדלות פון לאָזן שטיין די וועבערייען.

ער האָט געוואוסט, וואס ער האָט גערעדט, טוביה. ער האָט געקענט די שטאָט, פאַרשטאַנען זיך אויף אַלע סוחרישע קונצן. זיי האָבן נישט געקאָנט אָפּשטעלן זיך, די האַנט-וועבערייען, אין דער שטאָט, וואו יעדן טאָג זענען נייע קוימענס אויסגעוואקסן און די מאַשין האָט פאַרשלונגען די האַנט. נאָך בעסער פון טוביהן האָט עס פאַרשטאַנען שמחה מאיר. ער האָט איצט כסדר גערעכנט מיטן בלייסטיפט אויף יעדער שטיקל פּאַפּיר, וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט, געחשבונט, וויפל ער האָט שאָדן פאַר יעדן טאָג, וואָס די וועבעריי שטייט גראָד איצט, ווען די באַשטעלונגען קומען אָן אַזוי היפּש און מען קאָן מאַכן א רובל. ניין, עס איז אים נישט געווען אונטער דער האַנט דער עסק מיט די וועבער. אמת, ער האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן פון האַנט-שטולן, און ער רעכנט נישט צו בלייבן דערביי. ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער איבערגיין צו דאַמף, צו קוימענס. אָבער כדי צו קומען צו קוימענס, דאַרף מען דערווייל גיין מיט די האַנט-שטולן, וואָס מער געלט מאַכן, וואָס שנעלער אָניאָגן, קומען צו דער מטבע. דאָס שטיין פון דער וועבעריי איז גאָרנישט געווען קיין מעלה איצט, ווען מען דאַרף יאָגן. ער האָט נישט אויפגעהערט נעצן דעם שפּיץ בלייסטיפט אין מויל און רעכענען אויף אַלע פּאַפּירן, אויף אַלע טישטיכער, וואָס מען לייגט אים צום עסן.

אָבער פון דער צווייטער זייט האָט ער אויסגעחשבונט, אז אויב ער וועט נאָכגעבן, וועט עס אים קאָסטן טייערער. אויסער די פינף און צוואַנציק רובל א וואָך, וואָס ער וועט מוזן צאָלן, וואָס דאָס מאַכט אוים גאַנצע הונדערט רובל א חודש, צוועלף הונדערט רובל א יאָר, נישט רעכענענדיק פּראָצענטן פון דער סומע, ווילן זיי נאָך די עזות-פּנימער, די קבצנים, ווייניקער ארבעטן, קיין ליכט

נישט קויפן, שבת-צו-נאכטס נישט אָפּארבעטן פאר שבת, וואָס מען רוט, און מאכן נאָך אנדערע ליידיקגייעריי, וואָס אזוינס איז גאָרנישט געהערט געוואָרן. דערצו וועט דער אפּעטיט ביי זיי וואקסן מיטן עסן. ווען מען גיט א הונט א פינגער, וויל ער דערנאָך די גאנצע האנט. מען דארף גלייך קיין פינגער נישט געבן. אמת, מען ווערט בדלות, ווייל די וועבעריי שטייט, די באשטעלונגען קומען אָן און מ׳קאָן זיי נישט ליפערן, מען מאכט זיך קאַליע דעם מארק. אָבער זאָלן זיי נאָר מיד ווערן, קומען בעטן צו דער ארבעט, פאלן צו די פיס, וועט מען זיך, מיט גאָטס הילף, דעם היזק אָפּנעמען, נאָך מיט ריוח. פאר אלץ וועלן זיי באצאָלן. די ארבעט וועט אוועק, מען וועט מאכן א מטבע, אַניאָגן עטלעכע יאָר, און היידא, אריבער צו קוימענס.

— כ׳האָב צייט, — האָט ער געזאָגט צו די רעדלעך אין די שענקלעך, טרינקענדיק ביר און פארבייסנדיק מיט הארטע גע-פעפערטע ארבעס. — מען דארף זיי נאָר לאָזן שמעקן פעפער...

זיי האָבן געשמעקט פעפער אויף באַלוט. שמואל לייבוש האָט עס יעדן טאָג אויפסניי אויסגעפונען און עס איבערגעגעבן שמחה-מאירן.

אין קליינע באַלוטער געוועלבלעך, וואו עס רויעט אין אלע בלעכערנע שאכטלען צוקערלעך פון פליגן און „אסעס", האָבן די צעשויבערטע, מידע און שוויסיקע קרעמערקעס נישט ארויסגעלאָזט קיין ברויטל פון דער האנט אָן באצאָלט.

— די ביכלעך זענען שוין געשוואָלן פון חובות, — האָבן זיי געשריגן, ווייזנדיק די הערינג-פארפלעקטע און גרייזיק-פארשריבענע ביכלעך. — נישטאָ קיין ברויט אויף באָרג. די בעקערס שענקען אונז אויך נישט.

די וועבערקעס האָבן געבראַכט משכנות: א צעריסן ציכל פון א קישן, אן אלט-מאָדיש חתונה-קלייד, וואָס האָט זיך נאָך ערגעץ פארוואלגערט, א ווינטערדיק קאָפּ-טוך, און אפילו א טייטש-חומש. אָבער באלד האָבן זיך די משכנות אויסגעלאָזט. די טעג האָבן זיך געצויגן לאנגע, גאָר אָן א סוף, און די קינדער האָבן כסדר געריסן ביי די פארטוכער: — מאמע, ברויט!

צווישן די וועבער, וועלכע האָבן זיך גאַנצע טעג אַרומגעדרייט איצט איבער די שמאָלע געסלעך אין די שבתדיקע קאַפּאָטעס, וואָס זיי האָבן נישט אָראָפּגענומען צו דער אַרבעט און אַזוי שוין געבליבן אין זיי, האָט געוואָרשט און געקאָכט. אין אַלע ווינקעלעך האָבן זיך קופּעלעך געזאַמלט, גערעדט, געשריגן, געמאַכט מיט די הענט.

— טוביה איז גערעכט, — האָבן די יונגע וועבער געזאָגט, — נאָר נישט פאַלן, נישט אַראָפּלאָזן באַלד די פליגל, וועט מען אויספירן.

— אייך איז גרינג צו רעדן, — האָבן די אַלטע געקרעכצט,— די קינדער לויפן אייך נאָך נישט נאָך ביי די פּאָלעס. ווען עטץ וואָלט אַזוי געפילט דעם טעם ווי מיר, וואָלט עטץ אַנדערש גערעדט. שמחה מאיר וועט קריגן אַנדערע און מען וועט בלייבן אויף דער פלייש-באַנק.

— מען דאַרף אים גיין בעטן, זאָגן, אַז מיר האָבן עס נישט געוואָלט, אַז דאָס איז אַלץ טוביהלעס און ניסנס אַרבעט, — האָבן אַלטע צעבראָכענע אידן געברומט, — אַז נישט וועט אויסקומען צו נעמען די טאָרבע אויפן האַלז און גיין בעטלען אויף די עלטערע יאָרן.

— מיר האָבן געגעבן אַ שבועה, — האָבן אידן גערעדט מיט מורא.

— אַ רב וועט אונז מתיר זיין, — האָבן אַנדערע געפונען אַן עצה, — ס'איז דאָך פּיקוח-נפש.

אָן די מענערס וויסן, האָבן ווייבער גענומען גיין צו שמחה-מאירן און בעטן עטלעכע גילדן אַ דערויף.

— מיין אַלטער וועט אָפּאַרבעטן, — האָבן זיי געזאָגט, — קינדער גייען אויס פאַר אַ שטיקל ברויט. צו וועמען דען זאָל מען גיין? אַ פאָטער זענט איר דאָך צו אונז!

שמחה מאיר האָט קיין געלט נישט געגעבן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געאיילט מיט אַזעלכע זאַכן. געלט איז ווי אַ פויגל, האָט ער געוואוסט, עס קומט זעלטן צוריק, ווען מען לאָזט עס אַרויס פון דער האַנט, אָבער מוסר האָט ער די ווייַנענדיקע ווייבער

נישט געקארגט, אָנגעזאָגט זיי, וויפל נאָר עס האָט געקאָנט אין זיי אריין.

— די הולטאַיעס, דער טוביהלע מיטן מורה-הוראהס זונדל וועלן די מענער אייערע קוילן, — האָט ער גערעדט מיט הארץ. — זיי וועלן זיי צונעמען די וועלט און יענע וועלט.

— אַז די מיילער זאָלן זיי נאָר פון הינטן שטיין, — האָבן די ווייבער געשאָלטן, — פאר די זיסע ריידעלעך, וואָס זיי האָבן איינגערעדט.

— זיי וועלן זיי נאָך אָנרעדן צו דער שמד, — האָט שמחה מאיר נביאות געזאָגט, — זיי וועלן נאָך ווייב און קינדער הייסן איבערלאָזן אויף הפקר.

— אוי ווי איז אונז, — האָבן די ווייבער גענומען ברעכן מיט די בלייכע דאַרע הענט, גלייך ווי די מענער וואָלטן זיי שוין פארלאָזט. — מיט בעזעמער דארף מען זיי פארטרייבן פון גאַס. איבער איין קרעציקע שאָף וועט די גאַנצע סטאַדע קרעציק ווערן.

די אויפגעהעצטע ווייבער האָבן גענומען נאָכלויפן טוביהן און ניסנען מיט קולות איבער די געסלעך. מער פון אלע האָט געליאַרעמט טוביהס ווייב אליין. א צאָרנדיקע, מיט עטלעכע קינדער, איינס קלענער פארן אנדערן, אָנגעהאָנגען ביי דעם שלוימפּערדיקן קלייד און מיט דעם זויג-קינד ביי דער נאַקעטער ברוסט, האָט זי ארומגעשלעפּט זיך איבער די שטויביקע הייסע געסלעך און געשאָטן פייערדיקע קללות אויף איר מאַן.

— קהלשער צאָפּ, — האָט זי אים נאָכגעשריגן, — אַז צאַפּן זאָל זיך דיר בלוט פון האלז, — פרעמדער בעזים, וואָס קערט אוים אלע ווינקעלעך און דערנאָך ווארפט מען אים ארוים פאר דער טיר, אַז הייזער הויך זאָל עס דיר ווארפן. — וואָס באַזאָרגסטו א וועלט? זאָרג פאר דיין ווייב און קינדער, ווייסטע בהמה!...

אלע קינדער האָבן איר צוגעהאָלפן שרייען און וויינען. פונקט אזוי האָט זי געשאָטן אויף ניסנען.

— אלץ זיין קעפּל דערביי. מיט הייס וואסער וועל איך דיר אָפּגיסן, אַז דו וועסט ארייַנקומען צו מיר אין שטוב אריין, תרבות-רעה איינער!

אָבער טוביה האָט זיך פון קיין זאך נישט געמאַכט און נישט אויפגעהערט רעדן, סודען זיך, איבערצייגן, היצן זיך, בעטן און רופן צו אחדות.

— נאָר אחדות און גדולה, — האָט ער געבעטן, — און מיר וועלן מנצח זיין.

ער האָט געהאַט א כוח, דער טוביה, ער האָט אַלעמען גע-קאָנט איבעררעדן, מוט צוגעבן, רעדן צו שכל, שטאַרקן. אים האָט צוגעהאָלפן ניסן. שמחה מאיר האָט געוואַרט אויף דעם צווייטען דאָנערשטיק, ווען די וועבער דאַרפן מאַכן שבת, אָבער אויך דע-מאָלט איז קיינער נישט געקומען צו דער אַרבעט. די וועבעריי האָט געפּוסטעוועט.

אויף דער דריטער וואָך האָט שוין שמחה מאיר גענומען קנייטשן דעם שטערן און זייער נערוועז ציען דאָס בערדל. די שאָדנס זענען געווען היפּשע. קאָמיסיאָנערן האָבן געדראָט, אז זיי וועלן איבערגיין צו אנדערע פאַבריקאַנטן. ביי זיין גאַנצער עקשנות, האָט ער אַלעמאָל געהאַט דעם קאָפּ אויף די פּלייצעס, שמחה מאיר, און נישט צופיל ריזיקירט. דאָס האָט ער נאָך פאַרשטאַנען ביי די קאָרטן, ווען ער איז געווען א אינגל, קיין מאָל נישט געוואָלט זיך איין אויג ארוסנעמען, אבי דעם צווייטן ביידע אויגן. אויך איצט האָט ער גענומען טראַכטן, אז די שפּיל זיינע איז פאַרן טייוול, אז ער האָט א שלעכטע קאָרט געפּאַקט, און אז דאָס בעסטע איז איין אזא פאַל אָפּצושניידן וואָס פריער, כדי ארויס באַצייטנס מיט גאַנצעביינער און אָפּוואַרטן אויף א בעסערער געלעגנהייט. אָבער אין דער לעצטער רגע האָט אים א בליץ געטאָן א געדאַנק אין קאָפּ, פון וואָס עס איז אים אזוי קלאָר געוואָרן, אז ער האָט זיך אַזש אליין פאַנאַנדערגעלאַכט אויפן קול.

— שמואל לייבוש! — האָט ער גערופן. — לויף שוין און ברענג מיר ליפּע חלפן צופירן. זאָג אים, אז איך דאַרף אים שוין, זייער נויטיק.

ליפּע חלפן, א איד א ליטוואַק, מיט א שפּיציק געשוירן בערדל, וואָס רעדט רוסיש מיט „סינס“ אָנשטאָט „שינס“, איז געווען זייער א נוצלעכער מענטש אין לאָדזש. אָנקומענדיק פון דער ליטע

בלויז מיט א טשייניק אין איין האנט און מיט אן אלטן שירעם אין דער צווייטער, האט ער גלייך געגומען שטורמען דאס נייע לאדזש. מיט גרויס טומל האט ער צום ערשט פארקויפט אויף די גאסן בענדלעך צו שיך, פאפירענע קראגנס, נאדלען, שפילקעס. געגעסן האט ער בלויז ברויט מיט הערינג און פארטרונקען מיט הייס וואסער פון זיין טשייניק, וואס ער האט מיטגעבראכט מיט זיך. ביסלעכווייז האט ער גענומען באזארגן פאר סוחרים א שליחות אויף דער פאסט, אויף דער באן. בעסער פון די לאדזשער האט ער זיך געקאנט אויסטענהן מיט די רוסישע באאמטע. גאר גיך האט ער איבערגענומען א הויז, צו פירן אין רוסיש די איינמעלדונגען. איידער מען האט זיך אומגעקוקט, האט ער שוין צוגעקלאפט א שילדל צו זיין וואוינונג, אז ער שרייבט ביטעס אין געריכט און אין אלע אנדערע רוסישע אמטן. אין לאדזש האט זעלטן אימיצער געקענט רוסיש. געשעפטן זענען געווען א סך, און דער ליטוואק האט א סך געלט פארדינט ביי זיינע ביטעס.

אין דער גיכסטער צייט איז ער געווארן א חשוב אין דער פאליציי, אויסגעקאכט מיט אלע טשינאווניקעס. ווער עס האט עפעס געהאט אן עסק מיט דער פאליציי, איז געקומען צום ליט-וואק, געגעבן אים געלט אויף „שמירן“, און דער ליטוואק האט געפועלט, פון אלע צרות האט ער ארויסגענומען. ער האט שוין פארוואָרפן זיין אלטן שירעם, געקליידעט זיך באלעבאטיש, ארומ-געשלעפט זיך שטענדיק מיט א דיקן פארטפעל, פול מיט פאפירן, און געגריסט זיך מיט אלע באאמטע אויף די גאסן, אפילו מיטן סאמע פאליץ-מייסטער אליין.

— מאיא פאצטיעניע, — האט ער געגריסט אין זיין ליט-ווישער אויסשפראך און געצויגן דעם הארטן קאפעליוש, — צעסט אימיעאו קלאנאטסיא...

כאטש אלע אדוואקאטן האבן אויף אים קרום געקוקט, חוזק געמאכט פון אים, געלאכט פון זיינע גרייזן, פון די „סינס“ אנ-שטאט „שינס“, וואס ער פאקט אריין אין זיינע ביטעס אין גע-ריכט, האבן זיי אים גארנישט געקאנט טאן. ער האט געהאט מער פראקטיק פון זיי. וואס זיי האבן נישט געקאנט מאכן מיט זייערע

רעדעס און גוט-געשריבענע ביטעס, האָט עס דער ליטוואַק געמאַכט מיט זיינע גרייזן.

— אז די פּאָליציע איז ביי מיר אַט דאָ ! — האָט ער געוויזן אויף דער קעשענע פון זיין גלאַנציקן סורדוט. — וואָס ווייסן זיי, אַט די אַלע אדוואָקאַטלעך ? גאָרניט מיט גאָרניט...

ער האָט אַלץ געטאָן, אויפגעקויפט שלעכטע וועקסלען, אַרויסגעשטעלט בעל-חובות אויף ליציטאַציע, געליהען געלט אויף לאָמבאַרד-קוויטן, אַנגענומען פּרעטענזיעס צו דער באַן, ווען עפּעס איז נישט געווען אין אָרדענונג, אַרויסגעטרעטן אין געריכט ביי פּראָצעסן, כאָטש ער האָט דערויף קיין רעכט נישט געהאַט, געגעבן געלט אויף גוטע פּראָצענטער, און אַריינגעטראָגן א מסירהלע, אז מען האָט געדאַרפט, אין די הויכע פענסטער אַריין.

— ס'וועט סוין רעכט זיין, — האָט ער געזאָגט געלאַסן, ווען מען האָט אים געשיקט מיט א מסירה אויף אימיצן. — גיט נאָר אהער די געלט, וואָרום אויף דריי זאכן סטייט די וועלט, אויף געלט, געלט און געלט...

אַט צו דעם ליטוואַק האָט דאָס שמחה מאיר איצט געשיקט און זיך קוים געקאָנט דערוואַרטן אויף זיין קומען.

דער ליטוואַק האָט לאַנג אויסגעהערט שמחה מאירס שנעלן עבט-לאָדזשער אידיש, נישט איבערגעשלאָגן אים מיט קיין וואָרט, סיידן, ווען שמחה מאיר האָט פאַרגעסן און אים גערופן ביים נאָמען בלויז ר׳ ליפּע. „גאָספּאָדין כאַלפּן“, — האָט אים דער ליטוואַק איבערגעשלאָגן און אים וויטער געלאָזט רעדן. אז שמחה מאיר האָט זיך ענדלעך דאָס גאַנצע ביטערע האַרץ זיינס אויסגערעדט, אַלע צרות, וואָס ער האָט אויסצושטיין פון דעם טוביהלע און ניסן מורה-הוראהס, האָט דער ליטוואַק אַרויסגענומען א פּאַפּיר פון זיין אָנגעשטאָפּטן פּאָרטפעל, ער האָט אין רוסיש פאַרצייכנט זייער דייטלעך די נעמען פון שמחה מאירס שונאים און דאָס פּאַפּיר צו-ריק אַריינגעלייגט אין פּאָרטפעל.

— סוין, — האָט ער געזאָגט. — זיי ליגן סוין ביי מיר אין די הענט. נעמט אַרויס די געלט...

שמחה מאיר האָט מיט גרויס ברייטקייט אַרויסגעצויגן דעם

גרויסן נגידישן בייטל פון דער הויזן-קעשענע און ארויסגעצאָלט עטלעכע קנאַקעדיקע שפּאָגל-נייע באַנקנאָטן. דער ליטוואַק האָט זיי איבערגעציילט און זיך נישט געדונגען.

— דאָס איז א פּערסעטפּליניע נומער הונדערט איין און אַכציק פון סוואָד זאַקאָנאָוו, — האָט ער געלייענט פון אויסנווייניק דעם רוסישן קאָדעקס, — סוין גיי איך אריבער צום פּאָליץ-מייסטער.

— קיינער דאַרף וועגן דעם נישט וויסן, — האָט שמחה מאיר געמורמלט ארויסבאַגלייטנדיק דעם ליטוואַק. — איר פאַרשטייט דאָך...

— קאָניעצנאָ, — האָט דער ליטוואַק צוגעגעבן, — קאָניעצנאָ.

אין זעלבן טאָג נאָך, שפּעט ביינאכט, זענען פּאָליציאַנטן באַפאַלן אויפן באַלוט די שטיבלעך, ווי טוביה און ניסן האָבן געוואוינט, און ביידע וועבער ארויסגענומען פון די בעטן.

— פאַרוואָס? — האָבן די ארעסטירטע נישט פאַרשטאַנען.

— אין דער פּאָליציי וועט שוין קלאָר ווערן, — האָבן די פּאָליציאַנטן געענטפערט און צוגעבונדן א קייטעלע איינעם צום צווייטנס האַנט. — נאָ, פּאָשאָל!

כאָטש עס איז געווען אין מיטן נאכט, האָט זיך גלייך דער באַלוט דערוואוסט וועגן אלעם און אלע זענען ארויס פון די בעטן. די פּאָליציאַנטן האָבן געפּאַכעט מיט די קרומע שווערדן רעכטס און לינקס, געטריבן די מענער אין די אונטער-הויזן און די ווייבער אין די האַלקעס.

טוביהס ווייב, אין בלויזן הינטער-קלייד, ארומגערינגלט מיט אלע וויינענדיקע קינדער, האָט באַגלייט איר טוביהן, ווי מען וואָלט אים געפירט צום בית-עולם.

— אידן, בני-רחמנים, — האָט זי געבראָכן מיט די הענט, — אויף וועמען בלייב איך מיט מיינע ווערים?

ביז מיטאָג זענען ביידע ארעסטאַנטן אָפּגעלעגן אין ארעסט, צווישן שיכורים, גנבים און פרעמדע אָן פּעסער.

— פאַרוואָס האָט מען ענק אריינגעשיבט אין קיטשמע? — האָבן די גנבים זיי געפרעגט.

— מיר ווייסן אליין נישט, מיר האָבן קיין זאך נישט געטאָן, — האָבן די ארעסטירטע געענטפערט.

— יאָלדן, — האָבן גנבים געלאַכט און זיי גענומען איבערווארפן פון איינעם צום צווייטן, ווי א באַל.

וויפל שמאַטעס עס זענען נאָר געווען אין ארעסט, האָט מען זיי געוואָרפן, די נייע, אין קאָפּ אריין. דערנאָך האָבן זיי געמוזט ארויסטראָגן דאָס שאַף מיט אומריינקייט. נאָך צוויי טעג האָט מען זיי ארויסגענומען פון ארעסט און אריינגעפירט אין דער קאַנצעלאַריע צום סאמע פּאָליצמייסטער אליין.

— סמירנאָ! — האָט דער פּאָליצמייסטער מיט די געלע באַקן-בערד געשריגן. — נישט רירן זיך!

זיי האָבן נישט פארשטאַנען קיין וואָרט רוסיש און גענומען ברומען עפּעס וועגן דעם, אז זיי זענען אומשולדיק, אז זיי האָבן פּאַספּאָרטן. נאָר די פּאָליציאַנטן האָבן זיי אויסגעטייטשט מיט קלעפּ אין די זייטן דעם פּשט פון די רוסישע ווערטער.

— טאַק, — האָבן זיי געלערנט די דערשראָקענע ווי אזוי צו שטיין און זיי מיט די פויסטן ארייננגעקלאַפּט די בייכער און אונטערגעהויבן די אראָפּגעלאָזטע קעפּ.

דער פּאָליצמייסטער האָטביידע געלע באַקן-בערד צעקעמט מיט די אָנגעבלאָזענע פינגער פון גרוים הנאה.

דערנאָך האָט ער גענומען צוגיין צו די צוויי יונגעלייט, נאָענט, שיער זיי נישט אויף די פּיס אָנגעטרעטן.

— אזוי גאָר? — האָט ער זיך געשפּילט מיט זיי, ווי א קאַץ מיט א מויז. — בונטאָוושטשיקעס! מען בונטעוועט דעם נאַראָד, האַ?

ביידע האָבן שוין געכאַפּט איצט, וואָס אזוינס זייער זינד איז, און זיי האָבן זיך גענומען פארענטפערן. אין א געמיש פון א שלעכטן פּויליש און רוסיש האָבן זיי געוואָלט דערציילן וועגן דעם פינסטערן לעבן אין דער וועבעריי, וועגן די האלבע רובלס א וואָך, וואָס מען וויל די ארבעטער אראָפּנעמען. נאָר דער פּאָליצמייסטער איז געוואָרן אין כעס.

— מאַלטשאַט, סוקיני סיני! — האָט ער געשטורעמט. —

אין קייטן וועט איר ביי מיר פארפוילט ווערן פאר אזעלכע זאכן! פּאסן וועל איך שינדן פאר בונטעוועו דעם רוסיקן נאראד!

אויף דעם וואונק פון דעם פּאָליצמייסטער, האָט זיך אן אַל-טער איינגעהויקערטער פּאָליציאַנט אוועקגעזעצט צום טיש און מיט געדרייטע רוסישע בוכשטאַבן אויפגעשריבן א לאַנגן בויגן פּאַפּיר, וואָס דער פּאָליצמייסטער האָט, שפּאַצירנדיק איבער דער שטוב, הויך דיקטירט. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט אים דער שריי-בער פאָרגעלייענט פאר די ארעסטירטע. ער האָט די שווערע רוסי-שע ווערטער געלייענט מיט זייער א פּאָנפּעוואַטער שטים. די ארעס-טירטע האָבן גאָרנישט פארשטאַנען, א חוץ דאָס שאַרפע וואָרט „בונטאָוושטשיקי" וואָס האָט זיך כסדר איבערגעחזרט און וואָס דער פּאָנפּעוואַטער פּאָליציי-שרייבער האָט מיט א באַזונדער קלאָר-קייט ארויסגעבראַנגט.

— אונטערשרייבן זיך! — האָט דער פּאָליצמייסטער געדו-נערט. — ווער עס קאָן נישט שרייבן, זאָל מאַכן א קרייצל.

ביידע ארעסטירטע האָבן זיך איבערגעקוקט. נאָר די פּאָליצ-יאַנטן ביי דער זייט האָבן זיי דערלאַנגט מיט די שווערדן איבער די פּיס.

— אונטערשרייבן האָט יעווא וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע באַ-פוילן! — האָבן זיי געברומט. — גערירט זיך!

איינער נאָכן אַנדערן האָט אונטערגעשריבן זיין נאָמען.

— טוויוויא מעילעך מענדעליעוו מייערעוו בוכבינדער; ניסן נוסיניעוו שליאָמאָוויטש אייבעשיץ, — האָט דער פּאָליצמייסטער לאַנגזאַם געלייענט די שווערע אידישע נעמען. — אָפּפירן זיי צוריק אין ארעסט!

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט דער פּאָליצמייסטער אָנגעשריבן קיין פּיעטערקאָוו צום גובערנאַטאָר א ראַפּאָרט, אין וועלכן ער האָט אויף א פליסנדיקן אופן פאָרגעשטעלט די צוויי געפערלעכע בונ-טאָווושטשיקעס, וואָס העצן אויף די רוסיקע ארבעטער אין דער אינדוסטריע-שטאָט לאָדזש, וואָס זענען א געפאַר פאר דער באַ-פעלקערונג, און דעריבער בעט ער זיין עקסעלענץ, צו ווענדן זיך קיין סאַנקט פּעטערבורג, מען זאָל די צוויי בונטאָוושטשיקעס ארויס-

שיקן אויף א צייט אויסער די צען גובערניעס פון פּוילישן קע-
ניגרייך, אָן א משפּט, בלויז אויפן אדמיניסטראַטיוון וועג. ביז די
דערלויבעניש וועט אָנקומען פון דער רעזידענץ סאַנקט פּעטער-
בורג, האָט דערוויל, צוליב זיכערקייט, געהאַלטן ביידע ארעס-
טירטע אין צייטווייליקן ארעסט.

— ביז עס וועט אָנקומען אן ענטפער פון פּעטערבורג, — האָט
ליפּע חלפן בארואיקט שמחה מאירן, — וועלן זיי זיך זיצן א יאָר
אודאי, אויב נישט מער. זיי וועלן שוין פארזאָגן א צענטן נישט אָנ-
צוהויבן זיך מיט פּאָליציע.

די באַלוטער וועבער זענען געלאָפן אין די שולן שרייען, אָפּ-
געריסן די טירן ביים רב; אָבער קיינער האָט זיך נישט געוואָלט
אריינמישן.

— פאר א גנבה וואָלט מען עפּעס געקאָנט טאָן, אויסלייזן, —
האָבן אידן געזאָגט. — פאר בונטאָווששיקעס קאָן מען גאָרנישט
נישט טאָן. מען קאָן נאָך אליין שלעכט אָפּשניידן.

באַלד דערנאָך האָט די וועבעריי ביי שמחה מאירן גענומען
גיין אויף אַלע שטולן. די אויסגערוטע און אויסגעהונגערטע וועֶ-
בער האָבן מיט אזא ברען געארבעט, אז זיי האָבן אינגיכן אָנגע-
יאָגט אַלץ, וואס זיי האָבן פאר דער צייט פון שטרייק דורכגעלאָזט.
ביים אָפּנעמען פריייטיק דעם געהאַלט מיט א האַלבן רובל וויניקער,
האָט קיינער אפילו קיין קרעכץ נישט געטאָן. מען האָט געדאנקט,
וואָס מען קריגט כאָטש עפּעס. שמחה מאיר האָט כסדר גערעכנט,
געמאַכט שפּאָרונגען ביי יעדער געלעגנהייט. אויך דעם מלמד,
וואָס דער שווער זיינער פלעגט האַלטן פאר די מענטשן צו לערנען
שבת ביייטאָג אין שולעכל „אהבת רעים“, האָט ער אָפּגעשאַפט.

אין לאָדזש האָט מען גענומען פון אים רעדן.

— אָן אכבראַש א יונג, נאָטע גנב! — האָט מען געזאָגט
וועגן אים, וואס איז אין לאָדזש דער גרעסטער שבח געווען. —
ער וואַקסט, דער קליינער...

קאַפּיטל ניינצן

נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן האָט ר׳ חיים אַלטער נישט געהאַט אַזאַ אומרואיקע צייט, האָט ער נישט דורכגעלעבט אַזויפיל צער און נחת צוזאַמען ווי איצט אין איין יאָר סך-הכל.

אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט נחת. זיין בת-יחידה דינהלע האָט זייער לייכט און זייער פּינקטלעך, צום טאָג, געבוירן אים אַן אייניקל, און טאַקע אַ אינגל. ווי שטענדיק, האָט ר׳ חיים זיך צע-לאָזט, אָנגעבעטן אַ סך געסט, די שענסטע און בכבודסטע באַלע-באַטים פון שטאָט און געפּראַוועט אַ ברית ביי זיין ערשט אייניקל, אַז לאָדזש האָט געקלונגען, און אַפילו אין וואַרשע האָט זיך וועגן דער הוטשנער שמחה געלאָזט הערן.

— חיימשי, געלט, נאָך געלט, — האָט פריווע אַלטער אויס-געשטרעקט די אויסגעבריליאַנטעוועטע פינגער, וואָס אוצרות צע-רינען אונטער זיי.

— שמחה מאיר-לעב, געלט, געלט, — האָט ר׳ חיים אויס-געשטרעקט די האָריק נגידישע האַנט צום איידעם דעם געשעפטס-פירער, — פאַשרייב אויף מיין חשבון.

שמחה מאיר האָט געגעבן און פאַרשריבן, געגעבן נאָך מער וויפל דער שווער האָט געוואָלט און פאַרשריבן מער וויפל דער שווער האָט געוואָלט. די שמחה איז געווען גרויס, עס זענען גע-קומען צום מאַלצייט אַלע חסידים, סיי פון שווערס שטיבל, סיי פון שמחה מאירס אַלעקסאַנדרער שטיבל. טאַקע דערפאַר, וואָס שמחה מאיר האָט געהאַט דאָס ערשטע קינד אַ אינגל, האָבן אים די יונגע-לייט פון שטיבל זיינעם מוחל געווען דאָס, וואָס ער האָט זיך לעצטנס דערווייטערט פון דער תורה און פון די קעסט-קינדער.

— נסים האָסטו, שמחה מאיר, וואָס דו האָסט געמאַכט אַ ברית, — האָבן די יונגעלייט געחוזקט ביים טיש. — ווען דו מאַכסט אַ בריתניצע, וואָלט מען דיך אריבערגעלייגט איבערן טיש און אָנגעשמיסן.

אפילו ר׳ אברהם הערש, דער פּאָטער זיינער, וואָס האָט אים אזוי מעשה־אינגל אויסגעפּאַטשט און אים געהייסן מער נישט קו־מען צו אים אין שטוב, האָט איצט, צוליב דעם אינגל, וואָס איז געבוירן געוואָרן, געלאָזט זיך איבערבעטן מיטן זון און געקומען אין שטרייטל אויפן ברית. אודאי איז גלייך געקומען צו א מחלוקת צווישןביידע מחותנים. וואָרום ר׳ חיים האָט דוקא געוואָלט, אז מען זאָל דעם אינגל א נאָמען געבן נאָך זיין רבין, און ר׳ אברהם הערש האָט פארלאַנגט, מען זאָל דעם אינגל א נאָמען געבן נאָך זיין רבין, נאָך דעם וואָרקער. ר׳ חיים האָט זיך געקאָכט, געהיצט, גע־בעטן זיך, נאָר ר׳ אברהם הערש האָט אים נישט געוואָלט נאָכגעבן.

— ביי מיידלעך, — האָט ר׳ אברהם הערש געטענהט, — וועט איר, מחותן, זיין גערעכט, ווייל איר האָט די טאָכטער. ביי אינגלעך האָב איך די דעה.

ר׳ חיים האָט כאָטש געוואָלט זיך טיילן, איין נאָמען געבן דעם אינגל פון זיין צד און איינעם פון מחותנס צד, אָבער ר׳ אברהם הערש האָט זיך איינגעעקשנט, ווי תמיד, און קיין איין נאָמען פון קיין פרעמדן רבין נישט צוגעלאָזט. מען האָט דעם אינגל א נאָמען געגעבן בלויז נאָכן וואָרקער רבין, יצחק. ר׳ אברהם הערש האָט זיין אייניקל אליין מל געווען און אזויפיל געטאַנצט מיט די חסידים פון שמחה, אז פריווע האָט זיך מיט די הענט די אויערן פארשטעלט.

— מחותן, די קימפּעטאָרין איז שוואך, זי קאָן נישט הערן, — האָט זי געזאָגט מיט כעס.

— אידן, לעבעדיק! — האָט ר׳ אברהם הערש אונטערגעגעבן די חסידים זיינע חשק און נאָך שטאַרקער זיך צעזונגען, נישט ענט־פערנדיק דער אידענע אפילו קיין איין וואָרט.

דינהלע די קימפּעטאָרין, א בלאַסע, א דערשראָקענע, האָט גע־טולעט דאָס ווינענדיקע עופהלע און באַגאָסן זיך מיט טרערן צוליבן קינדס יסורים.

— גזלנים, — האָט זי געקלאָגט, — אזא עופהלע, נעבעך...

— שאַ, א אידישע טאָכטער טאָר נישט אזוי רעדן, — האָט זי די שוויגער אין אַטלאַסענעם טשיפּעק געשטראָפט.

— מען האָט דיין מאַן אויך אַזוי געטאָן, פונדסעטוועגן האָט אים נישט געשאַדט צו מאַכן קיין ברית... — האָבן ווייבער, רכילות-ניצעס און געניטע קינדלערינס, געמאַכט ליצנות פון דער יונגער קימפּעטאָרין. — וועסט נאָך האָבן פון יצחקן אַ סך אייניקלעך, מיט גאָטס הילף.

ר׳ חיים האָט זיך געפילט באַליידיקט צוליב זיין רבינס נאָמען, וואָס איז אים אַזוי פאַרשוועכט געוואָרן, עס איז אים געווען אַ חרפּה פאַר זיינע חסידים, וואָס די אַלעקסאַנדרער חסידים האָבן אויסגעפּירט. אָבער דערפאַר איז דער ברית געווען אַ גרויסער, אַ רייכער, ווי אַלץ, וואָס ר׳ חיים מאַכט. מען האָט לאַנג וועגן אים גערעדט אין שטאָט, אַפילו אין וואַרשע, און ער האָט זיך דערמיט געטרייסט.

— אם ירצה-השם ביי אַ צווייט אינגל, וועט ער זיך שוין מעגן שטעלן אויפן קאָפּ, דער מחותן, וועט ער ביי מיר נישט אויס-פירן, — האָט ער געזאָגט צו די חסידים זיינע. — איך וועל דעם תקיף וויזן.

גלייך נאָך דעם נחת, איז געקומען עגמת-נפש אין שטוב, זיי-ער גרויסע עגמת-נפש. הדס, די דינסט ביי ר׳ חיימען, האָט מיט איר געניט ווייבעריש אויג דערזען פּלוצלינג, אַז דאָס נייע דינסט-מיידל, וואָס מען האָט צוגענומען אין שטוב אַריין צו דינהלען עטלעכע חדשים פאַר איר קימפּעט, באַהאַלט עפּעס אויס הינטערן פאַרטוך און צו אָפט שמעקט איר עפּעס אָן ביים קאָכן, אַזוי, אַז זי מוז גלייך פאַרזוכן, אַ נישט נעמט זי איבלען. הדס האָט גענומען דאָס מיידל אויף אַ פאַרהער, אָבער זי האָט זיך אַרויסגעדרייט. האָט הדס נישט געמאַכט קיין שהיות און איר אַרומגעטאַפּט דעם בויך מיט געוואַלט.

— טפו! — האָט זי געשפּיגן. — מיך אַ מאַמען פון ניין קינדער, פינף לעבעדיקע און פיר טויטע, אָפּגעשיידט זאָלן זיי זיין, גייסטו, ציג איינע, נאַרן? זאָלסט שוין זאָגן, צויג, פון וועמען דו האָסט עס!

— פון באַלעבאָס זין, — האָט דאָס דינסטמיידל זיך פאַנאַנ-

דערנגעוויינט. — זיי האָבן מיר נישט געלאָזט לעבן... זיי האָבן מיך אָנגערעדט...

די יונגען, די צעוואָקסענע, מיט די יצר-הרע-פרישטשעס אויף די פולע לייכט-באַבערדלטע באַקן, האָבן געלייקנט שטיין און ביין, אָבער סיי ר׳ חיים, סיי פּריווע, האָבן געזען, אַז דאָס מיידל זאָגט אמת. זיי האָבן עס איר אָבער נישט צוגעגעבן.

— אַ נפקא איז נישט באַגלויבט! — האָט ר׳ חיים געבייזערט זיך אויף דער מויד. — קיינער וועט אויף מיינע בחורים אַזאַ בלבול נישט גלויבן.

— שוין די מינוט זאָלסטו אַרויס פון מיין שטוב, חצופה! — האָט פּריווע די מויד געטריבן.

אָבער מורא געהאַט האָט מען פאַר איר, געציטערט, זי זאָל נישט מאַכן קיין סקאַנדאַל, זי זאָל נישט פאַרשעמען דאָס הויז. האָט מען איר געגעבן הונדערט רובל, אין סאַמע קנאַקעדיקע פּאַ-פּירלעך, און זי מיט שמואל לייבושן אָפּגעשיקט אין דאָרף אַריין צו איר פעטער דעם אַרענדאַר, פון וואַנען זי איז געקומען. גלייך דערויף האָט ר׳ חיים געשיקט רופן שמואל זיינוולען, דעם גע-וועזענעם נגיד, וואָס קען אַ וועלט און זאָגט גבירים עזות אין די אויגן אַריין, און אים געהייסן רעדן שידוכים פאַר ביידע בחורים מיטאַמאָל.

— כ׳וויל פּטור ווערן, — האָט ער געזאָגט צו ר׳ שמואל זיינוולען. — און דאָס, וואָס זיי זענען נאָך נישט באַפרייט פון די זעלנער, איז גאָרנישט, מ׳וועט זיי, מיט גאָטס הילף, באַפרייען, ט׳קאָסטן נאָך אַ הונדערטער...

— וועסט קיין חרטה נישט האָבן, חיים, — האָט שמואל זיינוול אים געזאָגט אויף „דו", ווי ער האָט שטענדיק געזאָגט צו נגידים. — דאַכט זיך, אַז מיט שמחה מאַירן ביזטו צופרידן, האָסט נישט צו מיר קיין טענות, האַ?

מיטן גאַנצן חסידישן ברען האָט זיך שמואל זיינוול גענומען צו דער זאַך און דורכגעפירט שדוכים מיט ר׳ חיימס זין. זייער גיך האָט מען געפראַוועט די תנאים, מיט עטלעכע חדשים שפּעטער די חתונות. ווידער איז ר׳ חיימס שטוב געגאַנגען אויף רעדער. פּריווע

האָט אויסגעגעבן א סך געלט, אָנגעקויפט וועלטן מיט סחורות, לייוונט, מתנות, מלבושים. שניידערס האָבן געניית, קירזשנערס האָבן געמאכט פוטערס, שטריימלעך, נייטאָרינס האָבן געשטעפּט, העפּטערינס האָבן געהאָפטן. כסדר זענען געגאנגען פּארבעטעניש, אויפנאמעס. דערנאָך זענען געקומען שול־פירעניש, באשיטעכצן. די שטובן זענען געווען פול מיט געסט, מחותנים, חסידים. פּריווע האָט געשטערעקט הענט צום מאן נאָך געלט. ר׳ חיים האָט גענומען ביי שמחה מאירן אומגעציילט. שמחה מאיר האָט נישט אָפּגעזאָגט, געגעבן און פארשריבן.

ווידער אמאָל האָט לאָדזש געקלונגען מיט די ברייטע חתונות. ר׳ חיים האָט זיך געלאָזט, געפּאָדערט פון די מחותנים זיינע ברייט־קייט און אליין ברייט געווען. ער האָט געשאָטן מיט מתנות, גע־סילוקט נדנס, כאָטש ער האָט געהאט די זין, געוואָרפן מיט געלט. גערעכנט האָט ער נישט. ער האָט עס נישט געקאָנט, נישט גע־וואוסט. ער האָט בלויז געהאט בטחון, א סך בטחון, ווי שטענדיק, און געהייסן שמחה מאירן פארשרייבן.

די חתונות האָבן פארגיטיקט פאר דעם ביסל צער, וואָס עס איז געקומען פריער צוליב דער מויד. ר׳ חיים האָט גאָרנישט גע־וואָלט געדענקען מער דערפון. זאָל עס פאלן אויף אלע וויסטע פעלדער. איצט וועט זיין, מיט גאָטס הילף, אלץ גוט, א סך נחת.

צום אָנהויב ווינטער האָבן זיך אָנגעהויבן די פריזיווס. צוליבן נישט ריכטיקן פארשרייבן די אידישע אינגלעך אין די ביכער, האָט מען ביידע זין ר׳ חיימס אָפּגעשאצט אויף עלטער און זיי גלייך גע־רופן צו די זעלנער.

אין לאָדזש, פּונקט ווי אין אלע אנדערע אידישע שטעט און שטעטלעך, זענען אידען ארומגעגאנגען פארזאָרגטע, איינגעהויקערטע און געקוקט מיט שרעק אויף די זין זייערע, וואָס האָבן איין און צוואנציק יאָר דערגרייכט און זיי דארפן אוועקגיין דינען גאנצע פינף יאָר אין די ווייטע רוסישע גובערניעס. א סך פון די פּרי־זיוויקעס האָבן שוין געהאט ווייב און קינדער. חסידישע יונגעלייט האָבן זיך געצערט, געפאסט א סך, געטרונקען זאַלץ־וואסער, געגעסן הערינג פיל, כדי צו ווערן וואָס מאָגערער און אויסגעצערטער און

נישט געפעלן ווערן די דאָקטוירים ביים פּריזיוו. נגידישע יונגע-לייט האָבן געגעבן געלט צו די דאָקטוירים און טשינאָווניקעס, וואָס האָבן ביי זיי אויסגעפונען פעלערן און זיי באפרייט. די איינציקע, וואס מען האָט צוגענומען, זענען געווען די באַלמע-לאָכעס און די באַלעגאָלעס. די באַלעגאָלעס האָבן זיך באַצייטנס געלאָזט מאכן ביי סטאָליאַרעס קעסטלעך, געפּארבט אויף גרין, כדי איינצופּאקן אין זיי די זאכן זייערע, ווען זיי וועלן גיין דינען פאָניען. די אויסגעדאַרטע וועבער-געזעלן האָבן באַצייטנס אוועק-געוואָרפן די ארבעט זייערע, אויפגעהאלטן זיך אין די בתי-מדרשים, וואו זיי האבן געדאַרפט זאָגן תהילים, בעטן ביי גאָט, ער זאָל זיי באַפרייען פון גויאישע הענט, אָבער אנשטאָט תהילים האָבן זיי זיך גאָר געוואָרפן מיט האַנטוכער און טליתים אין די קעפ און געבראָטן קאַרטאָפל אין די גרויסע בית-המדרש-אויוונס.

זיי האָבן געוואוסט פריער-אויס, אז דער תהילים וועט זיי ווייניק העלפן, פונקט ווי ווייניק עס האָט געהאָלפן זייערע חברים פריער, ווען זיי האָבן געדאַרפט שטיין. פונקט אזוי ווייניק וועלן העלפן זייערע טענות פאַר די דאָקטוירים, אז זייערע הערצער זענען שוואך אָדער די אויגן זענען קאַליע. זיי האָבן געוואוסט פריער-אויס, אז זייער גורל איז אָנגעצייכנט, אז אָנשטאָט די לערנערס, וואָס מאכן זיך פעלערן, און די נגידישע בחורים, וואָס די דאָק-טוירים זוכן אויס ביי זיי פעלערן פאַר געלט, מוזן זיי, די באַל-מעלאָכעס, גיין דינען שווערע פינף יאָר. זיי האָבן אין תהילים נישט שטאַרק געגלויבט. האָבן זיי בלויז געמאכט זיך זאָגן תהילים. אין דער אמתן האָבן זיי זייער נישט-קיין פרומע זאכן אָפּגעטאָן אין די בתי-מדרשים. זיי האָבן געטרונקען בראָנפן, געשלאָגן זיך, מושטירט זיך מיט שטעקנס אין די הענט, ווי זעלנער. אנדערע האָבן ארויסגענומען אין מיטן נאכט דעם שופר פון שולחן און געבלאָזן תקיעות. אנדערע האָבן זיך אָנגעטאָן אין טליתים און געפּראַוועט ימים-נוראים-תפילות. און אנדערע פלעגן זיך גאָר אָננעמען און ארומגיין איבער די נגידישע און חסידישע שטובן, כדי צו וועקן די פּריזיוווניקעס פון געלעגער און מיטשלעפּן מיט זיך אין בית-המדרש אויף דער וואך-נאכט.

חסידישע אָרעמע יונגעלייטלעך האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, אָבער מען האָט זיי פון אונטער די בעטן ארויסגעקריגן און מיט־געשלעפּט מיט זיך. נגידישע יונגעלייטלעך האָבן זיך אויסגעקויפט פון חברה באַלמעלאָכעס מיט בראָנפן, מיט געלט אויף סעודה־לעך. צעלאָזענע, הפקרדיקע, פאַרביטערטע און באַעולהטע, האָבן זיי גאַנצע נעכט ארומגעשלעפּט זיך איבער די גאַסן און געסלעך. געוועקט באַלעבאַטים פון שלאָף, געקרייט ווי די העגער, איבערגע־שראָקן ווייבלעך, געקלאַפּט אין לאָדנס און געזונגען מיט געמאַכטן קוראַזש:

בעסער וואָלט איך געבוירן געוואָרן אַ קאָפּ,
איידער צו טראָגן אַ מעשענעם קנאָפּ,
אוי ווי, מיר זענען שוין פאַרלוירן,
ס׳איז דאָך גלייכער, אַז מ׳ווערט נישט געבוירן...

ר׳ חיים אַלטער האָט פאַר זיינע זין נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן. קיין נגידישע קינדער זענען, ברוך־השם, צו די זעלנער נישט געגאַנגען. אָבער עגמת־נפש האָט ער געהאַט. זיי זענען געווען שטאַרק צעוואַקסענע, גרויסע. עס איז שוין זייער נישט באַקוועם געווען פאַר די רוסישע מיליטערישע דאָקטוירים אויסצוגעפינען ביי זיי שוואַכע לונגען. זיי האָבן אַ סך געלט געפאָדערט דערפאַר. דערצו האָבן די מחותנים זיינע נישט געוואָלט צולייגן קיין פּלייצע ביים באַפרייען זיי. זיי האָבן אַלץ געפאָדערט פון ר׳ חיימען, וואָ־רום נאָך פאַר דער חתונה האָט ער געהאַט צוגעזאָגט, אַז וואָס שייך די זעלנער, וועט ער מיט גאָטס הילף אַליין זיי באַפרייען. איצט האָבן זיי פאַרלאַנגט, אַז ר׳ חיים זאָל האַלטן וואָרט.

ר׳ חיים האָט ביי שמחה מאירן אַ סך געלט גענומען. ווי תמיד, האָט ער נישט געקוקט וואָס ער שרייבט, נאָר אונטערגעשריבן פּאַפּירלעך, וויפל נאָר שמחה מאיר האָט אים אונטערגערוקט.

די דאָקטוירים האָבן זיי באַפרייט, די ביידע זין ר׳ חיימס, אויסגעפונען ביי זיי זייער שווערע פעלערס, ווי עס איז געווען אָפּ־גערעדט. אויף זייער אָרט האָט מען צוגענומען אויסגעדאַרטע גע־זעלן, אָרעמע און דערשלאָגענע. ר׳ חיים האָט גרויסע סעודות גע־

מאכט פאר זיינע חסידים צוליב די זינס באפרייאונג, אַנגעטומלט, אַנגעבעטן פולע שטובן. אָבער טייל פון די צוגעגומענע באַלמע־לאָכעס, וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין אין די וויטע רוסישע גו־בערניעס דינען, פול מיט כעס און קנאה אויף די נגידישע יונגע־לייטלעך, וואָס בלייבן אין דער היים און מאכן סעודהלעך, האָבן אויסגעגעבן דעם לעצטן גילדן ביים ליפע חלפן דעם ליטוואַק, ער זאָל אָנשרייבן מסירות צום גובערנאַטאָר אויף די יונגעלייטלעך, וואָס מען האָט זיי באפרייט פאר געלט. אויך ר׳ חיימס זין האָבן זיי געמסרט. זיי האָבן זיך געמוזט נאָכאַמאָל צושטעלן אין פּיעטער־קאָוו, אין דער גובערניע אליין.

זיי האָבן נישט אויסגעפירט, די וועבער־יונגען. ר׳ חיימס זין, ווי אלע אנדערע נגידישע יונגעלייטלעך, זענען נישט געגאנגען צו די זעלנער. אויך די גובערניע־דאָקטוירים האָבן ביי זיי געפונען שווערע פעלערס. געגאנגען זענען בלויז די באַלמעלאָכעס, געפירט פון עלטערע רוסישע זעלנער, באַלאָדן מיט די הילצערנע קעסטלעך אויף די דאַרע אַקסלען. אבער געקאָסט האָבן די מסירות ר׳ חיימען נייע געלטער, א סך געלטער. ער האָט גאָר אליין נישט געוואוסט, וויפל עס האָט אים אָפּגעקאָסט. ער האָט ווי תמיד געהאַלטן, אז וואָס ווייניקער חשבון, אלץ מער מזל־ברכה, גערעכנט האָט בלויז דער אײדעם זיינער. ר׳ חיים האָט זיך געמוזט גוט אויסרוען אין זומער דערנאָך, אין עטלעכע וואַרעם־בעדער פאַרריכטן דאָס געזונט, וואָס איז אביסל קאַליע געוואָרן פון די אלע עגמת־נפשן אין ווינ־טער. אבער באַלד נאָך די ימים־טובים, צו סוכות, האָט שמחה מאיר אליין זיך געדאַרפט שטעלן צו די זעלנער.

מער פון אלע נגידישע בחורים אין לאָדזש האָט מען שמחה מאירן געמסרט. ליפע חלפן דער ליטוואַק האָט גאָרנישט געקאָנט אַניאָגן מיט די מסירות, וואס באַלוטער וועבער האָבן געלאָזט ביי אים שרייבן צום גובערנאַטאָר אויפן באפרייטן שמחה מאיר אשכנזי. מיט דעם אייגענעם פליים, וואָס ליפע חלפן האָט אמאָל געשריבן שמחה מאירס מסירות אויף די באַלוטער וועבער זיינע, וואָס ווילן נישט ארבעטן פאר קיין שלעכטן לוין, האָט ער איצט געשריבן מסירות פון די וועבער אויף שמחה מאירן, וואָס וויל נישט גיין

דינען דעם קייזער. שמחה מאיר האָט געוואוסט, וועמעס אַרבעט דאָס איז, אז דאָס צאָלט אים אָפּ דער באַלוט אַזוי פאַר דעם ברויט זיינעם, וואָס די יונגען עסן. ער האָט זיי נישט צוליב געטאָן, די באַלוטער. אין אַלע דריי קאָמיסיעס, וועלכע האָבן שמחה מאירן באַטראַכט, האָבן די דאָקטוירים זיך זייער געקרימט, צוליינגדיק די אויערן צו זיין האַרץ, וואָס האָט שוין צוליב אויפרעגונג באַמת שטאַרקער געקלאַפּט. אָבער ביז ער איז אַרויס מיטן רויטן בילעט אין האַנט, האָט א סך געלט געקאָסט און נאָך מער עגמת-נפש. שמחה מאיר, ווי א געניטער איידעם, האָט טאַקע געפאָדערט, אז אויך דער שווער זיינער זאָל צולייגן אַן אַקסל, צושטייער געבן צו זיינע גרויסע הוצאות, ווי עס פירט זיך ביי אַלע קעסט-קינדער. קיין מזומנים האָט ער נישט פאַרלאַנגט, אָבער פאַרשריבן אויפן שווערס חשבון האָט ער.

צו פסח-צו האָט גאָט א סך נחת צוגעשיקט ר׳ חיימען. פון ביידע זין, ווי אָפּגערעדט, האָט ער דערלעבט אייניקלעך. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין דאגות וועגן א נאָמען נאָך זיין רבין. ער האָט נאָך אַריינגעפּאַקט איינעם אַן אייניקל א נאָמען פון א זיידן אַן אייגענעם, אויסער דעם רבינס. א גרויסער בעל-בטחון, א פריילעכער, האָט ער זיך געגרייט איצט צו א רואיק גוט לעבן, צו א לעבן פון א איד אין די יאָרן, וואָס האָט אויסגעגעבן די קינדער, אויסגעלייזט זיי פון די זעלנער, האָט נחת פון אייניקלעך, און דערביי האָט ער נאָך א ווייב, וואָס איז נישט קיין באָבע, נאָר יונג און פריש, מיט א זיסן באַטעמטן האַלז און פנים, וואָס מען קוקט איר נאָך אין די גאַסן.

— געלויבט דער אויבערשטער, — האָט ער געזאָגט דעם רבין זיינעם, דערלאַנגנדיק אים א נגידישן פּדיון, — נישט צו פאַר-זינדיקן, חלילה, אָן קיין בייז אויג... איך האָב, ברוך השם, נחת פון די זין, פון דער טאָכטער און איידעם...

אָבער באַלד דערנאָך האָט ער דערזען, אז ער האָט שוין גאָר-נישט אַזאַ נחת פון איידעם, ווי ער האָט עס געזאָגט פאַרן רבין.

שמחה מאיר האָט אים געוויזן ציין, דעם שווער זיינעם.

אין איינעם א שבת-צו-נאַכטס, ווען ר׳ חיים האָט זייער א

געהויבענעם ויתן-לך געזונגען, פילנדיק זייער א זיסן טעם אין דעם פול וויין און קארן און איילבירטן, וואס גאט וועט געבן זיין אויס-דערוויילט פאלק. ווען זיי וועלן גיין אין זיינע וועגן, האט שמחה מאיר אים איבערגעריסן אין מיטן זאגן און אים דערלאנגט א וואכעדיק צעטל וועקסלען.

— שווער, — האט ער געזאגט, — איך וויל, דער שווער זאל מיר דעקן די וועקסלען. איך קאן שוין מער נישט ווארטן.

ר' חיים האט נישט גאנץ גוט פארשטאנען, וואס זיין איידעם רעדט צו אים.

— נו, א, איזה וועקסלען? — האט ער געפרעגט מיט א ניגון.

שמחה מאיר האט געלאסן פונאנדערגעלייגט אלע ביכער, פאפירן, וועקסעלעך, וואס ער האט געהאלטן מיט בענדעלעך ארומגעוויקלט, און אויסגערעכנט זיי מיט אן ארדענונג, לויט דער דאטע פון טאג און יאר.

— דעם צענטן דעם ערשטן האט דער שווער גענומען... דעם אכצנטן דעם צווייטן האט דער שווער גענומען... דעם...

ר' חיים האט נישט גערן געהערט. ווי אלע מאל, האט ער פיינט געהאט חשבונות, דערצו נאך אין שבת-צו-נאכטס. אבער שמחה מאיר האט נישט אויפגעהערט לייענען פעק מיט פאפירן, רעכענען, סומירן, חשבון נאך חשבון, סומע נאך סומע, וואס האט גאר קיין סוף נישט גענומען. וואס מער ער האט געלייענט, אלץ מער זענען די פאפירן געוואקסן.

— נו, לאמיך שוין זען דעם סוף, — האט זיך ר' חיים אומגעדולדיקט — ס'נעמט דאך קיין סוף נישט ביי דיר.

— עס וועט קומען, — האט שמחה מאיר אים בארואיקט, — באלד, באלד...

נאכדעם ווי ער האט אלץ געענדיקט, האט ער די פאפירן און וועקסלען צוריק פארפאקט, ארומגעבונדן מיט די בענדעלעך יעדער פעקל באזונדער און אונטערגעצויגן דעם סך-הכל, א סך-הכל א גרויסן, א שווערן, וואס איז אויף ר' חיימען ווי א שווערער שטיין איבערן קאפ געפאלן.

— קומט פון שווער א קימא-לן, — האָט שמחה מאיר צו-נויפגערעכנט דעם לאנגן צעטל אויסגעשטעלטע ציפערן, — דריי טויזנט, זעקס טויזנט, צען טויזנט, עלף טויזנט...

מיט דער צאָל פון די ציפערן האָט זיך געהויבן ר׳ חיימס אָטעם. ער איז געוואָרן צוערשט שטארק בלאַס, באלד שטארק רויט, ווי ערב אן אַפּאָפּלעקסיע.

— פאַלשע חשבונות! — האָט ער גענומען קלאַפּן אין טיש.

— דער שווער האָט אונטערגעשריבן, — האָט שמחה מאיר רואיק געענטפערט.

ר׳ חיים האָט א בליץ געטאָן מיט די אויגן. גיך האָט ער גע-געבן א צי אויס די האַריק נגידישע האנט און געוואָלט אָנכאַפּן דאָס פּעקל וועקסלען.

— איך וויל זען די וועקסלען, — האָט ער געזאָגט.

אָבער צו דער רגע האָט שמחה מאיר געגעבן אים א צי אוועק דאָס פּעקל, ארויסגעכאַפּט עס פון אונטער דעם שווערס האַריקע הענט, וואָס האָבן עס חשק געהאַט צו צערייסן, אויף שטיק-שטיק-לעך.

— סיידן, — האָט ער געזאָגט געלאַסן, באהאַלטנדיק דאָס פּעקל אין בוזים-קעשענע פון אַטלאַסענעם וועסטל, — סיידן דער שווער וועט אָפּלייקענען זיין אונטערשריפט.

ר׳ חיים איז ווידער בלאַס געוואָרן. ער האָט דערזען איצט פאר זיך שמחה מאירן א נייעם, א פרעמדן, א רואיקן, נאָר אן אומדערבארמדיקן און געשיקטן, וואָס וויל כאַפּן, דערשטיקן, דעם לעצטן טראָפּן אויסזויגן.

— האָסט מיך ארייגעכאַפּט? — האָט ער אים געפרעגט.

— כ׳האָב דעם שווער געבאָרגט, — האָט שמחה מאיר גע-זאָגט געלאַסן, — און איך וויל אָפּ מיינס.

— נו, און אז איך וועל דיר נישט געבן? — האָט ר׳ חיים געפרעגט. — אז איך וועל דיר נישט געבן, וואָס וועסטו מיר טאָן?

— דער שווער ווייסט, וואָס מען טוט מיט וועקסלען.

— ווילסטו מיך רואינירן? ווייסט דאָך, אז איך קאָן נישט איצט צאָלן. ווילסט אן אייגענעם שווער אומברענגען?

— האַנדלשאַפט איז נישט קיין ברודערשאַפט, — האָט שמחה מאיר געענטפערט.

איצט איז פאַר ר׳ חיימען מער נישט געבליבן ווי שרייען.

— רויבער! — האָט ער געמאַכט קולות — וואַלד-גזלן!

פריווע איז געקומען צו לויפן מיט פאַרבראָכענע הענט. נאָך איר איז דינהלע מיטן קינד ביי דער ברוסט אַריינגעלאָפן. אפילו הדס די קעכין איז מיט א נאַסער שיסל אין די הענט אַריין. ר׳ חיים האָט נישט אויפגעהערט שרייען.

— שעכט! — האָט ער געשריגן צו שמחה מאירן און אויפגעריסן זיך דאָס סאַמעטענע וועסטל. — נעם א חלף און שנייד!...

אים איז שלעכט געוואָרן. דאָס סאַמעטענע געפינטלטע וועסטל האָט אים געדריקט. אַלע דריי ווייבער — פריווע, דינהלע און הדס די קעכין, — האָבן דעם שווערן מאַכטלאָזן איד אָנגענומען ביי די הענט און אוועקגעפירט צו דער אָטאָמאַנע.

— מענטשן, — האָבן זיי גערופן, — וואָס איז דאָס אַזוינס געשען? גאָט אין הימל!

שמחה מאיר האָט צונויפגעשאַרט די פּאַפּירן און איז אַראָפּ גיך פון שטוב. ער איז נישט געגאַנגען אין דער וועבעריי, נאָר אין חסידים-שטיבל צו מלוה-מלכה, צו די יונגעלייט, ביי וועלכער ער איז שוין א צייט נישט געווען.

ביז פאַרטאָג איז ער מיט די קעסט-קינדער אָפּגעזעסן, זינגענדיק אַלערליי ניגונימלעך און דערציילנדיק פאַרשידענע תורהס און גלייכווערטלעך. ער האָט נישט געאיילט זיך אהיימצוגיין צו זיין דינהלע אין דער נאַכט.

צוגלייך מיט דער נייער וואָך האָבן זיך אָנגעהויבן צווישן שווער און איידעם דין-תורהס, אַרומרייסעניש, אויסגלייכעניש, לאָדעניש. ר׳ חיים איז גאַנצע טעג אַרומגעלאָפן איצט, זוכנדיק גערעכטיקייט קעגן זיין איידעם, וועמען ער האָט פאַר טויזנטער רובל פאַר זיין בת-יחידה איינגעהאַנדלט. צוערשט איז ער געגאַנגען צום מחותן זיינעם.

ר׳ אברהם הערש האָט, ווי זיין שטייגער איז, אַרויפגעלייגט די קעשענע-פּאַטשיילע אויף זיין גמרא, א סימן, אז ער רייסט נישט

איבער דאָס לערנען זיינס אינגאנצן, נאָר בלויז אויף א צייט, און שוויינגנדיק אויסגעהערט דעם שרייענדיקן און טומלדיקן מחותן, ביז ער האָט זיך אינגאנצן אויסגעקאָכט.

— ווער האָט אייך געהייסן גיין מיט אים אין שותפות? — האָט ר׳ אברהם הערש געזאָגט. — איך האָב געוואָלט, ער זאָל זיצן און לערנען. אָן מיין ווויסן האָט איר אים אוועקגענומען פון דער גמרא און אים ארייננעצויגן אין מסחרים. איצט עסט אויף די קאשע, וואָס איר האָט פארקאָכט. איך וויל דעם יונג נישט קענען.

ר׳ חיים האָט גענומען קלאַפּן אין טיש, שרייען געוואלט, נאָר דער מחותן האָט אים נישט געהערט. ער האָט אראָפּגענומען די פּאַטשיילע פון דער גמרא און גענומען ווייטער לערנען זיין שיעור.

זעענדיק, אז דאָ וועט ער גאָרנישט מאכן, איז ר׳ חיים געלאָפן אין אלעקסאנדער שטיבל, צו זוכן יושר ביי זיין איידעמס אלעקסאנדערער חסידים, אָבער קיינער האָט זיך נישט געוואָלט ארייננמישן. ער איז אוועק קיין אלעקסאנדער צו שמחה מאירס רבין אליין. אָבער דער רבי האָט זיך געפירט, אז ער האָט זיך אין קיין געלט-סכסוכים נישט ארייננעמישט. ער האָט בלויז אין זינען געהאַט אידישקייט.

— רוף אים צו א דין-תורה צו רבנים, — האָט דער רבי געגעבן אן עצה. — ס׳איז דאָ א דין-תורה ביי אידן. אין געלט-ענינים מיש איך מיך נישט.

ר׳ חיים האָט געפאָלגט און געשיקט א שמש צו זיין איידעם, ער זאָל אים רופן צום רב. שמחה מאיר איז געקומען, אבער ארייננאָרן זיך פון די רבנים האָט ער נישט געלאָזט. פונקט ווי אמאָל זיינע מלמדים, ווען ער איז נאָך געווען א אינגל ביי דער גמרא, האָט ער איצט פארטומלט די רבנים, פארשריגן, פארפּלאָנטערט, אזוי, אז זיי האָבן נישט געקאָנט ארויסקריכן. ער האָט געשאָטן מיט דריידלעך, סוחרישע שפּיצלעך, געוואָרפן מיט דינים פון חושן משפט און אָנגעמאכט אזא רעש און געפילדער, אז די רבנים האָבן זיך נישט געקאָנט מיט אים קיין עצה געבן.

וואָס מען האָט געוואָלט דערגיין צו א טאָלק, האָט ער פאר-

דרייט, פארפלאָנטערט, אָפּגעשלעפּט, איינגערעדט, אז ער מוז ברענ-גען נייע פּאַפּירן, נייע עדות.

יאָ, ער האָט זיך געקענט אויף די רבנישע דין-תורהס, אויף די לאָדזשער דין-תורהס, וואו די תורה מיט די דינים האָבן קיין ווערט נישט און געווינען געווינט שטענדיק דער, וואָס טויג זיך בעסער צום עסק.

חדשים-לאנג האָט ער דעם שווער זיינעם אַרומגעשלעפּט, אים אויסגעמאַטערט, פאַרשריגן אים, ביז ר' חיים איז מיד געוואָרן, קיין כוחות מער נישט געהאט און געמוזט איינגיין אויף וואָס עס לאָזט זיך. ער האָט געהאט אזוי אַלץ אריינגענומען אין זיינע הענט, אז דער שווער האָט גאָרנישט געהאט מער אין זיין וועבעריי, אוי-סער די הילצערנע שטולן, וואס האָבן א קליינעם ווערט געהאט. אַלץ איבעריקע איז געווען ביי שמחה מאירן. אָנשטאָט דעם שווער, איז שמחה מאיר געבליבן ביי דער וועבעריי. דער שווער האָט יאָרן-לאנג געדאַרפט צאָלן חובות און דערפאר זיין א קליינער שותף מיט א קליינעם געהאלט, וואָס דער איידעם דאַרף אים אויס-צאָלן אויף חיונה.

ר' חיים האָט דעם איידעם געזידלט, געמאַכט אים מיט דער בלאָטע צוגלייך, נאָר שמחה מאיר האָט געשוויגן. פּונקט אזוי האָט ער געשוויגן, ווען די שווינגער זיינע, די גרויסארטיקע מיוחסת, האָט אים, ווי א פּראָסטע אידענע, אָפּגעגאָסן דאָס פּנים מיט א גלאָז טיי, וואָס זי האָט געהאלטן אין דער האנט. ער האָט מיט א האנ-טוך אָפּגעווישט דאָס פּנים און אָפּגעפּוצט די פארגאָסענע קאָ-פּאָטע. ער האָט געוואוסט, אז די אַלע זידלערייען און קללות, גע-וואלטן און אפילו א פּאטש, זענען נישט מער ווי נישטיקע וואפן פון די שלימזלען. א פּאטש פארגייט און א פארמעגן בלייבט.

פאַר דער איינציקער, וואס ער איז געווען אומרואיק, איז גע-ווען דינהלע זיין ווייב. ער האָט געוואוסט, אז שווער און שווינגער פאַרשווארצן אים דאָס פּנים ביי איר, רעדן אויף אים אויס, וואָס אין דער קאָרט איז. ער האָט געוואָלט זיך ארויסציען, גיין פאַר-זיך. כאָטש עס איז אים נאָך געקומען קעסט ביז די פינף יאָר, ווי אין די תנאים איז געווען פארשריבן, האָט ער געוואָלט ארוים פאר

דער צייט פון שווער און שווינגערס שטוב. די טריט האָט מען אים דאָ געברענט. אפילו הדס די דינסט האָט אויף אים געקוקט מיט שנאה, צוגעטראָגן אים דאָס עסן מיט אזא רוגזה, אז די טעלערס און גלעזער פלעגן קלינגען. אָבער שווער און שווינגער האָבן דינה־לען נישט געוואָלט ארויסלאָזן פון שטוב.

— שוין וועל איך זי לאָזן צו דעם גזלן אליין, — האָט פריווע געזאָגט און געטוליעט די טאָכטער צו דער ברוסט, ווי א קינד — נישקשה, מיר קאָנען זיך נאָך פארגינען צו געבן אן איידעם קעסט, כאָטש אזא איידעם... פאר די פינף יאָר וועל איך מיין טאָכטער נישט ארויסלאָזן.

שמחה מאיר האָט געוואָרט, דינהלע זאָל זיך אריינמישן. סוף־כל־סוף, ארבעט ער נישט בלויז פאר זיך, נאָר אויך פאר איר, פאר דער שטוב. און זי, דאָס ווייב זיינס, דארף האַלטן מיט אים. זי איז שוין נישט מער קיין מיידעלע, וואָס זאָל זיך האַלטן ביי דער מאַמעס פארטוך. א ווייב דארף האַלטן מיטן מאַן. וואָס עס זאָל נישט זיין, דארף זי זיין מיטן מאַן. אזוי שטייט געשריבן אין דער תורה: דעריבער דארף א מענטש פארלאָזן פאָטער און מוטער און באהעפטן זיך מיט זיין ווייב און זיי זאָלן זיין ווי איין לייב. זי דארף זיך אראָפּנעמען א מוסר פון אים. אָט האָט זיין פאָטער אויך געוואָלט אים האַלטן אין די הענט, פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט געלאָזט, וואָרום נאָך דער חתונה איז יעדער פאר זיך, און האַנדלשאַפט איז קיין ברודערשאַפט.

אָבער זי האָט זיך נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט. זי האָט זיך נישט אריינגעמישט. געשוויגן בלויז, ווי שטענדיק, פארנומען געווען מיט דעם קינד און מיט די ביכלעך. שמחה מאיר האָט גע־ליטן. ער האָט מיט איר געפּרואווט רעדן וועגן גיין פאר זיך, וועגן א תכלית. זי האָט זיך נישט אָפּגערופן און בלויז געקוקט מיט פאַראַכטנדיקע בליקן אויף אים. אפילו דאָס קינד האָט זי אים נישט ארויסגעגעבן, ווען ער האָט עס געוואָלט נעמען אויף דער האַנט.

— ס'דארף גיין שלאָפן, — האָט זי געזאָגט. — נעם עס נישט ארויס פון שלאָף.

שמחה מאיר האָט געוואָלט זיך דורכשמועסן, אָפּשלאָגן די שנאה, וואָס די שווייגער העצט אויף קעגן אים ביי דינהלען. מען האָט אים דאָס צינגל נישט גערדאַרפט האַקן. ער האָט שטענדיק געקאָנט באַווייזן, אַז ער איז גאָט די נשמה שולדיק. וואָס איז ער שולדיק, אַז דער טאַטע אירער לעבט אָן א חשבון און פאַרדרייט זיך? ער האָט אומזיסט ביי אים געלט נישט גענומען. ער האָט אויף אַלץ געהאַט וועקסלען, אונטערגעשריבענע. אָבער זי האָט אים נישט געוואָלט אויסהערן.

— לאָז מיך לייענען, — האָט זי אים איבערגעריסן, ווי נאָר ער האָט גענומען איינטענהן.

שמחה מאירן האָט אַזש ביים האַרץ פאַרקוועטשט. ער האָט געמיינט, אַז זי וועט אים בעטן, רעדן מיט אים פאַר די עלטערן, בעטן תחנונים. כאָטש ער האָט דערפאַר מורא געהאַט, אליין נישט אַנגעטרויט זיך, ווען זי זאָל נעמען אים רעדן און בעטן, געצי-טערט, ער זאָל נישט שוואַך ווערן און נאָכגעבן דאָס, וואָס ער דאַרף נישט נאָכגעבן, האָט ער, אין דער אייגענער צייט, געוואָרט, זי זאָל מיט אים רעדן. ער האָט געגאַרט איר ליבשאַפט, מיט יעדן טאָג מער. וואָס ווייטער זי איז געווען פון אים, אַלץ שטאַרקער האָט ער זי געוואָלט באַצווינגען, באַהערשן. ער פלעגט שלינגען אירס א וואָרט, אויסגיין נאָך יעדער ווייבערישער באַוועגונג אי-רער. אפילו די קליידער אירע האָבן אים זיין בלוט אָנגעצונדן. נישט איינמאָל בייטאָג, נאָכן עסן, האָט ער, ביי זיין גאַנצער פאַר-נומענקייט, געדרייט זיך אַרום איר א שוויינעדיקער און אָן אויפ-גערעגטער, כדי זי זאָל מיט אים אַריינגיין אין זיין קעסט-שטוב און ער זאָל זי נעמען אין זיינע אָרעמס. אַלערליי אינגלשע תירוצים האָט ער זיך אויסגעזוכט: אַז ס'פעלט אים א נאָז-טיכל, אַז אַ קנעפּל האָט זיך אים אָפּגעריסן — כדי ער זאָל זי אַרויסנאַרן פון דער גרויסער עס-שטוב און אַריינקריגן זי אין זייער שטוב. ער האָט געזען, אַז זי דרייט זיך פּלייסיק אַרום פון זיינע אינגלערישע צו-געטראַכטע צוטשעפּעניש, און דאָס האָט דערנידעריקט זיין מאַנס-בילשן שטאָלץ. אָבער ער האָט נישט געהאַט גענוג כח אָוועקצו-גיין פון שטוב מיט א קלאַפּ אין טיר. ווי א הונט אין זיין פרי-

לינגס-באַגער, וואָס דרייט זיך אַרום אַ פאַרמאַכטן הויף, אין וועלכן אַ צוויג ליגט, האָט ער זיך אַ פאַרלוירענער און אומרואיקער גע־דרייט אַרום זיין אייגן ווייב, דער שיינער און אומצוטריטלעכער, וואָס איז אַזוי ווייבעריש קאַלט און ווייט פון דעם, וואָס זי האָט נישט ליב.

ער האָט דעריבער געוואַרט, אָפּגעוואַרט יעדן טאָג, יעדע מי־נוט, זי זאָל נעמען רעדן וועגן אירע עלטערן, בעטן זיך פאַר זיי, אַננעמען זיך. אַ ווײַלע איז אים אײַנגעפאַלן, אַז ער וועט זיין האַרט, אומבויגיק. איצט איז געקומען זיין צייט, ער איז אויפן פערדל. אין זיינע הענט איז דער גורל פון אירע עלטערן, און ער וועט ווייזן, ווער שמחה מאיר איז! זאָל זי נישט מיינען, אַז ער איז עפּעס אַ אינגעלע. נישקשה, פאַר די אַלע דערנידערונגען, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין ביי איר, וועט זי איצט אָפּצאָלן, ביי זיינע פיס וועט זי ליגן און בעטן פאַר די עלטערן. באַלד פלעגט ער טראַכטן, אַז ער וועט נאָכגעבן. ער איז געווען זיכער, אַז דער־מיט וועט ער זי נעמען, געווינען איינגאַנצן. ער דאַרף בלויז אַרויס־ווייזן זיין ברייטקייט, אויפלאָזן די האַנט, אין וועלכער ער האַלט איר טאַטע-מאַמע, אָפּלאָזן זיי, ווי מען לאָזט אָפּ אַ זומער-פויגעלע, וואָס מען האָט אין דער האַנט ביי די פליגל געהאַלטן. ער האָט געזען באַצייטנס די שמחה, וואָס וואָלט אין שטוב געוואָרן, די אויגן, וואָס דינהלע וואָלט געעפנט. אים איז וואַרעם געוואָרן פון בלויזן געדאַנק. ער האָט שוין געפילט אין בלוט די זיסע ליבשאַפט פון דער, צו וועמען ער באַגערט אַזוי און גייט אויס נאָך אירע צערטלעכקייטן.

זי האָט געוואוסט, אַז ווען זי רעדט מיט איהם, וואָלט זי אַלץ פאַר די עלטערן געפועלט. זי האָט געזען, ווי ער גייט אויס נאָך אירע טריט. אָבער זי האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך, אַז זי, דינהלע, זאָל רעדן מיט אָט דעם כנאַיק, בעטן תחנונים פאַר איר פאָטער, פאַר איר מוטער דער פּריצה, דערנידעריקן זיך פאַר אים. און אפילו אַז טאַטע-מאַמע האָבן גענומען מיט איר איינטענהן, האָט זי זיך בלויז פונאַנדערגעוויינט און נישט געוואָלט נאָכגעבן. די מוטער האָט עס נישט פאַרשטאַנען. געוואוינט געווען שטענ־

דיק אויסצופירן ביי איר מאַן מיט אַ חנדל, מיט אַ ווייבערישער צערטלעכקייט, האָט זי נישט באַגריפן די טאָכטער, וואָס וויל נישט ראַטעווען אייגענע טאַטע-מאַמע.

— ביזט נאַריש ווי אַ קליין מיידעלע, נישט ווי אַ מאַמע פון אַ קינד שוין — האָט זי געטענהט — גיי אַריין און רעד זיך דורך מיט אים. מיר האָבן פאַר דיר מער געטאָן, נישקשה...

— מאַטער מיך נישט, — האָט דינהלע געוויינט. — איך קאָן נישט... כ'האָב אים פיינט...

דער פאָטער האָט זיך אַריינגעמישט.

— זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז דו דאַרפסט גיין צו אַ גזלן בעטן פאַר טאַטע-מאַמע, — האָט ער געזאָגט. — ס'אַ וואַלד-גזלן...

— נאַ דיר מיין צירונג, מיינע פערל — פאַר אַ דינסט וועל איך גיין, נאָר ביי אים זיך נישט בעטן, — האָט דינהלע געענטפערט אַ שטאָלצע.

און אַז די עלטערן האָבן איר גענומען רעדן וועגן דעם, ווי צוליב איר האָבן זיי זיך רואינירט, האָט זי גאָר פאַרלוירן איר שטענדיקע שטילקייט און גענומען אַזוי שרייען, אַז דער פאָטער האָט זיך אין אַ ווינקל שטול איינגעקאָרטשעט.

— נישט צוליב מיר, נאָר צוליב אייך! — האָט זי געשריגן.— צוליב אייער אייגענעם שטאָלץ צו כאַפּן אַן עלוי, צו באַווייזן זיך פאַר מענטשן... איך האָב אים נישט געוואָלט. איר האָט מיך גע-נויט... געצוואונגען...

באַלד איז זי צוגעפאַלן צו דער מוטער, צום פאָטער און ווי אַ קינד גענומען זיי קושן און האַלזן:

— אַלץ וועל איך טאָן, אַלץ, אַבי נישט דערנידעריקן זיך פאַר אים... כ'קאָן נישט...

דער פאָטער מיט דער מוטער האָבן זי געקושט, געצערטלט.

— נו ניין, ניין, — האָבן זיי זי באַרואיקט. — נו, רעד נישט מער דערפון...

די שטאָלצייט פון זייער טאָכטער האָט זיי אָנגעפילט מיט דערהויבנקייט, פאַרגלעט זייער געפאַלנקייט פון די ביטערע טעג.

שמחה מאיר האָט געוואַרט, געוואַרט מיט האַרץ-קלאַפּעניש

אויף דער מינוט, ווען זי וועט קומען צו אים מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. אבער זי איז נישט געקומען. ווי שטענדיק, גלייך גאָרנישט וואָלט זיך אָפּגעטאָן אין דער שטוב צווישן אים און אירע עלטערן, ווי זי וואָלט א פרעמדע געווען, האָט זי זיך מיט קיין איין וואָרט נישט ארויסגעבערענגט. זי האָט אים ווי אלע מאָל בלויז דערלאַנגט שווייגנדיק די וועש יעדן פרייטיק, אָפּגעהיטן זיין עסן און געווען אים א ווייב אין די נעכט, ווי עס איז אויסגעקומען לויטן דין.

שמחה מאיר איז שוואך געוואָרן. איר שטאָלץ שווייגן האָט אים צעטרעטן. פון אייגענעם גוטן ווילן, אליין דער ערשטער, האָט ער זיך געלאָזט אוועקרופן דאָס ווייב זיינס אין א זייט און איר די גוטע בשורה אָנזאָגן, אז ער וויל זיך אויסגלייכן מיטן שווער. זאָל זי נישט מיינען, אז ער איז אזא גזלן, ווי די טאטע-מאמע אירע רעדן איר איין. כאָטש האנדלשאפט איז קיין ברודערשאפט, איז ער פונדעסטוועגן גרייט דורכצוקומען מיטן פאָטער אירן, שענקען אים אלע וועקסעלעך, אבי ס׳זאָל זיין שלום אין שטוב. ער האָט געוואוסט, אז דאָס איז א טייערע קאָרט געשטעלט אין קאָן, אבער א קאָרט, וואָס לוינט זיך.

— דינהלע, — האָט ער א זאָג געטאָן, גרייט זיך פונאנדערצורעדן.

אָבער אין דעם אויגנבליק איז ער צו זיך געקומען, פארהאלטן זיך ביים ברעג פון אָפּגרונט, געוואונען צוריק דעם קאַלטן שכל און אויסרעכענונג.

דינהלע האָט געוואַרט. מיט א געלאַנגווייליקטער מינע, האָט זי ארויסגעקוקט מיט איין אויג פון איר ביכל, כדי וואָס גיכער אָפּצושעפּען זיך פון איר מאַן, וואָס רעדט צו איר. שמחה מאיר האָט אויף איר א קאַלטן בליק געטאָן און זיך אויסגעדרייט צוריק.

— גאָרנישט, — האָט ער געזאָגט, — כ׳האָב געמיינט, אז איך האָב נישט קיין טיכל אין קעשענע.

ניין, ער איז נישט געווען אזוי נאַריש צו טאָן אזעלכע שטותים. שמחה מאיר איז שמחה מאיר. ער ווייסט, אז שוואַך איז עפּעס צו געווינען און לייכט צו פארלירן. דאָס לעבן און דער טויט זענען

ביי דער צונג אין דער האַנט. דער חשק נאָך געלט, מאכט, נאָך הערשן און פאַרכאַפּן האָט זיך געשטאַרקט איבער אַלע שוואַכ־קייטן. ווי אַן איינעסנדיקע פליג האָט ער געטריבן פון זיך די שלעכטע געדאַנקען, די אינגלערישע און שוואַכע, אַרויסגעשליי־דערט זיי פון קאָפּ, ווי אַ שטיקל מיסט, וואָס קלעפּט זיך צו. אָ, נישט אַזוי לייכט איז אים אָנגעקומען, ביז ער האָט דערגרייכט זיינס. צופיל מי, אַרבעט און מוח האָט ער אַריינגעלייגט, ער זאָל אַלץ פּלוצלונג אַרויסלאָזן פון די הענט. צו דעם, וואָס ער האָט געשטרעבט, איז ער דערגאַנגען. פון איצט אָן איז ער אַליין גע־וואָרן דער באַלעבאָס פון דעם געשעפט. ווען מען האָט קיינעם נישט אונטער די הענט, ווען קיינער פּלאָנטערט זיך נישט ביי די פיס, קאָן מען אַ סך אויפטאָן אין דער וואַקסנדיקער שטאָט לאָדזש, האָט שמחה מאיר געוואוסט. מען דאַרף נאָר האָבן צו איר שכל, גוטע איינפאַלן און געלט. און דאָס האָט ער געהאַט. ער האָט שוין פאַר דער קורצער צייט אַ היפּשן רוק אַרויף זיך געגעבן. נאָך עט־לעכע יאָר, נאָך עטלעכע גוטע געלעגנהייטן, און מען וועט אַריבער צו דאַמף, צו פאַבריקן און קוימענס.

מען קאָן גאָרנישט וויסן. אַלץ גייט דאָ שנעל און ראַשיק אין דער שטאָט, רירעוודיק און פּלוצלונג.

קיין פאַרגעניגן אין דער וועלט האָט זיך נישט געקאָנט שטעלן קעגן דעם גרויסן פאַרגעניגן פון שטייגן, פון גיין צום ציל, צו פאַבריקן, קוימענס, סירענעס און מאַכט.

וואָס פאַר אַ ווערט האָבן געהאַט אַלע באַרעדענישן, פאַראַכ־טונג, ברענענדיקע בליקן פאַר אים, דעם מענטש, וואָס גייט מיט גרויסע שפּרייזן איבער דער וואַקסנדיקער שטאָט, וואָס קוקט מיט הויכע בליקן איבער מויערן, קוימענס און רויכן!

אין די רעסטאָראַנען, אין די מערק, אין די בערזעס האָט מען גענומען וועגן אים רעדן, דערציילן מיט וואונדער וועגן זיינע טריט.

— ער וועט נאָך זיך לאָזן הערן, — האָט מען נביאות גע־זאָגט.

עלטערע סוחרים האָבן נישט געקאָנט הערן.

— אזוי טוט מען נישט, — האָבן זיי געטענהט. — נאָך אַן איינגענעם שווער, וואו איז יושר?

— בהמות! — האָבן יונגע לאָדזשער מענטשן געזאָגט צו די אַלטע מיט פאַראַכטונג. — יושר איז אין לאָדזש נישט קיין אַרטיקעל. ס'איז נישט קיין ביינוויל.

— אויף דער בערזע ווערט עס נישט נאָטירט, — האָבן מעקלערס באַשטעטיקט און פאַרלאָשן די אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסן אין די לעצטע ביסלעך ביר פון די גלעזער.

קאַפּיטל צוואַנציק

אין דעם פּאַלאַץ פון הײנץ הונצע, וואָס איז אויפגעבויט ביי דער פאַבריק, אָפּגעצוימט מיט שווערע אייזערנע שטאַכעטן פון אַלע ארומיקע געביידעס און באַוואַכט מיט צוויי גרויסע הינט, איז געווען טומלדיק און ראַשיק. עס זענען כסדר אָנגעגאַנגען ארומ-רייסענישן צווישן דעם אַלטן הונצע און זיינע זין און טעכטער. ביי זיינע עטלעכע און זיבעציק יאָר, איז נאָך הונצע געווען געזונט און ארבעטזאַם. גאַנצע טעג אָפּגעלעגן אין דער פאַבריק, ארומגעקראָכן צווישן די שטולן, אריינגעקוקט אין די פּאַק-קאַמערן, אריינגע-שטעקט די נאָז אין די בוכהאַלטערישע ביכער, כאָטש ער האָט זיך אין ציפערן ווייניק פאַרשטאַנען, אויספּראָבירט די פאַרבן, אומע-טום געווען פול, אומעטום אריינגעדרונגען, פון יעדער קליינינקייט געמוזט וויסן און אַלץ געהאַלטן אויפן אויג. טויבלעך פון אַלט-קייט, האָט ער אומעטום אריינגעשטעקט זיינע אויערן. אים האָבן די דירעקטאָרן געמוזט פרעגן וועגן יעדן טראַנספּאָרט וואָל און ביינוויל, וואָס מען פאָרט קיין ענגלאַנד קויפן. אים האָבן די אינ-זשיניערן געמוזט פאַרלייגן זייערע פּלענער וועגן יעדער נייער גע-ביידע, וואָס מען דאַרף צובויען אין דער פאַבריק, וועגן יעדער נייער מאַשין, וואָס מען דאַרף אריינשטעלן, וועגן יעדער אויס-בעסערונג, וואָס מען דאַרף איינפירן. די כעמיקער האָבן נישט געטאָרט באַשטימען אַ פאַרב, וואָס ער זאָל פריער נישט זען, די

מוסטער-צייכנער האָבן נישט געקאָנט איינפירן קיין נייע בלימעלע אָדער שטרייפעלע, וואָס ער זאָל נישט גוטהייסען, דער פאַבריק-אַדוואָקאַט האָט נישט געטאָרט פירן קיין פּראָצעס, נישט אָרום-רעדניק מיט אים יעדע איינצלהייט. אַלץ האָט ער געמוזט וויסן, פון אַ מיליאָנען-טראַנזאַקציע ביז אַ נישטיקער געשעעניש אין דער פאַבריק. ווען אַן אַרבעטער רייסט זיך אָפּ ביי דער מאַשין אַ פינגער אָדער ס׳לעבן. אַ פאַרעלטערטער, אַ טויבלעכער, אַן איינעסנדיקער און אַ פּראָסטער דערצו, וואָס נייהייטן און מאָדערנע באַגריפן דערגייען שווער צו זיינע טויבלעכע אויערן, האָט ער פונדעסטוועגן געהאַלטן די גאַנצע פאַבריק אין זיינע הענט, נישט אָפּגעלאָזט זי אויף קיין רגע. ער איז געקומען גלייך מיט אַלע אַרבעטער פאַרטאָג אין פאַבריק אַריין און אַוועקגעגאַנגען שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

ווי יעדער טויבלעכער מענטש, איז ער געווען איפּערזיכטיק צו יעדעס וואָרט, וואָס די מענטשן זיינע רעדן אַרום און ער דער-הערט נישט.

— וואָס איזט לאָז, אַלברעכטכען ? — האָט ער כסדר איבער-געפרעגט ביי דעם הויפּט-דירעקטאָר אַלברעכט, דעם דיקן צעגאָ-סענעם פאַרשוין, וואָס שטענדיק צעגייט ער זיך אין שוויס און שטולן קרעכצן אונטער זיין שווערע משא. — וואָס שוואַצסטע, ביר-פאַס ?

אויסגעצויגן, קוים האַלטנדיק זיך אויף זיינע קלאָצעוואַטע פיס, אין געוואַלטיק-ברייטע געקעסטלטע הויזן, האָט דער דיקער דירעקטאָר אַריינגעשריגן אין די האָריקע אויערן פון זיין באַלע-באָס יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט פריער מיט אימיצן אויסגערעדט.

— שריי נישט זאָ ! — האָט אים הונצע געשטראָפט, כאָטש אַנדערש האָט ער נישט געהערט. — איך הערע !...

אַלע אין דער ריזיקער פאַבריק, פון הויפּט-דירעקטאָר, אינ-זשעניערן, כעמיקער, צייכנער, מייסטער, אַרבעטער זענען געלעגן ביי אים אין די הענט, מורא געהאַט פאַר אים, געשטאַנען ווי זעל-נער פאַר זייער גענעראַל. אַ געבויגענער אַביסל, מיט אַ לויזן אַלט-מאָדישן קאָסטיום, מיט דער פּאָרצעלייענער ליולקע אין מויל, מיט דעם שניי-ווייסן האָרט-געשווירענעם בערשטעלע האָר אויפן שפּיץ-

קאַפּ, איז ער אומעטום געווען פול, אומעטום אָנגערויכערט דעם פּראָסטן טאַבאַק, וואָס ער האָט באַנוצט צו זיין ליולקע, אומעטום אָנגעשפּיגן. מיט א פּראָסטאַקישער הנאה האָט ער באַליידיקט די געבילדעטע מענטשן זיינע, די אַלע אינזשעניערן, כעמיקער, דירעק־טאָרן. יעדן, אפילו דעם עלטסטן, האָט ער געזאָגט „דו", אוועק־געזעצט זיך אויף יענעמס שטול, געהייסן זיך אָנצינדן די פאַר־צעלייענע ליולקע, ווען זי פאַרלעשט זיך, און אָנגעשפּיגן אויף דער ערד, האַרט ביי דעם צווייטנס פיס. וואָס עלטער ער איז געוואָרן, וואָס מער ער האָט געפילט, אז די טעג פון זיין הערשאַפט ווערן ווייניקער, אַלץ מער האָט ער געהערשט אין דער גרויסער פאַבריק זיינער, אַלץ איינגעשפּאַרטער איז ער געווען, נישט געוואָלט קיין שום זאַך נאָכגעבן. אין דער פאַבריק האָט ער אַלץ אויסגעפירט. קיינער האָט זיך אים נישט געוואַגט אַקעגנצושטעלן. גאַנץ אַנדערש איז עס געווען אין שטוב ביי זיך, אין פּאַלאַץ. די טעכטער מיט די זין האָבן זיך אים קעגנגעשטעלט, און עס זענען כסדר אָנגע־גאַנגען געשרייען, געוואַלטן און טומלערייען אין דעם אָפּגעצוימטן פּאַלאַץ.

שוין פון לאַנג זענען הונצעס זין און טעכטער נישט געווען צופרידן פון פאָטער זייערן. אמת, ער האָט זיי א גרויסע ירושה גע־גרייט, א גאַנץ לעבן פאַר זיי געאַרבעט און געשאַפן, אָבער צוזאַ־מען דערמיט האָט ער זיי אַן אַנדער ירושה געגעבן, א ירושה גלייך ביים געבוירן ווערן, וואָס איז געווען א לאַסט, גאָרנישט פון איר פּטור צו ווערן — דאָס איז געווען דער פּראָסטער אויסזען און דער נאָך־פּראָסטערער נאָמען, וואָס דער פאָטער האָט איבערגעגעבן, צוזאַמען מיט זיין רייכקייט, די קינדער זיינע, די זין ווי די טעכטער, נאָך מער טאַקע די טעכטער. העל־בלאָנדע, מיט וואַסערדיקע אויגן און פּראָסטע פאַרריסענע נעזער, האָבן זיי, די טעכטער זיינע, אין אַלע זיידנס און סאַמעטן, אויסגעזען ווי פּראָסטע פּאָלקס־פרויען, גאָרנישט אַנדערש פון די פיל וועבערינס, וואָס אַרבעטן אין פאָ־טערס פאַבריק. גאָרנישט האָט זיך נישט געלאָזט אָפּוואַשן פון דער ירושה, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון טאַטן, דעם זאַקסישן האַנט־וועבער, און דער מאַמען, דער פויערן־טאָכטער, וואָס אפילו איצט,

אין רייכקייט און אין פּאַלאַצן, רעדן זיי נאָך צווישן זיך פּאָלקס-דייטש און רופן זיך מיט די אַלטע פאַרצווייגנגע פּויערשע נעמען. דאָס הונציגשע איז געלעגן אין דער קאַרטאָפל-נאָז, אין די הויכע קנאָכן פון די קינבאקן, אין פּויערישן שניט פון מויל, אין די צו-גרויסע ציינער, וואָס קוקן-אַרויס פון די האַלב-געעפנטע ליפּן. און איבערהויפּט אין די געדיכטע זומער-שפּרענקעלעך, וואָס צעבליִען זיך איבער דעם פּנים, האַלז און הענט, פּונקט ווי ביי פּיל פאַבריק-ווייבער. נישט בעסער האָבן אויסגעזען די זין, הונצעס. מער נאָך פון אויסזען האָט געלאַסטעט דער נאָמען. גאָרנישט לייטישעס איז געלעגן אין דעם דאָזיקן פּראָסטן נאָמען.

אין לאָדזש האָט דער נאָמען הונצע זייער שיין געקלונגען. ער האָט מער קיינע פאַרפּוצונגען נישט געדאַרפט, קיינע טיטולן. הונ-צע האָט באַטייט — מיליאָנען, מאַכט. הונצע האָט מער קיין טיטול נישט געדאַרפט, ווי א שטייגער דער נאָמען פון א קעניג. אָבער הונצעס קינדער, די זין ווי די טעכטער, זענען זעלטן געזעסן אין לאָדזש. לאָדזש, די שטאָט פון רויך, קוימענס, וואָל און ביינוול, האָט פאַר זיי קיין ווערט נישט געהאַט. ווייניקער פון אַלץ זענען זיי געזעסן אין פאָטערס פּאַלאַץ, אין דער שטאָט, וואו מען האָט נאָך געדענקט דעם פאָטער זייערן, ווי ער איז מיט פערד און וועגעלע פון זאַקסן געקומען. מערסטנס זענען זיי געזעסן אין אויסלאַנד, אין דייטשלאַנד, וואו זיי האָבן פאַר זיך אַלטע אַריסטאָקראַטישע גיטער צוזאַמען מיט די לאָקאַיען אָפּגעקויפט. מערסטנס זענען זיי איינגעשטאַנען אין די רייכע האָטעלן, געקומען אין קלובן צווישן אַדעליקע און מיוחסים, וואו דער נאָמען האָט זייער איינפאַך גע-קלונגען. זייער פּריקרע איז געווען יעדעס מאָל, ווען מען האָט דעם פּראָסטן נאָמען געדאַרפט אָנגעבן אין א האָטעל אָדער פאָר-צושטעלן זיך אין א געהויבענער געזעלשאַפט, צווישן לויטער פאָנס, מאַרקגראַפס, באַראָנען, גראַפן און פירשטן. און זיי זענען נישט געווען צופרידן, הונצעס קינדער, פון פאָטערס ירושה. ווי נאָר זיי זענען אהיימגעקומען אין פּאַלאַץ, האָבן זיי זיך אַרומגעריסן מיטן אַלטן. זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן זיין שפּראַך, זיין פּיפּקען די ליולקע, זיינע וועבערישע אויסדרוקן, זיין האַרט בערשטעלע האָר

אויפן שפיץ קאָפּ, זיין פּאַטשן מיט די ליפּן ביים עסן, זיין גאַנצע פּראָסטאַקישע אויפפירונג, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַמאָליקן וועבער. פּונקט אַזוי האָבן זיי פיינט געהאַט די סביבה זיינע.

דער פאָטער האָט געוואָלט חתונה מאַכן די טעכטער זיינע מיט רייכע לאָדזשער פאַבריקאַנטן-זין. ער האָט געוואָלט געבן גרויסע נדנס, גאָר גרויסע, אָבער ער האָט געוואָלט פאַרן געלט קריגן עפּעס, וואָס האָט די ווערט. ער איז געווען אַ געשעפטס-מאַן, דער אַלטער, געשטעקט מיט לייב און לעבן אין דער פאַבריק, וואָס ער האָט אויסגעבויט, אין דעם פאַרמעגן, וואָס ער האָט מיט די צוויי הוילע וועבערישע האַריקע הענט געמאַכט. ער האָט געוואוסט, כאָטש ער האָט נאָך אַלץ קיין חשבון אויפן פּאַפּיר נישט געקאָנט צוזאַמענשטעלן, אַז געלט דאַרף גיין צו געלט, אַז אַ געשעפט דאַרף שטענדיק האַלטן אַן אויג אויף דעם באַלאַנס, נישט לאָזן פאַרגרעסערן די הוצאה פון דער הכנסה. ער איז געווען גרייט גרויסע נדנס צו געבן, ווי עס פירט זיך, ווען מען האָט טעכטער, אָבער ער האָט אויך געוואָלט געלט פון צווייטן צד; נישט בלויז אַרויסגעבן, נאָר אויך איינגעמען. דערצו האָט ער געוואָלט אַריינציען מענטשן פון פאַך אין זיין הויז אַריין, פאַבריקאַנטישע זין, וואָס זאָלן קאָנען העלפן, ווען מען זאָל קאָנען איבערלאָזן נאָכן טויט די פאַבריק און שטאַרבן מיט אַ רואיק געוויסן, אַז די געשעפטן וועלן ווערן גוט געפירט. ער האָט אויך געהאַט אַנדערע סוחרישע קאָמבינאַציעס. ער האָט געוואָלט פאַראייניקן גרויסע פירמעס, וואָס זאָלן צוזאַמען האַלטן לאָדזש אין די הענט, כדי קעגנצושטעלן זיך אַלע נייע, וואָס לאָקערן אויף דער שטאָט.

אָבער די טעכטער זיינע האָבן נישט געוואָלט הערן. זיי האָבן נישט געהאַט בדעה אַריינצוקריכן ווידער אין פּעבל. דאַנקען גאָט, וואָס זיי זענען טעכטער און זיי קאָנען אויסבייטן דעם קאָמפּראָמיטירנדיקן נאָמען אויף אַ לייטישן, אויף אַ וואויל-קלינגנדיקן און אַדעליקן, וואָס מען דאַרף נישט אונטערפאַנפען שנעל אונטער דער נאָז, ווי ביז איצט, נאָר אַרויסזאָגן אַ מיט שטאָלץ און ווירדע, דייטלעך און קלינגנדיק. זיי האָבן בעסער געוואָלט פאַרזיצן, איידער בלייבן אין דער לאָדזשער מאַנופאַקטור. דער אַלטער האָט גע-

שריגן, געוואלדעוועט אין זיין פּראָסטאַקישן דייטש און באַלעמעלאַ־כיש געקלאַפּט מיט דער אויסגעארבעטער האַריקער האנט אין טיי־ערן טיש, אַז ער וועט קיין לידיק־גייער נישט קויפן. אבער די טעכטער האָבן געמאכט היסטעריקעס, געדראָט צו אנטלויפן אין טעאַטער, ווערן קאָמעדיאַנטקעס, אויב דער פאָטער וועט זיך עקשנען. דערצו האָט זיך דאָס ווייב זיינס אריינגעמישט, פונאַנדער־געוויינט זיך פאַר אים, ווי אין די אַלטע צייטן, ווען ער פלעגט זונ־מיק זיך צופיל אָנטרינקען און מאַכן סקאַנדאַלן.

— איך ביטע דיך, היינצכען, — האָט זי פאַר אים געקלאָגט און געפּאַלן אים צו די פיס, ווי אַ פּויערטע פאַר אַ פּריץ, — טו עס פאַר די מערעלס...

האָט דער אַלטער אוועקגעמאַכט מיט דער האָריקער באַלמע־לאָכישער האַנט און נאָכגעגעבן. ביידע טעכטער האָבן איינע נאָך דער צווייטער יעדע איר באַראָן אריינגעפירט. די עלטערע, עלזע, האָט איר באַראָן געבראַכט פון אויסלאַנד. געווען איז ער אַ ביי־זער, אָנגעבלאָזענער, פאַררייסן און אויסגעצויגן. ווי גרויס ער איז געווען, אַזוי גרויס איז זיין נאָמען געווען — באַראָן קאָנראַד וואָלפ־גאַנג פאָן היידעל־היידעללאָו. נאָך גרעסער פון זיין נאָמען זענען געווען זיינע חובות, וואָס ער האָט געהאַט אויף זיך אין זיין פּריי־סישן גוט, האַרט ביי דער רוסישער גרענעץ שוין. באַלד אין ערשטן טאָג, ווי נאָר ער איז קיין לאָדזש צוזאַמען מיט זיין דינער, יאַגד־הונט און יעגער־ביקס געקומען, האָט ער גלייך גענומען דרייען מיט זיין לאַנגער, דאַרער נאָז סיי אויף דער שטאָט, דעם „פּאָלניש־אי־דישן שווייניען־נעסט", סיי אויף דער פאַבריק, וואָס שטינקט מיט רויך און פאַרב, סיי אויף שווער און שוויגער, וואָס קאָנען זיך נישט אָפּגעווינען פון זייער עקלהאַפטן פּאָלקס־זשאַרגאָן.

— איך וועל אין דעם מיסטקאַסטן קיין איינציקן טאָג נישט בלייבן! — האָט ער מיט כעס געזאָגט.

דער אַלטער הונצע האָט אים דעם גרויסן נדן אויסגעצאָלט ביזן לעצטן גראָשן. דער הויכער אויסגעצויגענער איידעם האָט זייער שנעל זיך געזעגנט מיט שווער און שוויגער, קוים מיט אַ לייכטן באַריר אַ קוש געטאָן אין דער שוויגערס האַנט און צוזאַ־

מען מיט זיינע הינט, דינער און ווייב אנטלאָפן צו זיין גוט. ער האָט מיט דעם שוויגער-פאָטער זיינעם קיינע געשעפטן נישט גע-האַט מער, קיין גרוס צו זיין ווייבס בריוו נישט צוגעשריבן. בלויז נאָר, ווען ער האָט ווידער געמאַכט נייע חובות און נישט געהאַט צו צאָלן, האָט ער אויף זיינעם א בריוו מיט א הערב אָנגעשריבן צום אַלטן הונצע א פאָדערונג נאָך פריש געלט, און אונטערגע-שריבן האָט ער זיך דערויף מיט אַלע טיטולן פון זיין לאַנגן אריס-טאָקראַטישן נאָמען.

דער אַלטער הונצע האָט נישט געוואָלט געבן. האָט דער איי-דעם, דער באַראָן, גענומען עסן דאָס ווייב זיינס, ברוגזן זיך, אוועק פון שטוב, ביז זי האָט געמוזט איינפּאַקן אַלע וואַליזעס, מיטנעמען א דינער מיט דעם הערב אויף דער ליווריע און לאָזן זיך קיין לאָדזש, כדי אויסצובעטן ביים אַלטן פריש געלט פאַר איר מאַן, וואָס האָט איר אַזאַ גרויסן אריסטאָקראַטישן נאָמען געשענקט.

די צווייטע טאָכטער, גערטרודא, האָט שוין נישט אַזאַ בייזן מאַן גענומען. זי האָט זיך אויסגעזוכט א יונגן באַלטישן אָפיציר, א יונג מיט הוזאַרישע וואָנסעס, וואָס האָט זייער א שיינעם נאָמען געטראָגן — באַראָן אָטאָ פאָן טאָובע — און אין דער קייזערלע-כער גוואַרדיע אין פעטערבורג געדינט. אָבער גלייך ווי ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער זיך אַרומגערינגלט מיט א חברה הוליאַ-קעס, געוואָרפן מיט געלט, פאַרשפּילט אין קאָרטן און אַלע מאָל געפאָדערט נייע סומען, ווייל אויב נישט איז אים פאַרגעשטאַנען אַרויסצופליען פון דער אַרמיי און געבן זיך א קויל אין קאָפּ.

מער ווי מיידלווייז זענען די צוויי שוועסטער איצט אָפּגעזעסן ביים פאָטער. זיי האָבן זיך זייער געבלאָזן אין לאָדזש מיט די נייע אַריסטאָקראַטישע טיטולן, וואָס זיי האָבן געטראָגן, מיט קיינעם נישט געוואָלט פאַרקערן, און דערגאַנגען דעם פאָטער די יאָרן צו-ליב די געלטער, וואָס זיי האָבן געדאַרפט אַהיימפירן צו זייערע מענער.

— פאַרגעס נישט, פאָטער, אַז מיר זענען נישט מער קיין מיידלעך, — האָבן זיי אים געלערנט, ווען ער האָט גענומען קלאַפּן

אין טיש מיט זיין באַלמעלאַכישער האָריקער האַנט, — מיר זענען די באַראָנעסינס פאָן...

טאַמער איז דאָס געווען נאָך ווינציק, האָבן הונצעס זין, אַלע דריי, ווילהעלם, פרידריך און יאָהאַן, אַנגעזעצט זיך אויף דעם פאָטער און אים דערגאַנגען די יאָרן, ער זאָל נישט אַנדערש ווי ווערן א באַראָן.

פונקט ווי דער פריערדיקער פּיעטרקאָווער גובערנאַטאָר האָט פאַר דעם אַלטן הונצע פאַר א היפשער מטבע אויסגעפועלט א הויליקע אננע, האָט דער איצטיקער פּיעטרקאָווער גובערנאַטאָר געגעבן אָנצוהערן, אַז ביי גרויסע באַמיאונגען וואָלט מען אין פּעטערבורג געקאָנט אויספועלן פאַר דעם אַלטן דעם טיטול באַראָן. ער האָט אים פאַרדינט, דעם טיטול, פאַר די גרויסע פאַרדינסטן, וואָס ער האָט געבראַכט דעם פאָטערלאַנד מיט זיין אויסבויען די וועבער-אינדוסטריע אין לאַנד. אבער דערצו דאַרף מען פאָרן עטלעכע מאָל קיין פּעטערבורג, מאכן הוצאות, אָנקניפּן די געהעריקע פאַרבינדונגען, און הונצעס זין האָבן זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט.

פונקט ווי זייערע שוועסטער, האָבן אויך די דריי ברידער פיינט געהאַט לאָדזש מיט אירע געשעפטן און מענטשן. דער פאָטער האָט זיי געשיקט קיין דייטשלאַנד לערנען אין דער האַנדלס-אַקאַדעמיע, שטודירן די מאָדערנסטע וועב-אינדוסטריע, כעמיע, אבער די זין האָבן זיך נישט געוואָלט לערנען. זייערע בלאָנדע פול-בלוטיקע קעפּ האָבן גאָרנישט פאַרנומען פון ציפערן, מאַשינען און כעמישע שטאָפן. זיי האָבן געשטעקט אין פערד, הינט, קאָרטן און ווייבער. מיט דעם טאַטנס געלטער האָבן זיי אומעטום געקאָנט אַריינדרינגען, אין די גרעסטע פּלעצער. אָבער צוזאַמען מיטן פאָטערס געלטער, האָט זיי באַגלייט זיין פּראָסטער באַלמעלאַכישער נאָמען, וועלכער האָט זייער אָרעם אויסגעזעצן צווישן די באַטיטולטע חברים זייערע. דערצו זענען זיי געווען מענער, וואָס האָבן נישט געקאָנט, ווי זייערע שוועסטער, קויפן זיך אַנדערע נעמען און טיטולן. זיי האָבן געדאַרפט זיך טראָגן מיט זייער ירושה ביזן טויט אריין. און זיי האָבן דעם פאָטער קיין מנוחה נישט געגעבן, געפּייניקט אים, ער זאָל ווערן א באַראָן.

פון איין זייט איז זיי דעם פּאַטערס הויכע עלטער געשטאַנען אין וועג. זיי האָבן זייער אַ סך געדאַרפט. די פערד-געיעגן, אויס-האַלטן אייגענע שטאַלן, קאַרטן, בעלער, ווייבער, די הלוואות, וואָס זיי האָבן געדאַרפט געבן אָרעמע אַריסטאָקראַטן, כדי זיי זאָלן אָנ-האַלטן מיט זיי זייער פריינטשאַפט, האָבן אַ סך געלט געפאָדערט. דער פאַטער האָט נישט געוואָלט דעקן אַלע מאָל די הוצאות. אויך האָט ער אָנגעזאָגט אין קאַסע, אַז אָן זיין אונטערשריפט זאָל מען קיינעם פון די קינדער נישט אַרויסגעבן קיין געלט. אמת, עס האָט אים נישט אַלע מאָל געהאָלפן, דעם אַלטן. וואָרום זיי האָבן גע-דראָט מיט זעלבסטמאָרד, ווען זיי פלעגן פאַרשפּילן אין די קלובן און געשטאַנען אונטער דער געפאַר נישט צו צאָלן קיין ערן-חובות. אָבער אויך ליכט איז עס נישט אָנגעקומען. געווען האָט מען גע-מוזט שרייען, טומלען, אויסהערן דעם אַלטנס געוואַלטן, קלאַפּן אין טיש. געווען האָט מען געמוזט זיך אָנרעדן ביי דער מוטער, ביז זי האָט געפּועלט ביים אַלטן, ער זאָל אַרויסנעמען די מטבע. דאָס האָט זיי זייער נישט געשמעקט, די דערוואַקסענע זין הונצעס. זיי האָבן שוין אויסגעקוקט די מינוט, דער פּאַטער זאָל צומאַכן אָן אויג און זיי זאָלן אַליין ווערן די באַלעבאַטים פון דער פאַבריק און טאָן, וואָס דאָס האַרץ גלוסט.

— דער אַלטער שייסער דענקט נאָך לאַנג צו לעבן, — האָבן זיי געריידט מיט צאָרן, זעענדיק, ווי קיין קראַנקהייט נעמט אים נאָרנישט, ווי מיט יעדן טאָג ווערט ער אַלץ הערשערישער און האַרטער.

פון דער אַנדערער זייט האָט זיי זיין עלטער באַאומרואיקט. וואָרום זיי האָבן געוואָלט אָפּירשענען נאָך אים נישט בלויז די מיליאָנען, נאָר אויך אַ בכבודן טיטול, אַ קלינגנדיקן באַראָן, מיט וועלכן מען זאָל זיך קאָנען ווייזן צווישן מענטשן. אַליין וועט זיין שווער אַזאַ טיטול צו דערגרייכן. איבעריקנס, וועלן עס נישט אַלע ברידער קריגן, בלויז איינער פון זיי. דאָס בעסטע וואָלט געווען איבערצונעמען גרייט דעם טיטול נאָכן פּאַטער, ליכט, אָן אָנ-שטרענגונג, ווי אַלץ, וואָס וועט נאָך אים בלייבן. אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט, אָפּגערעדט מיטן פּיעטערקאָווער גובערנאַטאָר,

אָבער דאָס האָט געדאַרפט אַ סך געלט קאָסטן, גאָר אַ סך, און דער אַלטער הונצע האָט זיך איינגעשפּאַרט און דערויף קיין פּרוטה נישט געוואָלט פּטרן.

— איך שייסע דעראויף, — האָט ער געזאָגט אין זיין פּראָס־טאַקישן דייטש, — קיין צעבראָכענעם פּעניג וועל איך דערויף נישט געבן, איז מיין נאָמען נישט הונצע.

אויסער דעם שאָדן, אָוועקצוגעבן אַ פאַרמעגן מיט געלט, האָט ער זיך נאָך געפילט געטראָפן, וואָס די קינדער זיינע געניגט נישט זיין בלויזער נאָמען הונצע, נאָר זיי ווילן אַ טיטול דערצו. ער איז געווען זייער שטאָלץ מיט זיין נאָמען הונצע. ער האָט גוט געוואוסט, וואָסער ווערט דער נאָמען האָט אין לאָדזש און צווישן פאַבריקאַנטן אויף גאָר דער וועלט, נישט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין דייטשלאַנד און אין ענגלאַנד. געגוג מי און אַרבעט האָט ער אַריינ־געלייגט ביז ער האָט דעם נאָמען אַזוי גרויס געמאַכט. דערצו האָט ער געפילט אויף זיין הויט די שפּאָטישע באַציאונג פון זיינע איי־דעמס, די באַראָנען, וואָס ווילן מיט אים אפילו רעכט קיין וואָרט נישט אויסרעדן, אויסער שלעפּן ביי אים געלט. ביי דער גאַנצער רייכקייט זיינער, איז ער פאַרבליבן דער אַמאָליקער פּראָסטער מענטש, וואָס האָט פיינט מיוחסים און געבילדעטע. ווי ווייט ער האָט געקאָנט, האָט ער עס זיי געלאָזט פילן. ער האָט טאַקע אַלע זיינע דירעקטאָרן, אינזשיניערן און כעמיקער באַהאַנדלט גראָב, אויפן שטריקל זיי געהאַלטן, און זיי האָבן נישט געוואַגט אַנט־קעגנצורעדן, געשטאַנען פאַר אים, ווי הינט אויף די הינטערשטע לאַפּעס. פּונקט אַזוי איז ער זיך באַגאַנגען מיט די פּוילישע גראַפן און פירשטן, וועו זיי האָבן געדאַרפט אָנקומען צו זיין טובה. ער האָט מיט זיי קיין וואָרט פּויליש נישט געוואָלט אויסרעדן, בלויז דייטש, און נאָך פאָלקס־דייטש דערצו, אויף צו־להכעיס. פאַר אים איז דער נאָמען הונצע געווען גענוג גרויס און שיין, וואָס דאַרף מער גאָרנישט קיין טיטולן. און אים האָט אויפגעקאָכט, וואָס די זין זיינע ווילן אים אָנהענגען אַ יאַרליק, כדי אים צו ירשע־נען נאָכן טויט.

די זין האָבן זיך געבונטעוועט. זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז

אויב זיי וועלן דורכלאָזן די געלעגנהייט, וועלן זיי שוין בלייבן מיט דער באַלאַסטנדיקער ירושה ביזן טויט אַריין. מען קאָן נאַר־נישט וויסן ביי די דאָזיקע אַלטע לייט. אַט לעבן זיי און לעבן, און ביי דעם מינדסטן צופאַל ווערן זיי נישט. זיי האָבן גענומען פּאָ־דערן זייער טייל, וואָס קומט. אָבער דאָס האָט דעם אַלטן נאָך מער אויפגערעגט.

— נאָך מיין טויט, — האָט ער געשריגן, — נאָך מיין טויט וועט איר באַלעבאַטעווען. ווי לאַנג איך לעב, בין איך באַלעבאָס, איך, היינץ הונצע!

פאַר כעס האָט ער אפילו גענומען טאָן משונהדיקע זאַכן. ער האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש אָן דעם פּאַראַדנעם ראָק, ווי די טעכטער האָבן אים אויסגעלערנט, נאָר אין די בלויזע העמד און הויזן. ער האָט אָפּגענאָגט די ביינער הויך און מיט אַפּעטיט, ווי אין די גאָר אַלטע צייטן. ער האָט געשפּיגן אויף די טעפּיכער, גע־רעדט דעם סאַמע פּראָסטן דייטש און אפילו אַריין אין אָוונט אין ביר־שענק, צוגעזעצט זיך צו אַ טיש אַלטע וועבער און געשטעלט זיי ביר.

די אַלטע וועבער זענען אַזוי פאַרשטאַרט געוואָרן פון שרעק, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט קיין „פּראָזיט" אַרויסברענגען פון זיי־ערע ציינלאָזע מיילער. זיי זענען פאַרשטומט געוואָרן. הונצע האָט זיי דערפאַר איבערגעלאָזט אין מיטן טרינקען און איז אוועק צו זיך. און אין פּאַלאַץ האָט געראַשט און גערודערט.

די אַלטע הונצעכע איז אַרומגעגאַנגען צעדולט איבער די רי־זיקע זאַלן, אָנגעשטעלטע מיט שווערע מעבל און באַהאָנגענע מיט גרויסע גאָבעלינען און פאַרפלאָנטערטע הירשן־הערנער. דאָס, וואָס די קינדער האָבן מורא געהאַט אויסצולאָזן צום אַלטן, האָבן זיי אויסגעלאָזט צו דער מוטער. אַ פּראָסטע, אַן איינפאַכע, אַ דער־שראָקענע פון אומגעריכטער רייכקייט, טייערן מעבל, גאָבעלינען און ריזיקע בילדער, אַן אומגעשיקטע, אַ פּויערטע נאָך, נישט וויסנ־דיק ווי אומצוגיין מיט דינסטן און לאָקייען, אַ פאַרלוירענע פאַר די פרעמדע מענטשן, וואָס זי פאַרשטייט אפילו נישט זייער שפּראַך, אַ דערשראָקענע פאַר דער אַדלקייט פון די אייגענע טעכטער און

זין, וועלכע רעדן צו איר קיינמאָל קיין גוט וואָרט נישט ארויס, האָט זי זיך געפילט זייער פרעמד און אומגליקלעך אין דעם גרויסן פּאַלאַץ אירן, צו וועלכן זי האָט זיך ביי קיין פאַל נישט געקאָנט צוגעוואוינען. זי האָט געבענקט נאָך דער צייט, ווען זי איז ביים שפּינדל געזעסן, ווען זי האָט גרויסע טעפּ עסן פאַר דעם מאַן און די געזעלן געקאָכט, ווען זי האָט מיט די ווייבער די שכנטעס גע־רעדט וועגןווירטשאַפט, קינדער און ווייבערישע זאַכן. זי האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט צוגעוואוינען זיך צו די קאַרעטעס, צו די לאַ־קייען, צו די רייכע סאַלאָנען, צו די גרויסאַרטיקע דאַמען, וואָס דרייען זיך ארום איר, צו די פּריצישע הערן, וואָס קושן איר אין האַנט. יעדעס מאָל, וואָס מען האָט איר א קוש געטאָן אין האַנט, האָט זי זיך אויפסניי פאַרשעמט. זי האָט נאָך געדענקט די צייטן, ווען זי אַליין פלעגט קושן אין האַנט דעם דאָקטאָר, צו וועלכן זי פלעגט גיין אמאָל מיט אירע קינדער, ווען זיי זענען געווען קליין.

אמבעסטן האָט זי זיך געפילט, ווען זי איז געבליבן אַליין אין שטוב מיט איר אַלטן, מיט הײנצען. איבערהויפּט, ווען ער שטופּט־אָן די ליולקע, ווי אין די אַמאָליקע צייטן, וואַרפט אראָפּ פון זיך דעם ראָק און רעדט צו איר אין זאַקסישן אַלטן דייטש, בעת זי אַליין שטריקט דערביי אונטער א זאָק. אָבער זעלטן, אז זי האָט געקאָנט מיט אים זיצן. ער איז שטענדיק געווען פאַרנומען. און די קינדער האָבן זי געוויינט, נישט אויסגערעדט קיין וואָרט מיט איר, סיידן, ווען זיי האָבן עפּעס נישט געקאָנט אויספירן ביים פאָטער, זענען זיי געקומען מיט איר רעדן. אָבער אויך דעמאָלט האָבן זיי אויף איר מער געשריגן, ווי געבעטן, און וועגן פאָטער גערעדט מיט צאָרן, מיט זידל־ווערטער. אנדערש ווי אַלטער שייסער האָבן זיי אים נישט גערופן. זי איז רויט געוואָרן, געפילט זיך באַליידיקט, געוואָלט זיי זאָגן, אז מען טאָר אזוי נישט רעדן, אז ס׳איז א זינד פאַר גאָט. נאָר זי האָט נישט געוואָגט קיין וואָרט ארויסצוברענגען קעגן אירע אייגענע קינדער. זי האָט מורא געהאַט פאַר זיי, אָפּשיי געהאַט פאַר זייער פּריצישקייט און פרעמדקייט, ווי פאַר א פויערטע.

— אך, דו גאָט מיינער, דו ליבער יעזוס, — האָט זי געבראָכן

מיט די הענט. — איך ווערדע שאָן מיט דעם פאָטער שפּרעכען דאַריבער. נור באַליידיגע ניכט... ניין...

אויך איצט האָבן די זין זיך געוואָרפן אויף דער מוטער. זי פלעגט ביים אַלטן פועלן. ווי פאַר אַ פּריץ, פלעגט זי זיך שטעלן פאַר אים אויף די קני און אויסוויינען פאַר אים אַלץ ניי געלט פאַר די „יונגען" און פאַר די „מעדעלס". זי האָט נישט געגנוי גע-וואוסט, וואָס אַזוינס די זין פאַרלאַנגען פון איר. זי האָט זיך נאָך פאָרגעשטעלט, אַז די קינדער אירע זאָלן זיין אַדל-לייט, באַראָנען, אָבער אַז זי אַליין, די פויערן-טאָכטער, זאָל זיין אַ באַראָנעסע, האָט זיך גאָרנישט אין איר אַלטן קאָפּ געלייגט. דאָס איז געווען פאַר איז אַזוי ווייט, ווי ווען מען זאָל איר זאָגן, אַז זי דאַרף ווערן די הייליקע מוטער. זייער פרעמד זענען איר געווען אירע זינס באַ-גערן. אָבער זי האָט מורא געהאַט פאַר זיי, ווי יעדע אַלטע פויערטע, וואָס ציטערט פאַר אירע זין, ווען זי קומט אין די יאָרן. און זי האָט גערעדט מיטן אַלטן.

— היינצל, — האָט זי געבעטן ביי אים, פאַלנדיק אויף די קני און קלאַמערנדיק זיך אין זיינע פיס, — טו עס פיר דיין אַלטעס ווייב, אום ליבען גאָטעס נאַמען...

הונצען האָט זיין אַלטערס ווערטער גערירט, אָבער ברעכן זיך האָט ער נישט געלאָזט.

— אַלץ ווילן זיי גרייט, — האָט ער געוואַלדעוועט, — אַלץ מיט מיינע הענט. זאָלן זיי אַליין זיך דערשלאָגן צו עפּעס, מיט די אייגענע הענט. גענוג פאַר זיי געטאָן, לאַוזבובס.

אַז אין שטוב איז שוין נישט געווען איבערצוטראָגן, האָט הונצע פּרובירט אַן עצה זיך האַלטן מיט מענטשן. אָבער קיינער האָט אים גאָרנישט געזאָגט, געהאַלטן דיפּלאָמאַטיש די צונג צווישן די ציין און בלויז צוגעבאָמקעט מיט מיליטערישע „יאַ-וואָהלס" אויף יעדעס וואָרט זיינס. האָט הונצע אויסגעשפּיגן, און איינער אַליין, אָן דער קאַרעטע, אָן דינער, צופוס אַוועק צו זיין פאַרטרעטער ר' אברהם הערש אשכנזי אין געשעפט אריין, כדי זיך מיט אים מישב צו זיין, ווי תמיד בעת אַ וויכטיקן געשעפטלעכן ענין. ר' אברהם הערש האָט, ווי שטענדיק, זייער געלאַסן און זייער רואיק אויסגע-

הערט אלץ, וואָס דער אַלטער הונצע האָט אָנגערעדט, אַלע זיינע גראָבע ווערטער און קללות, און דערנאָך הויך פאַרקנייטשט דעם שטערן ביז דעם ברעג יאַרמולקע אויפן קאָפּ.

— וואָס וועט עס דאַרפן קאָסטן, הער היינץ? — האָט ער סוחריש געפרעגט.

— אַ פעטע סומע, — האָט הונצע געזאָגט. — שיינע צענט־ליקער טויזנט רובל.

— און וואָס וועט עס ברענגען? — האָט ר׳ אברהם הערש געוואָלט וויסן.

— ניקס, — האָט הונצע געזאָגט.

— וואָס־זשע פאַר אַ געשעפט איז עס? — האָט ר׳ אברהם הערש אונטערגעצווינגן דעם סך־הכל.

דער אַלטער הונצע איז אוועק אהיים מיט דער פעסטער מיינונג, קיין צעבראָכענעם פעניג פאַר דעם באַראָן־טיטול נישט צו געבן.

— קיין וואָרט דאַריבער! — האָט ער באַפוילן, קנאַקנדיק אין טיש מיט דער האָריקער האַנט.

אין פּאַלאַץ האָט זיך אָנגעהויבן דער קריג.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

אַ גאַנץ אַנדער מיינונג פון זיין פאָטער וועגן דער באַראָנענ־שאַפט פון דער פאַמיליע הונצע האָט געהאַט זיין אויסגעגעבענער זון שמחה מאיר, דער באַלעבאָס פון דער וועבעריי, וואָס אַרבעט־אוים ווייבערישע טיכער.

כאָטש ער איז ווייניק אַריינגעקומען אין פאָטערס שטוב, זינט ער האָט געכאַפּט אַ פּאַטש פאַר זיין איבעררייסן די תורה, האָט ער פונדעסטוועגן אַלץ געוואוסט, וואָס ס׳טוט זיך ביים פאָטער אין הויז און נאָך מער אין זיין געשעפט אויף פּיעטרקאָווער גאַס, אין דער פאַרטרעטונג פון הונצעס מאַנופאַקטור. ער האָט עס געוואוסט סיי פון די משרתים, וואָס האָבן געאַרבעט ביים פאָטער, סיי פון

גאָלדלוסט דעם בוכהאַלטער, סיי פון זיינע שוועסטער, וועלכע ער פלעגט אָפט פארבעטן צו זיך אין שטוב, כדי צו דערגיין וועגן אלץ אין פאָטערס עסקים.

שמחה מאירן זענען די שוועסטער געווען פרעמד. ער פלעגט זיך קיינמאָל מיט זיי פריער נישט באגעגענען, זעלטן מיט זיי א וואָרט אויסגערעדט. אָבער איצט האָט ער זיי גערדאַרפט. כאָטש ער איז געווען פאר זיך, געמאכט ווייבערישע טיכער ביי זיך אין דער וועבעריי, האָט ער פונדעסטוועגן געהאלטן אן אויג אויף אלץ, וואָס עס טוט זיך אין פאָטערס פארטרעטונג. ער האָט געוואוסט וועלכע סעזאָנען זענען געווען גוטע און וועלכע שלעכטע, ווער פון די פראָווינצער סוחרים איז רעיעל און ווער אן אָנזעצער, וואָסערע סחורות עס גייען און וואָסערע מען וויל אין האנט נישט נעמען. ער האָט אפילו געוואוסט דעם בילאַנס פון פאָטערס געשעפטן. ער האָט זיך געהאַט זיין מיין דערביי. פון קינדוויז אָן האָט אים גע-צויגן צו דעם געשעפט, צו דער פארטרעטונג פון הונצעס פאבריק. דער פאָטער האָט אים, אמת, שטענדיק דערפון געטריבן, אָנגעזאָגט די מענטשן, זיי זאָלן אים נישט ארייגלאָזן. אבער וואָס מער דער פאָטער האָט אים געטריבן, אלץ מער האָט עס אים געצויגן דאָרט. אזוי איז עס געווען אינגלוויז, אזוי אויך איצט, כאָטש ער איז שוין געווען פאר זיך.

יאָ, ער האָט זייער גוטע געשעפטן געמאכט זינט ער איז גע-בליבן אין דער וועבעריי. ער האָט אויסער פאבריצירן ווייבערישע טיכער אויך געשמאַק אונטערגעהאנדלט, געקויפט און פארקויפט ביינוול, וואָל, ביי וואָס ער האָט פון צייט צו צייט א גוטן ביסן אריינגעכאפט. מיט זיין שנעלער תפיסה און פלינקן קאָפ האָט ער איינס און צוויי אויפגעכאפט אלע קאָמבינאַציעס אין דעם מסחר און פארשטאַנען, ווען מען דאַרף קויפן און ווען מען דאַרף פאר-קויפן. דערביי איז ער אויך געווען גענוג געזעצט צו ווייט נישט צו ריזיקירן, נישט צו שטעלן אלץ אויף איין קאָן. אין דער לעצטער מינוט האָט ער שטענדיק געקאָנט זיך באַדענקען און אָפּשטעלן זיך אביסעל ווייטער פון ברעג, כדי נישט אריינצופאלן אין אָפּגרונט. עס האָט אים געגליקט אין לאָדזש, אין דער וואקסנדיקער שטאָט,

וועלכע ער האָט געקענט דורך און דורך. ער איז געוואקסן מיט דער שטאָט צוזאמען. ניין, ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט באקלאָגן, שמחה מאיר. זיינע אריינגעלייגטע צען טויזנט רובל נדן האָבן שוין פאר די עטלעכע יאָר היפש זיך פארפּילפאכט. אים האָט גאָר-נישט באנג געטאָן, וואָס ער האָט נישט געפּאָלגט דעם טאַטן און נישט געבליבן ביי דער גמרא אין שטיבל. ער האָט איצט שוין זייער א שיינעם נאָמען געהאט צווישן סוחרים און קלענערע פאב-ריקאַנטן. אָבער שמחה מאיר האָט זיך דערמיט נישט באַנוגנט.

ער האָט קיינמאָל נישט געהאלטן פון קיין האַנט-ארבעט. ווי אָן עכטער לאָדזשער האָט ער געוואוסט, אז די שטאָט געהער צו דאַמף, קוימענס. ער האָט די האַנט-שטולן גענומען, אָבער בלויז ווי א בריק, אריבערצוגיין ווייטער, ווי א רושטאָוואַניע, וואָס מען דאַרף צום אויסבויען א געביידע. ווען די געביידע ווערט פאַרטיק, וואַרפט מען די רושטאָוואַניע אַוועק. ער האָט, אמת, געקאָנט שוין איצט איבערגיין צו דאַמף, צו א קליינער פאבריק, וואו אָנשטאָט האַנט-שטולן זאָלן ארבעטן דאַמף-שטולן, ביסלעכווייז אריינפירן מער שטולן, פארגרעסערן די ארבעט, ביז צו דערגרייכן צו א קוימען. אָבער שמחה מאיר האָט קיין צייט נישט געהאט דערצו. ער האָט נישט געקאָנט וואַרטן. ער האָט געוואָלט געבן א האסטיקן קלעטער מיטאמאָל, א ריזן-שפּרונג, ביי וועלכן מען זאָל פאַרט נישט צע-ברעכן האַלז און נאַקן. ער האָט געוואָלט נעמען די שטאָט מיט שטורעם, אריינקריכן אין דער גרעסטער פעסטונג אריין. אריבער-קלעטערן איבער מויערן מיט שטורעם האָט ער נישט געקאָנט. צו קליין און נישטיק איז ער געווען מיט זיינע עטלעכע צענטליק טויזנט רובל צו קריכן צו די הויכע מויערן פון די גרויסע פאבריקן. אָבער שמחה מאיר האָט געוואוסט פון די ספרים, אז דער קליינער מאָל איז שטאַרקער פון גרעסטן מלבוש, ווען ער קריגט זיך אריין אין אַן אַלמער, אז א פונק קאָן פארברענען דאָס גרעסטע הויז, ווען ער האָט אַן עפענונג וואו זיך אריינצוכאַפּן.

ער האָט געקוקט הויך, דער לאָדזשער יונגערמאַנטשיק. זיינע פלוטעוואַטע אויגן האָבן אַלעמאָל ליב געהאט צו פארררייסן זיך ביז די העכסטע קוימען-שפּיצן. העכער פון אלע האָבן הונצעס

קוימענס פּאַרטשעפּעט אין ברודיקן לאַדזשער הימל. אמת, די מויערן אַרום זענען געווען פעסט, הויך, צו־הויך פאַר שמחה מאירס קורצע פיס. אבער א לאָך איז אין דער פעסטונג געווען, אן עפע־נונג, דורך וועלכע מען קאָן אריינקריכן. דאָס איז געווען דעם פּאַ־טערס פּאַרטרעטונג. שמחה מאיר האָט מיט נישט־רואיקע בליקן געקוקט אויף דעם גרויסן אַלטמאָדישן לאגער, וואס איז אָנגעפּאַקט מיט סחורות. צו־סאָליד און אַלטמאָדיש האָט דער פּאָטער זיינער דאָס געשעפט געפירט. דער אַלטער הונצע איז געווען צופרידן פון זיין פּאַרטרעטער. ער איז געווען אזוי סאָליד און פּאַרזיכטיק, ווי ער, הונצע, אליין, נישט געוואָרפן זיך גרויס, נישט איינגעשטעלט. אָבער שמחה מאיר האָט אַן אנדער מיינונג פון הונצען אין די זאַכן געהאַט. ער האָט געוואוסט די באדייטונג פון א גענעראַל־פּאַרטרעטונג פון דער גרעסטער לאָדזשער פאבריק, ער האָט געזען, וואָס מען קאָן אין אַזאַ געשעפט אויפטאָן, ווען מען איז אינגער און געשיקטער, ווי מען קאָן די הענט פאַנאַנדערפירן. ווען מען לאָזט אים צו, וואָלט ער שוין געוויזן, וואָס דאָרט אויפצוטאָן. אין דער קירצסטער צייט וואָלט ער דאָס געשעפט צו דער העכסטער הויך דערפירט. ער וואָלט ערשט געוויזן הונצען, וואָס מען קאָן דאָרט דערגרייכן. אבער דער פּאָטער האָט אים דאָרט נישט גע־וואָלט האָבן. ער האָט אים געטריבן פון געשעפט פונקט ווי אינגל־ווייז, ווען ער פלעגט זיך דאָרט אריינקריגן.

שמחה מאיר האָט דערצו גאָרנישט געקאָנט טאָן. ער האָט גע־קענט דעם טאַטן זיינעם, געוואוסט זיין עקשנות, און ער האָט זיך פאַר אים וואס ווייניקער געוויזן. אבער אָפּלאָזן דאָס געשעפט פון אויג האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט שטענדיק געהאַלטן פון כלל, וואָס ער האָט געלערנט אין די ספרים, אז ס׳איז ווערט צו וואַרפן ברויט אויפן וואַסער, וואָרום מיט דער צייט קאָנסטו עס געפינען. ער האָט דעריבער ביי יעדער געלעגנהייט אויסגעפאָרשט יעדן, וואס שטייט נאָנט צום טאַטנס מסחרים. מער פון אַלץ האָט ער זיך דער־וואוסט ביי די שוועסטער, וואס האָבן געגעסן קעסט מיט זייערע מענער, ווי וואויל־לערנערס, ביים פּאָטער, און נישט געהאַט וואס צו טאָן מיט דער לײדיקער צייט. פון אַלעם פלעגן זיי קומען דער־

ציילן שמחה מאירן, וועגן יעדן גאסט, וואס קומט אין שטוב, וועגן יעדן סוחר, וואס פארפארט פון רוסלאנד, וועגן יעדן קאמיסיאנער, וואיאזשאר און מעקלער. און אויך וועגן הונצעס וויזיט ביים פא־טער אין קאנטארל האבן זיי, צוזאמען מיט אלערליי נישט־וויכטיקע זאכן, גלייך דעם ברודער צעטראגן.

שמחה מאירן איז גלייך ליכטיק געווארן אין קאפ, ווען די שוועסטער די פלאפלערקע האט אים די וויכטיקע נייעס, צוזאמען מיט אלערליי נארישקייטן, פארפלאנטערט.

— הונצע, — האט ער זיך איבערגעפרעגט, — הונצע אליין, זאגסטו, איז געווען און מיטן טאטן אן עצה זיך געהאלטן?

ער האט שוין מער קיין ווארט נישט געהערט פון אירע מעשיות. ווי א געניטער אויספארשער, וואס קאן ארויסציען דעם וויכטיקסטן פונקט פון א נארישן עדות אין מבול שטותים, אזוי האט ער גיך ארויסגעכאפט די וויכטיקע נייעס, און דער קאפ האט גענומען ארבעטן ביי אים.

ער האט נישט גערעכנט, ווי דער טאטע זיינער, וועגן הונצעס בארגען־טיטול, וואס עס קאן קאסטן דער פירמע און וואס עס קאן אריינברענגען. ער האט אנדערש גערעכנט. ער האט געוואוסט, אז הונצע איז שטארק, הערשעריש, לאזט זיך פון קיינעם נישט איבעררעדן, האט זיך זיינע סימפאטיעס צו זאכן, מענטשן, און וויל פון קיין נייעסן נישט וויסן. אזוי טאקע האלט ער פון פאטער זיינעם און וויל אים נישט פארביטן מיט קיין שום אנדערן פאר־טרעטער, כאטש מען ביט אים אן ריזיקע סומען. אבער שמחה מאיר האט אויך געוואוסט, אז הונצע איז אלט, אז ער וועט אייביק נישט לעבן און אז עס איז א נארישקייט צו בויען אויף אן אלטן מאן, וואס א ליאדע טאג קאן ער אוועק פון דער וועלט און איבערלאזן יורשים נאך זיך, יונגע, היינט־וועלטיקע. שמחה מאיר האט פאר־שטאנען, אז אלעמאל דארף מען זיך האלטן מיט די, וועמען עס געהער די צוקונפט. זיין פאטער פארשטייט עס נישט. ער בויט אלץ אויף דעם אלטן הונצע, ווי יענער וואלט ערשט אנגעהויבן לעבן. ער פרובירט גארנישט אפילו איינצופעדעמען א דרים ביי די צוקונפטיקע יורשים. פארקערט, ער טוט אלץ, וואס ער קאן,

אבי זיך ביי זיי צו פארפיינטן. אַט אַ שטייגער איצט האָט ער גע-געבן הונצען אַן עצה נישט נאָכצוגעבן די זין און נישט אויסצו-געבן קיין פעניג אויף דעם באַראָן-טיטול, וואָס די זין חלשן אַזוי נאָך דעם. שמחה מאיר האָט געלאַכט דערפון.

ניין, ער פאַסט זיך נישט אריין, דער פאָטער, פאַרן נייעם לאָדזש. ער איז גוט געווען פריער, ווען אַלץ אין שטאָט איז גע-גאַנגען באַלעבאַטיש, געמיטלעך. פאַרן נייעם לאָדזש, דעם ראַשיקן, דעם וואַקסנדיקן, דעם מאָדערנעם, איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַט דעם מין אידן, ווי דער פאָטער זיינער איז. ווי לאַנג נאָך דער אַל-טער הונצע לעבט, וועט ער זיך האַלטן. אָבער הונצע וועט אייביק נישט לעבן. ער איז שוין אַלט, שטאַרק אַלט. די נייע יורשים וועלן גאָרנישט וועלן האָבן ביי זיך אַזאַ פאַרצייטיקן מענטש אַלס זייער גענעראַל-פּאַרטרעטער. זיי וועלן אים גלייך אַרויסשטויסן און צונעמען אויף זיין אָרט אַ נייעם מענטש, אַ היינט-וועלטיקן, אַ געשיקטן. קיין בעלנים וועלן נישט פעלן. אין די טויזנטער וואַרט מען אויף דער פאַרטרעטערשאַפט. און עס וואָלט געווען אַ גרויס נאַרישקייט אַריינצולאָזן אַ פרעמדן, וואָס זאָל קומען צום גרייטן. עס דאַרף בלייבן אין דער משפחה. וואָלט דער פאָטער עס פאַר-שטאַנען, וואָלט ער אַליין אים געבעטן, שמחה מאירן, ער זאָל אַריינגיין אין געשעפט אריין. וואָרום דער פאָטער איז שוין, קיין עין הרע, אַ איד אין די יאָרן. ער דאַרף שוין נישט אַזוי שווער אַר-בעטן, ער האָט שוין נישט מער נישט דעם קאָפּ, נישט די כוחות דערצו. אבער דער פאָטער איז אַן עקשן, ווי אַלע עלטערע מענטשן. ער לאָזט אים נישט אריין צו זיך, זעט אים נישט גערן אין גע-שעפט ביי זיך. און דעריבער מוז ער אַליין, שמחה מאיר, טראַכטן באַצייטנס דערפון, אַז דאָס געשעפט זאָל זיך נישט אויסגליטשן פון די הענט אַרויס. אמת, ווי לאַנג דער אַלטער הונצע לעבט, קאָן ער אין דער פאַבריק נישט אַריינקומען. דער אַלטער האַלט שטאַרק פון אַלטע, לאָזט נישט קיין יונגע אויף די אויגן. אָבער מיט די זין זיינע דאַרף מען וואָס פריער שליסן באַקאַנטשאַפט, צוגרייטן אַ באָדן אויף שפּעטער.

שמחה מאיר האָט שוין נישט איינמאָל געטראַכט וועגן דעם,

ווי אזוי צוצוקומען צו הונצעס זין, צו ווערן פאר זיי דער פאר־טרויאונגס-מאן, ווי דער טאטע זיינער איז ביי דעם אלטן. אבער עס איז אלץ נישט געווען קיין וועג. זיי זענען זעלטן אין דער היים, די יונגע הונצעס, שלעפן זיך שטענדיק ארום איבער דער וועלט. דערצו האבן זיי מיט מסחר גארנישט צו טאן. און וואס קאן זיי אינטערעסירן א חסידיש לאדזשער יונגערמאנטשיקל? זיי וועלן גארנישט וועלן רעדן מיט אים. נישט איינמאל פלעגט זיך שמחה מאיר דרייען גלאט אזוי ארום דער פאבריק-מויער, ארום דעם פא-לאץ, וואו די יונגע הונצעס פלעגן זיין. איצט האט ער געפאקט א געלעגנהייט. פון דער שוועסטערס רייד האט ער פארשטאנען, אז די יונגע הונצעס גייט עס זייער שטארק אין לעבן צו מאכן דעם אלטן פאטער פאר א באראן, נאך איידער ער שטארבט. אמת, דער אלטער וויל דערויף קיין געלט נישט געבן. אויך זיין פאטער האלט, אז ס׳איז דערויף נישט ווערט קיין גראשן אויסצוגעבן. אבער שמחה מאיר האט אן אנדער מיינונג וועגן דעם. ער האלט, אז מען דארף אלץ טאן, אבי די יונגע הונצעס זאלן ווערן באראנען. ער, שמחה מאיר, וועט זיי מאכן פאר באראנען, מעג עס דער אלטער הונצע וועלן אדער נישט! אלץ וועט ער טאן דערפאר, לייהען געלט, פארמשכונען זיך, ס׳העמד פון זיך פארקויפן, אבי שאפן גענוג געלט פאר די יונגע הונצעס. נישקשה, מען מעג זיי טרויען, כאטש דער פאטער זייערער האט פארבאטן אין פאבריק ארויסצוגעבן זיי געלט אן זיין אונטערשריפט. עס איז ווערט צו שטעלן אויף זיי א קארט. עס וועט זיך אפצאלן. זאל נאר דער אלטער צומאכן אן אויג און זיי זאלן ווערן די באלעבאטים.

עטלעכע נעכט ציט כסדר איז שמחה מאיר נישט געשלאפן רואיק. דער היציקער קאפ זיינער האט געארבעט אויף די דריי פוכיקע קישנס. ער איז אזוי פארטאן געווען, אז ער האט אזש צו זיך אליין גערעדט. דינהלע, זיין ווייב, האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און לאנג באטראכט דעם מאן אירן, ווי ער רעדט צו זיך אליין, אבער ער האט איר בליק נישט באמערקט. זיינע אפענע, גרויע אויגן האבן גארנישט געזען, אויסער פול-אנגעפאקטע לא-גערס מיט סחורות, א סך קונים, פולע קאסעס געלט, און מער פון

אַלע רויטע ציגל-ווענט פון פאבריקן, געררויש פון ארבעט, רויך און קוימענס, אַ סך הויכע קוימענס.

דערנאָך האָט ער זיך אוועקגעזעצט צום טיש און אין די אויס-געזוכטסטע דייטשע ווערטער, וואס ער האָט נאָך געדענקט פון די בריוונשטעלער, פון וועלכע גאָלדלוסט דער בוכהאלטער האָט אים געלערנט דייטש, האָט ער צונויפגעשטעלט אַ בריוו צו הונצעס זין, אין וועלכן ער האָט פאַרגעלייגט צו לייהען זיי געלט, וויפל זיי ווילן, אויף אַ טערמין ווי לאַנג זיי ווילן, און אויף אַ פּראָצענט, וויפל נאָר זיי אליין וועלן פעסטשטעלן. מיט דעם קונציקסטן כתב, מיט אַלע שפּיצעלעך אויף די גאָטישע בוכשטאַבן, האָט ער צענט-ליקער מאָל איבערגעשריבן דעם בריוו, און אונטערגעשריבן האָט ער זיך מיט זיין נאָמען און מיטן נאָמען פון פאָטער, דעם גענעראַל-פּאַרטרעטער פון היינץ הונצע-מאַנופאַקטור.

נישט לייכט איז אים אָנגעקומען אויסצודריקן אין זיין ווייניקן דייטש די אַלע שיינע און איידעלע אבזיכטן, וואָס ער האָט אין זיין פאַרלייגן זיין געלט צו די האָכוואָלגעבאָרענע הערן. ער האָט געדאַרפט אין די קורצע ווערטער ארויסברענגען, אַז זיי, די האָכ-וואָהלגעבאָרענע הערן, וועלן אים אַ גרויסע טובה טאָן, ווען זיי וועלן באַוויליקן צו נעמען ביי אים די סומע געלט, וואס ער באַ-זיצט, ווייל קיין קוראַנטערן אָרט זעט ער נישט אין לאָדזש, וואו מען זאָל אַ גרויסע סומע קאָנען מיט אַ רואיק געוויסן אָפּגעבן. ער האָט געקאָנט געפינען אין לאָדזש אַ בעסערן דייטש-קענער פון זיך, שמחה מאיר, אָבער ער האָט קיינעם נישט געוואָלט אָנטרויען זיינע סודות. אפילו זיין ווייב, וואס האָט זייער גוט געקענט דייטש, האָט ער נישט געוואָלט געבן אויסצופאַרריכטן דעם בריוו זיינעם. שמחה מאיר האָט געוואוסט, אַז קאָרטן און געשעפטן האָבן נישט ליב, ווען מען קוקט אין זיי אריין. מעגן עס זיין די נאָנטסטע מענטשן. אַ גאַנצן מעת-לעת האָט ער געוואָרט אין פיבער אויף אַן ענטפער פון פּאַלאַץ. ער איז אַזוי אומרואיק געווען, אַז ער האָט נישט געקאָנט איינזיצן אויף קיין אָרט. עס איז אים געווען ענג אין דער וועבעריי, אין די רעסטאָראַנדלעך ביי די טישלעך, אין שטוב. ער האָט נישט אויפגעהערט קוקן אויף דעם גאָלדענעם חתן-

זייגער. ביי יעדן קלונג ביי דער טיר איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט. און אז ענדלעך איז מעלכיאָר, דער דינער, אין דעם גרינעם יעגער-קאָסטיום, געקומען און אים געבראַכט א קליין בריוועלע, איז ער אזוי צעקאָכט געוואָרן, אז ער האָט אים א גאַנצן פּאַפּירענעם רובל אריינגעשטופּט אין האַנט, כאָטש ער האָט נאָך נישט געוואוסט, וואָס אין בריוול שטייט.

בלויז עטלעכע ווערטער האָבן די דייטשן געענטפערט אויף שמחה מאירס לאַנגן בריוו. אָן א טיטול, ווי עס איז אין דער גע- וואוינהייט, אָן הקדמות, זענען בלויז געציילטע ווערטער, ווי אין א טעלעגראַמע, געווען פאַנאַנדערגעוואָרפן נאַכלעסיק איבער דער וויזיט-קאַרטע — קומען מאָרגן פיר אזייגער אין פּאַלאַץ. — אָנ- שטאָט אָן אונטערשריפט איז געווען בלויז אָן אויסגעצויגענער בוכ- שטאַב מיט אָן עק. שמחה מאיר האָט דאָך נישט אויפגעהערט צו לייענען די עטלעכע ווערטער אָבער-אמאָל און ווידער-אמאָל.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער גענומען א שפּיגעלע אין האַנט אריין און פאַרריכט זיין בערדל. צוערשט האָט ער עס שטאַרק ארונטערגעבויגן אונטער דעם קין, עס זאָל זיך נישט אזוי שטאַרק אויסזען. אבער עס האָט זיך נישט געלאָזט ארונטערבויגן. האָט ער אויסגעזוכט א שערל און גענומען עס פאַרגלייכן. דער ערשטער שניט האָט אים געשראָקן, די הענט האָבן אים געציטערט, ווי ער וואָלט אריינשניידן אין פלייש אריין. באַלד האָט ער זיך צוגעוואוינט און געשניטן דרייסטער. וואָס מער ער האָט געוואָלט פאַרגלייכן, אַלץ מער האָט זיך דאָס בערדל אויסגעקרימט אזוי, אז ער האָט ווייטער געמוזט גלייכן. נאָך שטאַרקער האָט ער ארומ- געשניטען די קליינע פּאהלעך. קיין סימן פון זיי נישט איבערגע- לאָזט. דערנאָך האָט ער לאַנג געפּוצט די שטיוול, ארויסגענומען די הויזן פון די כאָליעוועס און זיי אריבערגעוואָרפן איבער די שטיוול, עס זאָל אויסזען ווי ער טראָגט שיך, דייטשמעריש. ער האָט זיי גוט געצויגן די הויזן, זיי זאָלן זיך אויסקנייטשן פון שטענ- דיקן זיצן אין כאָליעוועס. שטיל, אין א זייטיק געסל, האָט ער זיך אריינגעכאַפּט אין א קראָם און געקויפט זיך א שטייף קעלנערל מיט א שוואַרץ שניפּסל, וואָס זעט אויס ווי א פליענדיק שוועלבעלע.

גענוג געשוויצט האָט ער, ביז ער האָט געקאָנט פארשפּיליען דעם שטייפן קראַגן מיט דעם שניפּסל, וואס האָבן זיך נישט געוואָלט האלטן אויף זיין חסידישן האלז. די קורצסטע געהאַקטע קאַפּאָטע, וואָס ער האָט נישט געקאָנט טראָגן צוליב דער אויסגעוואַקסנקייט, האָט ער ארויפגעצויגן אויף זיך. א סאַמעטן וועסטל מיט רויטע שפּרענקעלעך, פארוואָרפן מיט דער גראָבער גילדענער קייט פון זיין חתן-זייגער, האָט באצירט זיין ברוסט. מיט א זילבערנעם ציגאַר-טאַש אין דער קעשענע און מיט א שווארץ דין שטעקעלע מיט אַ זילבערנעם קאָפּ אין דער האנט, האָט ער זיך ארייַנגעזעצט אין אַ פארמאכטער דראָשקע, קיינער זאָל נישט זען סיי זיין הילוך, סיי זיין וועג. האָצקענדיק זיך איבער די שלעכט-געפלאַסטערטע און גריבערדיקע לאָדזשער גאסן, איז ער מיט אומרואיקייט און מיט האָפענונג גלייכצייטיק, געפאָרן צו הונצעס פּאַלאַץ.

— זאָל זיין די בויד אראָפּגעלאָזט, — האָט ער געזאָגט צום קוטשער, וואס האָט געוואָלט אויפהויבן די פארבלאָטיקטע בויד.

לאָדזש האָט געקאָכט, געררודערט, מענטשן האָבן זיך געשטויסן אויף די טראָטואַרן; באַלעגאָלעס האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט בייטשן און מיט קללות, וואס מען מאכט נישט פריי דעם וועג; ווייבער האָבן געקלאָגט נאָך א לויה; מיליטערישע מוזיק האָט געשפּילט. שמחה מאיר האָט קיין זאך נישט געזען און געהערט.

— גיך, וועסט קריגן א ביר-געלט, — האָט ער געמונטערט מיטן שפּיץ שטעקעלע אין דער בלויער קוטשערישער פּלייצע. — לעבעדיקער פאָרן!...

קאפיטל צוויי און צוואנציק

די יונגע הונצעס זענען נאָר-וואָס אויפגעשטאַנען פון שלאָף, נאָך נישט פארטיק געווען אינגאנצן מיט זייער טואַלעט, ווען שמחה מאיר איז פונקט צו דער רגע, פיר אזייגער, געקומען אין פּאַלאַץ.

— וואַרטן! — האָט דער לאַקיי ביי דער טיר מער באַפוילן ווי געבעטן, קוקנדיק פון אויבן אראָפּ אויף דעם יונגנמאַנטשיקל, וואָס שוין פאר דער טיר האָט ער אראָפּגעצויגן דאָס היטל פון קאָפּ און געקוקט מיט פארבלאָנדזשעטע בליקן, א פארלוירענער.

זיי האָבן א גאַנצע נאכט פריער געהוליעט, די יונגע הונצעס, ביז פארטאָג געטרונקען, און זיי זענען איצט געווען שלעכט אויסגעשלאָפן, געפילט א ברענונג אויף די הערצער פון פיל ווייַן און שנאַפּס. די קעפּ זענען זיי געווען לער. נאָך לערער זענען ביי זיי געווען די קעשענעס נאָך די קאָרטן.

עס איז זיי זייער נישט גוט געגאַנגען, די יונגע הונצעס, אין דער נעכטיקער הוליאַנקע, גאָרנישט מזלדיק. צוערשט האָבן זיי גע-האַט א דורכפאַל אין ליבע. זייט עטלעכע וואכן איז אין קאַבאַרעט „רענעסאַנס" ארויסגעטרעטן א יונגע אונגארישע טענצערין, וואָס האָט לאָדזש גענומען מיט שטורעם. סוחרים, פאַבריקאַנטן, אָפי-צירן, באַאַמטע, פאַבריק-אינזשענירן און אפילו וואָיאַזשאָרן און האַנדלס-אָנגעשטעלטע האָבן אויסגעפילט נאַכט ביי נאַכט דעם קאַ-באַרעט און מיט הילכיקע קולות און טומלדיקע אָוואַציעס געשטו-רעמט דעם זאַל, ווען די טענצערין האָט זיך באַוויזן.

גלייך אין די ערשטע טעג פון אירע אויפטריטן, האָבן לאָ-דזשער לעב-יונגען גענומען שיקן איר מתנות און איינגעלאָדן אויף ווייַן צום טיש, כדי זי צו געווינען איידער אנדערע וועלן זי אויס-כאַפּן. די מתנות און בלומען האָט די טענצערין אָנגענומען. אבער צוזעצן זיך צו א טיש צו אימיצן האָט זי נישט געוואָלט. נאָך וויניקער האָט זי צוגעלאָזט צו זיך אין קליינעם גאַרדעראָב-צימערל,

וואוהין יונג און אלט האָט זיך געריסן. אן עלטערע דאַמע מיט נאָך זייער גלאַנציקע אויגן און נאָך גלאַנצנדיקערע בריליאַנטן, האָט שטרענג געהאַלטן וואַך ביי דער טיר און זייער העפלעך, אָבער זייער פעסט, אָפּגעטריבן אַלעמען.

אין א געמיש פון אונגאַריש, דייטש, פראַנצויזיש און רוסיש, האָט זי געבעטן נישט שטערן דער טאָכטער אירער.

— נאָ, נאָ, — האָט זי פאַרהאַלטן מיט די הענט, — מען קאָן נישט. מיין טאָכטער טוט זיך איבער. נישט אריינגיין!...

טאָמער האָבן זיך די היציקע יונגעליט שטאַרק איינגעשפּאַרט, האָט זי ארויסגערופן א שוואַרצן דינעם קרענקלעכן יונגנמאַן, וואָס האָט פּונקט אַזוי ווי די דאַמע גערעדט אין עטלעכע שפּראַכן מיט-אַמאָל. אָט דער קרענקלעכער יונגערמאַן, אויסגעפּוצט שטענדיק ווי צו דער חופּה, אין א פראַק און אין ווייסע וועש, האָט מיט א דינער שוואַכער און געהיימנישפולער שטים, פאַרבויגנדיק זיך טיף, געבעטן זיך פונאַנדערגיין.

— מאָסיע, — האָט ער שטיל גערעדט, — מיין פרוי בעט איר לאָזן צורו. זי איז מיד פון טאַנצן, און באַלד האָט זי ווידער אַן אויפטריט...

די שטילע רייד פון קרענקלעך-שוואַרצן יונגנמאַן האָבן זייער געווירקט אויף די אָנגרייפנדיקע מענער. זיי זענען געהאָרכזאַם אַוועק פון דער טיר, אָבער דאָס האָט נאָך מער אָנגעצונדן א פייער פון ליבע און לוסט צו דער יונגער טענצערין, וואָס טאַנצט אַזוי פאַרפירעריש, צינדט אָן די בלוטן און לאָזט נישט צו צו זיך. לאָדזש איז צו אַזעלכע טענצערינס נישט געוואוינט געווען.

אז די קליינע פיש מיט זייערע קליינע מתנות האָבן קיין ערפאָלג נישט געהאַט, האָבן די לאָדזשער גרויסע העכט, די רייכע פאַברי-קאַנטישע זין, פרובירט גליק מיט גרויסע מתנות, מיט בריליאַנטן און פערל. די טענצערין האָט די מתנות אין די אַטלעסענע שעכטע-לעך אָנגענומען, אָבער די בייגעלייגטע וויזיט-קאַרטלעך און די איינ-לאַדונגען צו עסן אָוונט-ברויט צוזאַמען האָט זי אָפּגעוואָרפן. גלייך נאָך איר ארויסטריט, האָט זי זיך אָנגעטאָן זייער באַשיידן און, אין דער באַגלייטונג פון דער עלטערער דאַמע אין איין זייט און פון

דעם קרענקלעכן אויסגעפּוצטן יונגנמאַן אין דער צווייטער זייט, איז זי אוועק צו זיך אין האָטעל אויף פּיעטרקאָווער גאַס.

— אוממעגלעך, ס׳וועט נישט גיין, — האָט דער קאָבאַרעט-דירעקטאָר אָפּגעזאָגט די פאַרליבטע פאַבריקאַנטישע זינדלעך, וואָס זענען געקומען צו אים בעטן פּראָטעקציע ביי דער טענצערין. — זי רירט זיך נישט אָן דער מוטער און אָן דעם מאַן. איך וואָלט אַלץ געטאָן פאַר מיינע געסט, נאָר ס׳גייט נישט.

— אויסגעשלאָסן, מיינע געערטע הערן, — האָט דער מעטר ד׳האָטעל אין גרינעם פראַק אוועקגעמאַכט טראַגיש מיט די הענט. — זיי האָבן פאַראָרדנט קיינעם נישט אריינצולאָזן. זיי גייען גלייך שלאָפן, ווי זיי קומען אהיים, פירן זיך זייער ליטיש, גאַרנישט ווי קאָמעדיאַנטן...

די לאָדזשער גאָלדענע יוגנט איז געווען אויסער זיך. אין לאָדזש זענען קיין סודות נישט געווען. מען האָט געוואוסט גענוי, וויפל וועמען עס האָט געקאָסט יעדע מתנה, וואָס מען האָט אריינגעשיקט צו דער טענצערין, פּונקט ווי מען האָט געוואוסט גענוי דעם אָפּשניט, וואָס מען האָט פון דער מתנה-אָננעמערין געכאַפּט. איינער דעם אנדערן האָט געררייצט, אויסגעלאַכט. פאַבריקאַנטן האָבן פאַרלאָזט זייערע געשעפטן, מענער זייערע היימען. נאַכט נאָך נאַכט איז מען געזעסן אין „רענעסאַנס״, געטרונקען, אַפּלאָדירט, געשיקט בלומען, נאָר גאָרנישט איז דערפון אַרויסגעקומען.

— אַ הייליקע, — האָבן דייטשן געזאָגט. — אַ נאָנע...

— אַ רביצין, — האָבן אידן געחוזקט.

באַלד האָבן אָנגעהויבן ארומגיין לעגענדעס וועגן דער טענצערקע. גוים האָבן געהאַלטן, אַז זי איז אַן אונגאַרישע גרעפין, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער היים צוליב איר ליבע צו אָט טאַקע דעם קרענקלעכן יונגנמאַן, וואָס דער פאָטער אירער, דער גראַף, האָט נישט געוואָלט קענען. די עלטערע דאַמע איז טאַקע דעם יונגנמאַנס מוטער, וואָס רופט איר שנור „טאָכטער״. אידן האָבן אויסגעפונען, אַז זי איז גאָר אַ רבישע טאָכטער פון גאַליציע, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער היים צוליב דעם אונגאַרישן געליבטן אירן, וועלכער האָט זי געמאַכט פאַר אַ טענצערין. אַפּיקורסים האָבן געפונען, אַז דאָס

איז נישט מער ווי א באנדע שווינדלער, וואס פאַרשטעלן זיך פאַר אייגענע, שפּילן אין צניעות, כדי אריינצונאַרן יאָלדן און ארויס-ציען ביי זיי די פאָר רובל. לאָדזש איז נישט געווען רואיק. די אונ-גאַרישע יונגע און שיינע טענצערין האָט נישט געלאָזט לעבן. או-מעטום האָט מען פון איר גערעדט. לאָדזשער ווייבער זענען געווען באַליידיקט, אינטריגירט. גיין אין קאַבאַרעט האָבן זיי נישט גע-קאָנט. אָנשטענדיקע ווייבער האָבן זיך נישט נאָר אין קיין קאַבאַ-רעט, נאָר אפילו נישט אין קיין רעסטאָראַן און אין קיין קאַפע גע-וויזן. האָבן זיי געשפּאַצירט שעהן לאַנג איבער דער פּיעטראָקאָווער גאַס, כדי צו זען די, וועגן וועלכע די מענער רעדן אַזויפיל, און זען אין וואס עס ליגט איר רייץ.

ענדלעך זענען די לעגענדעס וועגן דער טענצערין אריבער ביז צו די הונצעס אין פּאַלאַץ אריין. געבראַכט זיי האָט דער שוויי-צאַרישער בעמיקער פון הונצעס פאַבריק, דער איינציקער, מיט וועמען די טענצערין פלעגט זיך אויסטענהן, כדי צו איבן זיך אין פראַנצויזיש. און גלייך האָבן זיך ביי אלע ברידער אָנגעצונדן די בלאָנדע פול-בלוטיקע קעפּ.

— קוואַטש, — האָבן זיי געזאָגט. — ביי אונז וועט זי שוין גיין... אהא!...

זיי האָבן נישט געהאַט בדעה צו קאָנקורירן מיט דער לאָדזשער גאָלדענער יוגנט. עס איז זיי נישט אָנגעשטאַנען צונויפצוקומען זיך מיט אָט די אלע סוחרימלעך, וואַיאַזשאָרן און משרתים אין קאַבאַ-רעט. זיי האָבן אָנגעזאָגט, מען זאָל קיינעם נישט אריינלאָזן, און בלויז א געקליבענעם עולם איינגעלאַדן אויף אָוונט-ברויט אין „רענעסאַנס", עטלעכע רוסישע העכערע אָפיצירן, עטלעכע געצייל-טע רייכע פאַבריקאַנטישע זין, א פּאָר פּוילישע אדעללייט פון די נאָנטסטע גיטער און דעם פראַנצויז, דעם בעמיקער פון פּאָטערס פאַבריק, וואס האָט זיי פון דער טענצערין דערציילט. יעדער פון די ברידער האָט גלייך בסוד פאַר די אַנדערע ברידער אָנגעגרייט זיך א היפּשע מתנה, אן עטלעכע-קאַראַטיקן בריליאַנט, כדי צו געבן אים די טענצערין, ווען ער וועט זי די אַנדערע פון אונטער דער נאָז ארויסנעמען אין צוגעגרייטן קאַבינעט.

דער אָוונט איז געווען א פריילעכער, א לוסטיקער. דער דירעק־טאָר אליין איז געשטאַנען פאר דער טיר און נישט אריינגעלאָזט קיינעם אין קאַבאַרעט. די קעלנער אין די פאבריקן האָבן וואונדער־באַרע עסן דערלאַנגט, די טייערסטע ווײַנען. די טענצערין האָט ווי א שלאַנג זיך געדרייט אין אירע לײַדנשאַפטלעכע טענץ, פאַרפירערישע אויגן געוואָרפן, געבליצט, געלאָקט מיט יעדער גליד פון איר גע־טאָקטן קערפּער. דערביי האָט זי דאָס מאָל געמאַכט אן אויסנאַם און אָנגענומען די איינלאַדונג פון די הונצעס צו עסן מיט זיי אָוונט־ברויט צוזאַמען. אָבער ווי גיך עס האָט זיך אָנגעהויבן, אזוי גיך האָט עס זיך פאַרענדיקט, זייער מיאוס פאַרענדיקט פאר די דריי ברידער.

ווי אמתע דײַטשן, וואָס ווייסן מער אין געוואַלט ווי אין פּאָ־ליטיק, האָבן די דריי ברידער זייער גראָב אָנגעהויבן קעמפן צווישן זיך ווען ערָאָבערן די, וואָס האָט גאַנץ לאָדזש אָפּגעזאָגט.

— הונדערט רובל פאר דעם ערשטן קוש, — האָט איין הונצע אָנגעבאָטן.

— צוויי הונדערט! — האָט אים דער צווייטער הונצע אויס־געדונגען.

— דריי הונדערט! — האָט דער דריטער אָפּגעשלאָגן ביידע ערשטע.

די טענצערין האָט געשמייכלט. איר מאַן, דער קרענקלעכער און אויסגעפּוצטער, איז געזעסן א שווייגנדיקער און א פינסטערער.

אַז די טענצערין האָט די אָנגעבאָטענע סומען נישט אָנגענומען, זענען די הונצעס נאָך מער צעקאָכט געוואָרן.

— שאו מאָל, קליינע, — האָט איין ברודער געזאָגט, א בליץ־געבנדיק מיט א בריליאַנטן פינגערל, — ווען דו ווירסט איין נעטעס מעדעל זיין, דאַ בעקאָמסט דו עס.

— ניין, צו מיר, — האָט דער אַנדערער איבערגעשלאָגן, ווייזנדיק א גרינעם איידל־שטיין אויף א שוואַרצן פּאָן.

— דאָס איז אלעס יוקס געגן מיין פּערל, — האָט דער דריטער קאָנקורירט, און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער גע־

נומען אָנטאָן דעם פּעלץ אויף דער טענצערינס האַלז, פאַרקריכנדיק איר מיט דער האַריקער האַנט אין דעקאָלט.

— מאָסיע, האַלטן זיך אַרטיק! — האָט דער קרענקלעכער אויס־געפּוצטער יונגערמאַן, געזאָגט, אויפשטעלנדיק זיך פון דער שטול.

— אָך, נאָך הונדערט רובל דערצו! — האָט דער צעקאָכטער הונצע געענטפערט לאַכנדיק.

— מאָסיע, די מינוט זאָלט איר זיך אַנטשולדיקן! — האָט דער קרענקלעכער יונגערמאַן באַפוילן, קוקנדיק מיט שטאַרע אויגן.

— ווען עס איז ווייניק, גיב איך צוויי הונדערט, פינף הונ־דערט! — האָט דער לאַכנדיקער דייטש געענטפערט און נאָך פעס־טער צוגעצויגן די טענצערין צו זיך.

דאָ האָט דער קרענקלעכער יונגערמאַן זיך אויסגעצויגן, געוואָרן טאָפּלט גרוים און ביינערדיק און דעם לאַכנדיקן דייטש אַזאַ פּאַטש געגעבן, אַז די גלעזער ווײַן אויפן טיש האָבן גענומען טאַנצן.

די הונצעס זענען אַ ווײַלע געבליבן זיצן מיט אָפענע מײַלער. דאָס ערשטע מאָל, ווי אימיצער האָט אויף איינעם פון זיי אויפגע־הויבן אַ האַנט, און נאָך דערצו אַזאַ איינער, אַ מאַן פון אַ קאַבאַ־רעט־טענצערין. נאָך עטלעכע סעקונדן צעטומלטקייט, האָבן זיי זיך אַלע גלײַך אַ ריס געטאָן פון די ערטער, כדי דעם פאַרשווין צוצע־טרעטן, אָבער שוין איז יענער, צוזאַמען מיט זײַן ווײַב און דער עלטערער דאַמע, געהאַט אַרויס פון קאַבאַרעט. נאָך זיי איז נאָכ־געלאָפן דער דירעקטאָר, מאַכנדיק פאַרצווייפלט מיט די הענט.

פאַר כעס האָט דער געשלאָגענער הונצע צעבראָכן אַלע גלעזער פון טיש, אויסגעהאַקט מיט אַ פלאַש דעם גרעסטן שפּיגל און באַ־גאָסן דעם דירעקטאָרס ווײַסן גאָרס פון העמד מיט דעם ערשטן בעסטן גלאָז ווײַן, וואָס איז אים געשטאַנען אונטער דער האַנט.

— מער וועט מײַן פוס אין דעם חזיר־שטאַל נישט איבער־טרעטן, — האָט ער געשריגן און געוואָרפן באַנקנאָטן אויף דער ערד דעם פאַרנוויגנדיקן דירעקטאָר.

כדי צו פאַרטרײַבן די שטימונג, האָבן די אָפיצירן גענומען די מיליאָנערישע זין אויף אַ שפּאַציר הינטער דער שטאָט, צום

לאַגער אַרויס. דאָרטן האָט מען אַ סך געטרונקען, געגאָסן אין זיך אָן אַ שיעור און פאַרביסן מיט קאָרטן.

— ווער עס האָט מיסערפאָלג אין ליבע, האָט מזל אין קאָרטן, — האָבן די אָפיצירן געשפּאַסט.

די הונצעס האָבן געשפּילט ווילד, געוואָרפן מיט געלט; אָבער קיין מזל צו קאָרטן האָבן זיי נישט געהאַט, נאָך ווייניקער, ווי צו ליבע פריער. די אָפיצירן האָבן כסדר געוואונען.

פאַרטאָג האָט מען די הונצעס, צערייצטע, באַזויפענע, אָפּגע-פירט אהיים. אין די פראַקן און אין שטייפע וועש זענען זיי אויף די טעפּיכער אנידערגעפאַלן און אנטשלאָפן געוואָרן. אויפגעכאַפּט האָבן זיי זיך ערשט צו מיטאָג, בייזע, אויפגערעגטע, פול מיט קאַצנ-יאָמער נאָך די נעכטיקע מיסערפאָלגן. זיי האָבן געשאָלטן, גע-זידלט, געשלאָגן די לאַקייען, וואָס האָבן זיך איבערגעטאָן. זיי האָבן געדענקט אָן דעם פּאַטש, געטראַכט מיט ביטערניש וועגן דעם, ווי גאַנץ לאָדזש וועט שוין איצט וויסן וועגן זייער מפּלה. דערצו האָבן זיי אויך געדענקט איצט, ווי מיאוס זיי האָבן זיך פאַרשפּילט. שיינע טויזנטער רובל האָבן זיי געדאַרפט צאָלן, און וואָס גיכער. די אָפיצירן האָבן אַ ליאַדע טאָג געדאַרפט אוועק מיטן לאַגער און מען האָט זיי געמוזט אָפּצאָלן דעם קאָרטן-חוב וואָס גיכער. ביים פאָטער איז געווען שווער צו מאָנען. זיי זענען מיט אים געווען ברוגז אַ היפּשע צייט, אַלץ צוליב דעם באַראָן-טיטול, אויף וואָס ער האָט נישט געוואָלט געבן קיין צעבראָכענעם פעניג.

אין אָט דער צייט איז דאָס אָנגעקומען שמחה מאיר אין פּאַלאַץ, אַ פאַררויטלטער, אַ צעטומלטער פון דער אַרומיקער רייכ-קייט און פּריצישקייט, אַ פאַרלאָרענער און דאָך אַ האָפערדיקער, פול מיט גלויבן אין זיך און אין דער שטאָט לאָדזש.

אין דער ערשטער מינוט, אַז דער אויסגעפּוצטער דינער האָט זיי איבערגעגעבן וועגן דעם קאַפּטאָן-איד, וואָס וואַרט ביי די טרעפּ, האָבן הונצעס זיך נישט געדענקט גאָר, אַז זיי האָבן אים באַ-שטעלט אויף אָט דער שעה.

— שמייסע איהן העראוס, דען שוויינען-יוד! — האָבן זיי באַפוילן.

אָבער דער אויסגעפּוצטער דינער, וואָס האָט שוין באַצייטנס געקריגן א טרינק-געלט פון שמחה מאירן, האָט זייער פּאָרזיכטיק גענומען דערציילן די הערן, ווער דער איד איז און אז זיי, די הערן אליין, האָבן אים באַשטעלט, האָבן זיך די הונצעס ערשט דערמאָנט אין דעם בריוו און אים געהייסן אריינפירן.

אויפגענומען האָבן די הונצעס שמחה מאירן אין באַסיין, באָדנדיק זיך אין קאַלטן וואסער נאָך דער מידער נאַכט. שמחה מאיר האָט זיך זייער זייטיק אריינגעשליכט איבער די פיל צימערן, קוקנדיק מיט פּאָרזיכטיקע בליקן אויף דעם ריזיקן וואָלף-הונט, וואָס האָט אים כסדר באַגלייט און מיט ווייניק צוטרוי געשמעקט צו זיין פּארקירצטער קאַפּאָטע, וואס איז פאר אים, דעם הונט, נאָך אלץ צו-לאַנג געווען.

— גוט מאָרגן, געערטע הערן, — האָט שמחה מאיר זיך גע-נריסט און פארנויגט פאר די דריי נאַקעטע פארשוינען, וואָס דינער האָבן זיי געגאָסן וואסער אויף די קעפּ. קיינער האָט אים נישט געענטפערט. שמחה מאיר האָט זייער נישט דרייסט און פארשעמט געקוקט אויף די צעוואקסענע נאַקעטע קערפּערס פון די גוים, וואָס האָבן גאָר קיין בושה נישט, און ער האָט גערדרייט דאָס היטל אין דער האַנט. ער האָט גאָרנישט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט דעם היטל זיינעם. אז די נאַקעטע פארשוינען האָבן זיך געלאָזט איינהילן אין די באָד-לייליכער פון די דינער, האָבן זיי באַטראַכט דעם יונג-מאַנטשיק אין דער קאַפּאָטע מיט בייזע אויגן.

— זי, — האָט דער עלטסטער געזאָגט צום פרעמדן, — דאָס זענט איר א זון פון דעם אלטן אַשקענאַזי, אונזער פּאָטערס הויף-יוד ?

— יאָ, — האָט שמחה מאיר געענטפערט, — מיין פּאָטער איז גענעראַל-פּארטרעטער פון דער פאַבריק.

— און איר ווילט אונזער הויף-יוד זיין ? הא ?...

— איך וויל מיין געלט לאָקירן ביי די הערן, — האָט שמחה-מאיר געענטפערט.

— פּאַרמאָגט איר פיל ?

— וויפל די הערן וועלן ווינטשן, — האָט שמחה מאיר אָנ-געבאָטן.

— אַ, — האָבן אַלע מיטאַמאָל ארויסגעזאָגט.

דער עלטסטער הונצע האָט ארויפגעוואָרפן אין דער הויך מיט א שאָקל אַלע זיינע בלאָנדע שקאָצישע האָר און אָפּגעטרייסלט זיך פון וואסער, ווי א הונט נאָך א באָד.

— אָבער מיר ווייסן נישט, ווען מיר וועלן קאָנען צאָלן.

— איך קאָן וואַרטן, — האָט שמחה מאיר געענטפערט.

— אונזער פאָטער דאַרף דערפון נישט וויסן.

— איך קאָן האַלטן א סוד, — האָט שמחה-מאיר געזאָגט.

— מיר רעכענען נישט צו קאָנען צאָלן פריער, ביז דער אַל-טער וועט נישט שטאַרבן. מיר קאָנען נישט וויסן, ווי לאַנג ער וועט לעבן.

— איך האָב געדולד, — האָט שמחה מאיר געענטפערט.

— מיר דאַרפן איצט פיל געלט, שוין באַלד דאַרפן מיר עט-לעכע צענדליק טויזנט רובל. שפּעטער וועלן מיר דאַרפן נאָך.

— איך בין שטענדיק גרייט צו דינען די הערן, — האָט שמחה מאיר געענטפערט דרייסט, כאָטש ער האָט גאָר אליין נישט געוואוסט, וואו ער וועט נעמען אזויפיל געלט, — איך וועל נאָר בעטן די הערן מיר צו געבן פריער א טערמין פון א וואָך צייט...

— דאָס גייט, — האָט דער האַלב-נאַקעטער דייטש געזאָגט, מאַכנדיק גימנאַסטיק מיט די הענט, — אָבער איצט דאַרפן מיר שוין געלט, נאָך מאָרגן. אַדיע!

שמחה מאיר איז ארוים א צעטומלטער, א דערדריקטער פון דייטשס אויפנאַמע, אבער צוזאַמען דערמיט א זיכערער און א צו-פרידענער. דער לאָך אין דער פעסטונג איז געווען געמאַכט. אמת, דערווייל קומט נאָך אוים קריכן דורך דעם לאָך אויף אַלע פיר, אָבער דאָס איז אַלעמאָל אזוי פון אָנהויב, האָט שמחה מאיר גע-וואוסט. יעדער אָנהויב איז שווער, זאָגן די חכמים, אָבער קלוג איז דער, וואס זעט ווייטער, וואָס זעט דאָס, וואָס דאַרף שפּעטער קומען. און אז עס וועט שפּעטער קומען עפּעס אנדערש, איז שמחה מאיר זיכער געווען. קיינמאָל נאָך האָט ער נישט געפילט אזויפיל קראַפט

אין די הענט, אַזויפיל זיכערקייט און גלויבן אין זיך, ווי איצט, גייענדיק אויף דער ברייטער הינטערשטאָטישער פאַרשטויבטער גאַס, לענגאויס דעם רויטן פאַבריק-פּאַרקאַן פון היינץ-הונצע. קיינמאָל זענען נאָך אים נישט געווען אַזוי נאָנט די הויכע אַרויס-טאַרטשנדיקע קוימענס, וואָס שוואַרצן דעם הימל. עטלעכע אַרבע-טער זענען פאַרביי און אים פאַרטשעפּעט, בילנדיק ווי הינט.

— מאָישע, ניע באָיטשע, — האָבן זיי געלאַכט, איי וויי!

נאָר שמחה מאיר האָט זיי נישט געהערט. דער קאָפּ זיינער איז געווען הויך, אָנגעשפּאַרט העט, העט, ביי די שפּיץ הויכע פאַבריק-קוימענס.

מיט דער זעלבער שנעלקייט און אייפער, ווי ער איז אַריין באַלד נאָך דער חתונה זיינער אין דעם שווערס וועבעריי, איז ער איצט אַרויס דערפון. ער האָט נישט אויסגעוואַרט אויף קיין בע-סערע באַדינגונגען ביים פאַרקויפן, ער האָט אַרונטערגעלאָזט אונ-טער דעם פּרייז, אַבי קריגן געלט וואָס פריער און צושטעלן עס צו די הונצעס צום טערמין. ער האָט געליהען געלט אויף העכערע פּראָ-צענטער, פאַרזעצט זיך, פאַרשאַכערט, און טויזנטער נאָך טויזנטער צונויפגעשטעלט. ער איז אויך פּלוצלונג געוואָרן גאָר נאָנט מיט די יונגעלייטלעך, די קעסט-איידעמלעך אין חסידים-שטיבל, וואָס ער האָט אַ צייט נישט געוואָלט קענען, און איינגערעדט זיי איינצו-לייגן ביי אים זייערע נדנס, פאַרוואָס זיי וועלן ווערן גוטע שותפים צו זיינע געשעפטן, וואָס ער דאַרף מאַכן, און אַ סך געלט פאַרדינען. פּונקט אַזוי האָט ער גענומען זיך חברן פּלוצלונג מיט זיינע שוואָ-גערס, די מאַנען פון זיינע אויסגעגעבענע שוועסטער, די קעסט-קינ-דער, וועלכע ער פלעגט פריער קיינמאָל פאַר די אויגן נישט אָנקוקן. מיט די קונציקסטע ווערטער, מיט אַ סך זיסע ריידעלעך, וואָס האָניק טריפט פון זיי און זיי לייגן זיך מחיהדיק אויפן האַרץ, דרינגען אַריין און דערוועקן אַ לוסט צו פאַרדינסטן, גליקן, האָט ער איבערגע-רעדט די חסידישע שוואָגערס זיינע און די שוועסטער, זיי זאָלן זייערע נדן-געלטער אַריינלייגן צו אים אין די מסחרים אַריין.

— איך קאָן נאָך נישט זאָגן דערווייל וואָסער געשעפט דאָס

איז, — האָט ער איינגערוימט, — ס׳איז א סוד, נאָר איך זאָג אייך צו, אז מ׳וועט, מיט גאָטס הילף, שיין פארדינען, א פעטן ביין אָפּ-לעקן. איך וועל מיין אייגן בלוט און פלייש קיין עולה, חלילה, נישט טאָן.

און אז עס איז נאָך אלץ געווען ווייניק, האָט ער גאָר גענומען דעם שירעם און דעם פּאָרטפעל, ווי שטענדיק, ווען ער האָט א וויכ-טיקע זאך דורכצופירן, און אריבערגעפאָרן קיין וואַרשע צו יעקב בנומען א ביסל.

צוויי טעג האָט שמחה מאיר געפּרעגלט זיך אין אייגענער זיס-קייט אין ברודערס רייכער דירה ביי ר׳ קלמן אייזן אין הויז. ער האָט אזויפיל בריהשקייט און חכמה ארויסגעבראכט, אז אלע, פון זיין אייגענער שווגערין ביז אלע זין ר׳ קלמנס, די גרויסהאלטער און מרוקעס, האָבן פון אים געלעקט די פינגער.

— אַן עילוישער קאָפּ, — האָט מען וועגן אים געזאָגט, — תורה און סחורה צוזאמען.

אפילו דעם ברודערס שווער, וואָס האָט מורא פאר אלעמען און גייט זיך זיין וועג, האָט זיך פארשטאַנען אויף זיין איידעמס ברודערס מעלות.

— מילא, יאָך בין דאָך נישט קיין בר-דעת, — האָט ער ווי שטענדיק וועגן זיך געזאָגט, — נאָר יאָך גיי אויס פאר דעם שמחה מאירן.

ער האָט געהאַט א כוח, דער שמחה מאיר. פונקט ווי ער האָט געקאָנט ארומגיין אָן אָפּגעזונדערטער און נישט דערקענען קיין מענטשן, ווען ער דאַרף אים נישט, אזוי האָט ער געקאָנט פּלוצלונג ווערן ווייך, זיס, צוגעלייגט, הארציק און האָניקדיק, ווען ער האָט צו אימיצן געדאַרפט. ער האָט א שטיין געקאָנט איבעררעדן, ווען ער האָט זיך פארלייגט אויף עפּעס. עס האָט אים קיינמאָל נישט אויסגעפעלט נישט קיין קלוג וואָרט פון די חכמים, נישט קיין פאָלקס-ווערטל, נישט קיין שכלדיקע, איבערצייגנדיקע הבטחות, וואָס דרינגען אריין אין מענטשלעכע הערצער. גיכער ווי ביי ווע-מען-עס-איז, האָט מען געקאָנט עפּעס פועלן ביי יעקב-בונמען. ער

האָט גלייך פאַרגעסן אָן אַלע עוולות, אָן אַלע טענות צום ברודער. אַ פריילעכער, אַ לוסטיקער, וואָס האָט ליב אַליין הנאה האָבן און אַז אַנדערע זאָלן הנאה האָבן, וואָס קאָן נישט פאַרטראָגן קיין ברוגז, קאָן נישט האַלטן לאַנג קיין תרעומות, איז ער צום ברודער באַלד צוגעזאָטן געוואָרן און אים געגעבן געלט פאַר זיינע געשעפטן, וויפל נאָר ער האָט ביי אים געבעטן.

שמחה-מאיר האָט, אמת, געקאָנט קריגן אויף די וועקסלען פון די יונגע הונצעס געלט אָן אַ שיעור ביי רייכע פּראָצענטניקעס, אָבער ער האָט דאָס נישט געוואָלט. עס האָט נישט געטויגט, נישט פאַר די הונצעס, אַז זייערע וועקסלען זאָלן אַרומקריכן צווישן מענטשן, נישט פאַר שמחה מאירן. ער האָט נישט געהאַט בדעה אימיצן אַריינצולאָזן צו זיי אין פּאַלאַץ אַריין. ער האָט געדאַרפט זיין אויסשליסלעך אַליין זייער פאַרטרויאונגס-מאַן און געלט-גע-בער. און ער האָט נישט גערוט, קוים אַריינגעכאַפּט דאָס עסן ביים טיש, וואו ער האָט מער גערעכנט ווי געגעסן ; ער האָט אָפּגעכאַפּט דאָס דאַוונען, אָפּגעוויקלט די רצועות פון דער האַנט נאָך איידער ער האָט זיי אַרומגעוויקלט און געלאָפן זאַמלען געלט.

צו דער מינוט האָט ער צוגעשטעלט די יונגע הונצעס די ער-שטע געלטער, צו דעקן זייערע קאָרטן-חובות און אַנדערע אויס-גאַבן. זיי האָבן אים געגלויבט, ווען ער האָט זיי די ערשטע געל-טער געבראַכט.

— זעהר נעט, זעהר, — האָבן זיי געזאָגט, אונטערשרייבנדיק זיך נאָכלעסיק אויף די וועקסלען איינער נאָכן אַנדערן.

אַז זיי האָבן אָראָפּגעפּטרט די ערשטע היימישע חובות פון זיך, האָבן זיי גענומען טאָן אַ תכלית-זאַך, אַליין, פאַר אייגענע געלטער אויסצופועלן דורכן פּיעטראָקאָווער גובערנאַטאָר אין פּע-טערבורג דעם באַראָן-טיטול פאַר זייער פאָטער, כדי אים איבערצו-נעמען בירושה נאָך איידער דער אַלטער שטאַרבט. זיי האָבן גע-וואוסט, אַז זיי וועלן זיך זייערע אויסגאַבן אָפּנעמען. זאָל נאָר דער אַלטער צומאַכן אַן אויג. פּונקט אַזוי האָט געהאַט בטחון שמחה-מאיר, וואָס האָט פאַר זיינע געלטער די זאַך אַראַנזשירט. צו דער

מינוט האָט ער געבראַכט צו די הונצעס אין פּאַלאַץ די שווערע טויזנטער, וואָס זענען דערצו גויטיק געווען.

דער פּיעטראָקאָווער גובערנאַטאָר האָט וואָס אָפּטער איבער־געלאָזט איצט זיין גובערניע אין דער האַנט פון זיין געהילף און אויף הונצעס הוצאות געפאָרן קיין פּעטערבורג.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

דער באַל אין הונצעס פּאַלאַץ לכבוד דעם טיטול באַראָן, וואָס דער אַלטער פאַבריקאַנט האָט געקריגן פון זיין מאַיעסטעט דעם זעלבסטהערשער פון רוסלאַנד און קעניג פון פּוילן פאַר זיינע גרויסע אינדוסטריעלע פאַרדינסטן פאַרן פאָטערלאַנד, האָט צונויף־צויגן דאָס רייכסטע און מעכטיקסטע פון לאָדזש און דער אומ־געגנט.

ער האָט דורכגעפירט זיינס, דער פּיעטרקאָווער גובערנאַטאָר. פּלוצלונג, ווי א שטיין אין קאָפּ האָט דער אַלטער הונצע געקריגן אַן אַלערהעכסטע ידיעה, אַז פון זיין חסד פון זיין מאַיעסטעט ווערט אים מיטגעטיילט, דאָס פאַר זיינע פאַרדינסטן פאַרן לאַנד און זיין וואוילשטאַנד ווערט אים צוגעטיילט דער כבוד צו טראָגן דעם טי־טול באַראָן, וואָס גייט איבער בירושה צו זיינע קינדער ביז דור דורות.

הונצע האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָבן די זין זיינע אָפּגעטאָן קעגן זיין ווילן, אַז זיי האָבן ערגעץ אַן זיין דערלויבעניש א סך געלט געליהען דערויף. ער איז געווען בייז, געקלאַפּט מיט זיין האַריקער באַלעמעלאָכישער האַנט אין די טישן, געשריגן, אַז ער וועט די ראָץ־יונגען אָנלערנען. אבער נישט אָננעמען א מאַיעס־טעטישע גענאַד האָט מען נישט געקאָנט. עס איז געבליבן נישט אַנדערש, ווי צו באַדאַנקען דעם גובערנאַטאָר פאַר זיין חסד און זיך גרייטן אָנצונעמען דעם טיטול מיט ערע און מיט גרויסקייט, ווי עס פּאַסט פאַר דעם הויז הונצע. דער באַל צוליבן אָננעמען די מאַיעס־

טעטישע מתנה האָט געדאַרפט געפּראַוועט ווערן ביי הונצען אין פּאַלאַץ, אין די אויגן פון די רייכסטע, אַדעליקסטע און מעכטיקסטע, וואָס די געגענט אַרום פאַרמאָגט. און הונצע האָט אַרויסגערופן ביידע טעכטער זיינע, די באַראָנעסעס, זיי זאָלן, לויט זייערע אַדעליקע געוואוינהייטן, דורכפירן די זאַך. די טעכטער, צוזאַמען מיט די זין, האָבן אַ סך מי און געלט אַריינגעלייגט, כדי דורכצופירן דעם גרויסן באַל, וואָס עס שטייט אָן פאַר די נייע אַדל-לייט פון הויז באַראָן הונצע.

שוין מיט עטלעכע חדשים פריער האָט מען באַנייט דעם פּאַלאַץ ביי דער פאַבריק. דער פּאַלאַץ איז נאָך אייגנטלעך געווען פריש ניי כמעט, מען האָט נאָר בלויז געדאַרפט אַראָפּנעמען דעם פריערדיקן סוחרישן צייכן, וואָס הונצע האָט געלאָזט אויפן טויער אויסשניצן, צוויי בערדיקע נאַקעטע גערמאַנער מיט פייגנבלעטער אויף דער שאַנד און מיט שפּיזן אין די הענט, און אויסשניצן דעם נייעם אַדעליקן הערב — אַ שטייענדיקער בער, וואָס שפּאַרט זיך אָן מיט ביידע פאָדערשטע פיס אָן אַ קרומען צלם. אָבער הונצעס קינדער האָבן געוואָלט, צוזאַמען מיט דעם נייעם טיטול, אַלץ באַנייען, גאָרנישט איבערלאָזן פון פריערדיקן, פון אַלטן. האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַן אַרכיטעקט פון סאַמע מינכען, וואָס האָט דעם פּאַלאַץ איבערגעבויט, אויסגעבויט אין אים אַלערליי טורעמלעך און שפּיצן, אויפן מוסטער פון די דייטשע ריטער-שלעסער, באַצירט מיט העלדישע שטיינערנע פיגורן פון נאַקעטע גערמאַנער, וואָס שלאָגן זיך מיט לייבן און שלאַנגען, מיט פלייִשיקע פּאַסטושקעס, וואָס קוקן זיך צו צו ליבנדיקע פּי, און מיט עטלעכע צעלאָזענע באַקכוס-מיידלעך אין אַ ווילדן טאַנץ מיט בעק און סאַטירן. דאָס אַלץ איז געווען פאַרפלאָכטן אין פיל שטיינערנע וויינטרויבן און בלעטער.

פונקט מיט אַזעלכע פיגורן איז געווען אויסגעשטעלט דער ברייטער צופאָר צום פּאַלאַץ. ווענוסעס, נימפן, סאַטירן מיט ציגענע פיס, געטינס מיט צעלאָזענע האָר און מיט פאַרפלאָכטענע פינגער אויף גאָלדענע האַרפּעס, נאַקעטע דאָרשטיקע אינגלעך ביי שפּרודלדיקע קוואַלן, בויגן-שיסער און דיקע מלאכים-קינדער מיט גראָבע פיסלעך און פאַרהויבענע פליגלעך, אַלע אין ווייסן מאַרמאָר, האָבן

אויסגעפילט בײדע זײטן װעג, װאָס איז געװען אויסגעפּלאַסטערט מיט גרויסע פּירקאַנטיקע שטײנערנע פּלאַטן און פאַרפּלאַנצט מיט קוסטן, בלומען און בוימער.

דער נײער הערב, דער בער מיט די פּאָדערשטע פיס אויף דעם קרומען צלם, איז געװען אומעטום, אויפן טויער פון פּאַלאַץ, אויף די גרויסע דעמבענע געשניצטע טירן אין אַלע צימערן און זאַלן, אויף די קאַרעטעס, אויף די טײערע געשפּאַנען פון די פערד, אויף די טעלער, לעפל און גאָפּל, אויף די גאָלד־געדרוקטע װיזיט־קאַרטן, אויף די ליװרעיען פון די דינער, אויף די גלאַנציקע צילינדערס פון די גרוים־װאָנסעדיקע קוטשערס.

אַלץ איז באַשטעלט געװאָרן נײעס. דאָס שװערע טײערע מעבל איז אַרויסגעפירט געװאָרן און אויף דעם אָרט זענען אװעקגע־שטעלט געװאָרן ריזיקע געשניצטע שאַפעס, קאָמאָדן, קרעדענצן, טישן און פאָטעלן פון טײערסטן ניסן־האָלץ, רויזן־האָלץ, מאַהאָן, אַלץ פול מיט שניצערײען און פיגורן, געבראַכט פון מינכען און באַצירט מיט דעם נײעם הערב. די װענט זענען באַדעקט געװען מיט טײערע זײדנס אין גאָלדענע ראַמען. די סופיטן האָבן געשװיבלט און געגריבלט מיט סצענעס פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע. די גרויסע גאָבעלינען מיט די קניענדיקע ריטער צו די פיס פון פליי־שיקע שײנהײטן האָבן באַדעקט די װענט פון סופיט ביז די פערסי־שע טעפּיכער. די פּאָרצעלײענע קאַמינען, באַװאַכט מיט בערדיקע גערמאַנישע ריטער, זענען געװען אָנעשטעלט מיט בראָנזענע און מאַרמאָרענע אָפּגוסן פון אַלע קלאַסישע װערק. יאַפּאַנישע קרוגן, כינעזישע פּאָרצעלײען, בײערישע צעראַמיקן, טשעכישע קרישטאָלן, פאַרביק װענעציאַניש גלאָזװאַרק האָבן געפינקלט פון יעדן װינקעלע, פון אַלע באַגילדטע פּאָסטומענטן. די קרישטאָלענע פּיל־רעריקע זשיראַנדאָלן און זילבערנע קאַנדעלאַברעס האָבן געװאָרפן העלע ליכט אויף דעם גאָלד, זילבער, קרישטאָל, מאַרמאָר, פאַרביקן גלאָז־װאַרק, טײערן האָלץ, אַדאַמאַשעק, פּאָרצעלײ, העלפאַנדבײן און שפּיצן. די אויסגעפּוצטע לאָקײען מיט די זײדענע פּראַקן, שװאַרצע זאָקן און אין לאַק־שיך מיט זילבערנע שנאַלן, ספּעציעל אַראָפּגע־בראַכטע פון דײטשלאַנד, אויסגעדרעסירטע און שײן־געבױטע, זע־

נען געשטאַנען ביי די שווערע רויט-פּלושענע פּאָרטיערן אַזוי שטייף און פאַרגליווערט, ווי די מאַרמאָרנע פיגורן.

פון אַלע זייטן לאָדזש, פון אַלע וועגן, וואָס פירן אין שטאָט, האָבן זיך געצויגן קאַרעטן מיט אויסגעפּוצטע געסט, געלאַדן צום באַל פון בּאַראָן הונצע. עס זענען געקומען דייטשע רייכע פאַברי-קאַנטן, געוועזענע וועבער, וואָס זענען פּונקט ווי זייער קאָלעגע הונצע געקומען דאָ אהער מיט איין פערדל און איין וועב-שטול, און איצט האָבן זיי געהאַט קוימענס און רום. פול מיט קנאה אויף דעם בּאַראָן-טיטול פון דעם אַלטן הינץ, זענען זיי געזעסן אין זיי-ערע קאַרעטן צוזאַמען מיט ווייב, קינדער, איידעמס און שנורן, אויסגעפּוצטע אין די טייערסטע באַל-קליידער און סוחריש גע-רעכנט, וויפל די געשיכטע וועט דעם אַלטן הונצע אַריינטרייבן. און עס זענען געפאָרן אידישע באַנקירן, בייכיקע און גרויס-וואָנסעדיקע, עס זאָל צוגעבן זיי פּריצישקייט, פול מיט אומרו פאַר זייער אי-דישקייט צווישן דער גרויסער פּריצישער געזעלשאַפט. עס זענען געפאָרן פון זייערע גיטער אין עלטערע קאַרעטעס אָפּגעקומענע פּוי-לישע שלאַכטשיצעס, אַדעליקע און גאַליקע אויף די שוואַבישע בּאַמעס, וואָס נעמען צו אין זייער לאַנד דאָס געלט און דעם יחוס; און עס זענען געפאָרן אין זייערע מיליטערישע קאָטשן, אין דריי פערד געשפּאַנט, רוסישע מיליטער-לייט און טשינאָווניקעס פון דער נאָנטער גובערניע-שטאָט. עס האָט געצויגן מיט פּאַראַד, מיט טשער-קעסן אויף פערד באַגלייט פון ביידע זייטן קאַרעטע, אַרומגערינגלט מיט אַדיוטאַנטן און באַאַמטע, דער גובערנאַטאָר אַליין, דער רע-זערוו-גענעראַל פאָן-מילער, דער הויפּט-מחותן, וואָס האָט אין די הויכע פענסטער אין פּעטערבורג פאַרגעשטעלט דעם פאַרדינסטפולן הונצע צו באַאַדלען אים.

דער ברייטער צופאָר — באַצירט מיט אַ זיגעס-טויער, מיט דעם נייעם הערב, אויסגעצירט אין גרינס און אין בלומען, צוזאַמען מיט אַ ווילקאָמען אין געציקלטע גאָטישע בוכשטאַבן, — האָט גע-גריבלט און געשווירבלט מיט קאַרעטן און קאָטשן. קולות פון קו-טשערס, קלאַפּן פון פערדישע פּאָדקאָוועס, הירזשען פון צעלאָזענע

אויסגעפּיטערטע פערד און קנאַלן פון בייטשן האָבן זיך געמישט אינאיינעם.

— אַ וועג, אַ וועג מאַכן! — האָבן די רייכערע און אויסגעפּוצטערע קוטשערס געשריגן מיט גאוה צו די אָרעמערע און ערגער־אָנגעטאָענע, — העי!

בלאָנדע, גראָב־בייכיקע דייטשע פּאַבריקאַנטן, פּוילישע גרויס־וואָנסעדיקע און אָנגעבלאָזענע שלאַכטשיצעס, אידישע שוואַרצהאָריקע און גלאַנציק־פּליכיקע קורץ־געוויקסיקע באַנקירן, רוסישע בערדיקע מיליטער־לייט און טשינאָווניקעס אין גאַלאַ־אוניפאָרמס און מיט פולע ברוסטן מעדאַלן, דאַמען אין לאַנגע זיידענע און אַטלאַסענע קליידער מיט שלעפּס און מיט פעכערס, באַהאָנגען מיט בריליאַנטן, בראָשן, שנורן פּערל, רובינען, דיאַמאַנטן, סאַפּירן, אויף די פולע אָרעמס, אין די אויפגעטורעמטע, אָנגעקאַרבירטע קעפּ, אין די אויערן, אויף די פינגער, אין די קליידער, אפילו אויף די שפּיצן פון די שיכלעך און אין די פעכערס און לאָרניאָנען, איינגעטונקען אין גאַרנאַסטאַיען און אין שפּיצן — האָבן געפינקלט און געגלאַנצט מיט די בליצן פון זייערע אוצרות, מיט דער בלענדקייט פון ווייסן לייב און מיט זיגערישע אָדער האַסנדיקע פייערלעך פון זייערע אויגן.

— ווילקאָמען, ווילקאָמען! — האָט דער אַלטער הונצע אויפגענומען די געסט ביי די טירן פון גרויסן זאַל, צוזאַמען מיט זיין אַלטער פרוי, וואָס האָט זיך געבויגן אונטער דער מאַסע פון גאָלד בריליאַנטן.

— גראַטולירע, הער באַראָן! פּיל גליק, באַראָנעסע! — האָבן די געסט געענטפערט פול מיט זיסקייט און האָניק אויף די פאַרצווינגענע ליפּן.

אַלע הונצעס זין, טעכטער, און אפילו די איידעמס, די באַראָנען, זענען געווען אויסגעשטעלט און האָבן אויפגענומען די געסט. הונצעס זין האָבן זייערע שוואָגערס געדעקט אַלע חובות, אבי נאָר זיי זאָלן וועלן אראָפּקומען פון זייערע ווייטע ערטער און באַשיינען מיט זייער כבוד די שמחה. עס איז געווען בעסער צו האָבן עטלעכע פריערדיקע באַראָנען אין דער משפּחה צו די איצטיקע פּריש־באַאַדלטע. די איידעמס האָבן מיט זייער אַלטן יחוס

געדראַפּט פּאַרדעקן אַלע אומגעלומפּערטקייטן און פּראַסטאַקישע סיורפּרייזן, וואָס די אַלטע, נישט-געשיקטע עלטערן, די נייע באַראָ-נען, וועלן מיט זייער אויפפירונג אריינברענגען. די געסט האָבן גאָרנישט אויפגעהערט צו קומען. דער עלטסטער קאָמערדינער האָט זייער פייערלעך געמאָלדן יעדן גאַסט מיט אַלע טיטולן, וואָס ווער נאָר עס האָט געהאַט. צום לעצט איז געמאָלדן געוואָרן דער גובער-נאַטאָר אַליין.

דער אָרקעסטער האָט גלייך אויפגעשפּילט דעם רוסישן הימן, אז גאָט זאָל שיצן דעם צאַר, די מיליטער-לייט האָבן סאַלוטירט מיט א מאָפּסישער אָנגעבלאָזנקייט. די הערן און דאַמען זענען גע-שטאַנען שטייף. אז דער אָרקעסטער האָט פּאַרענדיקט, האָט דער גובערנאַטאָר אויסגערופן דריי מאָל הורא פאַר זיין מאַיעסטעט דעם צאַר און פון א פּאַפּיר ארויס פּאָרגעלייענט די מעלדונג פון דער קייזערלעכער קאַנצעלאַריע וועגן דעם טיטול באַראָן, וואָס ווערט געגעבן דעם אונטערטאַן היינץ הונצע פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן אנטוויקלען די טעקסטיל-אינדוסטריע צום וואויל פון פאָטער-לאַנד. אַלע האָבן אַפּלאָדירט. היינץ הונצע, וועלכער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וויפל דער גובערנאַטאָר האָט פאַר דעם טיטול גע-נומען אין מזומנים, איז פונדעסטוועגן זייער גערירט געוואָרן, הערנ-דיק וועגן זיינע אייגענע פאַרדינסטן פאַרן פאָטערלאַנד, וואָס זענען אַזש אין קייזערלעכן הויף אָפּגעשאַצט געוואָרן. ער האָט זיך פאַ-נאַנדערגעוויינט און פון גרויס צעטומלעניש זיך אויסגעווישט די אויגן מיט די פינגער, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן.

אַלע מיטאמאָל האָבן עס גלייך אויפגעכאַפּט און גלייך זיך איבערגעוואונקען זייער דיסקרעט איינער צום צווייטן.

— הורא! בראַוואָ! — האָט דער עולם געיובלט.

דערויף האָט דער באַראָן הונצע געדראַפּט ענטפערן. געגוג לאַנג האָט מען מיט אים איינגעחזרט, ער זאָל נישט אריינמישן די זאַקסי-שע פאָלקס-ווערטער אין זיין רעדן, ער זאָל זיך אויסלערנען אויסנ-ווייניק די רעדע, וואָס מען האָט אים אָנגעשריבן; א רעדע, פול מיט הויכע, אומפאַרשטענדלעכע פראַזן וועגן בירגערלעכער פליכט, וועגן טרייקייט צו גאָט און צום קייסער, וועגן פאַרנונפט און גוטס פאַר

דער געזעלשאפט, אַלץ באַצירט מיט זייער פּאָעטישע אויסדרוקן, לירישע אויסגוסן און געטלעכע פּסוקים. געגוג געכט איז דער אַל-טער נישט געשלאָפן, ביז ער האָט דאָס אַלץ געקאָנט אַריינגעמען אין זיין אַלטן קאָפּ מיטן גלייך געשוירענעם האַרטן בערשטעלע האָר. אָבער ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט און נישט געקאָנט אַרויסקריכן. ער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען און זאָגן עפּעס אַליין פון קאָפּ אַרויס, אָבער דאָ איז ער אַריינגע-פאַלן אין זיין פּראַקטאַקישן טאָן און אפילו געגומען אַריינוואַרפן די זאַקסישע פאָלקס-ווערטלעך. פון גרויס מורא נישט אַרויסצו-לאָזן, האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלטע שוין צופיל אָנגעבלאָזן, ווי די גומענע ליאַלקעס.

— פאַרן געזונט פון זיין עקסעלענץ, דעם גובערנאַטאָר, און פאַרן געזונט פון אַלע האָכוואָלגעבאָרענע געסט! — האָט דער באַראָן פאָן-היידעל-היידעלאָו, הונצעס איידעם, אויסגערופן הויך, הויבנדיק זיין בעכער, כדי צו ראַטעווען די לאַגע, — האָך!

— האָך! האָך! — האָבן אַלע געהויבן די בעכערס, וואָס מען האָט זיי גלייך צוגעטראָגן. איצט האָבן אַלע געקאָנט אויסלאַכן זיך צו דער זאַט פון הונצעס ערשטע נישט-באַראָנישע מאַניערן.

— ביי דעם ביר מיט זיינע אַלטע אמאָליקע מייסטערס גייט עס אים בעסער... — האָבן מענער געלאַכט.

— איך וואָלט נישט געוואָלט קיין לעק טאָן אין די טעכטערס הערצער איצט, — האָבן ווייבער געזאָגט מיט פאַרגעניגן, — מען וואָלט זיך געקאָנט אָפּסמן פון גיפט...

— א גויאישער קאָפּ — האָבן די אידישע באַנקירן געחוזקט.

— עס שמעקט מיט שוואַביש קרויט, — האָבן די פּוילישע שלאַכטשיצעס געקרימט מיט די נעזער פון אונטער די פּאַרדרייטע וואָנסעס, קוויקנדיק זיך מיט די טייערע אונגאַרישע ווייגען, — לאָ-דזשער מאַנופאַקטור-באַראָנען...

די לאַקייען זיינען אַרומגעגאַנגען מיט זילבערנע טאַצן אָנגע-שטעלט מיט ליקערן, קאָניאַקס און ווייגען פון די טייערסטע מאַר-קעס און קעלערס. די טישן האָבן זיך געבראָכן פון די שענסטע און קאָסטבאַרסטע שפּייזן. זילבערנע פּעסלעך אַסטראַכאַנער קאַוויאָר,

טעלער מיט אלערליי פישן, מושלען און אויסטערן, קאלטע פלייש פון היימישע און עקזאָטישע עופות און חיות, טויבן, פאזאנען, קאפהענער, הירשן, ווילדער חזיר, קוראָפּאַטוועס, ווילדע ענטלעך, בערן-וואורשטן, באַפּוצט מיט פרישע ספּעקטן-גרינוואַרג; קוישן מיט אלערליי פרוכטן, פרישע קאַרשן, וויינטרויבן, מאַרעלן, אַנאַ-נאַסן, געבראכט פון די ווארעמע לענדער אין קאלטן רוסלאנד, אַלץ באַפּוצט און באַצירט מיט בלומען און ווייסן בעז, געבראַכט פון דער ריוויערע — דאָס אַלץ איז געשטאַנען אָנגעשטעלט אויף די טישן און געבעטן זיך צו פארצערן.

אָפּערע-זינגער, טענצערינס, קאָלאָראַטור-זינגערינס, פידלער ווירטואָזן, האָבן ארויסגעבראַכט אַלע זייערע טאַלאַנטן, כדי צו פארזיסן די פארזאמלטע געסט די צייט און צו העלפן זיי פארדייען די פיל שפּייזן. די שענסטע אַריעס פון די בעסטע קאָמפּאָזיטאָרן האָבן אָפּגעקלונגען אין די הויכע געוועלבטע זאַלן. נאָר זעלטן, אַז אימיצער פון די געסט האָט זיי געהערט, מען איז געווען פארנומען מיט עסן, טרינקען, באַרעדן זיך, שפּאַסן, לאַכן, מקנא זיין. ווייבער האָבן מיט קנאה געקוקט זיך איינע אויף דער צווייטער אויף די בריליאַנטן, אויף די טייערע קליידער, אויף די שיינע דעקאָלטן. די אידישע באַנקירן האָבן באַמיט זיך אויסצונעמען מיט זייערע אידישע וויצן, וואָס זיי האָבן דערציילט פאַר די גוים, ארויסרופנ-דיק געלעכטער און בייפאַל. די רוסישע מיליטער-לייט האָבן זיך איבערגעגעבן פאַרנאָגראַפישע וויצן און קאַזאַרמע-אינטריגעס. די דייטשע פאבריקאַנטן האָבן זיך באַלעקט פון די היפּשע ווייבערישע דעקאָלטן און פליישיקע לענדן. די פּוילישע שלאַכטשיצעס האָבן געשאָטן שטעכווערטלעך קעגן די רוסן, דייטשן און אידן, וואָס האָבן פארכאַפּט דאָס לאַנד.

די שטימונג איז דאָ געווען אַ רוסיש-דייטשע. מען האָט זעלטן אַ פּויליש וואָרט געהערט. מען האָט גאָר דאָ נישט געקאָנט אויס-קומען מיט פּויליש. קיין דייטש האָבן די שליאַכטשיצעס נישט געקענט און זיי האָבן געמאַטערט זיך מיט דעם ביסל גרייזיקן פראַנ-צויזיש, וואָס זיי האָבן נאָך פון די יונגע יאָרן געדענקט. דאָס האָט זיי בייז געמאַכט און זיי האָבן נישט אויפגעהערט מורמלען צו זיך:

— פראָסטאַקישע גרויסקייט, אָנגעשטעלט ווי אין א שענק.

— פאַרזיכטיק, ווערסט נאָך געפינען א שוואַביש קישקעלע מיט קרויט.

— און א שטיקל אידישן הערינג מיט קנאָבל...

— שוין באלד קיין אָרט נישט זיין פאר קיין שליאַכטשיץ אין לאַנד, בלויז קאַצאַפּעס, שוואַבעס און כאַלאַטניקעס...

מען האָט געטרונקען צו זיך קעגנזייטיק. רוסישע טשינאָוו־ניקעס האָבן געקלאַפּט אין די גלעזער צו פּוילישע פּריצים, וועמעס קרובים זענען נאָך געזעסן אין סיביר פאַר דעם אויפשטאַנד מיט א צייט צוריק. פּוילישע פּריצים האָבן געדריקט די הענט פון אי־דישע באַנקירן, צו וועמעס טובה און קרעדיטן זיי האָבן געדאַרפט אָנקומען. דייטשע פאַבריקאַנטן האָבן געקלאַפּט זיך אין די פּליי־צעס גוטברודעריש. אָבער ווי נאָר מען האָט זיך צעשיידט, האָט מען זיך באַרעדט, באַזידלט.

— פּוילישע קבצנים, בעל־גאוהס, — האָבן אידישע באַנקירן געברומט. — בלאָזן זיך ווי די אינדיקעס...

— שווייניש שוואָבן, צעלייגט זיך ווי די באַלעבאַטים דאָ,— האָבן פּאָליאַקן געשיפּעט.

— אידישע טאַנדעטניקעס, — האָבן די דייטשע געכעסט זיך — די גאַנצע וועבעריי פאַרכאַפּן זיי.

— דאַמאַטשקי כאַראַשניקיע, — האָבן די רוסישע אָפיצירן גע־מורמלט, — נאָר די מענער דאַרף מען שיקן צום טייוול. בלויז פּרעמדע, ווי מען וואָלט גאָרנישט אין אייגענעם רוסלאַנד געווען...

שנאה האָט געהערשט אין די רייכע באַלויכטענע זאַלן. די הונצעס האָבן געעפנט אַלע טירן, געוויזן פאַר די געסט די זאַלן, די שלאָפצימערן אין סטיל פון לואי דעם פופצנטן; די ביבליאָטעק־זאַלן מיט די געגילדעטע ביכער; די יעגער־שטובן מיט די פּיל הערשן־הערנער און אַלערליי וואָפן; די רויכער־זאַלן מיט די שווע־רע לעדערנע פאָטעלן; די בילדער־גאַלעריעס מיט די ריזיקע דייטשע קאָמפּאָזיציעס אין גילדענע ראַמען און מיט צוויי פּאָרטרעטן פון די באַלעבאַטים פון הויז, זייער ענלעכע, זייער פייערלעכע און זייער צוגעפּוצטע, ווי די בילדער פון די קעניגן.

— פראכטפול, — האָט מען געלויבט הויך; — טאַנדעט, — האָט מען איינגערוימט זיך שטיל קעגנזייטיק.

— וואונדערבאַרע עקזעמפּליאַרן, — האָט מען געלויבט אויפן קול די חיות אין די יעגער-שטובן; — געקויפט גרייט, — האָט מען איינגערוימט זיך סודות.

מען האָט באוואונדערט די ביכער און געפרעגט זיך אויפן אויער, צי דער אַלטער הונצע לייענט זיי נישט מיטן קאָפּ אַראָפּ. מען האָט זיך אַנטציקט מיט די מאַרמאָרן, יאַפּאַנישע קרוגן, און גע-וויצלט זיך, אַז די אַלטע הונצעכע וועט זיי באַנוצן אויף איינזויערן ביר.

ווייבער זענען דערגאַנגען די יאָרן זייערע מענער, וואָס אויך זיי האָבן נישט געטאָן עפּעס צו קריגן אַ טיטול און באַשיינען די פאַמיליעס. מוטערס האָבן געקוקט מיט קנאהדיקע אויגן אויף הונצעס זין, צו וועלכע עס וועט גאַרנישט זיין איצט צוצוטרעטן. עלטערע ווייבער האָבן געפרעסן די יונגע פּאָר זייער שיינקייט און באַרעדט זיי פאַר זייער אויסגעלאַסנקייט. מיאוסע האָבן מקנא גע-ווען די שיינע, ווייניקער רייכע האָבן זיך געגעסן די גאַל צוליב די רייכע מיט זייערע בריליאַנטן.

אָבער אויסערלעך איז מען געווען צווישן זיך פריינטלעך, גוט, אויפמערקזאַם, איידל. מען האָט געשנורעוועט פּיסקלעך, גע-טריפט מיט האָניק, געשאָטן זיך קעגנזייטיק קאָמפּלימענטן. און די מוזיק האָט נישט אויפגעהערט שפּילן, די אָפּערע-זינגער זינגען, די טענצערינס טאַנצן, די בריליאַנטן בליצן, די ווייַנען פינקלען.

— פראָזיט, באַראָן, האָך, באַראָנעסין!

— פראָזיט, מיינע ליבע טייערע געסט!

אין מיט נאַכט האָט דער אָרקעסטער גענומען אויפשפּילן טאַנץ-מוזיק, וואַלצן, פּאָלאָנעזן און קאַדרילן. יונגע פרויען און מענער האָבן זיך געטוליעט איינער צום צווייטן, גערוימט זיך ליבע-ווערטער אין די אויערן, צוגעדריקט זיך, געקושט זיך בגנבה און געגליטשט זיך איבער די גלאַנצנדיקע דילן. די עלטערע מענער זענען אַוועק צו די קאָרטן-טישלעך, וואו מען האָט געשטעלט פאַרמעגנס אין קאָן. דער אַלטער הונצע און זיין ווייב האָבן נישט געקאָנט אויס-

זיצן אזוי שפּעט און זיי זענען אריינגעפירט געוואָרן באַצייטנס פון זייערע טעכטער אין דעם ניי־איינגעאָרדנטן שלאָף־צימער. פון דערוויטנס האָט זיך דערטראָגן די מוזיק צו זיי, אָבער זיי זענען נישט געווען פריילעך אין די גרויסע געשניצטע בעטן מיט די בלויע זיידענע באַלדאַכימען. די גאַנצע געזעלשאַפט איז זיי געווען שווער, שווער פאַר זייער עלטער, שטאַנד און באַגריפן. זיי האָבן זיך זייער פרעמד געפילט אין דער נייער באַראָנישער הויט. זיי האָבן זיך אין אַלץ פאַרטשעפּעט, ארויסגעכאַפּט זיך מיט נישט־פּאַסנדיקע רייד. די טעכטער האָבן זיי כסדר אַוועקגעפירט אין די ווינקעלעך און געמוסרט.

— אום גאָטעס ווילן, שווייגט דאָך! — האָבן זיי זיי גע־שטראָפט.

זיי האָבן זיך דערמאָנט אין די אַמאָליקע יאָרן און געבענקט נאָך זיי.

— היינצל, שלאָפסט? — האָט די אַלטע געפרעגט דעם מאַן אירן.

— ניין, און דו, מאַטילדאַ?

— אויך נישט, — האָט די אַלטע געענטפערט.

און אין דרויסן, אַרום פּאַלאַץ, פון יענער זייט שטיינערנעם פּאַרקאַן, האָבן זיך געריסן טויזנטער מענטשן און געוואָלט כאַפּן אַ בליק אין באַלויכטענעם פּאַלאַץ אריין, נאָר דער שטיינערנער צוים האָט אַלץ פאַרשטעלט.

מען האָט בלויז געזען די באַלויכטענע גרויסע פענסטער, די געדעמפּטע פייערן, וואָס האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך די שווערע פאָרטיערן.

די קוטשערס האָבן געקנאַקט מיט די בייטשן אין דער נאַכט אריין.

קאפיטל פיר און צוואנציק

ווי א שווערע משא, א לאסטנדיקע און דריקנדיקע, האט זיך געלייגט דער באראנען-טיטול אויף דעם אלטן הונצע.

ערשטנס האט ער אריינגעטריבן, דער טיטול, אין ריזיקע קאסטן, א סך מער אריינגעכאפט, ווי עס איז פריער דורך די זין זיינע געווארן אויסגערעכנט, פילפאך מער. דער גובערנאטאר האט א וועלט מיט געלט איינגעשלונגען. נישט קיין קלענערע געלטער האבן איינגעשלונגען דאס איבערבויען דעם פאלאץ, דאס נייע מעבל, זאכן און דער באל, וואס זענען צום טיטול צוגעקומען. הונצע האט די זין זיינע גערעקט די הוצאות. אבער שמחה מאיר האט זיך נישט געאיילט אפצונעמען דעם חוב. ער האט אים בעסער געוואלט האבן ביי די הונצעס. די יונגע באראנען האבן זיך נישט שטארק געשפארט דעם חוב אפצוגעבן. מער ווי אלעמאל, האבן זיי איצט, אין דער נייער באראנישער הויט, געדארפט אסך געלט. אויפן באל אליין האבן זיי אין קארטן פארשפילט גרויסע סומען. דער דיקער הויפט-דירעקטאר אלברעכט, וואס שטולן ברעכן זיך אונטער זיין משא, האט מיט א סך אנטשולדיקונגען, שיינע ווער-טער און זיסע רייד דערמאנט דעם אלטן הונצע, דאס דער בא-לאנס ווערט באשווערט.

— טוט מיר זייער לייד, הער באראן, — האט ער זיך פאר-ענטפערט, — אבער עס איז מיין פליכט אויפמערקזאם צו מאכן, אז אין דער קאסע זענען דא לעכער, היפשע לעכער, און געצקע וויל מיט זיינע הכנסות נישט ווארטן. קיין איין פעניג וויל ער נישט לאזן שטעקן פון זיין זייט.

— דער שוויין-הונט געצקע! — האט הונצע געברומט בייז, — דיזער לאז-בוב!

געצקע איז איצט ווידער געווען קריגעריש געשטימט קעגן הונ-צען, פונקט ווי פריער, איידער זיי זענען נאך געווען שותפים. דער באראן-טיטול, וואס הונצע האט איצט געהאט, האט געצקען קיין

מנוחה נישט געגעבן, געשטערט אים די רו אין די נעכט. פאר דער גאנצער צייט פון דעם שותפות האָט ער א שטילע שנאה געטראָגן צו זיין פאַרטנער. וואָרום כאָטש געצקע איז געווען א גלייכער שותף צו דער פאבריק, גלייך געלט, ארבעט, און אפשר נאָך מער, פון הונצען אריינגעלייגט, איז אלץ די פאבריק געגאנגען אויף הונ־צעס נאָמען. אויף די שילדן, אויף די בריוו, אויף אלע פאַפירן איז געווען דייטלעך אָנגעשריבן הונצע עט געצקע, אבער צווישן מענטשן, אין גאַס, האָט מען אלץ געזאָגט „הונצעס פאבריק", גאָר־נישט צוגעבנדיק געצקעס נאָמען. אויך די דירעקטאָרן פון דער פאבריק, די מענטשן, אלע האָבן זיי ארויסגעוויזן מער כבוד צו הונצען ווי צו געצקען. עפּעס האָט זיך דער נאָמען געצקע נישט אריינגעקלעפּט אהער, נישט אָנגענומען זיך. דאָס האָט געצקען א סך קרענקונג פאַרשאַפט.

טאָמער איז דאָס נאָך געווען ווייניק, איז נאָך צוגעקומען איצט דער עסק מיטן טיטול בּאראָן, וואָס הונצע האָט געקריגן. אמת, אז געצקע אליין האָט דעם טיטול נישט אָנגענומען. פאר אים האָט ער נישט עקזיסטירט אינגאנצן. נישט נאָר איז ער נישט אויף דעם באַל צו די הונצעס געקומען, נאָר ער האָט קיין איין־איינציק מאָל נישט אויסגערעדט דעם טיטול אויף זיינע ליפּן. ער האָט אים נישט באַנוצט, נישט ווען ער האָט גערעדט צום אַלטן הונצע, נישט ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט די זין זיינע. ווי שטענדיק האָט ער דעם אַלטן הונצע גערופן „הער היינץ", און די זין זיינע, — „יונגע". ער האָט עס אויך נישט געקאָנט הערן פון די דירעקטאָרן און אינ־זשיניערן, ווען זיי האָבן אָנגערופן דעם שותף זיינעם מיטן טיטול.

— אַך, הונצע, — האָט ער פאַרריכט יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן געזאָגט „דער הער באראָן".

וויפל ער האָט פון דער פריסטער צייט אָן נישט באַמיט זיך נאָכצויאָגן דעם הונצע, איז ער אלץ געבליבן הינטערשטעליק. ער האָט, אמת, אים באַזיגט, געצוואונגען דעם אַלטן אמאָליקן מייס־טער זיינעם אריינצוגיין מיט אים אין שותפות, מיט אים, געצקען, וואָס קיין אנדער נאָמען ווי „לאָוז־בוב" האָט ער פאר אים נישט געהאַט. דאָס איז געווען א גרויסער זיג. אָבער פאר לייט, אין דער

וועלט, איז פּאַרט הונצע פאַרבליבן דער גרויסער פאַבריקאַנט, דער קעניג פון לאָדזש, און ווען געצקען האָט מען ווייניק געוואוסט, נאָר צווישן געציילטע מענטשן. ער האָט אַלץ געטאָן זיין אמאָליקן מייסטער נאָכצומאכן. ער האָט זיך אויסעבויט פּונקט אַזאַ פּאַלאַץ ווי הונצע, געקויפט זיך די זעלבע קאַרעטן, די זעלבע פערד, אריינגעשטעלט די זעלבע מעבל, נאָכגעמאָלפּעוועט אים אין אַלץ, אין קליידן זיך, אין רויכערן די פייף, אין רעדן מיט שטאַרקע ווערטער, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. איצט האָט זיך הונצע געגעבן א שטאַרקן רוק ארויס פאָרויס, לאָזנדיק אים, געצקען, הינטערשטעליק אויף גאָר א היפּשן מהלך. און געצקע האָט געשווימט פאר כעס, נישט הנאה געהאַט פון זיין עסן, נישט קיין טעם געפילט פון זיין שלאָף.

ער האָט שטאַרק געזוכט א געלעגנהייט ווי ארומעט דעם הונצע כאַפּן אויף דער ווענדקע, אריינשטעכן אים א שפּיזל, נקמה נעמען אין אים. איצט איז אים די געלעגנהייט אונטערגעקומען. אין דער קאַסע זענען געווען לעבער. נאַטירלעך, האָט מען זיי געקאָנט פאַרשטאָפּן, ווען ער, געצקע, וויל נאָר. געצקע האָט זייער לייכט געקאָנט וואַרטן מיט זיינע דיווידענדן. דאָס געלט האָט אים נישט געקוועטשט. אָנשטאָט אין די בענק, האָט ער עס לייכט געקאָנט לאָזן שטעקן אין דער פאַבריק און דערמיט הונצען א טובה טאָן. אָבער ער האָט עס נישט געוואָלט. וויפל דער דיקער דירעקטאָר אלברעכט האָט אים נישט איינגערעדט, גענומען אים פאר די לאַצן, פאר דער טאַליע, געקלאַפּט אים חבריש אין די קני, האָט געצקע נישט נאָכגעגעבן.

— זאָל ער זיך ווערן א באַראָן אויף זיין חשבון, נישט אויף מיינעם, — האָט ער געזאָגט מיט עקשנותדיקער הנאה.

מעגלעך, אַז ווען הונצע אַליין בעט אים, וואָלט ער נישט אָפּגעזאָגט. דאָס וואָלט ביי אים ווערט געווען די סומע. אָבער הונצע האָט מיט דעם „לאוז-בוב", מיט דעם שווייך-הונט נישט געוואָלט רעדן. נישט דערלעבן וועט עס דער געוועזענער געזעלן-יונג זיינער, אַז ער, הונצע, זאָל אים בעטן טובות. בעסער קראַפּירן! און דער דיקער דירעקטאָר אלברעכט, וואָס שטולן ברעכן זיך אונטער זיין

משא, האָט אַזש געשוויצט אויפן גאַנצן דיקן קערפּער זײַנעם פאַר עגמת-נפש. ער האָט געמוזט די לעבער אין דער קאַסע אויסגלײַכן. אמת, הונצע וואָלט געקריגן קרעדיט וויפל נאָר ער וואָלט געוואָלט. הונצעס א וועקסל איז קוראַנט ווי א באַנקנאָט. אָבער הונצע וויל נישט אַרויסלאָזן קיין וועקסלען. זײַן פּרינציפּ איז נישט אונטער-שרײַבן עפּעס. לאָדזש וויצלט זיך, אַז דאָס איז דערפאַר, ווײַל ער קאָן זיך נישט אונטערשרײַבן ווי געהעריק. אבער אזוי איז עס נישט. דאָס איז בלויז בײַ אים א פּרינציפּ. א קעניג שרײַבט נישט קיין וועקסלען — ווייסט הונצע — און ער איז קעניג, דער מאַ-נופאַקטור-קעניג פון פּוילן.

אויסער דעם אַלעמען האָט ער נישט געהאַט קיין מנוחה אין שטוב זינט ער איז געוואָרן באַראָן. די זין מיט די טעכטער האַלטן אים אין איין לערנען דרך-ארץ, מאַניערן. אַלעמאָל אָרדענען זיי איין אין פּאַלאַץ בעלער פאַר אַריסטאָקראַטן, אויף וועלכע די אַלטע, הונצע, ווי דאָס ווײַב זײַנס, פילן זיך זייער פרעמד, איבערגעשראָקן און פאַרזיכטיק, זיי זאָלן זיך מיט עפּעס נישט אַרויסכאַפּן. די אײַנ-געלאַדענע אַריסטאָקראַטן לאַדן איין צו זיך אין די הויפן, אויף יאַגד, אויף בעלער. פאַר הונצען איז דאָס אַן אָפּקומעניש. ער ווייסט גאָרנישט צו זאָגן וועגן די זאַכן, וועגן האָזן, פערד, הינט, יחוס, קאָרטן און וויינען. דאָס גרעסטע פאַרגעניגן בײַ אים איז אַרומצוקריכן אין פאַבריק, רעדן מיט סוחרים, וויצלען זיך מיט די מײַסטערס, רעדן גראָבקייטן צו די אינזשיניערן און כעמיקער. ווי פריער, טוט ער אָן באַלד אינדערפרי דעם לויזן אָנצוג מיט די ברייטע טאָרביקע הויזן, כדי אַרומצוקריכן אין דער פאַבריק, אָבער די זין מיט די טעכטער לאָזן אים נישט, דערגייען אים די יאָרן.

— פאַרגעס נישט, פּאָטער, אַז דו ביזט א באַראָן, — זאָגן זיי אים, — דו דאַרפסט זיך נישט אַרײַנלאָזן מיט דעם פּעבל.

זיי לאָזן אים נישט אויסרעדן קיין וואָרט מיט קיין מענטש, לאָזן אים נישט גיין צופוס, ווי ער האָט ליב, נאָר פאָרן אין דער קאַרעטע מיטן הערב. אויך די מענטשן אַרום, די נאָנטסטע, האָבן אים גענומען ווייכן, זינט ער איז געוואָרן באַראָן. זיי רעדן צו אים

נישט אזוי פריי ווי פריער, נאָר אָנגעבלאָזן און פרעמד, טיטולירנדיק אים כסדר „הער באַראָן“.

ערגער פון דעם אַלעם איז, וואס מען האָט אים גענומען אריינציען אין פארשידענע אינסטיטוציעס, מאכן אים אומעטום פאר ערן-פּאַרזיצענדער און מען פאָדערט ביי אים געלט אויף שפּיטעלער און קירכן. הונצע האָט פיינט צו געבן. ער גלויבט, אז זיין פארמעגן האָט ער געמאכט מיט זיינע אייגענע הענט, מיטן אייגענעם שכל. ער האַלט אַלע איבעריקע מענטשן, וואס זענען נישט אויסגעוואקסן אזוי גרויס ווי ער, פאר נאריש, שלים-מזלדיק און פויל. איבערהויפּט האָט ער פיינט אָרעמע מענטשן. אַלע, איז ער איבערצייגט, זענען זיי שיכורים און פוילע. זיי וואָלטן נאָר וועלן ביים צווייטן פארכאַפּן, בעטלען. און אים פארדריסט זייער, ווען מען קומט צו אים בעטן פאר די אַלע שלעפּערס, פאר זייערע שפּיטאָלן, קירכן און אַנדערע זאכן.

— איך צאָל שטייערן, א סך שטייערן דער מלוכה, — ענטפערט ער בייז, — און זאָל די מלוכה זיך זאָרגן פאר זיי. איך גיב נישט דערויף.

פריער פלעגט ער טאקע נישט געבן. אָבער זינט ער איז געוואָרן א באַראָן, האָט מען אָנגעהויבן קומען צו אים, שיקן בריוו. אינסטיטוציעס באערן אים מיט כיבודים; מוטערס בעטן ביי אים שטיצע פאר זייערע קינדער, וואס זיי ווילן בילדן; אַלמנות בעטן הילף; אַלטע בעטן שטיצע. ער וויל אָפּזאָגן, אָבער די קינדער לאָזן אים נישט.

— געדענק, פאָטער, אז דו ביזט באַראָן הונצע! — דערמאָנען זיי אים. — מוזט זיך פירן ווי אַלע אדל-לייט.

אָבער דאָס ערגסטע פון אַלעם איז געווען דאָס, וואָס די אַלע זאכן האָבן זיך געלייגט שווער אויף דער פאבריק, געלאַסטעט זייער. און הונצע איז אומגעגאנגען א פארזאָרגטער, א נידערשלאָגענער. ער האָט גאָר קיין רו נישט געהאט אין דעם נייעם הערביקן פּאַלאַץ זיינעם.

עטלעכע נעכט צייט זענען הונצע און דער דירעקטאָר אַלברעכט נישט געשלאָפן און אַלץ געטראכט, ווי אזוי אויסצוגלייכן די לע-

כער, וואָס דער באַראָן-טיטול האָט אָנגעמאַכט אין דער פאַבריק. מען האָט די לעכער געמוזט אומבאַדינגט אויסגלייכן, ווייל לעכער זענען געפערלעך. לעכער, ווען מען פאַרשטאָפּט זיי נישט גלייך, האָבן אַ טבע זיך צו פאַרשפּרייטן, צו פאַרטיפן, ביז זיי דערגרייכן מיטאָמאָל צו אַזאַ טיף, אַז זיי ווערן אַן אָפּגרונט. נאָך אַלע טראַכטונגען און זוכענישן, איז אַלברעכט געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז קיין אַנדער וועג איז נישטאָ ווי צו אויסגלייכן די לעכער מיט אייגענע מיטלען, מיט אָפּשפּאָרונגען אין דער פאַבריק אַליין. די פאַבריק, נישט קיין אַנדערע, דאַרף העלפן. דאָס געזונטסטע פאַר אַ קערפּער איז, ווען ער דאַרף נישט אָנקומען צו מיטלען, נאָר ווען ער העלפט זיך אַליין. דאָס איז נישט נאָר ביי אַ מענטש, האָט אַלברעכט דער דירעקטאָר געוואוסט. נאָר אויך אין אַן אונטערנעמונג.

— שטימט, אַלברעכטכען, — האָט אים הונצע צוגעגעבן, — האָסט גאָלד אים מונדע...

אַז אַלברעכט האָט שוין געהאַט הונצעס הסכמה אויך, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי די אָפּשפּאָרונגען אין דער פאַבריק דורכצופירן, אַז זיי זאָלן דעקן די לעכער. פאַרערגערן די קוואַליטעט קאָן מען נישט. נישט לייכט איז אָנגעקומען הונצען צו קריגן אַזאַ באַרימטן נאָמען, צו דעראָבערן זיך דעם מאַרק, צו פּאָפּולאַריזירן זיך אַזוי, אַז יעדע באַלעבאָסטע, יעדע אָרעמע פרוי אַפילו זאָל וויסן, אַז סחורה מיט די צוויי נאַקעטע בערדיקע לייט מיט פייגנבלעטער אויף דער שאַנד און מיט שפּיזן אין די הענט אין די בעסטע, איז די רעיעלסטע. עס האָט גענוג מי געקאָסט ביז מען האָט צו דעם דערגרייכט. הונצעס פאַבריק האָט שטענדיק געהאַלטן פון סאָלידקייט, פון אויסבעסערן כסדר די סחורה. און עס האָט זיך געלוינט. די סאָלידקייט האָט זיך זייער גוט אָפּגעצאָלט. אַ סך מעדאַלן, זילבערנע, גאָלדענע און בראָנזענע, האָבן דערפאַר באַצירט די פאַבריק און די ברעגן פון די סחורות. אמת, אַז ביי דער פּאָפּולאַריטעט און גוטן שם וואָלט מען לייכט געקאָנט אַביסל צופושערן, עטוואָס פאַרערגערן און איינשפּאָרן, אָבער דאָס איז אַ וועג אַ גליטשיקער, אַ געפערלעכער. עס פעלן נישט קיין

שונאים, נישט־פארגינער, וואָס וועלן גלייך די זאַך צעפּויקן, צע־טראָגן. ניין, הונצע דאַרף בלייבן סאָליד, ווי געווען.

אמת, מען וואָלט געקאָנט פאַרקלענערן דעם בודזשעט פון הונצעס הויז. זייער לייכט קאָן מען אָפּשפּאָרן שיינע עטלעכע צענטליק טויזנט רובל אַ יאָר אין די הוצאות. אָבער דערפון איז נישט געווען לייכט צו רעדן, נישט פאַר דעם דירעקטאָר אַלברעכט, נישט פאַר דעם אַלטן הונצע. דאָס איז נישט געווען אין זייער האַנט. דאָס איז געווען געוועזן אָן די טעכטער, די זין, די איי־דעמס די באַראָנען. דאָס האָבן זיי געדאַרפט נישט פאַרשפּילן אַזויפיל אין קאָרטן, נישט אָנמאַכן אַזעלכע גרויסע חובות, נישט וואַרפן מיט געלט אויף אַלערליי נאַרישקייטן. הונצע האָט נישט איינמאָל געשריגן, געקלאַפּט אין טיש מיט זיין האַריקער באַלמע־לאָכישער האַנט, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. קעגן דעם האָט קיינער נישט געקאָנט זיין קיין בריה. דאָס איז געווען ווי אַ מכה, וואָס איז נישט אויסצוהיילן, נאָר צו טראָגן זי אויפן קערפּער.

די איינציקע זענען געבליבן די אַרבעטער, אויף וועלכע מען האָט געקאָנט שפּאָרן. זיי זענען נישט קיין סחורה, וואָס אָפּשפּאָ־רונגען אויף זיי דערקענט מען. אמת, זיי נעמען נישט קיין סך, אָבער זיי זענען אַ סך, עטלעכע טויזנט, און די קאַסע איז איינע. ווען יעדער פון זיי וועט נאָר קריגן עטוואָס ווייניקער, וועט עס אין סך־הכל אויסמאַכן אַ היפּשע סומע. אין פאַרלויף פון איין איינציק יאָר סך־הכל וועלן זיך די לעבער אויסגלייכן. עס איז געזונט פאַר דער פאַבריק, ווען זי וועט נישט אָנקומען צו קיין זייטיקע מיטלען, ווען זי וועט אַליין קומען צו זיך. די, וואָס וועלן נישט וועלן, וועלן זיך קאָנען גיין. ס'פעלן נישט קיין בעלנים איצט צו גיין אין פאַבריק. יעדן טאָג שטייען פויערים און פויערטעס, וואָס קומען פון די דער־פער אין שטאָט אריין זוכן אַרבעט. זיי זענען גרייט צו אַרבעטן פאַר גראָשנס, איבערהויפּט די דאָרפישע מיידלעך, וואָס די עלטערן קאָנען זיי נישט אויסהאַלטן אויף דער מאָגערער ערד. זיי זענען די בעסטע אין אַ פאַבריק. זיי אַרבעטן גאָרנישט ערגער פון די מאַנס־בילן. די מאַשינען אַרבעטן אַליין, זיי דאַרפן בלויז העלפן, און העלפן זענען אַמבעסטן די ווייבערשע. זיי פאַרלאַנגען גראָשנס, די יונגע

פויערטעס, זענען אונטערטעניק, טרינקען נישט און טוען זייער ארבעט פינקטלעך.

אלברעכט איז געקומען צום געדאנק, אז גלייך צומארגנס וועט ער פארארדענען די מייסטערס, זיי זאלן זען וואס מער ארויסשטויסן די מענער און אויף זייער ארט צונעמען פרויען, איבערהויפט יונגע מיידלעך, וואס איינגערע איז בעסער.

נאכדעם האט אלברעכט אויך געענדערט דעם ביז־איצטיקן לוין און אראפגענומען פון אים גאנצע פופצן פראצענט. דאס האט אויסגעמאכט פארן יאר פונקט אזויפיל, וויפיל עס האבן באטראפן די לעבער אין הונצעס יערלעכע דיווידענדן, וואס זענען געקומען צוליבן טיטול באראן, וואס דער פיעטראקאווער גובערנאטאר האט אויסגעארבעט אין פעטערבורג.

— שטימט, אלברעכטכען, האסט גאלד אים מונדע, — האט אים הונצע צוגעווארפן א קאמפלימענט, צוזאמען מיט א מתנה.

— צוליב דעם, וואס מען האט מיר געמאכט איצט א נייע קא־רעטע מיט א הערב, — האט הונצע געזאגט, — וועל איך דיר, אלברעכטכען, שענקען מיין פריערדיקע קארעטע מיט די פערד, גע־שפאן און קוטשער. ביזטו צופרידן?

— דאנקע, הער באראן! — האט אלברעכט געזאגט, בויגנדיק אומגעשיקט זיין ריזיקן קערפער, וואס שטולן ברעכן זיך אונטער זיין משא.

גלייך צומארגנס האבן זיך אנגעהויבן די ענדערונגען אין הונצעס פאבריק. מען האט וואס מער באזייטיקט מענער און אוועק־געשטעלט פויערשע מיידלעך אין געבלימטע טיכלעך אויף די קעפ ביי די שטולן. מען האט זיי געצאלט א דריטל דערפון, וואס די מענער האבן געקריגן. ביי דער פאבריק־קאסע זענען געשטאנען לאנגע רייען פוילישע דארפס־פויערים, וואס האבן א צייט געאר־בעט אין דער פאבריק, און געקנייטשט נערוועז די בלויע היטלען אין די הענט, ווארטנדיק אויף דעם לעצטן חשבון פאר דער וואך.

— וואוהין גיין, יעזוס? — האבן זיי געברומט און געקנייטשט פעסטער די היטלען, וואס זיי האבן שוין באצייטנס אראפגענומען פון די בלאנדע קעפ, כאטש עס איז נאך ווייט געווען צו דער קאסע.

די פארבליבענע דייטשע ארבעטער, וואָס האָבן געוואוינט אין די קאזארמעס אויף דער פאבריק־ערד, האָבן געשאָלטן מיט שווע־רע קללות אין די סחורות אריין, וואָס זיי האָבן אויסגעוועבט.

— קרויץ־סאקראמענט פערפלוכט, טויפל, — האָבן זיי נישט אויפגעהערט דרייען די קללות צוזאמען מיט די פעדים, אומקוקנ־דיק זיך מיט אומרואיקע אויגן, צי די מייסטערס דערהערן נישט.

די מייסטערס האָט מען פון לוין נישט אראָפּגענומען, אזוי האָט אַלברעכט, דער דירעקטאָר, געראטן, און הונצע האָט זיין עצה אָנגענומען. זיי זענען דעריבער געטרייער געווען ווי שטענדיק און נאָכגעשפּיאָנירט די ארבעטער אויף טריט און שריט. זיי האָבן גע־דארפט וואָס מער פּטור ווערן פון די מענער און אריינציען ווייבער אויף זייער אָרט. דאָס האָט זיך געלוינט סיי פאר דעם דירעקטאָר, סיי פאר זיך אליין, ווייל די פויערשע מיידלעך, וואָס האָבן קיין וואָרט דייטש נישט פארשטאַנען, האָבן קיינמאָל די העזה נישט געהאט קעגנצושטעלן זיך די מייסטערס, ווען זיי האָבן זיי אין א ווינקל געפּאקט און אויף די באַלנס סחורה אוועקגעוואָרפן. זיי האָבן דעריבער כסדר ארומגעשמעקט, געזוכט די פּרעטענזיעס, געטשעפּעט זיך צו די ארבעטער, כדי פאר דער מינדסטער קליי־ניקייט געבן א רעכענונג צו דער קאסע און פארבאָטן מער קומען אין דער פאבריק. זיי האָבן ארומגעשמעקט ווי די שפּיר-הינט. די ארבעטער האָבן דעריבער זייער שטיל געשאָלטן אין די סחורות אריין הונצען מיט אַלע הייליקע צוזאמען פאר די פופצן פּראָצענט, וואָס מען האָט אראָפּגענומען זיי פון לוין.

מער פון אַלע פאבריק־מייסטערס האָבן געלעבט איצט א טאָג דער פאבריק־דינער מעלכיאָר, דער צעוואקסענער פארשוין מיט די רויט־האָריקע לאַפּעס, וואָס טראָגט א גרינעם יעגער־קאָסטיום און טאַפּט ארום די ארבעטער ביים ארויסגיין פון דער פאבריק, און זיין נאָנטסטער פריינד יאַסטעל, דער הויפּט־וועכטער פון פאבריק־הויף, דער פארוואַלטער איבער אַלע שליסלען, טירן און טויערן.

ביידע האָבן זיי זיך פארנומען מיט וואוכעריי אין דער פאבריק. זיי האָבן געליהען די ארבעטער קליינע סומען, פון א האַלבן רובל ביז דריי. צווישן די ארבעטער זענען פיל געווען, וואָס האָבן אויסער

דער שטוב אַריינגעכאַפּט אַ גלאָז ביר אין שענק, פאַרשפּילט אין קאָרטן אַמאָל אַ וואָך לוין, אָדער געהיים ביי אַ פעלדשער זיך גע־היילט פון אַ שלעכטער קראַנקהייט, פון וואָס זייערע ווייבער האָבן נישט געטאָרט וויסן. דאָס איז געווען שווער אַראָפּצונעמען פון לוין, וואָס מען גיט מערסטנס אַוועק די ווייבער אויף אַ גאַנצער וואָך, און מען האָט געמוזט אָנקומען צו זייטיקע הלוואות. זיי האָבן געגעבן הלוואות, די צוויי פאַבריק־וועכטער, אָבער בלויז אויף איין וואָך, פון שבת ביז שבת, ווען מען נעמט אָפּ דעם לוין, און גע־נומען האָבן זיי בלויז איין צענערל פון אַ רובל פאַר דער וואָך. זיי האָבן געגעבן ניינציק קאָפּיקעס און אָפּגענומען אַ רובל.

זיי האָבן אַ סך געלט געהאַט, די צוויי וועכטער. מעלכיאָר, דער ריזיקער פאַרשוין אין גרינעם יעגער־קאָסטיום, האָט געקריגן טרינק־געלט פון די רייכע אינטערעסאַנטן, וואָס זענען געקומען אין הונצעס קאַבינעט און וועלכע ער האָט זייער דינסטפעליק באַדינט, שטייענדיק אויסגעצויגן פאַר יעדן מיט די רויט־האָריקע לאַפּעס איבער די נעט פון די געפּאַסטע גרינע יעגער־הויזן. נאָך מער פלעגט ער קריגן פאַר צושטעלן דעם דירעקטאָר אַלברעכט אַלעמאָל נייע ידיעות, וואָס זאָלן אויפראַמען אים די בחורישע וואוינונג זיינע, וואָס ער האָט ביי דער פאַבריק. ער האָט ליב געהאַט, דער דיקער דירעקטאָר אַלברעכט, זייער פרישע און יונגע מיידלעך, וואָס זאָלן אים באַדינען. מעלכיאָר, וואָס האָט געהאַט גרויס ערפאָלג ביי די ווייבער אין פאַבריק סיי צוליב זיין אַמט, סיי צוליב זיין גרינעם יעגער־קאָסטיום, סיי צוליב זיין צעוואַקסענער מענערישקייט, האָט זייער אַ לייכטן צוטריט געהאַט צו די אַרבעטערינס. דערצו האָט ער נאָך זייער שיין געשפּילט אויף אַ קלאַרנעט ביי זיך אין שטוב. און ער האָט שטענדיק געהאַט שטיין אַ סך וויין פון דעם, וואָס איז געבליבן ביי הונצען אין די בעכערס נאָך די בעלער. די אַרבעטערינס זענען געלאָפן צו אים.

ער האָט זיך פאַרשטאַנען אויף אַ גוטן ביסן. ער האָט אויך געקענט דעם דירעקטאָרס געשמאַק און אים שוין אַלעמאָל אויס־געקליבן אַ נייע פון דער פאַבריק, אַוועקגענומען זי פון דער שטול און געשיקט זי אויף אַ צייט צוצוראַמען די שטובן ביים הער דיר־

רעקטאָר. די מיידלעך פלעגן שטענדיק צוריקקומען אין פאַבריק אריין מיט בלויע צייכנס אויף די העלזער און הענט, מיט א ביליק קליידל און מיט א רובל אין קעשענע. דער דירעקטאָר האָט געוואוסט אָפּצוצאָלן מעלכיאָרן פאַר זיין גוטן צושטעלן און פעטן געשמאַק, און אים ליטיש באַלוינט. מעלכיאָר האָט פון דעם געלט, ווי פון זיינע טרינק־געלטער, א סך קאַפּיטאַל געמאַכט. זיי האָבן נישט געקאָנט איבעריק גוט רעכענען, די ארבעטער, וואָס האָבן ביי אים גענומען עטלעכע גילדן א וואָך אן הלואה. עס איז פאַר זיי שטענדיק ווערט געווען צו באַצאָלן א רובל פאַר ניינציק קאָפּיקעס, וואָס זיי האָבן געקריגן פון מעלכיאָרן צו יעדער צייט, ווען עס איז זיי נאָר נויטיק געווען. אז דאָס מאַכט אויס קנאַפּע פינף הונדערט פּראָצענט א יאָר, דאָס האָבן זיי נישט געקאָנט אויסרעכענען, נישט זיי וואָלטן געגלויבט, ווען מען זאָגט זיי דאָס. זיי האָבן גערעכנט גלייך, אויף דער וואָך.

אויף די זעלבע חשבונות האָט געגעבן דער אַלטער פאַבריק־וועכטער יאָסטעל, וואָס איז דער באַלעבאָס איבער אַלע שליסלען, טיר און טויערן פון דער פאַבריק. אויך ער האָט אין זיין אייזערנעם געשמידטן קאַסטן, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעקריצט מיט גאָטישע בוכשטאַבן, אז „ווער ס'שטייט אויף אינדערפרי צו דער ארבעט, דעם שענקט גאָט זיין גענאָד" — געהאַט ליגן א מטמון מיט געלט. ער האָט גענומען געלט ביי יעדן, ביי די קאָמיסיאָנערן, וואָס ער האָט זיי אריינגעלאָזט אין פאַבריק־הויף, ביי די אָפּקויפער פון אָפּפאַל, וואָס זענען געקומען מיט גרויסע וועגן ביי די טויערן, ביי די פויערים, וואָס זענען געקומען צונעמען דאָס מיסט פון די שטאַלן, ביי די באַלעגאָלעס, וואָס האָבן אריינגעפירט רוי־שטאָף, ביי וועמען עס האָט זיך נאָר געלאָזט, אפילו ביי די פויערים, וואָס זענען ערשטע מאָל אוועק פון זייער אָרעמער ערד, כדי צו ווערן פאַבריק־ארבעטער.

פונקט ווי מעלכיאָר, האָט ער געגעבן געלט צו די ארבעטער אויף א וואָך, פאַרוואָס ער האָט גענומען צען קאָפּיקעס פון רובל. אָבער געהאַנדלט האָט ער בעסער מיט די ארבעטערינס ווי מיט די ארבעטער. אויך די ווייבער האָבן געמוזט אָנקומען צו לייהען געלט.

אמאָל, ווייל עס האָט אויסגעפּעלט אין שטוב ברויט, אמאָל, ווייל דער מאַן האָט פאַרשיכּורט א וואָך געהאַלט, אמאָל, ווייל מען האָט געדאַרפט באַצאָלן דער הייבאַם, זי זאָל קאַליע מאַכן א קינד, וואָס מען האָט געטראָגן פון א זינדיקער ליבע. פאַרשידנס האָט געטראָפן. דער וועכטער יאָסטעל האָט שטענדיק געגעבן, אָבער גערנער האָט ער געגעבן געלט צו ווייבער ווי צו מענער, איבערהויפּט צו מאַמעס פון קליינע טעכטערלעך.

פונקט ווי מעלכיאָר, האָט ער אויך ליב געהאַט צו האָבן ווייבער אין זיין גרויסער שטוב, וואָס ער האָט געהאַט אין א ווינקל פאַבריק, ביי די לאַגערס. אָבער ער האָט נישט ליב געהאַט קיין דערוואַקסענע ווייבער, וואָרום ער איז געווען אַלט און ער האָט קיין ווייבער שוין נישט געדאַרפט. ער האָט זיך בלויז ליב געהאַט שפּילן מיט יונגע מיידעלעך, וואָס פאַרשטייען נאָך גאָרנישט און וואָס פאַר א צוקערל קושן זיי אַן אַלטן גוטן זיידעשי און שפּילן זיך שיין. נישט אַלע מאַמעס האָבן געוואָלט שיקן זייערע מיידלעך צו יאָסטעלען לייהען געלט, אָבער געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געשיקט, אָן דעם וויסן פון די מענער. זיי האָבן נאָך געדענקט זייערע אייגענע קינדערשע יאָרן, ווען כּמעט יעדערער פון זיי איז אויסגעקומען זיך אמאָל צו טרעפן מיט אַזאַ סאָרט זיידעשי אָדער פעטער, צי עס איז געווען א לערער פון דער דאָרפישער שולע, צי א סוחר פון א קראָם, וואָס פלעגט געבן צוקערלאַך דערפאַר. נישט איינמאָל פלעגן זיי עס דערציילן שפּעטער צווישן שכנות מיט א געלעכטער וועגן די נאַרישקייטן. זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי האָט עס נישט געשאַדט, אַז זיי האָבן יאַקאַש שפּעטער חתונה געהאַט, געבאָרן קינדער און זייער גוטע ווייבער געווען. און זיי האָבן געשיקט די מיידלעך נאָך הלוואות צום גוטן פעטער יאָסטעל, אָנגעזאָגט די טעכטערלעך, זיי זאָלן זיין אַרטיק, פאָלגן און גאָרנישט דערציילן קיינעם. יאָסטעל האָט גערן געשיקט דערנאָך הלוואות צו די מוטערס, צוזאַמען מיט ביליקע פאַרביקע צוקערלעך, און אָפּטמאָל קיין גראָשן פּראָצענט נישט גענומען, אָפּגענומען א רובל פאַר א רובל.

איצט, ווען אין פאַבריק זענען אַרויסגעהאַנגען געוואָרן מעל-דונגען, אַז מען נעמט אַראָפּ פּופצן פּראָצענט פון לוין ביי די אַר-

בעטער, זענען די געשעפטן זייער גוט אװעק ביי די צוויי װעכטער. אין די קאזארמעס ביי דער פאבריק, וואו די ארבעטער האבן גע־וואוינט, איז געווען ארעמקייט און מחלוקת. די ווייבער האבן נישט געקאנט מער שמעלצן די זופן, געקאכט כסדר די זעלבע הירזש מיט קארטאפל, פון וואס די מענער זענען געווען הונגעריק און בייז. פאר כעס האבן זיי געשלאגן די ווייבער און די קינדער און גע־טרונקען אין די שענקען. די ווייבער האבן געזוכט א זייטיקן גילדן אין ליבע און ארומגעפירט זיך מיט די וועבער, די בחורים, וואס האבן געוואוינט ביי זיי אין די קיכן. קינדער, אין בעסטן וואקסן, זענען אפגעריסן געווארן פון די שפילערייען און אריינגעשטעלט גע־ווארן אין די פאבריקן, כדי אהיימצוברענגען עטליכע גילדן א וואך.

דער פאבריק־פאסטאר איז אן אפטער גאסט געווארן אין די ארבעטער־קאזארמעס. ער איז כסדר געקומען ארויסבאגלייטן מיט תפלות צו זייער אייביקער רו וועבערישע קינדער. פאליציי איז אפט געקומען זוכן געגנבעטע הינער און חזירימלעך, וואס זענען ביי די שכנים פויערים פארלוירן געגאנגען. אפילו הינט האבן גענומען פארלוירן גיין. מען האט געמורמלט אין שטאט, אז די וועבער כאפן זיי און מאכן פון זיי פלייש אויף זונטיק.

מער ווי שטענדיק האבן די וועבער איצט גענומען הלוואות ביי די צוויי פאבריק־וועכטערס. צוליב דעם גרויסן געברויך האבן די וועכטערס געהעכערט דעם פראצענט אויף נאך עטלעכע גראשן. דער צעוואקסענער מעלכיאר האט נישט אויפגעהערט פריילעך שפילן אויף זיין קלארנעט פאר די שענסטע מיידלעך, וואס זענען זיך צונויפגעקומען אין זיין שטוב, וואו עס איז געווען אנגעשטעלט מיט וויינען, שיריים נאך די בעלער ביי הונצען. דער אלטער יאסטעל האט זיך געלאזט וואוילגיין מיט די קליינע מיידעלעך, וואס זענען כסדר געקומען בעטן הלוואות פאר די מוטערס.

די פאבריק האט געארבעט שנעל. גיך, זי האט פארשטופט די לעכער, וואס זענען געווען אין בודזשעט. געזונט זיך געמאכט אליין, אן זייטיקע מיטלען, ווי דער דירעקטאר אלברעכט האט עס אויסגע־רעכנט.

— צום יאר וועט עס זיין אויסגעגלייכט, — האט אלברעכט

באַרימט זיך פאַר זיין באַלעבאָס, — פיליַיכט נאָך פריער, הער באַראָן...

— דו ביסט שלאַו, אַלברעכטכען, — האָט אים הונצע געלויבט און אים מכבד געווען מיט א ציגאַר. — זאָלסט מיר נאָר נישט די קאַרעטע צעברעכן מיט דיין שווערן הינטן...

— אָ, דאָס טו איך ניכט, הער באַראָן, — האָט דער דירעקטאָר געענטפערט, קוועלנדיק מיט אַלע פעטסן פון זיין גרויסן קערפער איבער דעם באַלעבאָס וויץ.

קאַפיטל פינף און צוואַנציק

שנעלער ווי די הונצעס זין, די יונגע באַראָנען, האָבן דערוואַרט, איז דער פאָטער זייערער, דער אַלטער שייסער, ווי זיי האָבן אים גערופן, אַוועק פון דער וועלט און איבערגעלאָזט זיי באַצייטנס די גרויסע ירושה צוזאַמען מיט דעם באַראָנען־טיטול.

ווי לאַנג ער איז אַרומגעקראָכן אין די ברייטע טאָרביקע הויזן איבער דער פאַבריק, אומעטום אַריינגעשטעקט די אַלטע בלויע אויגן, אומעטום אַריינגעשטופּט די טויבלעכע אויערן, געשנישטערט, געשמעקט, געטאַפּט די סחורות, פּראָבירט מיט די פינגער די פאַרבן, געבלאָנדזשעט אין די חשבונות, געזאָגט דעות אין די צייכענונגען, אויסגעבעסערט די אינזשעניערן די פּלענער, געדונגען זיך מיט סוחרים, געפּיפּקעט די ליולקע, געזידלט, געוואָרטשעט, גערעדט אין אַלטן פאָלקס־דייטש, געוויצעלט זיך מיט די מייסטערס, אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, גלייך מיטן ערשטן פאַבריק־פייף צו דער אַרבעט און אַוועק פון דאָרט דער לעצטער, אַזוי לאַנג איז ער געווען געזונט און פריש. קיין שום קראַנקהייט האָט אים נישט גענומען.

דאָקטוירים האָבן אים געוואָרנט, אַז ער טאָר נישט אַרומקריכן טאָג און נאַכט איבער די קאַלטע שטיינערנע פּאָדלאָגעס פון די פאַבריק־זאַלן, ווייל ביי דער עלטער זיינער קאָן ער גרינג כאַפּן א רעאומאַטיזם, אַז דער שטויב פון די ביינוולען פרעסט אים אויף די לונגען, אַז די פאַרעס פון די פאַרבערייען ליגן זיך שווער אויפן

הארצן, אז דער רויש פון די מאשינען פטרט אים די נערוון, אז דאס שטענדיק ארומקריכן אויף די פיס ערמידעט אים און שוואכט אים אפ, איבערהויפט זומער. זיי האבן אים שטענדיק געווארנט, ער זאל ארויספארן אין די אייגענע גיטער אויף לופט, אין די אויסלענדישע ווארמבעדער צו די קוואלן, אבער ער האט נישט געוואלט הערן.

— קוואטש, — האט ער געענטפערט, — ניקסט וויסען זי, די ערצטע.

וואס עלטער ער איז געווארן, וואס מער ער איז ארומגעקראכן איבער דער גרויסער פאבריק, אלץ געזינטער און פרישער האט ער זיך געפילט. בלויז די אויערן האבן אים אינגאנצן נישט געדינט. ווייטער האט ער קיין שום זאך נישט געפילט. איצט, ווי נאר ער איז געווארן באראן און די קינדער האבן אים מער נישט געלאזט קומען אין פאבריק, נישט געלאזט רויכערן די ליולקע, נאר הא־וואנא־ציגארן, אפגעהיטן אים און אים געפירט צו דאקטוירים און ווארמבעדער, זענען אלע שוואכקייטן פון דער עלטער ארויסגע־קראכן פלוצלונג און אים די אלטע ביינער ווי מיט רייפן ארומגענו־מען. אים האט געבראכן אין די געלענקען, די פיס האבן גענומען געשוואלן ווערן, די הויט האט זיך שטארק געטריקנט, דער רוקן־ביין האט ווייט געטאן. מער פון אלעם האט אים גענומען שמערצן דער קאפ. אפט איז ער גאר אנטדרימלט געווארן אינמיטן רעדן, אדער פארגעסן וואס ער וויל זאגן.

— א, דו האנסוואורסט, — האט ער געזידלט און געברומט בייז, — פארוואס רייסט מען מיר איבער אין מיטן רעדן?

— אבער אום גאטעס ווילן, — האבן זיך די מענטשן פאר־ענטפערט, — קיינער האט דעם הער באראן נישט איבערגעריסן.

— דאך, צום טויפל! — האט זיך דער אלטער איינגעשפארט.

— שטענדיק רייסט מען מיר איבער.

ער איז געווארן אין שטוב אומדערטרעגלעך. ער האט די דינער פארמאטערט, דאס אייגענע ווייב באליידיקט, געווארפן גלעזער און טעלער אין דער ערד און נישט אויפגעהערט שפייען, ווי אין די גאר אלטע צייטן, אויף די פערסישע טעפיכער און די טיגרישע פעלן, וואס זענען אויסגעלייגט אויף די דילן. אין די ערשטע צייטן האט

ער זיך נישט געלאָזט באַהערשן פון דער קראַנקהייט. פול מיט ווייטאָקן, מיט ברעכנדיקע ביינער און מאַכטלאָזע פיס, האָט ער זיך געשלעפּט איבער די ריזיקע פאַבריק־האַליעס, אומעטום גע־זאָגט דעות, געברומט, געבייזערט זיך, דערגאַנגען די יאָרן און אַלץ געהאַלטן אויפן אויג, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן.

— הער באַראָן, — האָט אים אַלברעכט, דער הויפּט־דירעק־טאָר, גענומען פאַר די הענט, — מיר וועלן אַלץ אַליין באַזאָרגן, זאָל דער הער באַראָן גיין אין בעט.

— האַלט דען שנאָוץ! — האָט דער אַלטער הונצע געזוי־דעלט. — איך בין געזונט, און האַלט מיך נישט אונטער!

אָפּטמאָל פלעגן אים די דאָקטוירים מיט די קינדער אַריינלייגן מיט געוואַלט אין בעט אַריין. אָבער ער האָט נישט געוואָלט נעמען קיין מעדיצינען, אויסגעגאָסן זיי די דאָקטוירים אין די אויגן אַריין, און כסדר געהאַט צו טאָן מיט דער פאַבריק אין קראַנקן־בעט. צו אים צום בעט האָבן געמוזט קומען די צייכענער מיט זייערע נייעסטע מוסטערן, די כעמיקער מיט די פאַרבן, די אינזשעניערן מיט די פלענער, די דירעקטאָרן מיט זייערע האַנדלס־אָפּמאַכן. אָפּטמאָל האָט ער געדרייט אַ קאָפּ, געזאָגט זאַכן, וואָס האָבן קיין זין נישט געהאַט, געשטערט אין דער אַרבעט. אָבער מיט אַמאָל פלעגט ער גאָר ווערן פריש און קלאָר און זאָגן זאַכן, פון וואָס די מענטשן האָבן געשטוינט. פון צייט צו צייט האָט ער זיך מיט כח אַרויסגע־ריסן פון בעט־געוואַנד, אָפּגעשטויסן פון זיך די ווייסע קראַנקן־שוועסטער מיט די דאָקטוירים און אין שטעק־שיך און אין שלאָפ־ראָק, מיט אַ שטעקן אין האַנט, געלאָזט זיך צו דער פאַבריק. אַ מורא פלעקט דעמאָלט אָנפאַלן אויף אַלע מענטשן אין דער פאַבריק. ער פלעגט שרייען, טומלען, מאַכן סקאַנדאַלן, אַז אָן אים מאַכט מען פון אַלץ אַ תל, אַז ס'איז אויף קיינעם זיך נישט צו פאַרלאָזן.

— האַלט! — האָט ער געשריגן, — אָפּהאַלטן די מאַשינען! ווער האָט געלאָזט די מאַשינען אָן מיין ערלויבעניש?

די מענטשן האָבן געוואוסט, אַז ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט. אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט אים זיך קעגנשטעלן. אין דער אַלטקייט, צעבראָכנקייט און משוגעת, איז ער נאָך געווען דער

הערשער איבער אַלעם. און אַז די קינדער האָבן אים מיט געוואַלט אַריינגעלייגט אין בעט און נישט אַרויסגעלאָזט, פאַרשלאָסן די טירן פאַר אים, פלעגט ער זיך וואָרפן, רייסן די וועש, שליידערן די קישנס און אַמפּערן זיך, ווי אַ פאַרוואונדערטע חיה אין שטייג.

— די מענטשן זאָל מען מיר ברענגען! — האָט ער געשריגן און געשווימט פאַר כעס. — פאַרוואָס רופט מען מיר נישט מיינע מענטשן אַהער. איך מוז זיי געבן באַפעלן!

די זין האָבן די מענטשן נישט צוגעלאָזט. זיי האָבן געוואוסט, אַז זיינע טעג זענען געציילטע און זיי האָבן נישט געוואָלט צולאָזן קיינעם צו אים. זיי האָבן געהאַלטן די טירן פאַרשלאָסן. זיי האָבן געקענט דעם פאָטערס אומגעצווימטן ווילקיר, זיינע הערשערישע אויסברוכן, און זיי האָבן מורא געהאַט, ער זאָל נישט אָפּטאָן עפּעס קיין שלעכטעס פאַר זיין טויט. איבערהויפּט האָבן זיי מורא געהאַט, ער זאָל נישט עפּעס מאַכן קיין ענדערונג אין זיין צוואה. דער אַלטער האָט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די זין לאָזן צו אים קיינעם נישט צו, און ער האָט געברענט פון צאָרן.

— מערדער, — האָט ער געשווימט, ווען זיי זענען צו צו זיין בעט און אים געוואָלט איינגעבן עפּעס, — אַוועק פון מיין בעט, איר ווילט מיך פאַרגיפטן!

אין די נעכט פלעגט ער ווערן ווילד פון ווייטאָג. ער פלעגט וואַרפן אין די ווענט, וואָס נאָר אים איז געקומען אונטער דער האַנט, און נאָר געריסן זיך אין דער פאַבריק.

— היינצכען, — האָט די אַלטע פרוי אים געבעטן, — היינצכען, וואו ווילסטו גיין?

— פאַרברענען די פאַבריק! — האָט ער געענטפערט, — איך וויל גאָרנישט איבערלאָזן נאָך זיך; זאָל אַלץ אַוועק מיטן רויך.

און מיט אַמאָל פלעגט ער גאָר אַריינפאַלן אין אַן אַפּאַטיע, נישט רעדן קיין וואָרט, נישט רירן מיט קיין אבר, און אפילו אָפּטאָן מענטשלעכע געברויכן אין בעט, ווי אַ קליין קינד. פּונקט אַזוי האָט ער געוויינט ווי אַ קינד און געלאָזט מיט זיך טאָן, וואָס אימיצער האָט געוואָלט.

אין דער לעצטער נאַכט, ווען דער סוף איז געווען נאָנט, האָבן

די דאָקטוירים געהייסן אָפּשטעלן די פאַבריק, קיין שום רעש און טומל זאָל זיך פון דאָרט נישט דערטראָגן. אָבער דער אַלטער הונצע האָט מיט זיינע טויבלעכע אויערן אויפגעכאַפּט די שטילקייט און זיך אויפגעריסען פון קישן.

— פאַרוואָס ארבעט נישט די פאַבריק ? — האָט ער געפרעגט מיט אומרו. — היינט איז דאָך נישט פייערטאָג.

די דאָקטוירים האָבן אים קלאָר געמאַכט זיין צושטאַנד.

— גוט איך וועל שטאַרבן, — האָט ער געזאָגט, — נאָר איך וויל הערן די פאַבריק ארבעטן. אַנדערש וועל איך נישט קאָנען רואיק שטאַרבן.

מען האָט אים געפאָלגט. די סירענס האָבן גענומען פייפן מיט באַנומענע קולות, די מאַשינען זענען געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. דער קראַנקער האָט אויסגעשפּיצט די אויערן, צוגעהערט זיך. א קרומער שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זיין פּנים און פאַרגליווערט געוואָרן אויף אייביק.

די זין האָבן זיך אראָפּגעלאָזט צום טויטנס בעט אויף די קני, א ווייַלע געקניט, באַלד אויפגעהויבן זיך, אויסגעגלייכט די קנייטשן פון די הויזן און אריין צו זיך אין די שטובן.

— נאַ, ענדליך ! — האָבן זיי אָפּגעאָטעמט, ווי א שווערע משא וואָלט זיי אראָפּ פון די אַקסלען, און גערופן צו זיך דעם דירעקטאָר אַלברעכט, ער זאָל באַזאָרגן א שיינע לויה, ווי פאַר דעם באַראָן היינץ הונצע פּאַסט.

אַלע קוימענס, וויפיל נאָר די פאַבריק האָט געהאַט, האָבן שעהן לאַנג גערופן מיט באַנומענע קולות איבער דעם פאַררויכערטן לאָדזש וועגן דעם טויט פון דעם מאַנופאַקטור־קעניג.

גלייך נאָך דער לויה, אויף וועלכע די יונגע באַראָנען האָבן זיך זייער געלאַנגווייליקט, סיי פון דעם געמאַכטן טרויער זייערן, סיי פון די פיל הויכע טרויער־רעדעס, מיט וועלכע זיי האָבן זיך געמוזט אָנהערן, האָבן זיי געלאָזט רופן צו זיך דעם דיקן דירעקטאָר אַלברעכט און אים פאַראָרדנט צו מאַכן ענדערונגען אין אַלעם, אין וואָס דער פאָטער זייערער האָט זיך געהאַלטן און וואָס עס איז נישט צוגעפּאַסט פאַר דער נייער צייט. אַלץ איז געוואָרן געענדערט, פון די

שווערע מעבלען אין פּאַטערס קאַבינעט, אין וועלכע די זין האָבן איצט געדאַרפט זיצן, ביז די מענטשן אין דער פאַבריק.

— יוגנט, יוגנט אַריינפירן! — האָבן די זין געגעבן באַפעלן. גענוג זיך האַלטן דאָ מיטן אַלטוואַרג. מיר ווילן נישט האָבן קיין מושב־זקנים.

צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע מענטשן, וואָס זענען פאַרביטן געוואָרן מיט אינגערע און מאָדערנערע, איז אויך פאַרביטן געוואָרן דער גענעראַל־פאַרטרעטער ר׳ אברהם הערש אשכנזי, וואָס האָט יאָרן לאַנג געהאַלטן זיין לאַגער אויף דער פּיעטראָקאָווער גאַס, און אויף זיין אָרט איז אַריינגענומען געוואָרן זיין זון שמחה מאיר. דאָס איז געווען אַ באַלוינונג פאַר זיין אויסלייהען געלט צו די יונגע הונצעס, ווען זיי האָבן געדאַרפט קריגן דעם באַראָנען־טיטול.

נישט ווי זיין מחותן ר׳ חיים אַלטער האָט ר׳ אברהם הערש אשכנזי אויפגענומען די מלחמה קעגן זיין זון, וואָס האָט אים אויף די עלטערע יאָרן אַרויסגעוואָרפן פון זיין געשעפט.

זייער רואיק האָט ער אויסגעהערט דעם דיקן דירעקטאָר אַל־ברעכט, וואָס איז פאַרפאָרן אין דער קאַרעטע צו זיין לאַגער, כדי אים איבערצוגעבן די בשורה.

— טוט מיר זייער לייד, הער אַשקענאַזי, — האָט דער דיקער דירעקטאָר געזאָגט אַ מידער, ווי שטענדיק, — אָבער די יונגע באַ־ראָנען ווילן מער די עלטערע מענטשן ביי זיך נישט האָבן. זיי גלויבן, אַז אייער זון וועט בעסער מאַכן.

— קהלת, וואָס איז שלמה המלך, — האָט ר׳ אברהם הערש געזאָגט אין אידיש צום דייטש, — האָט געזאָגט, אַז פאַראַן אַ צייט צו פלאַנצען און אַ צייט אַרויסצורייסן, אַ צייט צו בויען און אַ צייט צו פאַרוויסטן. קיין זאַך ווערט נישט געטאָן אָן גאָט, אפילו אַ קראַץ אין נאָגל, הער דירעקטאָר.

— יאָ, איצט וועט קומען די ריי אויף מיר, הער אַשקענאַזי!

— האָט דער דיקער דירעקטאָר געזאָגט אַ טרויעריקער. — ניכטס צו מאַכן.

ביידע עלטערע מענער האָבן זיך געגעבן די הענט שווייגנדיק. ר׳ אברהם הערש האָט אין אָרדענונג געבראַכט די פּאַפּירן, די

קאסע. שטיל, אָן רייסעניש, דין־תורהס, אָן לאָדענישן ביי רבנים אָדער סוחרים, איז ער ארויס פון זיין לאַגער און איבערגעשיקט די שליסלען צום דירעקטאָר אין פאַבריק. בלויז די גמרא, וואָס ער האָט געהאַט אין קאַנטאָרל, האָט ער מיטגענומען מיט זיך. ער האָט אויך געטראַכט וועגן אראָפּנעמען די מזוזות פון די טירן, אָבער ער האָט זיי איבערגעלאָזן. ער האָט זיי געקושט צום לעצטן מאָל און געזעגנט זיך מיט די מענטשן.

— זייט געזונט, אידן, — האָט ער געזאָגט צו די משרתים און נעגעבן זיי די האַנט.

די מענטשן האָבן געוויינט. נאָר ער אליין האָט קיין טרער נישט געלאָזט.

גלייך צומאָרגנס האָט שמחה מאיר געבראַכט אַרבעטער און געהייסן זיי רעמאָנטירן אַלץ פון קאָפּ ביז די פיס. אפילו גאַז־באַלויכטונג, וואָס האָט נאָר־וואָס געוויזן זיך אין לאָדזש און גע־ברענט בלויז אין די פּאַלאַצן, האָט ער געלאָזט אריינפירן. אויף די נייע גרויסע שילדן, אויף וועלכע עס זענען שוין געווען אויך אויסגעמאָלט איצט די פאַבריק־מאַרקע, די צוויי נאַקעטע בערדיקע גערמאַנער מיט פייגנבלעטער אויף די לענדן, איז מיט גאָלדענע בוכשטאַבן אין דריי שפּראַכן, דייטש, רוסיש און פּויליש געווען אָנגעגעבן, אַז דער גענעראַל־פאַרטרעטער פון דער הונצע עט נעצקע־מאַנופאַקטור איז מ א ק ס א ש כ נ ז י.

דער זעלבער נייער פרעמדער נאָמען איז געווען אָפּגעדרוקט אויף אַלע פירמע ־ פּאַפּירן.

אַז דער ברודער זיינער, יעקב בונם, האָט זיך דערוואוּסט אין וואַרשע, וואָס שמחה מאיר האָט געטאָן מיטן פאָטער, איז ער גלייך געקומען צו פאָרן קיין לאָדזש און פון דער באַן זיך געלאָזט צו שמחה מאירן אין געשעפט.

— דער הער מאַקס אשכנזי איז באַשעפטיקט, — האָט אַ מאָגער, דייטש־געקליידעט משרתל פאַרהאַלטן יעקב בונמען.

יעקב בונם האָט אים אָפּגעשטויסן און אויפגעריסן די פריש־געפאַרבטע טיר פון זיין פאָטערס קאַנטאָרל.

— שלום עליכם, יעקב בונם, — האָט שמחה מאיר אים אויס־געשטרעקט אַ האַנט.

יעקב בונם האָט נישט צוריקגעגעבן קיין האַנט.

— וואו איז דער טאַטע? — האָט ער געפרעגט.

— השומר אחי אנכי? — האָט שמחה מאיר געזאָגט מיט אַ פּסוק, וואָס קין האָט געענטפערט, ווען גאָט האָט אים געפרעגט, וואו זיין ברודער הבל איז.

יעקב בונם האָט זיך דערנעענטערט צו זיין ברודער. שמחה־מאיר האָט זיך אָפּגערוקט הינטערווייל־עכטס ביז צו דער וואַנט. יעקב בונם איז אים נאָכגעגאַנגען.

— דערויף האָסטו ביי מיר גענומען געלט, אויף אַרויסוואַרפן דעם טאַטן אויף די עלטערע יאָרן? — האָט ער אים אַריינגעשיפּעט די ווערטער גלייך אין מויל אַריין.

שמחה מאיר איז בלאַס געוואָרן. ער האָט גענומען שטאַמלען:

— דיין געלט איז קוראַנט... בלי נדר...

יעקב בונם האָט אויפגעהויבן די האַנט און גענומען פּאַטשן איבער שמחה מאירס באַצייטנס־צוגעשווירענע באַקן אויף רעכטס און לינקס.

— נאָר דיר פאַרן טאַטן, — האָט ער געשיפּעט און געפּאַטשט.

שמחה מאיר האָט זיך נישט געוועהרט. ער האָט בלויז אויפגע־הויבן דאָס היטל, וואָס איז אים אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ, און אָפּגע־ווישט די פאַרפלאַמטע באַקן.

— וועסט מיך נאָך געדענקען! — האָט ער געדראָט מיט אַ פינגער נאָך דעם האַסטיק אַרויסלויפנדיקן ברודער.—וואַרט, וואַרט!

— און פון דיין געלט וועסטו אָט דאָס זען! — האָט ער נעשריגן נאָכווייזנדיק אים אַ פייג.

פאַר כעס האָט ער גענומען שרייען אויף די משרתים, וואָס האָבן זיך אַרום אים געשטופּט.

— צו דער אַרבעט! — האָט ער גערופן צאָרנדיק. — וואָסער געשטייערייִ איז דאָ?

די מענטשן האָבן זיך פאַררוקט אין די ווינקעלעך.

שמחה מאיר האָט, גלייך ווי גאָרנישט, גענומען זיך צוריק צו

די ביכער. ער האָט אַלץ איבערגעקערט אין געשעפט, גאָרנישט איבערגעלאָזט פון אַלטן.

צוזאַמען מיט דעם אַלטן נאָמען זיינעם, — שמחה מאיר — האָט מאַקס אשכנזי אַרויסגעוואָרפן זיינע פריערדיגע חסידישע קליידער און אָנגעטאָן זיך קורצע מלבושים. ער האָט אָפּגעגאָלט זיין בערדל, איבערגעלאָזט דערפון קוים אַ קליין שפּיצעלע אויפן קין. דערנאָך האָט ער פאַרביטן דעם פאָטערס חסידישע משרתים אויף קורץ־געקליידעטע דייטש־רעדנדיקע יונגעלייטלעך. ער האָט אויסגעביטן די לייכטע פאַפּיראָסן אויף שווערע סאָלידע ציגאַרן און זיין אידיש — אויף לאָדזשער גרייזיקן דייטש. בלויז געלט האָט ער געציילט אין אידיש, כדי נישט צו מאַכן קיין טעות.

ר׳ אברהם הערש האָט, הערנדיק די שלעכטע בשורה, אויסגעטאָן די שטיוול פון די פיס און געריסן קריעה אין דעם לאַץ פון זיין קאַפּאָטע. ער האָט געהייסן לאה שרה דער דינסט אַריינברענגען אים אַ קליין בענקעלע און ער האָט זיך אוועקגעזעצט דערויף שבעה נאָך זיין זון, וואָס איז אוועקגעגאַנגען פון אידישקייט, וואָס איז אַזוי גוט, ווי ער וואָלט געשטאָרבן.

ער האָט געלערנט דאָס ספר איוב.

ענדע פון ערשטן טייל